STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05682

HAVRILE UN YOEL

Moissaye J. Olgin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָלגין

האָווריִלע און יאָאל

(דערציילונג)

פאַרלאַג „פרייהייט"
1927
ניו יאָרק,

Copyright by M. J. Olgin

New York, 1927

Astoria Prefs, 61 E. 4th Street, New York.

חאַווערילע און יואל

ערשטער קאפּיטל

דאָס איז די געשיכטע פון דעם שייגעץ האווריליע און דעם בחור יואל, וואָס צוויי מאָל האָט זיי דאָס לעבן צונויפגעפירט אויף אַ מערקווירדיקן אופן.

אַז האווריליע איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד, האָט ער מורא געהאַט פאַר חזירים, ניט־גוטע און אידן. מיט חזירים איז געווען אַזוי: די „מאַמקע" האָט אים, אַ פּיריאַריקן, איבערגעלאָזט אין הויף און אַליין איז זי אַוועקגעגאַנגען שניידן אָסאָקע*) אין דער לעוואַדע**). איז צוגעגאַנגען אַ גרויסער חזיר און ראשית אָנגעהויבן קייען האוור־ריליעס העמדל, נאָכדעם האָט ער דערשמעקט דעם ריח פונם לייב און גענומען קייען דעם שייגעצס פּיסל. דער יאַט האָט געמאַכט אַ גוואַלד, אָבער ביזקל וואַנען שכנים זענען זיך צונויפגעלאָפן, האָט שוין בא אים געפעלט אַ שטיקל ליטקע, בלוט האָט געיושעט, ווי פון אַ געקוילעטן חזיר, און באַם חזיר אַליין איז דער פּיסק געווען רויט פאַרמורזעט. פון יענער צייט אָן איז בא האווריליען געבליבן אַ קאַרב אויף דער לינקער ליטקע און אַ מורא פאַר חזירים. פלעגט ער דערזען אַ חזיר, פלעגט ער ווערן דערצי־טערט, אָנהויבן קוויטשען, ווי ניט אין זיך, און לויפן הענדום־פענדום. אַזוי איז אַוועק אַ צוויי יאָר, ביז אַן עלטערער שייגעץ האָט אים געגעבן אַ עצה, ווי אַזוי זיך צו באַוואָרענען פון חזירים. האווריליע האָט זיך באַוואָפנט מיט אַ גראָבן שטעקן,

---

*) אַזאַ הויך גראָז.

**) אַ וועלדל באַם טייך.

באָם עס סוקאָוואַטע. ווען אַ חזיר איז צוגעגאַנגען נאָנט און אויסגעשטרעקט די געלבלאַכע מאָרדע מיטן רירעוודיקן „פּיאַ־טאַקל“, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ שמעק טאָן דעם קליינעם האַווריִלען, האָט יענער אויפגעהויבן דעם שטעקן און מיטן גאַנצן כּח גענעבן אַ טראַסק דעם חזיר צווישן די אויגן. דער חזיר האָט זיך צעקוויטשעט מיט באַנומענע חזירשע קולות און זיך געלאָזט לויפן, צופאַלנדיק אַף די פעדערשטע פיס און שאָקלענדיק מיטן פעטן הינטן, וואו עס האָט זיך געבאָמבלט אַ פאַרדרייט עקל. האַווריִלע איז דעם חזיר ניט נאָכגעלאָפן, נאָר ער האָט זיך ווי אַ גרויסער אָנגעשפּאַרט אַפן שטעקן און נאָכגעקוקט דעם אַנטלאָפענעם שונא.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס האַווריִלע האָט דערפילט דעם כּח פון זיינע הענט. פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין ניט מורא געהאַט פאַר חזירים.

מיט די ניט־גוטע איז געווען אַ סך שווערער. די ניט־גוטע האָט מען ניט געקענט זען, אָבער זיי זענען געווען אי אַפן אויוון, אי אונטערן אויוון, אי אין קאַמער אַף דער פּאָליצע, אי אין שטאַל האָבן זיי געפלאָכטן צעפּעלאַך פון דעם פערדלס גריווע. האַווריִלע האָט זיי קיינמאָל ניט געזען, אָבער די „מאַמ־סע“ האָט זיי ניט אויפגעהערט דערמאָנען. ווען אינדרויסן האָט געהוזשעט די זאַווערוכע און מיט אייזיקע לאַפּעס אָנגעכאַפּט אַלע פיר עקן פון דער סטריכע, אַזש אָט־אָט נעמט זי און רייסט אַראָפּ דעם דאַך און בלאָזט אים אַוועק איבערן טייך און איבערן וואַלד העט־אַרויף, צום הימל צו, און דאָס פלעמל פונם קייניצל האָט זיך געבויגן אַהין און אַהער, אָט־אָט לייגט זיך עס אַוועק שלאָפן אַפן בלעכל לעבן פענסטער, און פליגלדיקע שאָטנס האָבן געטאַנצט אַ הוידע־טאַנץ אַף דער וואַנט און אַפן אויוון, אָט אַ האָפּ אַרויף און אָט אַ פליוך אַרונטער, און אָט זיך אויסגעשפּרייט ווי זיבן שוואַרצע פלאַכטעס, האָט די מאַמע שטיל געצלמט די פלאַכע ברוסט און געשעפּטשעט: „ניעטשיסטאַ סי־לאַ“ — די ניט־גוטע האָבן זיך צעהוליעט היינטיקע נאַכט. און ווען אין אַ זומער באַנאַכט איז די שמעקעדיקע פינסטערניש

געקראָכן פון הינטער דער שאָפע אין שטוב אריין דורך דער אָפע-נער טיר, און די קעלבלאך האָבן געמרוקעט פון שלאָף און זיך געפּאַטשט איבער די זייטן מיט די קורצע עקלאך, כדי צו פאַר־טרייבן די דערעסענע קאָמארעס, און די וואַנשל־בוימעלאך האָבן געמורמלט איינס צום אַנדערן אַזאַ סוד, וואָס נאָר האוור־ריל̇ע האָט אים געהערט, און פון יענער זייט טייך, פון די ווער־בעס אין דער לעוואַדע, איז געקומען אַ פייכטע קילקייט, און פּלוצים פלעגט זיך דערהערן אַן אויסגעצויגענער שרייענדיק־לאַ־בנדיקער געוויין, וואָס איז געקומען פון אַלע פיר זייטן, געשניטן די נאַכט ווי מיט שאַרפע קאָסעס און זיך אַזוי געקלאָגט, ווי מען וואָלט באַ אימיצן געריסן אַלע ציין פון מויל, פלעגט די מאַמע אויפהויבן דעם קאָפּ און ארויסקוקן דורך דער טיר פונם פאַר־דער־הויז און באַלד אריינרוקן צוריק דעם קאָפּ אַ דערשראָקענע.

— מאַמקע, וואָס איז דאָרט? — האָט האווריל̇ע געפרעגט און געשטופּט דאָס ווייסע קעפּל אין איר שאַרסטקע „פּי־טעטשקע“ *).

די מאַמע פלעגט אָנטאָפּן דאָס קעפּל מיט אַ האַרטער ברעטלדיקער האַנט און קוים אַרויסשעפּטשן:

— ניעטשיסטאַ סילאַ, ניעטשיסטאַ סילאַ.

איינמאָל האָט מען די מאַמען אַרויסגעשלעפּט פון צווישן די גרינע אָסאָקעס אין טייך. זי איז געווען אַ גרינע, מיט בלאָטע אויף די פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ סך פאַרוויאַנעטע גראָזן אין דער גרויסער פאַטשיילע און מיט מאָך אין די פאַלדן פונם קליידל. די גוים זענען געשטאַנען אַרום אין אַ רעדל און גע־קוקט ווי דערשראָקענע שעפּסן. אָן אַ זייט האָט דער לאַנגער מיקיטאַ, דער וואָס האָט זי מיט אַ הוק אַרויסגעשלעפּט פון דעם וואַסער, שעמעוודיק אָנגעטאָן די לייווענטענע הויזן. ווען האווריל̇עס טאַטע האָט זיך אַריינגעקלינעוועט אינם רעדל און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער נאַסער גויע און זיך געשלאָגן מיטן קאָפּ אָן דער נאַסער ערד, האָבן גויעס און שיקסעס זיך געשטויסן

---

*) אונטערשטע ראַנד פונם העמד — זעט זיך אַרויס אונטערן קליידל.

איינע די אַנדערע אַן זייט און געשעפּטשעט:

— ניעטשיסטאַ סילאַ, ניעטשיסטאַ סילאַ.

דעם אָפדערנאַכט האָט האָורילעס טאַטע געטרונקען בראָנפן פון אַ באַנקע, געקוקט מיט פאַרסאַרפעטע אויגן אַפן שייגעצל און אַף די צוויי עלטערע שיקסלאַך, געוואונקען מיט אַ פינגער צו דער ריינער העלפט פון שטוב, וואו די מאַמע איז געלעגן אויס־געצויגן אַף דער ליימענער פּאָדלאָגע, און האָט גערעדט מיט אַ קרום־וויינענדיקן שמייכל:

— הערט, בייסטרוקעס, די ניט-גוטע האָבן צוגענומען אייער מאַמע.

אומעטום זענען געווען די ניט־גוטע, אָבער עס איז געקומען אַ צייט, ווען דער קליינער האָורילע האָט מלחמה געהאַלטן מיט די ניט־גוטע און זיי בייגעקומען פונקט אַזוי, ווי ער האָט בייגעקומען דעם חזיר.

האָורילעס טאַטע האָט אים אָוועקגעשיקט אין וואַלד אריין פּאַשן דאָס פערדל אַף אַ גאַנצער נאַכט. האָורילע האָט מורא גע־האַט גיין אליין אין וואַלד אריין, אָבער דער טאַטע האָט גע־שמייכלט מיטן קרום־וויינענדיקן שמייכל און געסאַרפעט מיט אַן אויגל, און דערפאַר האָט האָורילע מורא געהאַט מער ווי פאַר ניט־גוטע. האָורילע האָט גענומען דעם טאַטנס וואַטאָווע לייבל און דעם טאַטנס לאַנגע בייטש, זיך אַרויפגעוואָרפן אַפן דאַרן רוקן פונם פערדל און — היידאַ איבער דער בריק און צווישן די קאָרנפעלדער צום וואַלד־צו. אין וואַלד זענען אַרומגעגאַנגען שאָר־כען, אַרומגעפלויגן שאָטנס, פאַדים האָבן זיך געצויגן פון איין שטאַם צום אַנדערן און געגלעט האָורילען איבער די אויגן. אָבער האָורילע האָט זיך געמאַכט האַרט. ער האָט סטרינאָזשעט *) דאָס פערד, זיך אָנגעטאָן דאָס לייבל, אויסגעקליבן אַ פּעניאָק **) לעבן אַ גרויסן בוים און זיך אוועקגעזעצט וואַרטן. עס האָבן געקנאַקט די בוימער, עס זענען געקראָכן אונטער די פיס אַלערליי

*) צונויפגעבונדן צוויי פּיס פון דעם פערדל און דאָס שטריקל באַפעסטיקט באַם אָנגעבויגענעם קאָפּ.

**) געבליבענער וואָרצל־טייל פון אַן אונטערגעהאַקטן בוים.

זשוקעס, עס איז אַפּטמאָל דורכגעשפּרונגען אַ וואַלד־מייזל און אויפגעשאַרט די טויטע בלעטער, און האַלבע נאַכט האָט די סאָווע אָנגעהויבן שרייען איר ווייגעשריי פון אַ געדיכטער ליפּע*) אַרויס. דאָס קול האָט געשניטן די נאַכט ווי מיט זעגן. דאָס קול האָט געוויינט מיט אַן אומגליקלאַכן יאָמער. דאָס געשריי האָט זיך געקייקלט, ווי אַ געלעכטער פון טויזנט שיכורע מכשפות. האָורילען האָבן זיך די האָר אויפגעשטעלט ייי די נאָדלען. האָורילע איז אַרויפגעקראָכן אָפן פּעניאָק און געוואָלט קלעטערן אָפן גרויסן בוים. אָבער די קאָרע איז געווען גלאַט, און ער איז אַראָפּגעפאַלן און זיך אָפּגעקלאַפּט אַ פוס. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פינ־סטערן גרוב, וואו מען זעט ניט און מען הערט ניט גאָרניט. ווען ער איז ווידער געקומען צו זיך, האָט דאָס קול זיך אַלץ נאָך געשליינגלט פון דער ליפּע, זיך געוואָרפן אָף אים ווי בייזע הינט, אים געשטאָכן און געצופּט און געביסן, און האָורילען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט שפּאַלט זיך בּאַ אים דער קאָפּ. ער וואָלט מסתמא אַליין ניט געקענט דערציילן, וואָס מיט אים טוט זיך. אין אמתן איז געקומען אַזאַ מינוט, ווען ער האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן איינער אַליין און ניט טאָן גאָר־נישט. ער האָט זיך געמוזט רירן, ער האָט געמוזט מלחמה האַל־טען, כאָטשבי קעגן טייוול. ער האָט דערזען אין דער ליפּע צוויי גרינע לייכטנדיקע פינטעלאַך, ווי די אויגן פון אַ קאַץ. האָורילע האָט דערפילט, אַז זיין גאַנצער קליינער גוף ווערט שטייף ווי האָלץ. שטיל, אַליין ווי אַ שאָטן, האָט ער זיך אָנ־געבויגן נאָך אַ שווערן שפּאָן, וואָס איז געלעגן לעבן פּעניאָק. מיט אַן אומגעוויינלאַכן כח האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם שפּאָן אהין, וואו עס האָבן געבלישטשעט די צוויי גרינע פינטעלאַך.

די צווייגן האָבן אַ רויש געטאָן, דאָס זעגנדיקע קול האָט זיך איבערגעריסן אָף אַ קרעכץ. לעבן האָורילעס פיס איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן. האָורילע איז אונטערגעשפּרונגען און האָט אַליין ניט געוואוסט ווי אַזוי ער איז אַרויפגעפאַלן אָף עפּעס

---

*) ליגדן־בוים.

א פלעדערדיקס, א צאפלדיקס און א ווייכס. האורילע האט געקענט שווערן, אז דאס איז א פעטע הון. אימיצער האט אים א בים געטאן אין לינקן פוס. ער האט א קנאק געטאן מיט דער האנט און אפגעריסן פון זיך דעם בייסער. דאס פערד האט א הירזשע געטאן און פון דעם פלוצימדיקן אויסגעשריי איז האור־רילען קאלט געווארן אונטערן לעפעלע און ער איז געבליבן ליגן אף די פייכטע גראזן פונם וואלד.

אז ער האט אויפגעעפנט די אויגן, איז שוין געווען טאג. א גראע ליכטיקייט האט זיך געגאסן פון די טוי־באפייכטע גראזן, און אין איין זייט זענען נאלדענע פעדים געקראכן צווישן די בוימער. דאס פערדל איז געשטאנען מיט אן אראפגעלאזטן קאפ און געדרעמלט. לעבן האורילען איז געלעגן א טויטער פויגל מיט א פנים פון א קאץ און מיט א קרומען שנאבל צווישן צוויי בושיקע פארמאכטע אויגן. האורילע האט גענומען א שטעקל און איבערגעקערט דעם פויגל. נאכדעם האט ער אים אנגענומען בא די לאפקעס, זיי צונויפגעבונדן מיט א שטרוי, דורכגענומען א שטעקן און אים פארווארפן אף די פלייצעס צו־זאמען מיטן טאטנס לייבל. האורילע איז געגאנגען אהיים מיטן אנגעפאשעטן פערדל און מיטן ניט־גוטן, וואס ער האט בייגעקומען אין דער פינסטערניש פון א וואלדיקער נאכט. פון דעמאלט אן האט האורילע שוין מער ניט מורא געהאט פאר „גיעטשיסטא סילא“.

ער איז דעמאלט אלט געווען ניין יאר.

צווייטער קאפיטל

פאר אידן האט האווילע מורא געהאט לייגער ווי פאר אנדערע שונאים.

נאך אז ער איז געווען גאר א שנעקל און האט געקרעכצט באנאכט, ווייל עס האט אים ווי געטאן דער בויך פון צופיל קאפוסטע, האט די מאמקע אויפגעהויבן דעם קאפ פון דער לע־זשאנקע און געשיפעט ווי א דערשראקענע:

— שטיל, שטיל, זונעניו, אניט קומט דער זשיד און וועט דיך אריינגעמען אין דער גרויסער טארבע.

האווילען פלעגט זיך דאכטן, אז ער זעט א הויכן מענטשן, העכער פונם קלויסטער, מיט א לאנגער קאפאטע ביז דער ערד, מיט א ווייסער בארד ביז אונטערן גארטל און מיט א גרויסער הארבאטער טארבע אף די פלייצעס: אין דער טארבע ליגן א סך קליינע האווריליקלאך צונויפגעדרייט, ווי הינדלאך אין א וואגן, ווען מען פירט זיי אפן יאריד. פון דער געשטאלט פלעגט האווילען קאלט ווערן אין הערצל, און ער פלעגט פארשטשעמען די ציין און אויפהערן קרעכצן, כאטש אין בויך האט געגריזשעט מיט אזא ווייטאק, ווי דעמאלט ווען דער חזיר האט געקיים די ליטקע.

איינמאל אין עטלאכע וואכן פלעגט אין דארף זיך בא־ווייזן דער איד, דער שמאטניק. אף א וועגעלע אנגעשטאפט מיט טויזנט זאכן איז געזעסן איינער א שווארצער מיט א שמויסן היטל טיף איבערן שטערן, מיט צוויי שווארצע צעפלאך לעבן ביידע אויערן און מיט א נאז, וואס איז געקראכן איבערן מויל צו דער שווארצער, לאנגלאכער בארד. דער שמאטניק האט געהאלטן א פושעלע*) מיט דעם עק פון אן אפ־

---

*) שטעקן פון בייטש.

נעשמיסן בייטשל, געבוואַשטשעט איבערן פּגירהדיקן ווייסן פּערדל מיטן בלינדן טרערנדיקן אויג און געשריען מיט אַ הייזעריקן קוויטשיקל:

— שמאַטיא, קאָסטי, שק-ו־רקי! *)

גויעס פּלעגן ארויסגיין צום וועגעלע מיט טראַנטעס, מיט קנוילן וואָל, מיט פּלאַקס, מיט אַ שטיקל לייוונט. דער איד האָט יעדע זאַך אריינגענומען אין זיינע צוויי שווארצע הענט, געטאַפּט מיט די לאַנגע פינגער, געשמעקט מיט דער לאַנגער נאָז, אָנגעטאָן אַ פּאָר גרויסע ברילן און געקוקט און געשטעלט אַ מקח. צאָלן פּלעגט ער מיט אוירינגלאַך, מיט פינגערלאַך, מיט סמאָלע, מיט גאַז, **) מיט צוקערקעס. די גויעס פּלעגן זיך לאַנג דינגען, און דער איד פּלעגט עפּעס רעדן אַף אַ משונהדיקן לשון, וואָס קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, און אַמאָל פּלעגט ער ווערן אין כעס און אַ וואַרף טאָן די גויעס די שמאַטעס אין פּנים אריין, אַ שמיץ טאָן איבערן פּערדל מיטן אָפּגעטריפעטן בייטשל און שרייען אַף דער גאַנצער גאַס.

— דאַ טשאָרטא, דאַ טשאָרטאַ! ***)

זיינע הענט מיט די ברייטע ארבל פון דער קאַפּאָטע פּלעגן דעמאָלט אויסזען ווי צוויי גרויסע שווארצע פליגל. די גויעס פּלעגן בלייבן שטיין האַלב־דערשראָקענע, די שוואַכערע צווישן זיי פּלעגן זיך צלמ'ען און שעפּטשען:

— ניעטשיסטא סילא, ניעטשיסטא סילא.

באַטאָג איז נאָך געווען ווי ניט איז, אָבער באַנאַכט האָבן אַלע גויים מורא געהאַט פאַרן שמאַטניק. ער האָט געקלאַפּט אין אַ סך טירן, זיך געבעטן מען זאָל אים אריינלאָזן, אָבער די גויים האָבן אָדער זיך געמאַכט ניט הערנדיק, אָדער ארויסגעשריען פון די הייזער:

— אוועק פון דאַנען, שווארצער טייוול.

איינמאָל האָט די אַלטע אלמנה מאַקאַריכע אַף אים רחמנות

---

*) שמאַטעס, ביינער, פעל!

**) קעראָסין.

***) צום טייוול!

נעהאט און אים אריינגעלאזט נעכטיקן אין דער לײדיקער צװײ־טער העלפט פון איר שטוב. חברה האבן אריינגעקוקט דורכן פענסטער און נעזען, װי אזוי דער איד האט אנגעצונדן א ליכטל אפן טיש, זיך אװעקגעשטעלט פארן טיש מיט פארמאכטע אויגן, זיך געבוינן ארויף און אראפ און אלעמאל זיך געקלאפט אין הארצן. חברה האט זיך געזאגט, אז דאס רעדט ער מיט ניט־נוטע. שפעטער האט דער איד געגומען שפייען אף רעכטס און אף לינקס, האט ער אזוי דערשראקן די שקאצימלאך, אז זיי זע־נען זיך צעלאפן פון דער מאקאריכעס הויז.

האװרילקען פלעגט אנכאפן א ציטער, װען ער האט דער־זען דעם שװארצן אידן. האװרילקען פלעגט זיך דאכטן, אז אפן דנא פונס אידנס װאגן ליגט א גרויסער מעסער, אזוי לאנג װי א דראבינע *), אז באנאכט נעמט דער איד ארוים דאס מעסער און שטעלט זיך אװעק אינמיטן גאס און פאכעט אין א ראד, און מאמער טרעפט א אינגל אין דער ראד, שניידט ער אים אפ דעם קאפ. די נאכט, נאכדעם װען דער איד איז דורכגעפארן אי־בערן דארף, פלעגט האװרילע זיך װארפן אין שלאף און װיי־נען און מורמלען:

— ניעטשיסטא סילא.

איינמאל האבן די שקאצימלאך אנגעכאפט דאס פערדל פאר די שטריקענע שלייעס, צװײ האבן זיך אנגעטשעפעט אן די פעדערשטע רעדער און דריי האבן נענומען קריכן אין װאגן. האװ־רילע איז נעװען דער קלענסטער און איז געשטאנען אן א זייט א נרינער פון שרעק. דאס איז נעװען הינטער די קלוניעס **) ארויף־בארג־צו, װאו מען פארט צום צװינטער. ***) דער איד איז נעװען אליין, די דערװאקסענע גויים האבן נעארבעט אין פעלד. די שקאצים האבן נעקענט טאן װי זייער הארץ גלוסט. צװײ האבן גענומען קריכן נאך די צוקער־קעס, א דריטער האט ארויסגעשלעפט דעם צאפן פונס פעסעלע

---

*) זייט פון װאגן אין דער געשטאלט פון א לייטער.

**) שפייכלער.

***) בית־עולם.

סמאָלע. דער איד האָט פריער געשריען „דאָ טשאַרטאָ“ און גע־מאַכט מיט די שוואַרצע אַרבל פון דער קאַפּאָטע, ווי מיט פליגל, נאָכדעם האָט ער עפּעס אַ שיט געטאָן די צוויי פּאַדערשטע שקאַצים אין די אויגן אַריין. יענע האָבן אויפגעהויבן אַ שרעק־לאַכן יאָמער און זיך אַוועקגעלאָזט איבערן גאַס. נאָך זיי האָבן זיך אַ יאָג געטאָן די איבעריקע. דער איד איז אַראָפּגע־שפּרונגען פונם וואָגן, פאַרקאַטשעט די לאַנגע פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, געלאָפן נאָך די שקאַצים און געשריען מיט אַ קוויטש:

— דאָ טשאַרטאָ, דאָ טשאַרטאָ!

האַווריל̇ע איז געווען דער אינגסטער און האָט ניט געקענט אַזוי לויפן, ווי די איבעריקע שקאַצים. דער איד האָט אים דעריאָגט. האַווריל̇ען האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט אים אָנ־גענומען פאַר די אויערן מיט צוויי פייערדיקע צוואַנגען און עפּעס אַ שוואַרצע לאַך האָט אים געהויכט אין פּנים אַריין, ווי אַ הייסער ווינט, און געקריצט מיט די ציין:

— דו באַיסטרוק*) איינער, איך וועל דיר אויסמאַטן די קישקעס.

פון דעמאָלט אָן פלעגט האַווריל̇ע זיך באַהאַלטן אין שטאַל אין אַ ווינקעלע פון דער זאַסיעקע.**) ווען דער שמאַטניק איז געקומען אין דאָרף. האַווריל̇ע האָט מורא געהאַט פאַר די אידן און האָט ניט געוווּסט קיין מיטל, ווי אַזוי מלחמה צו האַלטן אַנט־קעגן אָט־דעם שונא.

**
*

ווען אים איז געגאַנגען דאָס צענטע יאָר, האָט אים דער פאָטער אָפּגעשיקט אין שקאָלע. דער פאָטער האָט ניט ליב געהאַט קיין געלערנטע, און אַז ער פלעגט זיך אָנטרינקען מיט בראַנפן און אָנהויבן סאַרפּען מיט אָן אויג, האָט ער כסדר גע־רעדט פון די געלערנטע „אַבלאַקאַטן“. יעדער גראַמאַטנער מענטש איז בא אים געווען אַן „אַבלאַקאַט“, און די „אַבלאַ־

---

*) ממזר.

**) אָפּגעצאַמטער טייל, געברויכט אָנצושיטן תבואה.

קאַטן", האָט ער געזאָגט, האָבן באַ אים צוגענומען דעם טאַטנס ירושה.

קיינער אין דאָרף האָט ניט געדיינקט, אַז האווריל עס טאַ־טע זאָל ווען ניט איז האָבן אָנגעוואָרן אַ ירושה, און קיינער האָט אין יענע מקומות קיין געלערנטע אדוואָקאַטן ניט געזען, אָבער אַז די ליימענע באַנקע פלעגט ווערן האַלב ליידיק און אַפן פנים פון האווריל עס טאַטן, צווישן די קניטשן און דער גראָלאַכער שטשעטינע, פלעגט זיך באַווייזן דער קרום־ווייגענדיקער שמייכל, פלעגט דער גוי דרייען מיטן פינגער אין דער לופטן און ברור מען:

— דער'הרג'ענען דאַרף מען די פאַרשאָלטענע „אַבלאַקאַטן".

נעמען אַלע געלערנטע און זיי דערטרינקען אין טייך, צווישן דער אָסאָקע.

האווריל עס טאַטע האָט אים ניט געוואָלט שיקן אין שקאָלע אַריין, אָבער דאָס אינגל האָט אים אַזוי לאַנג געבעטן און האָט אַף אים אָנגעשיקט דעם לערער, ביז ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— טאַ, ניי צו אַלדי שווארצע יאָר, סאַי־ווי איז שוין ווינ־טער. אָבער געדיינק, זאָלסט צו מיר ניט קומען נאָך געלט, דו ווייסט באַ מיר קריגן אַט־וואָס, ניט קיין מטבעות.

און דער פויער האָט געוויזן אַ שווערן האַריקן קולאַק.

דער לערער איז גאָר קיין לערער ניט געווען, נאָר אַ פסאַ־לאָמשטשיק, אַ זאָגער אין צערקווע, און ער פלעגט העלפן דעם גלח תפלה טאָן אונטער אַ זונטיק אָדער אַ חגא. די שקאָלע איז טאַקע געווען אין אַ זייטיקן צימער אין דער קירך. דער גלח האָט זיך גערעכנט פאַרן הויפט־לערער פון דער שול און האָט געקראָגן באַצאָלט, ווי אַ לערער. אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך מער ליב געהאַט צו פאַרנעמען מיט פלאַדיען האַלענדער קי און זעצן אַ נייעם סאָרט אַמעריקאַנישע קאַרטאָפליעס, האָט ער פון זיך אונטערגעדונגען דעם פסאַלאָמשטשיק פאַר עסן און דריי קאַרבאָוואַנצעס אַ חודש.

דער פסאַלאָמשטשיק איז געווען אַ לאַנגער גוי מיט איי־נעם אַ גרויסן אויג און איינעם אַ קליינעם, און מיט אַ פּאָר

וואַנצעס, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען ביזן האַלז. קיין למדן אין וועלט־זאַכן איז ער ניט געווען, אָבער די יעוואַנגעליע האָט ער געקענט אויף אויסווייניק, און אַז ער איז געווען שיכור, האָט ער געזונגען הייליקע געזאַנגען מיט אַ זיס־טרויעריקן קול. אויף די תלמידים האָט ער זיך קיינמאָל ניט געבייזערט, און טאַמער האָבן זיי געשטיפט און געטומלט, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אין ווינקל אויף אַ באַנק, אונטערשפּאַרן די געמבע מיט דער רעכטער האַנט, אַזוי אַז זיין וואַנצע איז געקראָכן איבער זיינע שוואַרצלאַך־שמוציקע פינגער, און פלעגט אָנהויבן וויינען ווי אַ קינד. אַט־דאָס וויינען האָבן די תלמידים ניט געקענט אַריבערטראָגן, און אַפילו די גרעסטע ווייסע־חברהניקעס פלעגן האָבן דרך־ארץ פאַרן מאָדנעם לערער.

פון אַט־דעם לערער איז האַווריִלע געוואויר־געוואָרן, אַז די אידן האָבן געהרגעט יעזוס קריסטוס. האַווריִלע האָט זיך ניט געוואונדערט. ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט געוואוסט, אַז די אידן טוען שלעכטס. ער האָט אַליין געזען אין מחשבה, ווי אַזוי דער שמאַטניק שטייט אינמיטן גאַס און פאַכעט מיטן לאַנגן מעסער. דער פּסאַלאָמשטשיק האָט גערעדט וועגן יעזוסן מיט אַ ליבלאַכער טרויעריקער מינע. ער איז געווען אַ זון פון גאָט, דער הייליקער יעזוס. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין קליידער פון ליכט, און דאָס לייב זיינס האָט געשמעקט, ווי די טייערסטע קוויטן אין פעלד אין אַ הייסן זומער־טאָג. ער איז געקומען אויף אונזער נידריקער ערד צו העלפן די אומגליקלאַכע מענטשן. ער האָט געשפּייזט די הונגעריקע, געהיילט די קרעציקע, געלייגט אַ ווייכע האַנט אויף די זינדיקע, און דער ריר פון זיינע פינגער איז געווען ווי אַ בשורה פון הימל. ער איז געקומען אויף דער וועלט אומצוקערן די מענטשן צו זיין הייליקן פאָטער אין הימל. אַז ער איז געגאַנגען, האָט ער זיך קוים צוגערירט מיט די באָרוועסע פיס צו די גראָזן פונם פעלד; אַז ער האָט זיך אָנגעבויגן, האָט זיך געפילט ווי דאָס ווינטעלע פון גן־עדן. אַז ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָט מילך און האָניק געטריפט פון זיינע ליפּן. ער איז געווען אַ טרויעריקער מענטש, ווייל ער האָט געטראָגן די זינד פון דער גאַנצער וועלט אויף זיינע

פּלייצעס ; און ער איז געווען אַ פריילאכער מענטש, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די אויסלייזונג וועט קומען און אַז מלאכים מיט ווייסע פליגלען און מיט ווייסע לאַנגע מאַנטלען און מיט לולבים אין די הענט וועלן אַרומשוועבן איבער דער ערד, און עס וועט ווערן אויס צרות. די מאַמע וועט מער ניט ליגן אין דער ערד מיט די גרינע גראָזן אַרום איר קאָפּ, און דער טאַטע וועט מער ניט טרינקען פון דער באַנקע און סמאַליען מיט די אויגן, און ער, האָורילקע, וועט האָבן אַ נײַ, ווײַס, ריין העמד, מיט נייע שטאַרקע מולטענע פּלודערן, מיט שפּאָגל־נײַע ליפּעווע לאַפּציעס אָנגעטאָן אַף זילבער־ווייסע לייוונטענע אָנוטשקעס און פאַרצווינן מיט אמתע רימענדלאַך.

דער פּסאַלאָמשטשיק האָט דערציילט וועגן יעזוסן און גענו־מען די תלמידים און זײַי אַרײַנגעפירט אין צערקווע און געוויזן איין הייליק בילד און אַ צווייטס און אַ דריטס. אַף איין בילד האָט יעזוס געהאַט לאַנגע האָר איבער די אַקסלען און צוויי גרויסע, שײַנענדיקע טרערן האָבן זיך געקייקלט פון זײַנע אויגן אַף דער בלאָנדער צעקעמטער באָרד. אַפן צווייטן בילד האָט יע־זוס געהאַט אַ בלאָען מאַנטל אַריבערגעוואָרפן אַריבער איין אַקסל, און ביידע הענט האָט ער געהאַלטן אַף קעפּלאַך פון קליינע קינ־דער, וואָס האָבן געקלעפּט צו זײַנע פיס און געקושט דעם זוים פון זײַן קלייד. אַף אַ דריטן בילד איז יעזוס געהאַנגען צוגע־נאָגלט מיט צוועקעס צו אַ צלם. אַ געפּייניקטער ווייטאָק האָט צעקרימט זײַן בלאַסן אויסגעמאַגערטן פּנים, דער גוף האָט זיך אויסגעבויגן אין אַ פאַרדרייעניש פון שמאַרץ, און פון די הענט און פיס, פון דאָרט, וואו מען האָט אַרײַנגעקלאַפּט די גרויסע פאַרזשאַווערטע צוועקעס, האָט גערונען בלוט אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן. דער לאַנגער פּסאַלאָמשטשיק האָט זיך אויסגעגלייכט ווי גרויס ער איז, אָנגעשטעלט אַפן בילד דאָס גרויסע אויג, בשעת דאָס קלענערע האָט געקוקט אַראָפּ־צו צו די קינדער, און גע־זאָגט מיט זײַן זיסער לעגענדע־שפּראַך:

— די אידן האָבן געקוילעט אונזער הייליקן נאָטס זון, די אידן האָבן געכאַפּט יעזוס קריסטוס און אים געבראַכט פאַר אַ פאַלשן משפּט. די אידן האָבן געפּייניקט זײַן לייב מיט רי־

טער און געפייניקט זיין נשמה מיט שלעכטע רייד. א היל־צערנעם גרויסן צלם האבן זיי אויסגעהאקט פון א צעדערבוים און ארויפגעלייגט אף די אײדעלע אקסלען פון גאטס זון און אים געטריבן מיטן צלם ארויף־בארג. א בלוטיקער שווייס איז גע־רונען פונם אײדעלן ווייסן שטערן, די צארטע פיס האבן זיך אנגעשטויסן אף די שטיינער פונם וועג און געבלוטעט, און ארום און ארום זענען געשטאנען אידן און געלאכט, און ארויסגע־שטעקט צו גאטס זון זייערע טרייפענע צינגער. צו איין הויז איז צוגעגאנגען דער הייליקער יעזוס און געבעטן א טרונק וואסער, האט דער איד אים אנגעשאלטן און קיין וואסער ניט געגעבן. און אז אונזער ליבן גאט איז די פיין געווארן צו שווער און ער האט אויסגעשריען: „אלי, אלי, למה עזבתני!“, האבן די אידן זיך געבויגן אין דרייען פאר געלעכטער. די אידן האבן געקרייציקט אונזער הייליקן יעזוס, און דערפאר זענען זיי פאר־שאלטן אף אייביקע יארן. גאט האט זיי פארטריבן פון זייער לאנד און ווי ציגיינער וואנדערן זיי פון איין עק וועלט ביזן צווייטן, און יעדערער קען זיי טרעטן מיט די פיס.

דער פסאלאמשטשיק האט דערציילט, און האוורילען האט זיך אויסגעמאלט, ווי דער איד דער שמאטניק ליגט אויסגעצויגן אף דער ערד לעבן זיין וועגעלע און אלע גויים פונם דארף גייען ארויס פון דער צערקווע און טרעטן איבער אים, איבער זיין שווארצן קאפ, איבער זיין לאנגער בארד, איבער די ברייטע שווארצע ארבל פון זיין קאפאטע, און טרעטן אים ביסלאכווייז אריין אין דער ערד. ער, האוורילע, וועט אליין אויך גיין און טרעטן אפן אידן מיט זיינע פיס. בעסער וואלט געווען, ווען ער האט נייע לאפציעס צו טרעטן אפן אידן, און נאך בעסער וואלט געווען, ווען דער טאטע קויפט אים א פאר גרויסע שטארקע שטיוול מיט אייזערנע פארקאוועס. אבער דער טאטע טרינקט פון דער באנקע און סארפעט מיט אן אוינל און שילט זיך, ביז ער פאלט אוועק אף דער לעזשאנקע און הויבט אן שרעקן די טאראקאנעס מיט זיין טרומייטערדיקן כראפען.

פון דעם פסאלאמשטשיק איז האוורילע אויך געוואויר גע־ווארן, אז אידן קנעטן אריין קריסטלאך בלוט אין זייערע פסח־

דיקע מצות. האַוורילע האָט קיינמאָל ניט געזען קיין מצות און האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי מען באַקט זיי. אָבער געוואוסט האָט ער, אַז אידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט לאַנגע בערד און מיט צוויי צעפּלאָך לעבן די אויערן כאַפּן אַ קריסטלאַך אינגל, רייסן פון אים אַראָפּ דאָס צלמל און טראָגן אים אַריין אין זייער אידישער צערקווע, וואו אינמיטן שטייט אַ הילצערנע באַליע, איין איד שניידט איבער דעם אינגל דעם האַלז, עטלאַכע אַנדערע אידן האַלטן דאָס אינגל איבער דער באַליע, ביז עס רינט ניט אַראָפּ דאָס גאַנצע בלוט. דאָס בלוט צעגיסן זיי נאָכ־דעם אין פלעשלאַך און שיקן עס אַוועק אין אַלע שטעט, וואו אידן באַקן מצות אַף זייער פּאסכע. אין יעדער מצה איז דאָ אַ טראָפּן בלוט פון אַ קריסטלאַך אינגל.

— נאָספּאָדין אוטשיטעל *), אָט דער שמאַטניק, וואָס קומט אהער מיטן פערד און וועגעלע, עסט ער אויך אַזוינע מצות?

אַ פאַרשמירט קינדערש הענטל האָט זיך אויפגעהויבן העכער פון די פלאַקסענע האָר אַפן קאָפּ, און צוויי דערשראָקענע גרויסע בלאָע קינדערשע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם לאַנגן אומ־געלומפּערטן פּסאַלאָמשטשיק מיט איין אויג אַ גרויסן און איי־נעם אַ קליינעם. דער פּסאַלאָמשטשיק האָט אַ צי געטאָן זיין לינקע וואָנצע, פון וואָס זיין מויל האָט זיך פאַרדרייט אַף אַ זייט, און געענטפערט:

— אַלע אידן זענען גלייך, אַלע איין פאַרשאָלטענע אומה.

פון דעמאָלט אָן האָט שוין האַוורילע געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן. ווען דער שמאַטניק איז שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן געקומען אין דאָרף אַריין און פון עק דאָרף האָט זיך דער־הערט זיין ציקלדיקע ציגענע שטים: „שמאַטיאַ, קאָסטי, שקור־קי!“, איז האַוורילקע אַרויס פון זיין שטוב און אים נאָכגעגאַנגען פּאַוואָלינקע הינטער די פּלויטן, אַזוי אַז דער איד זאָל אים ניט זען. דער איד איז פאַרבייגעפאָרן לעבן טייך און זיך פאַרקירע־וועט צו דער הרעבליע. האַוורילע האָט זיך אָנגעצילעוועט און אים געוואָרפן אַ שטיין אין רוקן. דער שטיין האָט געטראָפן דעם

*) הער לערער.

אידן אין דער פּאָטילניצע, און מען האָט געזען, ווי אזוי ער האָט זיך צונויפגעדרייט פון ווייטיק. האַוורילע איז געשטאַנען הינ־טערן פּלויט, געקוקט דורך אַ לאָך צווישן צוויי דרייגלאַך און געשיפּעט צו זיך אליין:

„אַ-האַ, פּאַרשיווער איד, וועסט וויסן, ווי אזוי צו מוטשען אונזער יעזוס קריסטוס".

פון יענער צייט אָן האָט האַוורילע געוואוקסט, אַז ער דאַרף מלחמה האַלטן מיט די אידן, פּונקט ווי ער האָט מלחמה גע־האַלטן מיט די ניט-גוטע און מיט אַלע שונאים.

האַוורילען איז דעמאָלט געגאַנגען דאָס דרייצענטע יאָר.

דריטער קאפיטל

נעוועז אויך אנדערע שונאים, וואס האבן האווריזלען פאר־ביטערט דאס לעבן. די גרעסטע פון אט־די שונאים זענען גע־ווען דער גלח, דער פריץ און די נאטשאלסטווע.

דער גלח האט געדארפט האבן א סך געלט פאר זיינע הא־לענדישע קי און אמעריקאנישע קארטאפליעס, און דאס געלט האט ער ארויסגעקוועטשט בא די דארפישע באלעבאטים. צוויי מאל אין יאר פלעגט ער קומען אין שטוב אריין צו האווריזלעס טאטן, מיט אים אינאיינעם פלעגט קומען דער פסאלאמשטשיק און דער טויבער דיאק*), וואס האט די מערסטע טעג פאר־בראכט בא זיך אפן אויוון. דער טאטע האט געדארפט אוועקשטעלן אפן טיש א פלאש מיט בראנפן און פרישע פיראגן. דעם גלח האט ער געדארפט געבן א שאק אייער אדער א מעסטל קארן, אדער א זאק מיט קארטאפליעס (אף קארטאפליעס האט דער גלח זיך געקרימט, זאגנדיק, אז זיי זענען נאר גוט אף צו האדעווען חזירים). א חוץ דעם האט מען אים נאך געדארפט ארייננשטעקן אין האנט אריין עטלאכע פיאטאקעס. דעם דיאק האט מען געגעבן א לאבן ברויט און דעם פסאלאמשטשיק באטש עטלאכע קנישעס. די דריי הייליקע מענטשן פלעגן זיך אוועק־שטעלן אינמיטן שטוב און אפזינגען א תפלה, נאכדעם האט דער דיאק געשפרינקלט אין אלע ווינקעלאך מיט הייליקער וואַ־סער און נאכדעם האט מען זיך ברייט צעזעצט ארום טיש, גענאסן בראנפן אין די העלזער אריין און פארביסן מיט פי־ראגן.

---

*) אונטער־גלח.

האָווריִלען האָבן ניט אַזוי געאַרט די געשמאַקע פּיראָגן און אַפילו ניט די אייער מיטן קאָרן, ווי דאָס, וואָס דער טאַטע האָט זיך ניט געסמייעט זעצן צום טיש און ניט געסמייעט אויס־טרינקען א גלעזל מיט די הייליקע מענטשן. דער טאַטע פלעגט מיט אַמאָל עפּעס דינער ווערן, זיין רוקן האָט זיך געבויגן גאַנץ נידעריק, זיינע הענט האָבן זיך געריבן איינס אָן אַנדערן, און וואָס דער גלח זאָל ניט אַרויסזאָגן פון זיין פעטן בויך, האָט דער טאַטע אַלץ אונטערגעשמייכלט, אונטערגעכיכיקעט און גע־זאָגט:

—יאָ, הייליקער פאָטער, אודאי, באַטיושקאַ, כי־כי־כי.

דער גלח האָט געגרעבצט פון זיין ברייטן האַלז אַרויס, דער גרויסער זילבערנער צלם האָט געטאַנצט אויף זיין ברייטער ברוסט, און האָווריִלע איז געזעסן אין אַ ווינקל, שטיל ווי אַ מייזעלע, און ניט געקענט אַראָפּרייסן די אויגן פון דעם פעטן גרעבצנדיקן גלח.

אָבער נאָך ניט דאָס האָט אים אַזוי געאַרט, ווי דעם גלחס פינגער. נאָך דעם דריטן גלעזל פלעגט דער גלח אָנהויבן קוקן אין אַלע ווינקעלאַך און דערזען האָווריִלען. מיט אַ וואונק פלעגט ער אים הייסן צוגיין צום טיש, און איידער האָווריִלע האָט נאָך אויסגעפייעט קומען צו זיך, האָט אים שוין דער גלח געצווינן פאַר די אויערן און געזאָגט מיט אַ געלעכטערל:

— דאַרפסט זיין אַ לייט, האָווריִלקע. ביסט אַ יתום אָן אַ מאַמען, האָווריִלקע. ניטאָ ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף דיין יונגן לעבן.

האָווריִלקען פלעגט הייס ווערן פון דעם גלחס קניפּן און פון זיין בראַנפנדיקן אָטעם, און ער פלעגט זיך קוים איינהאַלטן ניט אויסצושרייען: „פעטער בוהאַי!"

ערשט ווען די כלי־קודש פלעגן אַוועקגיין, פלעגט זיך אָנ־הויבן אַ חתונה אין שטוב. דער פאָטער האָט געשאָלטן, גע־ציילט און איבערגעציילט די גוטע זאַכן, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן די „האָריקע זשערעבצעס", באַרעכנט וויפיל געלט ער וואָלט גע־קענט באַקומען פאַר די אייער מיטן ברויט מיטן קאָרן, געמאָסטן די פלאַש צו זען, וויפיל די אומגעבעטענע האָבן אויסגעטרונקען

בראנפן, אליין געזופט פון דער פלאש מיט ביטערע קללות, און דער סוף איז געווען, אז ער האט צונויפגעדרייט א פאר וויש־קעס און געשמיסן האוורילען ביז ער איז געוואָרן ברוין און בלאָ. דערפאר אז האוורילע איז געגאנגען פאר פסח זיך ספאַ־וועדען *) צום גלח און יענער פלעגט אים אָרומוויק־לען מיט זיין הייליקן מאנטל און אים אויספרעגן וועגן זיינע חטאים, פלעגט ער שווייגן ווי א האַלץ, קיין וואָרט האט מען פון אים נים געקענט ארויסבאַקומען. בא זיך אין מויל, הינטער די פארשטשעמעטע ציין, האט האוורילקע נאָכאנאנד געחזרט: „פעטער בוהאַי, האַלענדישער בוהאַי", און א גאנצן טאָג איז אים נאָכדעם געווען קאַלעמוטנע אפן הארצן.

דער פריץ האט געוואוינט אין גרויסן הויף אף יענער זייט טייך. ארום הויף זענען געוואקסן הויכע טאָפאָליעס, און דער אָגראָד**) האט זיך געצויגן אַזש ביז די פעלדער אף יע־נער זייט בארג. אריינגיין אין הויף האט מען געדארפט אי־בער א צוואנציק ברייטע טרעפ, וואָס אף יעדער זייט איז געלעגן א שטיינערנע חיה. דער הויף מיטן אָגראָד זענען געווען ארומ־געצאַמט מיט א פּארקן פון רויטע און ווייסע ציגל, מיט שאַרפע שטאַלענע שטעכעלקעס פון אויבן. דער טויער אינם פּארקן איז שטענדיק געווען פארמאכט, און מען האט געזאָגט, אז אף יענער זייט טויער, אין א געמויערטער בודקע, ליגט א בייזער הונט, וואָס קען צעררייסן א מענטשן, אויב ער קומט אריין אָן א שומר.

דער פריץ האט אייגנטלאך נים געוואוינט אין הויז. מען האט געשמועסט, אז ער פארברענט דעם טאטנס גוטס ערגעץ אין די ווארימע בעדער. אָבער עס האט געוואוינט דעם פריצס עקאָנאָם, וואָס ער איז אליין אויך געווען א פריץ, און אים האט האוורילע אָפט געזען אי אין דאָרף, אי אין די פעל־דער. דער עקאָנאָם איז אַרומגעפאָרן אף א גרויסן שווארצן

---

*) מתודה זיין.

**) גאָרטן.

פערד מיט דינע פיס און א דינעם האלז, און אין די הענט האט ער געהאלטן אן אראפניק. מ'האט געשמועסט, אז אין פריצישן הויף איז דא עטלאכע און זיבעציק אזוינע פערד, „סטא-יענע פערד" האט מען זיי גערופן. ס'איז געווען אויך עטלאכע הונדערט בהמות מיט א סך קעלבלאך, מיט לאשעקלאך, מיט פראסטע פערד, וואס מען האט זיי איינגעשפאנט אין וואגנס און אין אקערס, מיט עטלאכע טויזנט דעסיאטין ערד, און מיט א שווארצן וואלד אונטערן בארג. דער עקאנאם איז געווען באַלעבאס איבער אלצדינג און איבער די גויים און פאראבקעס און שיקסעס, וואס ער האט זיי נעדונגען ארבעטן אין די שטאלן, אינם אגראד, אף די פעלדער און אין וואלד.

האווריליע האט אפט געזען דעם עקאנאם, אבער געצויגן האט אים ניט אזוי דער מענטש, ווי דאס שווארצע גרויסע פערד. דאס פערד איז, דאכט זיך, געגאנגען פאוואליע, אבער א פויערש פערדל האט נעדארפט שפרינגען גאלאפ אנצויאגן דעם עקאנאם. דער אראפניק איז געווען פון גוטן ווייכן לעדער, מיט א סך קניפן און מיט א קורצן גראבן הילצערנעם הענטל. ווען דער עקאנאם האט א פאך געטאן מיטן אראפניק אין דער לופטן, האט זיך געהערט א קנאק פון איין עק גאס ביזן צווייטן. האווריליע האט זיך געטראכט, אז ער וואלט געווען דער גליק-לאכסטער מענטש, ווען ער האט אזא פערד און אזא אראפ-ניק.

ס'איז אבער געקומען איין טאג, ווען האווריליע האט אויפ-געהערט באוואונדערן די דאזיקע וואוילע זאכן. האווריליעס טאטע האט אים געשיקט פאשען דאס פערדל אף דער סטערניע — דארט, וואו מ'האט געהאט אראפגענומען דאס קארן. עס איז שוין געווען סוף זומער, די פאשע איז געווארן געלבלאך און הארט, און דאס אלטע מאגערע פערד האט ניט געהאט גענוג צום עסן. האווריליע האט געפירט דאס פערדל באם שטריקע-נעם „אבראט" און זיך אפגעשטעלט לעבן די פייכטערע בערג-לאך באם טייך, וואו דאס גראז איז געווען גרדיכטער. דאס פערד וואסקא האט געשטשאבעט דאס גרינע גראז, און מען האט געזען, אז ס'איז אים ניט גענוג. האווריליע האט אי יא גע-

זען, אַז ניט געזען, ווי מען איז דערגאַנגען צו אַ גרינעם ווינטער־פעלד, באַדעקט מיט אַ געדיכטן בערשטל פון אָקראָשט אַרויסגע־קראָכענע ווייץ־שפּראָצן. די גרינע דינע בלעטלאַך זענען געווען ווייך און זאַפטיק און געשמאַק, און וואַסקאַ האָט זיך צו זיי אַ נעם געטאָן מיט אויסערגעוויינלאַכן חשק. האָורילע האָט אַרויסגעלאָזט דאָס שטריקל פון די הענט און אַליין זיך פּאַרקוקט אָפּן וואַסער, אַקוראַט ווי ער וואָלט ניט געזען, וואָס סע טוט זיך. מיט דער פּאָטילניצע און מיטן רוקן האָט ער דאָך געפילט, אַז דאָס פערד רייסט דעם יונגן ווייץ, כראָמטשעט די גרעזעלאַך און טוט אַלע מאָל אַ פּאָרשקע פון פאַרגעניגן. האָורילע האָט געהויבן שטיינד־לאַך און געוואָרפן קאַטשקעלאַך אין וואַסער און זיך געפילט זייער גוט. ערגעץ אין אַ ווינקל מח האָט זיך געבלאָנקעט אַ סצענע: דער טאַטע גייט אַרוים פון דער שטוב, טוט אַ קוק אָפּן פערד, דערזעעט די אויפגעלאָפענע באָקעס און זאָגט צו האָורי־לען: „וואו האָסטו גענומען אַזוי פיל פּאַשע אַף אָנצוהאָדעווען דאָס פערדל?" האָורילע טוט אַ פּינטל מיטן לינקן אויג און זאָגט: „ס'עט שוין זיין רעכט. ניסט מיר דריי קאָפּיקעס פאַר יעדן מאָל, וועל איך דיר שטענדיק אָנפּאַשען וואַסקאַן אַזוי ווי היינט". דער פאָטער שטעקט אַריין די האַנט אין דער קעשענע פון די ברייטע לייווענטענע פּלודערן, שלעפּט אַרוים צוויי אָפּגע־ריבענע דרייערס, שטופּט זיי וואַסקאַן אין האַנט אַריין און זאָגט: „ביסט אַ גוטער באַיסטרוק, וואַסקאַ, וועסט שוין באַלד זיין אַן אמתער ראַבאָטניק"... און דאָ לייגט זיך אַף האָורילעס פּלייצע און אַף זיין רעכטן אַקסל אַ פייערדיקער פּאַס, וואָס טוט אים אַ ברען ביזן האַרצן, און אַ צווייטער פייערדיקער פּאַס לייגט זיך אַף זיין הינטער־חלק און פאַרקריכט אַזש ביזן בויך, און אַז האָו־רילע טאַנצט אונטער און קוקט זיך אַרום, שטייט פאַר אים דער עקאָנאָם אָפּן שוואַרצן פערד און פּאַסעוועט אים מיטן גוטן אַראַפּ־ניק.

האָורילע האָט ניט געשריגן. ער האָט געפּרוּווט אָנכאַפּן דעם אַראַפּניק, האָט דער עקאָנאָם אים אַ ריס געטאָן אַזוי, אַז דעם אינגלס האַנט איז צעשניטן געוואָרן אינמיטן דער דאַ־לאָניע, און ס'האָט גענומען טריפן בלוט. דער עקאָנאָם האָט

אים נאָבאַמאָל און נאָכאַמאָל דערלאַנגט איבערן מאָגערן גוף און איינמאָל איבערן קאָפּ. האָוורילע איז אומגעפאַלן אויף די שטיינדלאַך לעבן וואַסער. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט דער עקאָנאָם אים אַ שטויס געטאָן, צוגעבונדן וואַסקאַן פאַרן צוימל צום גרויסן שוואַרצן פערד און איז געפאָרן צום הויף־צו. האָוורילע איז נאָכגעלאָפן, געשריגן: „העי, פּריץ, גיב מיר אָפּ דאָס פערד", געפאָכעט מיט די הענט אין דער לופטן, אַלע מאָל געווישט די פאַרוואָונדעטע הענט אינעם לייוונטענעם העמדל, געווישט די טרערן, וואָס זענען ניט ווילנדיק געקראָכן פון די אויגן, און אַלץ געשריגן: „גיב אָפּ דאָס פערדל, גיב אָפּ דאָס פערדל". ס'איז געקומען אַ מינוט, ווען האָווריל׳עס פיס זענען געליימט געוואָרן און זיין קול איז פאַרטריקנט געוואָרן אין זיין מויל. ער האָט זיך ניט געקענט רירן, און אַז ער האָט געוואָלט שרייען, איז נאָר אַ כאָרכל געבליבן הייגנען באַ אים אין מויל. דער עקאָנאָם אַפּן שוואַרצן פערד מיט וואַסקאַן באַ דער זייט זענען באַלד ניט געבליבן.

ס'איז שוין געווען שפּעט באַנאַכט, ווען האָוורילע האָט זיך דערשלעפּט צום הויף. ער איז ניט געגאַנגען דורכן פאָדערשטן טויער, וואו מ'האָט געזאָגט, אַז עס ליגט אַ בייזער הונט אין אַ געמויערטער בודקע. ער האָט זיך געשלעפּט מיטן פּאַרקן, ביז ער איז דערגאַנגען צום הינטערשטן טויער, פון וואַנען אַ ברייטע סטעזשקע האָט געפירט צו די שטאַלן. אַ שייגעץ אַ שומר האָט אים געפרעגט, וואָס ער וויל, און האָוורילע האָט געענטפערט, ווי אַן אַלטער באַלעבאַטישער פויער: „מ'האָט מיר פאַרנומען מיין פערדל אין דער פריצישער תבואה. איך וויל עס אויסקויפן באַם עקאָנאָם".

ס'רעדט זיך גלאַט אַזוי אויסקויפן. האָווריל׳עס פאָטער איז שוין לאַנג געזעסן אַן זאַלץ און אַן קעראָסין און אפילו אַן אַ טראָפּן בראַנפן אין דער ליימענער באַנקע, ווייל ס'איז געווען אַ שלעכט יאָר און אַ העלפט תבואה איז אויסגעברענט געוואָרן אַפן וואָרצל. האָוורילע האָט געהאַט נאָר איין מיטל—בעטן. האָוורילע איז געשטאַנען צוויי שעה פאַר דער טיר פונם פליגל,

וואו דער עקאָנאָם האָט געוואוינט. אַז דער עקאָנאָם איז אַרויס־געגאַנגען, האָט ער אים אָנגעכאַפּט בא די שטיוול און געבעטן:

„פּריץ, לאָז מיר אָפּ דאָס פערדל“.

דער עקאָנאָם האָט געזאָגט:

„דריי קערבלאַך, זאָלסט אפילו פּלאַצן“,—און איז אַוועק צו די שטאַלן.

אין אַ שעה אַרום איז ער ווידער געקומען און האָט אַלץ גע־טראָפן האווריל‌ען שטייענדיק פאַר דער טיר פון דעם פליגל. האוו־ריל‌ע האָט געבעטן:

„פּריץ, איך האָב קיין געלט ניט. ס'איז אַ שלעכט יאָר, לאָז אָפּ דאָס פערדל“.

דער עקאָנאָם האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך און איז אַריין אין הויז.

ס'איז שוין געווען שטאַרק פינצטער. די פענצטער פונם פליגל זענען געוואָרן ליכטיק פון אינעווייניק. ס'האָט זיך גע־הערט דאָס קלאַפּן פון טעלער און דאָס קלינגען פון גאָפּל־מעסער. האווריל‌ע איז געשטאַנען פאַר דער טיר אַ צעפּאַסעוועטער, אָבער דאָס בלוט איז שוין ניט גערונען פון זיין צעקאַרבטער האַנט. דערפאַר האָט ער געפילט, אַז די גאַנצע האַנט ברענט אין פייער.

ס'האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ טומאַן איבער דער ערד, די לבנה איז אַרויסגעקראָכן אָפן הימל איבערן אָגראָד; האָנען האָבן ערגעץ געקרייט אָף זייערע סידעלעס; ס'האָט זיך דערהערט דאָס פייפן פון דעם שומרס פייפל, און האווריל‌ע איז געשטאַנען פאַר דער טיר. האווריל‌ען האָבן וויי געטאָן די פּלייצע און די אַקסלען, די באָרוועסע פיס זענען פאַרגליווערט געוואָרן פון דער קאַלטער נאַכט־ראָסע, און ער איז אַלץ געשטאַנען, געקוקט אָף די באַלויכ־טענע פענצטער און געהיט די טיר.

האַלבע נאַכט איז דער עקאָנאָם ווידער אַרויסגעגאַנגען אין הויף, און ווידער האָט אים האווריל‌ע אַרומגעכאַפּט פאַר די שטיוול און די לעדערנע הויזן. „פּריץ, לאָז אָפּ דאָס פערדל. פּריץ, ס'איז ניטאָ קיין געלט און ס'איז ניטאָ וואו צו נעמען. אפשר ווילסטו, וועל איך קומען אהער אַלע טאָג זאָלסט מיך שמייסן מיטן אַראַפּ־ניק. אָבער איצט גיב מיר אָפּ דאָס פערד“.

דער עקאָנאָם האָט אָנגענומען האָורילען פאַרן הענטל און אים אוועקגעפירט צו די שטאַלן. דאָרט איז געשטאַנען וואַסקאַ און געשלאָפן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דער עקאָנאָם האָט אים אַרייַנגעלייגט דאָס צוימל אין האַנט און געזאָגט מיט אַ געמאַכ־טער בייזער שטימע:

„גיי, באַיסטרוק. אָבער זאָלסט זיך מער ניט פּאַפּאַדיען פאַר די אויגן“.

פון דעמאָלט אָן האָט האָורילע פאַררעכנט דעם עקאָנאָם צווישן זיינע שונאים, און אַז ער פלעגט דערהערן אין גאַס דאָס קנאַקן פון דעם אַראַפּניק, האָט אים אָנגעהויבן שמאַרצן די רעכ־טע האַנט, וואו ס'איז געבליבן אַ שלעכט־פאַרהיילטער צייכן פון יענער באַגעגעניש באַם טייך.

האָורילע האָט ניט אויפגעהערט פּאַשען דעם טאַטנס פערדל אין די פּריצישע פעלדער. ער האָט נאָר געקוקט מיט ביידע אויגן אויף אַלע פיר זייטן און האָט ניט אַרויסגעלאָזט דאָס צוימל פון זיינע הענט. טאָמער האָט ער דער־זען פון דערווייטנס אַ סכנה, איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף וואַס־קאַ'ס רוקן און גענומען לויפן אויף וואָס די וועלט שטייט. וואַסקאַ האָט מיט דער צייט זיך צוגעוואוינט צו אַנטלויפן. אַז ער פלעגט דערהערן האָורילעס „הוק“, האָט ער זיך געטראָגן מיט אַן אומ־געוויינטלאַכער שנעלקייט. ער איז טאַקע פעטער געוואָרן אויף דער פּריצישער פּאַשע און האָט געהאַט מער כח צו שפּרינגען.

די נאַטשאַלסטווע פלעגט זיך געוויינטלאַך באַווייזן אין דאָרף אין דער געשטאַלט פון דעם אוריאַדניק. דער אוריאַדניק איז געווען אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט מיט אַ מעשענעם אוירינגל אין דעם לינקן אויער. ער איז געפאָרן אין אַ „בידקע“ — אַ לייכט וועגעלע, וואָס איז געווען צו קליין פאַר זיין שווערן קער־פּער. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ גרויסן שוואַרצן שינעל ביז דער ערד און אויף זיין שוואַרצן קאַשקעט האָט געבלישטשעט אַ קנעפּל. דער שינעל איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שוואַרצן פּאַסעק, פון וועלכן עס זענען אַרונטערגעהאַנגען אַ שווערד פון איין זייט, אַ רעוואָלווער־שיידל פון דער אַנדערער.

דער אוריאַדניק האָט ליב געהאַט דאָס וואָרט „זאַקאָן“, און

אָפּמער פון אַלצדינג האָט מען פון אים געהערט „ניע מאָגו, איך קען נים, איך האָב ניט קיין פּראַוו". אָבער די גויים פונם דאָרף האָבן געוואוסט, אז ער לאָזט זיך ריידן. ס'איז שוין געווען אזא כלל, אז אויב דער אוריאַדניק קומט מיטן סאָטסקי אָדער מיטן סטאַרשינאַ, וועלן קיין טענות ניט העלפן: מען מוז אָפּגעבן די עט־לאַכע קערבלאַך פאַר „פּאָדאַט" (שטייערן), אָדער אַליין גיין אין אויעזד אריין צום משפט, ווי ס'איז געווען געשריבן אין דער פּאָוויעסטקע, אָדער זיך נאָר אריינזעצן אין טורמע. ווען דער אוריאַדניק איז געקומען מיטן סאָטסקי אָדער מיטן סטאַרשינאַ, האָט מען געוואוסט, אז ס'וועט זיך אויסלאָזן אַ צרה פאַר איינעם אָדער פאַר עטלאַכע דאָרפישע באַלעבאַטים. ווען דער אוריאַדניק איז אָבער געקומען אַליין, איז כאָטש ער האָט ארויסגעשלעפּט פון דער בידקע דעם גרויסן פּאַרטפּעל און פונם פּאַרטפּעל ארויס־געשלעפּט גרויסע און קליינע פּאַפּירן מיט פּעטשאַטן, האָט מען זיך פונדעסטוועגן באַ אים געקענט אויסקויפן מיט אַ האַלבן רובל און בראַנפן מיט פּאַרביסן. דער אוריאַדניק איז געווען אַ גוטער עסער און אַ גוטער טרינקער און אַ פריילאַכער יונג, און אז מ'האָט אוועקגעשטעלט אַפן טיש אַ פיר־עקעכדיקן שטאָף מיט בראַנפן און אוועקגעלייגט די גוטע זויערע אוגערקעס מיטן ברויט מיט חזיר־פלייש, און ס'האָבן זיך אוועקגעזעצט ארום טיש צוויי־דריי געסט פאַר קאָמפּאַניע וועגן, פלעגט די נאַטשאַלסטווע אויסטאָן דעם גרויסן מאַנטל מיט דער שווערד און מיטן פּיסטאַלעט און אראָפּנעמען דאָס היטל מיטן קנעפּל, און עס פלעגט זיך דעמאָלט באַווייזן אַ מענטשל, וואָס רעדט ווי אַ פּשוט'ער פּויער, האָט לים אַ געשמאַקן טרונק בראַנפן און האָט הנאה פונם לעבן.

פון צייט צו צייט פלעגט דורך דער לאַנגער גאַס דורכפאָרן אין אַ פאַעטאָן מיט פיר פערד איינער אַ נאַטשאַלניק אין אַ גראָען שינעל און מיט גראָע וואָנצעס. געזעסן איז ער איינגעהילט אינם מאַנטל ביז די אויערן און האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אַף דער בריי־טער פּלייצע פונם קוטשער, וואָס האָט געקנאַקט מיט דער לאַנ־גער בייטש. מ'האָט געשמועסט, אז דאָס איז דער פּריסטאַוו, וואָס האָט צו שאַפן איבער אַלע אוריאַדניקעס, אָבער אין דאָרף

האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט, און האָורילע האָט אים פאַר קיין נאַטשאַלסטווע ניט גערעכנט.

☘

אי דער גלח, אי דער פּריץ, אי די נאַטשאַלסטווע זענען געווען שונאים, און מ׳האָט זיך פון זיי געקענט ריכטן אַף אַלערליי צרות, אָבער האָורילע האָט פאַר זיי ניט אַזוי מורא געהאַט, ווי פאַר אידן אָדער ניט־גוטע. דער גלח האָט געטראָגן אַ טענדע־ווארענדע, די לאַנגע האָר זענען בא אים געווען פארפלאָכטן אין עטלאַכע דינע צעפּלאַך, און אַמאָל אין צערקווע פלעגט ער אָנטאָן אַ גאָלדענעם אויבער־בגד און שאָקלען אַ גאָלדענע פושקע מיט ווייַרויך, אָבער קיין סוד איז אין אים ניט געווען. האָורילע האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. אין שטאָל צווישן די האָלענדישע בהמות אָדער אין גאָרטן מיט אַ סערפּ אין האַנט איז דער גלח געווען אַן אייגענער מענטש, אַ בעל־גוף מיט פּויערים גלייך. בראַנפן האָט ער אויך געטרונקען ווי אַ פּויער און געצלמט האָט ער זיך פּונקט אַזוי, ווי עס צלמען זיך אַלע פּראַ־וואָסלאַוונע מענטשן. אַפילו אין דאַווענען איז ניט געווען קיין סוד. טאָמער האָט דער גלח אַמאָל געכאַפּט אַן איבעריקע כוסה און האָט ניט געקענט קומען צו דער תּפלה זונטיק פאַרטאָג, האָט פאַר אים געדאַוונט דער דיאַק, אָדער אַפילו דער פּסאַלאָמשטשיק, און אינם פּסאַלאָמשטשיק איז דאָך אודאי קיין סודות ניט געווען. אין אַ חגא־טאָג האָט אייניאַנעם מיטן גלח געזונגען דער כאָר פון שקאָצים און שיקסעס, און האָורילע איז געווען איינער פונם כאָר. האָורילע האָט זיך געפילט, ווי אַ טייל פון דער צערקווע און פון דער תּפלה. ער האָט זיך אַפילו געקענט אויסמאָלן, אַז ער וועט זיך אַליין דערשלאָגן צו אַ פּסאַלאָמשטשיק. וואָס־זשע, ער קען דאָך לייענען אַלט־סלאַוויש ווי אַ וואַסער, און אַ קול האָט ער ניט קיין ערגערס ווי דער פּסאַלאָמשטשיק. ניין, דאָ האָט אַף האָורילען קיין שרעק ניט געלויערט.

דער פּריץ איז געווען אַ סך אַ גרעסערע מאַכט. אַ סימן, ווען דער גלח פלעגט קומען צום פּריץ אונטער אַ יום־טוב, פלעגט ער זיך פאַר אים נייגן פּונקט אַזוי, ווי די גויים האָבן זיך געגייגט

פארן גלח. דער פריץ האט געהאט א סך געלט מיט א סך פערד און אקסן, מיט זאסיעקעס תבואה און סקירדעס היי און שטרוי. אבער האוורילע איז געווען א פויערשער זון, און די אלע זאכן האט ער געזען אין דער באלעבאטישקייט פון דעם דארף. ניט געווען קיין זאך אין פריצישן מאיאנטעק, וואס א פויערשער יונג זאל דערפאר האבן פחד. אמת, ס׳איז געווען דער הויף מיט די ברייטע שטיינערנע טרעפ, מיט די לייבן אףביידע זייטן פון די טרעפ, מיט א סך גרויסע זאלן אינעווייניק, מיט בילדער אף די ווענט און מיט צאצקעס אף די קאמינען, אבער דער פאלאץ איז יארן־לאנג געשטאנען ליידיק, און פאר האוורילען האט ער גע־האט נאר א קליינעם באדייט. אמאל האט האוורילע מיט נאך עטלכע אינגלאך זיך פארגנבעט אפן גאניק פונם פאלאץ און ארייגעקוקט אינעווייניק, אבער דארט איז געווען פונקט אזוי שטיל און פוסט, ווי אין דעם סקלעפ, וואס איז געשטאנען אפן צווינ־טער. אין דעם סקלעפ פלעגט מען באגראבן די מתים פון דער פריצישער משפחה. האוורילע מיט די איבעריקע שקא־צים האבן ליב געהאט צו שפילן זיך אפן צווינטער אין באהעל־טעניש און אמאל פלעגן זיי פארלויפן אינם סקלעפ, וואו אף שטיינערנע פונדאמענטן זענען געשטאנען מעשענע טרונעס. די טרונעס און דער בית־עולם און די צערקווע און די „פיגורע" מיט דעם געקרייציקטן יעזוסן באם ארויספאר פונם דארף זענען געווען א טייל פון דעם דארפישן לעבן, ווי די בריק און די מיל און די לעוואדע און דאס וועלדל אף יענער זייט טייך, און די געמויער־טע קרעטשמע, וואס מ׳האט געקענט זען העט־וויט, ווען מען גייט ארויף אפן בארג. ס׳איז כמעט געווען א טייל פון האוורי־לעס לעבן, און האוורילע האט געוואוסט, ווי אזוי צו באגיין זיך מיט די אלע זאכן.

נאר איין מאל אינם משך פון האוורילעס קינדערשע יארן האט דער פאלאץ אויפגעלעבט. קינד און קייט האבן געגאפט, ווען אין דריי קארעטעס זענען אנגעקומען איבער דער הרעבליע עפעס מאדנע מענטשן, זייער דינע ווייס־באקליידעטע מיידלאך און יונגע פריצים מיט היטלען ווי קארענע קנישעס און מיט דינע שטעקלאך אין די הענט. די דריי קארעטעס האבן זיך פארקי־

רעוועט צום הויף. פון אינעווייניק האָט מען אויפגעפּראַלט דעם פּאַראַדנע טויער. פון דער געמויערטער בודקע איז אַרויסגע־שפּרונגען אַ גרויסער שוואַרצער הונט און אָנגעהויבן בילן, האָבן די פּריצים אַ מאַך געטאָן מיט די דינע שטעקעלאַך, און דער הונט האָט זיך אַוועקגעלייגט אַף דער ערד און אויסגעצויגן זיין קאָפּ אַף די פּעדערשטע אויסגעשטרעקטע לאַפּעס. די קאַרעטעס זע־נען מיט אַ קנאַק צוגעפאָרן צו די ברייטע טרעפּ, און ווען די פּריצים מיט די פּריצעס זענען געלאָפן אַרויף צום גאַניק, האָבן זיי אויסגעזען מאָדנע לאַנג און שמאָל, ווי האָזן אַף די הינטער־שטע פיס, און די דאַרפישע אינגלאַך, אָנגעקלעפּט אינדרויסן אַרום פּאַרקאַן, ווי פליגן אַרום האָניק, האָבן איינער דעם אַנדערן געשטורכעט אין זייט און געזאָגט:

„טו אַ קוק, זיי גייען גאָרניט, נאָר זיי טאַנצן“.

שפּעטער מיט צוויי טעג, אין אַ זומערדיקער שטילער נאַכט, איז געשען דאָס גרויסע וואונדער. מ'האָט געברענט אַ פייער־ווערק אַף דער וועראַנדע פונם פּאַלאַץ, און דאָס דאָרף האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס דאָ טוט זיך. דאָס גאַנצע דאָרף איז געשטאַנען מיט אָפענע מויל און אויערן, און אַלע מאָל, ווען אין דער לופטן פלעגט פּלאַצן אַ ראַקעטע און זיך צעשפּרייטן מיט הייגגלאַך פון גאָלדענע אָדער זילבערנע בלומען, האָט זיך פון הונדערטער מיילער געריסן איין „האַ!“ מיט אַ געדיכטער פּוי־ערשער קלה. ס'איז געווען אַ נאַכט פון צויבער־מעשים. דער גאַנצער פּאַלאַץ האָט געקלונגען מיט עפּעס אַזאַ שפּילעריי, וואָס מ'האָט עס קיינמאָל אפילו אין צערקווע ניט געהערט. גרויסע געלע סטורקאַטשעס האָבן געפלאַקערט אַף דינע שטיינערנע זיילן, און באַם וויגנדיקן ליכט האָבן די פּריצים מיט די פּריצעס זיך גע־דרייט און געשליינגלט, און זיך צונויפגעקומען און זיך געגויגט און זיך ווידער פאַנאַנדערגעגאַנגען, און אַלצדינג האָט אויסגעזען, ווי זיי שוועבן אין דער לופטן. און האַוורילע איז געזעסן אַף אַ בוים אַף יענער זייט פּאַרקן און געקוקט פון זיין הויך און זיך געריבן די אויגן און געקלערט: „זאָל דאָס מעגלאַך זיין, אַז דאָס טאַנצן אַזוי די פּריצים?“ באַ די פּויערים און פּויערטעס האָט

ער געזען אַנדערע טענץ, און אַנדערש האָט פאַר זיי געשפּילט די מוזיק.

אָבער די כאַליאַסטרע פון דינגע און לאַנגע וויס־געקליידעטע פּריצעס איז באַלד פאַרשוואונדן, ווי אַ רויך, צוזאַמען מיט די קאַרעטעס און מיטן גאַנצן האַרמידער. דער פּאַלאַץ איז ווידער געוואָרן שטיל, און האַווריל‏ען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנ־צע מעשה האָט זיך אים געחלומט. געבליבן איז דער עקאָנאָם מיט די פּאַרובקעס, מיט די שיקסעס, מיט די בהמות, וואָס מ׳האָט געדאַרפט מעלקן, מיטן היי, וואָס מ׳האָט געדאַרפט קאָ־סען, און דאָ האָט זיך האַווריל‏ע געפילט ווי אַן אייגענער, און קיין זאַך האָט אים ניט געשראָקן. האַווריל‏ע האָט ניט ליב גע־האַט דעם עקאָנאָם און האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף מיט אים האַלטן מלחמה. אָבער ווען די צייט איז געווען זייער שלעכט, און דער פּאַטער האָט אָנגעהויבן ליידן אַף די פיס, און דאָס פערדל איז שוין געוואָרן אַזוי שוואַך, אַז מ׳האָט ניט געקענט דערשלעפּן אַ וואָגן האָלץ פונם וואַלד, האָט האַווריל‏ע זיך פאַר־דונגען אין הויף צו אַרבעטן בא דער מאַלאָטילקע.*) פאַר זיין אַרבעט האָט ער באַקומען צוואַנציק קאָפּיקעס אַ טאָג מיט עסן. די צוואַנציק קאָפּיקעס פלעגט ער אָפּגעבן דעם טאַטן. און אַליין האָט ער געטאָגט און גענעכטיקט אין דער פאַלוואַרעק וואו ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן ווי אַ תושב.

ניין, האַווריל‏ע האָט ניט מורא געהאַט פאַרן הויף, און כאָטש ער איז געווען בייז אַפן עקאָנאָם, האָט ער אים ניט געהאַלטן פאַר אַ פרעמדן.

אויך דער אוריאַדניק איז ניט געווען קיין פרעמדער. די שווערד איז טאַקע געווען אַ שווערד, אַ „שאַשקע“, אָבער אין גוטן מוט פלעגט דער אוריאַדניק אַליין זי רופן „אָסעלעדעץ“ (דער הערינג). וויכטיקער איז געווען דער פּיסטאָלעט, וואָס אַז מען טוט אַ קוועטש אַפן הענטל מיט אַ פינגער, פליט אַרויס אַ קויל, וואָס קען לעכערן די גרעסטע ברעט. אָבער זינט דער פּויער יאַקים סטאָליער האָט געבראַכט זיין זונדל פון דעם יאַריד אַ

---

*) דרעש־מאַשין.

פּיסטאָלעטל אַף צו שפּילן זיך, האָט האָורילע אויפגעהערט דרך־ארץ האָבן פאַרן אוריאַדניק'ס רעוואָלווער. דאָס פּיסטאָלעטל איז געווען ניט מער ווי אַ שפּילכל. מ'האָט געדאַרפט אויפהויבן דאָס קעפּל, אוועקלייגן אַף דעם קיילאַכדיקן שטיקל אייזן אַזאַ מין פּאַ־פּירל אָנגעשטאָפּט מיט פּולווער. אַז מ'האָט נאָכדעם אַ צי געטאָן פאַרן הענטל, האָט דאָס קעפּל אַ קנאַק געטאָן איבערן פּאַפּירל, און ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָס ווי פון אַן אמתן רעוואָלווער. יאַקים'ס אינגל האָט ניט אַנדערש געוויזן אַ צווייטן יונג זיין פּיס־טאָלעטל, סיידן יענער האָט זיך געלאָזט דערשיסן, זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דער ערד און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז טויט. האָורילע האָט זיך אויך פאַרשטעלט פאַר אַ טויטן, און אַזוי האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן די מציאה. האָורילע האָט זיך געקלערט, אַז אָט־די קנאַקעלקע איז ניט ווערט גאָרנישט, מען קען מיט איר אפילו אַ מייזל ניט דערשיסן. האָורילע האָט גע־טראַכט, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער זיך קויפן אַן אמתן רעוואָלווער און ער וועט אים האַלטן אין קעשענע. טאָמער וועט אים עמיצער וועלן אָנרירן, וועט ער אַרויסנעמען דעם רעוואָלווער און אים אָנשטעלן אַפן שונא. האָורילע האָט זיך געטראַכט, אַז מיט דער צייט וועט ער אפשר גאָר אַליין ווערן אַן אוריאַדניק, און אַז ער וועט קומען אין דאָרף אַריין, וועלן אַלע פאַר אים אַראָפּנעמען דאָס היטל. ניין, ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין אוריאַדניק, ווייל דער אוריאַדניק האָט מורא פאַרן פּריץ, און אַז ער קומט אין הויף אַריין, בינדט ער צו דאָס פערד מיט דער בריד־קע אַף דער זייט פּאַרקאַן. האָורילע האָט געטראַכט, אַז ער וואָלט געוואָלט זיין אַזאַ גרויסער מענטש, וואָס קען אַריבער־שפּאַנען איבערן דאָרף מיט איין טריט. האָורילע האָט ליב גע־האַט צו טראַכטן וועגן דעם נביא אליהו, וואָס איז אַרויפגע־פאָרן אַפן הימל אין אַ פייערדיקן רייטוואָגן. האָורילע וואָלט גע־וואָלט האָבן אַזאַ מין פייערדיקן רייטוואָגן, וואָס פליט אין דער לופטן . פון אויבן וואָלט ער, האָורילע, געקענט וואָרפן שטיי־נער אַף אַלע די, וואָס האָבן אים שלעכטס געטאָן. אליהו הנביא, זאָגט מען, האַלט דעם שליסל פון רעגן. . ווען ער, האָורילע, איז אליהו הנביא, וואָלט ער געמאַכט אַזוי, אַז אַף דעם פּריצישן פעלד

זאָל ניט פאַלן קיין איינציקער טראָפּן. ווען ער איז אליהו הנביא, וואָלט ער דעם טאַטן געבראַכט צוויי גרויסע פערד מיט אַ קו און מיט זיבן שאָף, און אַן אַקער וואָלט ער אים צוגעשיקט אַ נייעם, און וואָלט געמאַכט אַזוי, אַז דער פאָטער זאָל געזונט ווערן אַףביידע פיס און זאָל קענען טרינקען בראַנפן פון דער באַנקע און סאַרפּענען מיט די אויגן, ווי אַמאָליקע יאָרן. אַ סך זאַכן וואָלט האווריליע געטאָן, ווען ער איז אליהו הנביא. האווריליע האָט געהאַט אַ טבע, אַז ער פאַרטראַכט זיך אינמיטן העלן טאָג און הויבט אָן זען אַלערליי זאַכן. אָט זעט ער, אַשטייגער, ווי ער איז אַ הויכער, געזונטער פויער מיט אַ גרויסן שטרויענעם היטל און מיט אַ דינער טייערער געוואַנטענער סוויטע, וואָס דערגרייכט ביז די כאָליעוועס פון די נייע גלאַנצנדיקע שטיוול. האווריליע גייט אין דאָרף אַריין איבער דער הרעבליע, ער דרייט די שוואַרצע וואָנצעס; די קוטשמע שוואַרצע האָר גלעט זיך אַרויף־צו איבערן ראַנד פונם היטל, די פויערים וואונדערן זיך און פרעגן איינער דעם אַנדערן: „ווער איז אָט־דער יונג?" און עמיצער זאָגט אויס דעם סוד, אַז דאָס איז האווריליע מיקיטענקאָ, וואָס איז אויסגעוועזן אַ וועלט, וואָס האָט אָפּגעלעבט עטלאַכע יאָר אַזש אין אַדעס און איז איצט געקומען מיט אַ גרויסער מאַט־ניע גאָלע הונדערטער. ער, האווריליע, קומט צו גיין צום פאָ־טערס הויז און... אימיצער טוט אַ שטורך האווריליען אין זייט אַריין און כריפּעט: „האָסט שוין ווידער גענומען כאַפּן פויגעלאַך אין דער לופטן!" דער שטורך טוט ניט וויי, און דעם טאַטנס הייזעריק קול שרעקט ניט. אָבער האווריליע וואַכט אויף פון זיין חלום. האווריליע איז אַ קליין שייגעצל מיט אַ צע־כראַסטעטן שוואַרצן העמדל אַריבערגעלאָזט איבער צעריסענע הויזלאַך. די פיס זענען שוואַרץ און באַרוועס. צווישן די פינ־גער איז אָנגעשטאָפּט בלאָטע. דער קאָפּ איז ווילד צעשוי־בערט, און די נעגל פון דער רעכטער האַנט קריכן אָפּט אַריין צווישן די האָר און קראַצן די הויט פונם שאַרבן, אַז עס גייט אַזש בלוט. דער קיילאַכדיקער פּנים איז פאַרברענט פון היץ און ווינט און קעלט, און עס ליגן אַף אים פאַסן שמוץ. נאָר די אויגן זע־

נען ריין און בלאָ און גרוים און קוקן אָפּט אין דער ווייטקייט און זעען זאכן, וואָס זענען ניטאָ.

די הייזעריקע שטים כאָרכלט, און האוורילע נעמט דעם שווערן זאסטופּ*) און גראָבט די ערד, און אלעמאָל, ווען ער שטעלט ארויף דעם רעכטן פוס אפן רוקן פונם זאסטופּ און טוט אים א קוועטש אריין אין דער ערד, טוט ער א הויך ארויס פון זיך: „ע־העם!" — ווי א גרויסער. אָבער דער זאסטופּ קריכט אלץ ניט אזוי טיף אין דער ערד אריין, ווי בא גרויסע גוים, און דער טאַטע כאָרכלט עפּעס אומצופרידן, און האוורילע ברומט צווישן די ציין א מיאוס'ע פּויערשע קללה און הויכט אלעמאָל ארויס: „ע־העם, ע־העם!"

*) רידל.

פערטער קאַפּיטל.

דאָס ערשטע מאָל, ווען האָווערילע האָט דערזען אידישע מיידלאַך און אידיש גוטס, איז ער אַלט געווען פערצן יאָר.

מ'האָט געדאַרפט צאָלן פינפטהאַלבן רובל פּאָדאַטקעס, און דער אוריאַדניק איז שוין צוויי מאָל געקומען מיטן סאָטסקי און געזאָגט, אַז ער וועט פאַרזעצן דעם אַלטן אין קאָזע, און דער אַלטער האָט בא זיך אָפּגעמאַכט צו פאַרקויפן דאָס פערדל, ווייל סיי ווי האָט מען פון אים נים קיין גרויסן נוץ. אין שטאָט אריין אפן יאריד האָט ער מיטגענומען האָווערילען. דער יאריד האָט געקאָכט. האָווערילע האָט גאָר קיינמאָל נים געטראַכט, אַז ס'קען זיין אַזוי פיל מענטשן אין איין אָרט. פון דער מינוט אָן, ווען ער מיטן פאָטער זענען אַריבערגעפאָרן די געמויערטע בריק און זיך גענומען שלעפּן בארג־אַרויף, צום מארק־צו, האָט ער נים אויפגעהערט גאַפן. אָפּטמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט גאָרנישט קענען אריינגעמען אין מוח אריין די אַלע זאַכן, וואָס טויפען זיך דאָ פון אַלע זייטן. אַלצדינג איז דאָ געווען אומגעווײנטלאַך, סיי די הייזער, סיי די גאַסן, סיי די מענטשן, סיי דאָס ברומען פון א סך אָקסן און קעלבלאַך און דאָס הירזשען פון פערד, וואָס מ'האָט זיי געטריבן אין מארק אריין צו פאַרקויפן. ס'איז אָנגעפּאָרן א קאָמפּאַניע ציגיינער מיט ברוינע פּנימער און ווייסע ציין, צו זעקס און זיבן פאַרשווין אין א גרויסן וואָגן, געעפּנט ברייטע מיילער און גרויסע אויגן, געלאַכט און געדערט אף א פרעמדער שפּראַך און געטייטלט אפן פגירהדיקן פערדל, וואָס האָווערילעס פאָטער האָט געפירט פאַרן צוימל. האָווערילע האָט קיין צייט נים געהאַט צו שעמען זיך, אָבער אין א ווינקל פונם מח האָט ער געוואוסט, אַז ער וואָלט אריין אין דער ערד פאַר

חרפּה. ווען מען האָט זיך דערשלעפּט צו דער טאַרהאָוויצע*), האָט ער געלאָזט דעם פּאָטער מיט דעם פערדל און אליין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט שליאָיען איבערן יאַריד. דער אַלטער האָט אים ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך, אָבער האָרילע האָט געוואוסט, ווי אַזוי זיך אויסצודרייען און פאַרשווינדן, ווען דאָס האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט.

האָרילע וואַנדערט איבערן מאַרק און זעט אַלעמאָל מער אידן, און זעט אַלעמאָל מער וואונדערבאַרע זאַכן אין די הענט פון די אידן. גויים קומען און דינגען זיך און צאָלן געלט און באַקומען עפּעס בא די אידן, אָבער יענע ברייננגען אַלץ נייע און נייע גוטע זאַכן, און ס'איז ניטאָ קיין ענד צו דער רייכקייט פון די אידן.

עס שטייען שטעלן מיט שניט־סחורה. אַף ברייטע טישן אונטער קאָלירנדיקע ביידלאַך ליגן בערג מיט בלוט־רויטן קומאַטש, בערג מיט געקעסטלטער סאַרפּינקע, הורבעס מולטע מיט אַלערליי טשיקאַווע קווייטעלאַך, שטיקער ווייסע לייוונט, שטיקער גראָע און שוואַרצע און ברוינע געוואַנט, ווייסע, שניי־ווייסע טיכלאַך, גרויסע געלע און רויטע און בלאָע און גרינע און אמאַראַנטענע און בוראַקאָווע פּויערשע פּאַטשיילעס מיט אַזוינע קווייטן, אַז זיי ברענען אַזש פון די טישן. סטאָסעס מיט דינינקער נאַמיטקע, וואָס די פּויערטעס מאַכן דערפון שלייערס. גאַנצע פּאָליצעס מיט לייוונט פאַר הויזן. אָן אַ שיר שטעלן, אָן אַ שיר גוטע זאַכן. הינטער די טישן שטייען אידן און אידישע ווייבער און באַלע־באַטעווען איבער אָט־דעם גאַנצן רייכטום און אָט־דער גאַנצער שיינקייט, און מען דאַרף זיך מיט זיי אויסעסן דאָס האַרץ, ביז זיי גיבן אייך אַ קליין שטיקעלע אַף אַ העמד, אָדער אַף אַ פּאָר הויזן.

עס שטייען שטעלן מיט שטיוול און לעדערוואַרג. לאַנגע שטיוול מיט כאַליעוועס, וואָס קנייטשען זיך, ווי אַ האַרמאָניקע, און מיט אַ סך מעשענע צוועקעלאַך אַף דעם הינטערשטן טייל

---

*) מאַרק פאַר בהמות.

איבער דעם אָפּזאַץ. קליינע שטיוול מיט גלאַטע כאַליעוועס און מיט מעשענע פּאָדקאָוועס אַרום די הויכע גלאַנצנדיקע אָפּזאַצן. קינדערשע שטיוועלאַך, וואָס וועליסקעווען ווי שפּיגעלאַך און בעטן זיך: טו מיך אָן. רויטע און בלאָע שטיוול פאַר שיקסעס, מיט אויסגענייטע בליטשקענע קווייטן אַרום די כאַליעוועס פון אויבן. יובטענע שטיוול, שאַגראַנענע שטיוול, קאָזלאָווע שטיוול מיט גרויסע און קליינע קעפּלאַך, מיט שמאָלע און ברייטע נעז, מיט דינע און דיקע פּאַדעשוועס, מיט שורות הילצערנע און אייזערנע שטיפטלאַך אַף די פּאָדעשוועס. הורבעס שיך מיט רעזינקעס אַף ביידע זייטן און מיט שיינע געלע אויערלאַך. שטעק־שיך פון אַלערליי סאָרטן, פון ווייכן לעדער און האַרטן ליידער, מיט זאַדאָקלאַך און אָן זאַדאָקלאַך. סאַמעטענע מעשטשעס, לייווענטענע מעשטשעס, ווייבערשע טופליעס מיט שנירלאַך און קוטעסלאַך און פּאָמפּאָנטשיקלאַך — גיב אַ בלאָז און זיי פליען אליין אין דער לופטן. היינט לאַפּציעס, גוטע, לעדערנע, דיקע, אויסגעקנייטשטע, מיט אויסגעהעפּטענע לעכלאַך, מיט רימענע שנירלאַך דורכגענומען דורך די לעכלאַך,—לאַפּציעס אַזוינע געשמאַקע, ווי קאָרענע וואַרעניקעס, ווי פרישע, שמעקנדיקע קנישעס מיט קאַפּוסטע. היינט די לעדערס, אויסגעצויגן איבער דעם הינטערשטן ווענטל, צוגעקלאַפּט מיט צוועקלאַך צו דער ראָגאָזשע. שמעקעדיקע לעדערס, שוואַרץ־אָפּגעוועקסלטע לעדערס, לעדערס אויסגעטונקט אין דיאָהאָד *), לעדערס ווייכע ווי אַ פּוטער. היינט פּאָדעשוועס, לעדערס ווי ברעטער, לעדערס ווי לאָקשן־ברעטער, לעדערס ווי דיקע שווערע בלעכן. האָורילע איז געשטאַנען און געקוקט אַף די לעדערס און געקוקט אַף די אייגענע באָרוועסע פיס און געקוקט אַף דעם אַלטן און יונגן אידן, וואָס זענען געשטאַנען אין דעם שטח צווישן דעם געשטעל און דער הינטערשטער וואַנט. צוויי אידן — און איינער אַן אַלטער ווי די ערד, און איינער אַזאַ יונגער, אַזאַ דינינקער, אַז מיט איין פינגער קען מען אים צעקוועטשן — און זיי פאָרן זיך מיט אַזוי פיל לעדער און אַזוי פיל שטיוול, און ס'איז זייערס און זיי וועלן

*) דזשעגאַכץ.

נישט געבן אפילו אַ שטיקל אַזוי גרויס ווי אַן אַפּזאַץ, סיידן מען לייגט פאַר זיי אַוועק דאָס בלוטיקע געלט.

עס שטייען שטעלן מיט היטלען. אַי, היטלען! קאַשקעטן שוואַרצע און בלאָע און גרינלאַכע, קאַשקעטן מיט גלאַנציקע דאַ-שעקעס און מיט לייוונטענע דאַשעקעס און מיט גאַר ברייטע דאַ-שעקעס און מיט גאַר שמאָלע דאַשעקעס, און אינגאַנצן אָן דאַ-שעקעס, אַזוי אַז מען קען טראָגן דאָס מיצל אי אויף פאָרנט, אי אויף הינטן. שוואַרצע היטלען מיט בלאָע אָקאָלעשקעס, בלאָע היט-לען מיט גראָע און ווייסע אָקאָלישקעס, ווייסע לייכטע זומערדיקע היטלען מיט געלבלאַכע דאַשעקעס, פונקט אַזוינע, ווי עס טראָגט דער אוריאַדניק אום זומער. עס פעלט נאָר דאָס קנעפל. קינ-דערשע קאַשקעטלאַך מיט פּאַסיקלאַך און פינטעלאַך. קאַשקעט-לאַך, ווי אַ קאַוועגע, צעשניטן אויף צווייען, מיט אַ קנעפּל פון אויבן. שמויסענע היטלען, קאַראַקולענע היטלען, קאַרטענע היט-לען, היטלען מיט וואַטאָווע אונטערשלאַקן, היטלען געשטעפּט אי-נעווייניק אין לעקאַכדיקע שטיקלאַך, היטלען מיט לעפלאַך און אָן לעפלאַך, אפילו צוויי־דריי גרויסע פּאַפּאַכעס. ווען אַזאַ בחור, ווי האַווריליע, טוט אָן אויף זיין קוטשמע אַזאַ מין פּאַפּאַכע און פאַרקעמט די האָר ארויף איבערן לינקן אויער, וואָלט דאָך קיינעם ניט איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז אים גייט ערשט דאָס פופ-צענטע יאָר. אַלע וואָלטן אים גערעכנט פאַר אַ יונגן קאָזאַק, און איינער דעם אַנדערן וואָלט געפרעגט: „ווער איז אָט־דער מאָלאָ-דיעץ?" נעמט האַווריליע אַראָפּ זיין געשוואָלן מיצל מיט די אָפּגעריבענע נאָטן און מיט די שטיקלאַך וואַטע, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון אַלע זייטן, האַלט ער אין די הענט דאָס שמאַטעוואַטע מיצל און מעסט זיך צו מיט די אויגן צו די בלאָע קאַשקעטלאַך מיט די גראָע אָקאָלישקעס, און אַ איד בויגט זיך אַריבער איבער דער סטאָיקע און טוט אים אַ שאַר מיט דער האַנט און זאָגט אים: „גיי ווייטער, וואָס שפּיגלסטו זיך אַזוי? זע נאָר, זאָלסט ניט אָנשפּאַרן אין אומשאַסטאַק. גיי געזונטערהייט".

גייט האַווריליע אַרום איבערן יאַריד, שלינגט מיט די אויגן די שיינע זאַכן, וואָס וואַלגערן זיך, דאַכט זיך, אַרום און אַרום, גייט און טראַכט זיך: „ס'אַרא ראַזבאָיניקעס די אידן זענען,—

אַלצדינג האָבן זיי פאַרנומען, און אַ פּראָוואָסלאָוונער בחור טאָר אפילו ניט אַ קוק געבן אַף די אַלע וואונדער. פאַרשאַלטענע כריסטאָפּראָדאוועס" *).

גייט האוורילע איבערן מארק און קוקט און ברענט. שטייען שטעלן מיט זיסע זאכן, פולע סלאָיעס מיט צוקערקעס איינגעוויקלט אין פירעקאכדיקע, צאַצקעדיקע פּאַפּירלאַך. לאַנגע צוקערקעס, ווי די שטעקעלאַך, פאַרצויגן אין רויטע און געלע פּאַפּירענע מונדירן מיט פּאַפּירענע קוטעסן אויבן און אונטן. קיילאַכדיקע קאַראַמעלקעס, ווייסע און געלע און גרינע און רויטע, קאַראַמעלקעס ווי קאַרשן, קאַראַמעלקעס ווי קליינע גן־עדן־עפּעלאַך, קאַראַמעלקעס ווי די גרינע באָנקעס, וואָס וואַקסן אויס אַף די שטיינגלאַך פון קאַרטאָפל, קאַראַמעלקעס גאָר פּיצינקעלאַך, ווי ווײַמפּערלאַך, און אפילו ווי זאַרנעס הרעטשקע,—אַזוינע דאַרף מען אַריינשיטן אין מויל אַריין אַ גאַנצע זשמעניע און כראָמשקען מיט די ציין און פאַרפּאַפּן דאָס גאַנצע מויל, אַז מען זאָל ניט קענען רירן מיט דער צונג. עס ליגן לעקעכלאַך, געלבלאַכע, באַשאָטן מיט ווייסן צעמאָלענעם צוקער, עס ליגן האָניק־לעקעכלאַך, אָפּגעקאַלעכט מיט אַ ווייסער צוקערנער דעק, ווי אַ גויאישע שטוב פאַר גרין־חגא. עס ליגן קיילאַכדיקע צוקער־קיכעלאַך מיט אַ קאַראַמעלקע אָנגעקלעפּט פון אויבן. עס ליגן שטיקער כאַלוואַ, ווי ווייסע און געלע צעקנאָטענע ליים. עס הייגען אַף דער הינטערשטער וואַנט שנירלאַך בייגל, גרויסע בייגל, אַז מען קען דורכקריכן מיט אַ קולאַק דורכן לאָך, ווייסע בייגל און געלע בייגל, און בייגל מיט צוגעברוינטע באַקן, און טרוקענע און דאַרע בייגל באַשאָטן מיט מאָן, און ווייכע בייגל, וואָס מען קען פון זיי, דאַכט זיך, פלעכטן אַ צעפּל. הייגט מאָנדלאַך, הייגט געצוקערטע עפּל. וואָס אַרט עס אָט־דער אידענע, אַז האוורילע טוט אַ שטרעק אויס די האַנט און נעמט אַרײַן אַ מאָנדל אין זיין שוואַרצער שווייסיקער האַנט? וואָס דאַרף זי דאָ אויפהויבן אַזאַ געשריי? און וואָס דאַרפן אַלע ארומיקע ווייבער אָנהויבן קוואַקען, ווי די הינער? און פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פיל זשי־

---

*) וואָס האָבן פאַרקויפט קריסטוסן.

דעניאַטקעס, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אױף האָורילען און געגרילצט מיט די פאַרדרייטע מײַלער, און גע-הויבן אַזױנע דינע הענטלאַך, ווי בערעזענע פּרוטיקלאַך? און וואָס האָבן זיך דאָ די גויים צונויפגעשטויסן, ווי אַ סטאַדע פערד אינמיטן פעלד ? און דאָס הירזשען, און דאָס מעקען, און דאָס פּייפן, און דאָס טופּקען זיך — פרעגט זיי וואָס? טאָמער האָט אַ אינגל געוואָלט פאַרזוכן אַ זיסע זאַך? גוט איז נאָך, וואָס האָורילע ווייסט, ווי זיך אויסצודרייען אין אַ נויט. גוט איז, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען דורכצוקריכן צווישן די שטיוול פון עטלאַכע פּויערים און צווישן די ווענטלאַך פון צוויי שטעלן און אַרויסקריכן אױף אַן אַנדער זייט מאַרק. טאָמער ניט, ווער ווייסט וואָס יענע כאָפּטע וואָלט געטאָן מיט אַזאַ אינגל ווי האָורילע.

אינם אַנדערן טייל מאַרק איז שוין ניט געווען אַזוי פיל שטעלן, און ס'איז געווען ווייניקער מענטשן, אָבער אַז מען זעט די ערדענע האָנעכלאַך מיט די שיינע אויסגעטאָקטע קעפּלאַך, מיט די צעשפּרייטע רויטע פליגעלאַך, מיט דעם לעכל דאָרטן, וואו באַ אמתע הענער איז דער עק, און די האָנעכלאַך זענען געמאַכט אַזוי, אַז ווען מען בלאָזט פון הינטן, פייפט זיך אַרויס אַ פייף דורכן מויל, — נו, קען מען אַוועקגיין? און אַז עס ליגן האַר-מאָניעס קליינינקע, שמאָלע, מיט נאָר עטלאַכע לעכלאַך, וואָס אַז מען נעמט זיי צום מויל און מען פאָרט מיט די ליפּן איבער די לעכלאַך, זינגט זיך אַרויס אַזאַ שיינער זמר, ווי באַם כאָר אין צערקווע אונטער אַ יום־טוב, — מוז מען דען ניט בלייבן שטיין ווי איינגעגראָבן? און אַז דער איד, דער פאַרקויפער, טוט אַ נעם אין די הענט אַריין אַן אמתע האַרמאָניע און טוט זיך אַ גיי דורך איבער די קלעפּלאַך אױף רעכטס און אױף לינקס און אַרויף און אַרונטער, און די האַרמאָניע טוט אַ זינג און אַ געשריי און אַ קרעכץ און צעשיט זיך מיטאַמאָל אין אַ האָפּקע, אַז דער רוח זאָל עס נעמען, און די פיס הויבן זיך אַליין, און ס'וואָלט זיך וועלן אַריבערשפּרינגען איבער אָט־די שטעלן און איבער די גאַסן און זיך אַוועקלאָזן ווי אַ לאַשעק טאַנצן און בריקעווען, וויפיל ס'איז נאָר דאָ כח,—טאָ ווער קען זיך אָפּרייסן פון אַזאַ שטיקל אָרט? און אַז דער איד זאָגט אַזוי ליבהאַרציק און מיט אַזאַ טייער שמייַ-

בעלע: „ווילסט אפשר, זונעניו, א קוק טאָן אױף די סטרומענטן? ווילסט אפשר א טאָפּ טאָן מיט די אייגענע הענט?” און מען גייט צו נאָענט און מען בויגט זיך אָן איבער די אַלע טייערע זאַכן, טאָ ווער קען זיך ריכטן, אַז דער איד וועט א שנעל טאָן אין נאָז מיט אזא כח, אַז ס'וועלן זיך באַווייזן פונקן אין די אויגן? און ווי זאָל מען זיך נאָכדעם איינהאַלטן און נישט דער־לאַנגען דעם אידן מיט א קולאַק אין דער אויבערשטער ליפּ, אַז די יושקע זאָל זיך אים באַווייזן פון צווישן די ציין?

האָורילען איז גרינג אָנגעקומען זיך ארויסצודרייען פון יע־נעם אידן, ווייל אין דער נאָענט איז געווען ווייניק מענטשן, אָבער וואָס ווייטער איז אים געוואָרן אַלץ שווערער אָפּן הארצן. ווען ער איז געקומען צום עס־מאַרק, האָט ער ערשט דערפילט, אַז ער איז הונגעריק און אַז ער האָט ניט געגעסן פון פאַרטאָג אָן. אויף גרויסע טישן זענען געשטאַנען בלעכענע סאַמאָווארן, און אידענעס האָבן פאַרקויפט הייסע טיי מיט א סך צוקער מיט א בייגל פאַר א פּיאַטאַק, אָבער האָורילע האָט קיין פּיאַטאַק ניט געהאַט. אַנ־דערע אידענעס האָבן פאַרקויפט קאַלבאַס און הארטע אייער און ברויט מיט פּוטער, און גויעס זענען געשטאַנען מיט שיסלען גע־פּרעגלטע פלייש און מיט טישן חזיר־שמאַלץ, אָבער אַלצדינג האָט נעקאָסט געלט. נים ווייט איז געווען די מאָנאָפּאָלקע. פּויערים האָבן מיט איין קנאַק ארויסגעזעצט דעם קאָרעק פון דער פלאַש, געבולקעט דעם בראַנפן אין האַלז אריין, פאַרביסן מיט א גוטן שטיק קאָרע־שמאַלץ און מיט געשמאַקן פרישן קאָרענעם ברויט. בּאַ דער זייט זענען געזעסן לירניקעס, געדרייט דאָס הענטל פון דער באַנדורע, געזונגען טרויעריקע, בעטנדיקע לידער, און באַרמ־הארציקע פּויערים און פּויערטעס און שיקסעס האָבן געלייגט א דענעזשקע *) און א בייגל, און א צוקערקע, און א שטיקל קאַלבאַס אין דעם געפּאַרבטן הילצערנעם שיסעלע, און האָורילע האָט זיך געטראַכט, אַז ער וואָלט א בעלן געווען זיין א בעטלער און דרייען די באַנדורע און זינגען מיט א לאַנגען אויס־געצויגענעם קול און כאַפּן א בייגל מיט א שטיק קישקע. אָבער

*) א האַלבער גראָשן.

בעטלער,,זענען אלטע און קאליקעס און בלינדע, און ער, האוו־רילע, איז קיינמאל אין זיין לעבן קראנק ניט געווען, און אין בויך פארט ארום דער הונגער אף רעדלאך און לאזט ניט איינ־שטיין.

און ווי האווריל שטייט אזוי לעבן דער מאנאפאלקע און טראכט זיך: „אפשר וועט דער באטקע אנקומען אהער־צו מיטן נעלט פונם פארקויפטן וואסקען", דערהערט ער, ווי איינער א נפש, אנגעטאן ווי א דיאטשאק, רעדט מיט א רעדל פויערים, וואס האבן שוין פארזוכט דעם ביטערן טראפן. די פויערים קייען און בראמשקען מיט זייערע געזונטע ציין און ווישן זיך אלעמאל אף די וואצעס מיט דער דלאניע פון דער רעכטער האנט, און דער פרעמדער שאקלט מיט די הענט און רעדט אף א האלב־גויאישער, האלב־קאצאפישער שפראך:

— קוקט זיך ארום — און איר וועט זען, אז אלצדינג האבן די ניט־געצלמטע פארנומען אין זייערע הענט. איר הא־רעוועט פון זיך ארוים דעם ביטערן שוויס, און אז איר ברייננט א מעסטל תבואה צו פארקויפן, נארט אייך בערקא אפ אף דער וואג. איר בויגט זיך אין דרייען און ארבעט פון זון-אויפגאנג ביז שפעט אין דער נאכט, און וואס האט איר דערפון? איר מאכט רייך די מאשקעס מיט די יאשקעס. טוט א קוק ארום זיך — די זשידעס ארבעטן ניט און ווערן ניט פארשווארצט, און לעבן אין שיינע הייזער, און טראגן ריינע קליידער, און קוקן אף אייך ווי אף כאמולעס, און ווילן ניט שטיין אין אייערע פיר איילן. און אז איר קומט קויפן אן ארשין סיטץ אדער א פלעשל קעראסין, אדער א פונט צוועקעס, שינדט מען פון אייך זיבן הויטן. פון אייער בלוט און פלייש בויען זיי זיך צוויי-גארנדיקע הייזער מיט וואזאנעס אין די פענצטער און פארן זיך ארוים אין די פאטאנעס ווי די שררות, און איר, נאראנים, בויגט איין דעם רוקן און לאזט זיך...

די פויערים האבן געקייט און צוגעשאקלט מיט די צעשויי־בערטע קעפ, און האווריל האט זיך געדאכט, אז אט באלד לויפט ער צו צום פרעמדן דיאטשאק און פאלט פאר אים צו די

פּים און זאָגט אים: „היים מיר, פּאָטערל, און איך וועל פּאָלגן, און איך וועל זיי אויסקאַרעניען"..

האָורילע שטייט און הערט, און דער פרעמדער ווערט אַלע־מאָל מער דערהיצט (עמיצער האָט אים שוין געגעבן אַ זשליאָפּקע טאָן פון אַ שקאַליק) און זאָגט אויף דער הויכער אָקטאַווע:

— עס וועט קומען אַ צייט — און דער צאָרן פונם פּראַוואָ־סלאַווגעם פאָלק וועט זיך דערוועקן פון זיין שלאָף, און ווי וועט דעמאָלט זיין די באַשניטענע מיט זייערע מאַיאָנטקעס, מיט זייער גאַנצער ממשלה!

***

דער אָוונט איז שוין געפאַלן פונם הימל אויף די מערק און אויף די גויאישע וואָגנס מיט די אויפגעהויבענע האָלאָבליעס און אויף די שכורע פּויערים מיט די פרייליאָך־לאַכנדיקע שיקסעס, און פון די אידישע הייזער האָבן שוין געבלישטשעט קעראָסין־לאָמפּן און אינווייניק האָבן זיך געזען חנעוודיקע אידישע טעכטער, וואָס האָבן מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל זיך געפּאָרעט אַרום דער וועטשערע, און אין עק שטאָט, הינטערן קלויסטער, איז דער הימל געוועזן גרויליאָך־רויט און קיל, ווי פאַרלאָפן מיט אַ פּרעסטל, ווען האָורילע האָט געפונען דעם טאַטן. יענער איז געזעסן אויף אַ קלאָץ און געהאַלטן דאָס צוימל פונם ניט־פאַרקויפטן וואַסקען און געבעבעט: „ניעטשיסטאַ סילאַ". ווען האָורילע האָט אים געוואָלט אויפהויבן, האָט ער געזען, אַז ער איז טויט שכור.

שפּעט באַנאַכט האָט האָורילע געשפּאַנט איבערן וועג אין דאָרף אַריין, פירנדיק דאָס פערדל מיט איין האַנט און האַלטנ־דיק דעם שיכורן באַטקאָ מיט אַ צווייטער. די נאַכט איז גע־ווען קאַלט. צוליבן רעגן, וואָס איז אויסגעפאַלן צוריק מיט עט־לאַכע טעג, איז דער וועג פול געווען מיט הרודעס און גריבער. האָורילעס פים האָבן געשמאַרצט, אין בויך האָט אים געגריזשעט דער הונגער, און ער האָט אליין ניט געהערט ווי ער האָט גע־ברומט: „פאַרשאָלטענע כריסטאָפּראָדאַווצעס".

פינפטער קאפיטל.

צום פאגראם איז האורילע אלט געווען ניינצן יאר.

קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען, אבער אין אלע ארומיקע דערפער איז מען געוואויר געווארן, אז זונטיק וועט מען שלאגן די אידן אין שטאט. ווער האט געבראכט די נייס? אין ראמאנאווקע האט מען געשמועסט, אז איינער א פויער האט אין וואלד, אף א בוים, געזען א בלאט פאפיר, צוגעשלאגן מיט טשוועקעס. אפן פאפיר איז געשטאנען, אז דעם זונטיק אפן יאריד וועט מען שלאגן די אידן. אין פאפיוועקע האט מען דערציילט, אז מען האט געפונען „אונטערגעווארפענע" בריוו מיט גאלדענע פעטשאטן און אין די בריוו איז געשטאנען, אז מען מעג שלאגן די אידן. אין קראטשקיווקע האט מען איינער דעם אנדערן געשעפטשעט, אז דער קייסער האט ארויסגעגעבן א געזעץ, אז דריי טעג און דריי נעכט מעג מען ראבעווען די אידן און אז קיינעם וועט דערפאר ניט קומען קיין שטראף. אין קאפאנקע האט א פארבייגייער דערציילט, אז עס וועט זיך אנהויבן „אין אויעזד" און עס וועט זיך פארשפרייטן איבערן גאנצן לאנד, ביז מען וועט פארפעטשאטעווען זייערע אומריינע געבעטהייזער. אין שעפעטאווקע האבן גויעס דערציילט, אז זיי האבן אליין געזען, ווי אן אלטער איד האט געשפאנט איבערן פעלד, אף די פלייצעס האט ער געטראגן א זאק, פונם זאק זענען געפאלן רויטע טראפן, און דארט, וואו דער טראפן האט אנגערירט די ערד, האט זיך אנגעצונדן א בלא פייערל; דער איד זאל האבן דורכגעגאנגען איבערן גאנצן פעלד און פארשוואונדן געווארן אין טייך, ווי אריין אין וואסער. אין אייניקע דערפער האט זיך פארשפרייט א פינצטערע אימה. מענטשן האבן גע־

רעדט שטילערהייט און אַרויסגעקוקט פון די פענצטער מיט פאַר־זאָרגטע אויגן, אַקוראַט ווי זיי ריכטן זיך אַף אַן אומגליק. על־טערע גויים און גויעס האָבן באַנאַכט פונם שלאָף געצלמט די הערצער און געשעפּטשעט אין אַנגסטן: „גאָספּאָדי פּאָמי־לוי" *). דער אינגערער עולם האָט דערווייל אָנגעהויבן שכורן, און שכורערהייט האָט מען זיך געשלאָגן מיט רציחה, און ניט איין שייגעץ איז אַהיים געקומען מיט אַ צעבלו־טיקטער נאָז און אַן אונטערגעהאַקטער זייט. אין קאַשפּע־ריווקע האָט מען אַפילו אַריינגעשטאָכן אַ שייגעץ אַ מעסער אין זייט, און איידער דער פעלדשער איז געקומען, איז דער יונג שוין געווען אַ קאַלטער. אין די דערפער האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין קאַשפּעריווקע האָבן די אידן דערהרגעט אַ שייגעץ.

האַווריליע איז געווען צווישן די, וואָס האָבן געשכורט.

די פּויערים האָבן ניט גערעדט פון דעם פּאָגראָם. מען האָט אפשר זיך אַליין ניט געוואָלט זאָגן, וואָס מען וועט טאָן דעם זונטיק אַפן יאַריד. מ'האָט נאָך אפשר גאָר ניט אָפּגע־מאַכט, צי מען וועט פאָרן אין שטאָט, צי ניט. אָבער אַז איין גוי האָט אַפן שליאַך באַגעגנט אַן אַנדער גוי פון אַ פרעמדן דאָרף, האָט מען געקוקט איינער אַפן אַנדערן מיט חשד, אַקוראַט ווי איינער אַפן אַנדערן האָט געטראָגן אַ באַהאַלטענע שנאה. באַ־לעבאַטישע גויים פלעגן קומען אַהיים אין אָוונט אָנגעבייזערטע און פאַרצאָרנטע, און אַז די ווייבער האָבן געפרעגט, וואָס עס הערט זיך, האָבן די מאַנען געברומט אונטער די נעזער און גע־שאָלטן מיט פאַראומערטע קללות.

קיינער האָט זיך ניט מודה געווען, צי ער וועט פאָרן, צי ניט, אָבער אַלע האָבן זיך געגרייט אין דער שטיל. אין גויאישע הייזער האָט מען בגנבה געשאַרפט מעסערס, אויפגעזוכט אין קלוניע און אַרומגערייניקט שקוואָרניעס, געפּרואווט דעם כח פון דעמבענע דריינגלאַך. גויאישע באַלעבאָסטעס האָבן געלאַ־טעט זעק און טאָרבעס, וואָס זענען געלעגן אין קאַמער אָן אַ

*) גאָט, האָב רחמנות.

נוץ. דאָ און דאָרט האָט מען הינטער דער קלוניע אָראָפּגע־שאַרט דעם גנאי *), אויסגעגראָבן אַ גריבל, אָוועקגעלייגט שייטער האָלץ פון אויבן און צוגעדעקט מיט שטרוי. די דער־פער זענען שווייגנדיקער געוואָרן. מ'האָט ווייניקער גערעדט. מ'האָט זיך אָפטער איינגעהערט, און טאָמער האָט איבערן טראַקט זיך באַוויזן אַ בריטשקע, אָדער עס האָט פון דערווייטנס אַ קלונג געטאָן אַ גלעקל, האָט מען אויפגעציטערט, ווי מען ציטערט אויף, ווען מען רייסט איינעם פּלוצים אַרויס פון אַ געשמאַקן טיפן שלאָף.

די עטלאַכע אידן, וואָס זענען געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן אין די דערפער, זענען פּלוצים ווי ניט געבליבן. צי האָבן זיי זיך איינגעשלאָסן אין די הייזער און ניט אַרויסגעשטעקט קיין קאָפּ אויף דער ליכטיקער זון, צי האָבן זיי מיטגענומען אַ פּאָר קלומקעס און אָוועקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין, כדי פאַרזונקען צו ווערן אינם גרויסן אידישן תהום, צי זענען זיי אויסגעטריקנט געוואָרן און אָוועק מיטן ווינט און מיטן רויך, ווי עס פאַרשווינדט אַ שייט האָלץ, ווען ער איז דורכגעברענט געוואָרן און געבליבן אַש, — ווער קען עס זאָגן? די דאָרפישע גויים האָבן זיך ווייניק אומגעקוקט אויף זייערע „איינענע“ אידן. די דאָרפישע גויים האָבן געוואוסט, וואָס מען קען נעמען בא היימישע אידן, און דאָס איז ניט געווען קיין סך. נישט פון די האָט מען גע־טראַכט. סיידן אַ דאָרפישער איד זאָל זיך אַמאָל אַריינוואַרפן צו אַ גויאישן שכן, זיך צוזוקן נאָענט צו זיין פּנים און ריידן מיט אַ פאַרשמאַכטן מויל און מיט אַ קדחת־פייער אין די אויגן: „הער, שכן, אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן אָפּגעלעבט איינער לעבן צווייטן, אַזוי פיל פרייד און לייד געטיילט אינאיינעם, אַזוינע פריינט געווען אונטער איין הימל און אויף איין ערד. הער, שכן, וועסט מיך באַהאַלטן בא זיך אין דעם יום־הדין? וועסט רחמנות האָבן אויף מיינע קליינע אומשולדיקע עופהלאַך?“ פּלעגט דער פויער זיך אָפּרוקן צוויי טריט פון דעם אידנס צעגליטע אויגן, זיך אויסבויגן איבער דער באַנק, מיט איין האַנט אָנגע־

*) מיסט.

שפּאַרט אַפן טיש, זיך זאָגן שטילערהייט: „ס'נאַמי קרעסטנאַיאַ סילאַ *), און ענטפערן דעם אידן מיט א שוואך קול: „נישקשה, האָב ניט מורא, יודקע, מיר וועלן דיך ניט לאָזן באַליידיקן", אָבער געזאָגט האָט מען דאָס מיט אזאַ קול, אַז דעם אידן איז ניט געוואָרן גרינגער אַפן האַרצן.

אין האַווריליעס דאָרף איז קיין איד ניט געווען, און האַווריליע האָט ניט געזען, ווי אזוי א איד וואַרפט זיך אין גסיסה־שרעק צווישן עטלאַכע הונדערט גויים.

אַז עס איז געקומען יענער זונטיק, האָבן זיך איבער אַלע וועגן געצויגן פויערשע פורן אין שטאָט אַריין. עס איז געווען מער יום־טוב'דיקע סוויטעס, ווי אַף אַנדערע יאַרידים, מער קעפּ באַשמירט מיט חזיר־שמאַלץ און צוגעקעמט מיט גרויסע ביינערנע קאַמען, מער רעדער גוט אָנגעשמירט מיט סמאָלע, און מער זעק און ווייבער אַף די וואָגנס הינטער די אָנטרייבער — די באַלעבאַטים. ערטערווייז איז געווען אזוי פיל וואָגנס, אַז זיי האָבן זיך געצויגן איינער הינטערן אַנדערן ווי גענז איבער א שמאָלער סטעזשקע. עס איז אָבער אויך געווען כאַפּטעס יונגוואַרג צו־פוס אין הויכע שמויסענע היטלען, די שיקסעס מיט א סך שנירלאַך קאָלירטע קרעלן אַף די הויכע בוזימס און מיט א סך קאָלירטע סטיינגעס פאַרפלאָכטן הינטן אין די האָר. די קרעלן האָבן געבלישטשעט און געקלאַפּט, די סטיינגעס האָבן געפלאַטערט אינם ווינטל און געקיצלט די פּנימער פון די שקאָצים, די שקאָצים האָבן געעפנט מיילער מיט א סך געזונטע ווייסע ציין און געלאַכט אין דער זומערדיקער פרישער לופט אַריין, און אַלעם צוזאַמען האָט אויסגעזען ווי מען גייט עפּעס אַף א גרויסער פריילאַכער שפּיל, וואָס וועט אַלעמען פאַרכאַפּן. שקאָצים און שיקסעס האָבן אויסגעטאָן די שטיוול, זיי געטראָגן אַף די פּלייצעס, און אַליין געשפּאַנט מיט באָרוועסע פיס איבערן פרישן ספּאָריש באַם זייט פון דעם וועג — דאָס גראָז האָט אזוי אנגענעם געקיצלט די פאַרגרעבטע פּיאַטעס, און טאַקע צוליב די באָרוועסע פיס האָט אַלעם אויסגעזען אזוי היימיש און פריידלאַך

---

*) זאָל אונז גאָט שומר און מציל זיין.

און פראָסט. און פונדעסטוועגן האָט זיך עפּעס ווי אַ קאַלט ווינטעלע געשניטן פון איין כאַפּטע צו דער צווייטער, פון די גויים אַף די פורן צו די פוסגייער באַם זייט פונם שליאַך.

דריי ווי'ארסט פונם שטאָט, באַלד הינטער סאָקאָלאָווקע, האָט זיך אָנגעהויבן דער שאָסיי. פון דעם בערגל הינטער סאָקאָלאָווקע האָט מען שוין געקענט זען די דעכער פון דער שטאָט. גלייך, ווי אַן אויסגעצויגענע סטרונע, איז געלעגן דער ווייס־געפּלאַסטערטער שאָסיי און געגלימצערט אין דער זומערדיקער זון. פון דעם בערגל האָבן די פּויערים דערזען, אַז עפּעס רירט זיך פון שטאָט אַרויס. מענטשן אין געשלאָסענע רייען האָבן, דאַכט זיך, מאַרשירט אַפן וועג קיין סאָקאָלאָווקע. איבער די רייען האָט דאָ און דאָרט זיך אָנגעצונדן אַ ווייסער פונק. עטלאַכע פּויערים האָבן צוגעשטעלט די דלאָניעס, ווי אַ דעכעלע, איבער די אויגן, געקוקט אין דער ווייטקייט, געגאַפט. איינער האָט געזאָגט: „סאָלדאַטן", אַן אַנדערער האָט געזאָגט: „זיי טראָגן ביקסן". די פּויערשע וואָגנס האָבן זיך פאַרהאַלטן אַף אַ מינוט. פון סאָקאָלאָווקע זענען אונטערגעקומען אַלץ מער און מער כאַפּטעס פוסגייער. דער קראַטשקיווקער סטאַרשינאַ האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַ קרומען שמייכל: „די סאָלדאַטן פאַרלאָזן די שטאָט. דער פּאָלק גייט אַרויס אַף מאַנעווערס. ניטאָ מער אין שטאָט קיין מיליטער". עפּעס ווי אַן „אַך" האָט זיך דורכגעטראָגן צווישן די פעדערשטע פּויערים, זיך איבערגעגעבן אַף הינטן, זיך געשליינגלט ווייטער און ווייטער, און באַלד האָבן אַלע געוואוסט, אַז די שטאָט איז געבליבן אָן שוץ, אַז עס וועט ניט זיין קיינער, ווער ס'זאָל זיך שטעלן אין וועג. העכער האָבן זיך אויפגעהויבן קעפּ, קולאַקעס האָבן שטילערהייט אָנגעטאַפּט די מעסערס אין די כאַליעוועס, גויעס האָבן זיך איבערגעשמייכלט איינע צו דער אַנדערער פון די וואָגנס, יונגוואַרג האָט ווילד געלאַכט. פון אומעטום האָט זיך געהערט אַ חוזקגעלעכטער, און געקלונגען האָט עס פון אָנהויב ברייט און נאָכדעם דינער און שפּיציקער: אי־אי־אי־ך!

אין א האלבער שעה ארום זענען שוין די ערשטע וואגנס אריינגעקומען אין פארשטאט.

☘

די שטאט האט זיך כמעט ניט געענדערט. עמיצער האט אריינגעשעפטשעט אין די אויערן פון דער שטאט: „נאר ניט מאכן קיין ווען! ניט לאזן מערקן, אז מען האט מורא. האלטן אפן אלע געשעפטן! קויפן און פארקויפן ווי שטענדיק. רעדט צו דיר א גוי, ענטפער אים פריינטלאך. אפשר וועט פארט אונז אויסמיידן דער ביטערער בעכער“.

די שטאט האט זיך כמעט ניט געענדערט. אפן וועג, בארג־ארויף, פון דער גרעבליע צום מארק־צו, זענען שטעלמאכער גע־שטאנען בא זייערע ווארקשטאטן פאר די הייזער און גערדרייט די רעדער. קאוואליעס האבן אין די אפענע קוזניעס געקלאפט מיט גרויסע האמערס, און דורך די ברייטע טירן האט מען גע־קענט זען, ווי אזוי דער בלאז־זאק כראפעט און כריפעט און בלאזט ארויס א ווייס פייערל פון צווישן די קוילן. אביסל ווייטער האבן שטריקל־דרייער געפלאכטן לאנגע שנירלאך און גע־וויקלט זיי אף די לייכטע רעדלאך מיט די לאנגע דינע שטע־קעלאך. אויבן אין מארק זענען קראמען געווען אפן. די שטאט האט ארויסגעטראגן אין מארק אריין איר גאנצן אוצר: פעסער, און דייזשקעס, און עמערס, און אייזנווארג, און שניט־סחורה און אלע אנדערע טויזנט זאכן. אין יעדער קראם, בא יעדער שטעל זענען געשטאנען אידן און זיך געמאכט הארץ און ניט געוואלט קוקן איינער אפן אנדערן, כדי ניט איבערצולייענען אין יענעמס אויגן, וואס עס צאפלט זיך און בלוטיקט זיך בא אים אין הארצן. ווי שטענדיק, זענען ווייבער געזעסן לעבן קאשעקעס, און יעדע אידענע איז געווען ארומגעוויקלט מיט צוואנציק שאלן און האט אויסגעזען ווי א סקירדע היי. ווי שטענדיק, האבן זיך פון איין עק ביזן צווייטן געדרייט געפוצטע אידן מיט שטעקעלאך אין די הענט און מיט א גראבן פינגער פארשטעקט אינם גארטל — זיך ארומגעדרייט און זיך צוגעקוקט און זיך צוגעמאסטן צו אלע

סחורות, — אַקוראַט ווי זיי ווילן קויפן ווער ווייסט וואָס. ווי שטענדיק, האָט פון אַ זייטיקן געסל זיך געהערט דאָס מעקען פון קינדערלאַך אין אַ מלמדישן הויז. אָבער די ערד איז גע-ווען קאַלט אונטער אַלעמענס פיס; עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון דער ערד ציט אַ פראָסט און בייסט די פיס און גנבעט זיך איבערן רוקן־ביין אַרויף צום מח, און שטעקט קאַלטע, דינע נאָדלען דורך די ריפּן, און דער קערפּער ציטערט און צי־טערט שטילערהייט, אומבאַמערקטערהייט, און דאָס לעבן גלי־ווערט און גליווערט, און דאָס הארץ קילט און פרעסט זיך און טיאָכקעט און איז פאַרקוועטשט אין אייז־קאַלטע צוואַנגען. עס רעדט זיך עפּעס, און ס'איז ניטאָ וואָס צו ריידן. עס לייכט די זון — און ס'איז נישטאָ אַף וואָס צו קוקן. עס שטייט אַ שטאָט אָפן פון אַלע זייטן, און אַ הייסער, פאַרביסענער שאָרך האָט פון איין עק ביזן אַנדערן אָנגעזאָגט די וויסטע בשורה: „דער פאָלק גייט אוועק; מען האָט אויסגעליידיקט אַלע קאַזאַרמעס". און אָפּגעפּוצטע אידן מיט גאַרטעלאַך איבער די זיידענע קאַפּאָטעס און מיט דינע שטעקעלאַך אין די הענט דערציילן זיך, אַזוי זיך, ווי אַ שטיקל שטאָט־פּאָטשט, אַז מען האָט צוגעזאָגט דעם פּאָלקאָווניק אין יד אריין צוויי טויזנט קאַרבווינים, אַז מען האָט זיי געבראַכט מזומן צו אים אין קאַ-זינאָ, אָבער דער פּאָלקאָווניק האָט זיך אַרומגעוויקלט אין אַ מאַנטל פון פרומקייט, האָט געקוקט אַפן קייסערס פּאָרטרעט און געזאָגט מיט אַ שטרייננגער מינע: „אַ באַפעל פון אויבן איז געזעץ, און איך קען פאַר אייך, אידעלאַך, ניט טאָן גאָרנישט"... פון מויל צו מויל איז געגאַנגען די נייעס, ווייבער האָבן זיך שטיל צוגעבויגן צו ווייבער און עפּעס געזאָגט אַפן אויער, און דערפון איז פינצטער געוואָרן דאָס ליכט פונם טאָג.

געשטאַנען אַן אָפענע שטאָט, אָפן פון אַלע פיר זייטן, און אידן איז געווען, קיין עין־הרע, אַ היבש ביסל, אָבער מיידלאַך האָט מען ווייניק־וואָס געזען. וואָס האָט מען געטאָן מיט די מיידלאַך? וואָס וועט זיין מיט די מיידלאַך? בעסער ניט רעדן. די ערד איז קאַלט אונטער די פיס, און אַ קעלט קריכט פון אונטן אַרויף, און אייזיקע צוואַנגען נעמען אַרום דאָס

האַרץ, און ערגעץ האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ געשריי, אַ אי־דישער ווייבערשער געשריי: „אוי!“, און צום געשריי זענען צוגעשטאַנען אַ טוץ אַנדערע הייסע, גרילצנדיקע געשרייען, און שוין איז געוואָרן אַן אויפלויף אין יענעם ווינקל, און אידן — פּאַרט מאַנסבילן — האָבן קוים באַרואיקט און איינגעשטילט די ווייבער. און פרעגט מען זיי: וואָס האָט איר זיך פּלוצים צעשריגן פון דער העלער הויט? — ווייסן זיי ניט וואָס צו זאָגן, און נאָר איינע, די אינגערע, שעפּטשעט אַרויס, אַז זי האָט ניט געקענט איבערטראָגן די שטילקייט, עס האָט זיך איר געדאַכט — דער מח וועט פּלאַצן, אויב זי וועט ניט אַרויס־לאָזן פון זיך דעם ווייטאָק. אידן זענען זיך צוריק צעגאַנגען איבער זייערע ערטער, אידן האָבן צוגעשאָקלט אומצופרידן מיטן קאָפּ, און פון דעם צופאַל איז נאָך קעלטער געוואָרן, און עס האָט זיך שוין גאָרניט געוואָלט רעדן.

איז אַז עס קומען גויים אין שטאָט אַריין, און מען שטעלט אויס די וואָגנס אַפן געוויינטלאַכן אָרט, און מען הייבט אָן די פערד אָפּ די העלזער די רעפּטוכן מיט האָבער, און מען לאָזט זיך אַוועק איבער די שמאָלע געסלאַך צווישן די שטעלן, און מען גייט אַריין אין די קראָמען, און מען פרעגט מקחים — טאָ וואָס זאָלט איר, אידעלאַך, טאָן? רעדט מיט זיי, פרעגט זיי, וואָס מאַכן ווייב און קינדער, פאַרלאַנגט ניט קיין הויכע מקחים, לאָזט זיך ניט לאַנג דינגען, רעדט מיט זיי, שמייכלט, לאַכט, אי־דעלאַך, לאַכט, ס'זאָל זיך אַפילו לאַכן מיט יאַשטשערקעס. ווייזט ניט קיין פּחד, אידעלאַך. ס'איז דאָך אַלצדינג ווי געוויינטלאַך, ס'איז דאָך נישט מער ווי אַ יאַריד. קוקט זיי אין פּנים אַריין, ווייבער. שווערט זיך אָף אייערע נאמנות, אַז עס קאָסט אייך אַליין אַזוי פיל און אַזוי פיל, זאָגט ניט „פּויער“, „מוזשיק“, זאָגט „פּריץ“, „ליבינקער“, „טייערינקער“, און אַליין טראַכט דער־ביי, אַז חנה'לע האָט זיך באַהאַלטן אין קאַמער, אין אַ דייזשקע, און ליגט דאָרטן פון אינדערפרי אָן, און איר פּילט אין אייערע קישקעס, ווי אַזוי זי ציטערט דאָרטן אין גענֿן און גרינעם פּחד. פאַרשטעלט זיך, אידעלאַך, קרימט אייערע ליפּן, הויבט

אייערע הענט, מאַכט דעם אָנשטעל, אַז איר ווייסט גאָרנישט, איר האָט ניט געהערט, איר האָט ניט געזען, ס'וועט אייך ניט שאטן, ס'איז א טאָג ווי אַלע טעג, און מאלע וואָס? און וואָס קען מען זיך העלפן ? און די ערד איז קיל אונטער די פיס, און אַז דער קלויסטער־גלאָק זאָגט אָן צוועלף אזייגער, טוען זיך אַלע אַ וואָרף מיטאַמאָל, ווי מען וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ בייזן שלאָף, און עס גלויבט זיך ניט, אַז עס איז ערשט צוועלף אזייגער, און עס טוט אַ נאָג אַ געדאנק: וואָס וועט דערפון ווערן ?

***

אין פאָרשטאָט, אין א קליינעם שטיבל, האָט זיך פאַרזאַמלט די זעלבסטשוץ. זיבעצן בחורים און פיר מיידלאך מיט צוועלף רעוואָלווערן. מען האָט געהאַלטן אַ רעדע, און עס איז ניט געווען פון וואָס צו רעדן; מען האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון פאַרטיידיקונג און אַטאַקע, און עס איז געווען אַזוי לעכערלאַך־קלאָר און אַזוי פאַטאַל־אומפאַרמיידלאך, אַז זיבעצן בחורים און פיר מיידלאך, וואָס נאָר צוויי פון זיי האָבן געוואוסט ווי אַזוי צו שיסן, וועלן מיט צוועלף רעוואָלווערן ניט קענען באַשיצן אַ שטאָט קעגן עטלאכע הונדערט פויערים און פויערטעס און אַז פון דער פּראָבע וועט זיך אויסלאָזן אפשר נאָך מער פאַרביטערונג און מער בלוט. עמיצער האָט אַ זאָג געטאָן, אַז עס איז זיך אפשר נאָר ניט כדאי צו נעמען פאַר זעלבסטשוץ מיט אַזוי ווייניק קרעפטן. אָבער דער לינקסטער צווישן די בחורים האָט געזאָגט, אַז אויב מען פּרואווט ניט, קען מען קיינמאָל ניט געווינען, אַז מען ווייסט ניט וואָס אַ זעלבסטשוץ־פּראָבע קען אַרויסרופן אין שטאָט, אַז דער היגער ביישפּיל קען האָבן אַ באַדייטונג פאַר די איבעריקע שטעט, און אַז בכלל איז גרינגער צו שטאַרבן קעמפנדיק, איידער זיך לאָזן אויסשעכטן ווי די קעלבער.

און דערפון, וואָס דער יונגער מאַן האָט גערעדט וועגן שעכטן און וועגן קעלבער אַזוי פּשוט, ווי מען רעדט וועגן טאָגטעגלאכע זאכן, און דערפון וואָס עטלאכע בחורים האָבן געהאַלטן די רעוואָלווערן אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען הייסע קוילן און

וואָלטן נעברענט די הענט, און דערפון וואָס די שטענדיק־דרי־רעוודיקע און באַרעדעוודיקע יונגע קינדער זענען געווען אַזוי מאָדנע אומבאַוועגלאַך און קאַלט, איז נעקראָכן אַ שרעק ווי אַ קאַלטע שלאַנג און זיך אַרומגעוויקלט אַרום אַלעמענס העלזער און צונויפגעצויגן זייערע טונקעלע רינגען און פּאַמעלאַך נע־דריקט צום טויט. עס האָט אַפילו ניט געהאָלפן, ווען איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט אַרויסגערעדט מיט האַרץ: „פאַרפלוכטע אידישע פּחדנות! זיצן עטלאַכע הונדערט קרעמער און וואַרטן אַף דער פּגירה, ווי הינער אין שעכט־הויז! ווען זיי אַלע וואָלטן זיך נעפּרואווט ראַנגלען, וואָלט מען דאָך געקענט פאַרטרייבן די גראַמילעס. די מערסטע זענען דאָך טרוסן!"

אַזוי פיל מאָל האָט מען שוין גערעדט וועגן דעם און אַזוי לאַנג האָט דער געדאַנק איבערגעברענט אַלע נערוון, אַז די ווער־טער זענען געבליבן הייגנען אין דער לופטן און זענען צע־שוואומען געוואָרן ווי אַ רויך. ניטאָ וואָס צו רעדן. ניטאָ זיך אַף וועמען צו קלאָגן. ניטאָ וואָס צו טאָן. פון די פענצטער פונם קליינעם הייזל קריכט אַריין אַ שרעק, אין די הערצער ווערט געשוואָלן אַ בייזער שרעק, אַף די קעפּ, אַף די יונגע, בליענדיקע שוואַרצע און בלאָנדע לעבעדיקע קעפּ פאַלט אַ שטיינערנע משא, פאַלט דער אַש פון דער וועלט. זיבעצן בחורים און פיר מיידלאַך ווילן ראַטעווען אַ שטאָט. צוויי פון זיי קענען שיסן פון רעוואָלווערן. „די העלדישע זעלבסטשוץ פון דער אידישער שטאָט ס."

זעקסטער קאפיטל.

האורילע איז פון אינדערפרי אן ארומגעגאנגען אין דער לופטן. אט אזוי: ער שטעלט א פוס, און עס דאכט זיך, אז דער פוס רירט ניט אן די ערד; ער שטעלט א פוס, און עס דאכט זיך, אז צווישן פוס און דער ערד איז עפעס א דורכזיכטי־קער ווייכער קישן, וואס מען קאן אים ניט צעטרעטן. ווען האורילע וואלט געקאנט א קוק טאן אף זיך אליין, וואלט ער געזען, אז די גרויסע אויגן זיינע האבן זיך געעפנט ברייטער ווי שטענדיק און עס טאנצט אין זיי א משונה פייערל, בשעת די ליפן זענען האלב־געעפנט איבער צונויפגעפרעסטע ציין, און איבערן פנים גייט איבער אלעמאל א קרומער ציטער.

האורילע האט זיך אי געשראקן פארן פאגראם, אי גע־גרייט זיך צו דער ארבעט, אי געוואַרט מיט אומגעדולד, ווען עס וועט זיך שוין אנהויבן דאס רעכטע. אין הארצן האט די גאנצע צייט געקלאפט א העמערל, די פיס זענען געווען ווי אייזערנע ספרוזשינעס, און אין מוח, אין א רויטלאכן טומאן, איז געשטא־נען איין בילד: „זשידאוואטשקעס" *). נאך דעם לעצטן דינסטיק האט ער דאס דערהערט אינם שכנישן דארף: אן אלטער גוי מיט איין אויג און מיט א מיאוסן שמייכל אף די גראבע ליפן אונטער חזירשע דינע וואנצעס האט א שטורך געטאן האורילען אין זייט און א זאג געטאן: „וועסט זיך ספאזשיווען מיט אידישע נבלות, הא?" דער גוי האט אויסגעשפיגן און זיך געווענדט צום גאנצן פויערשן גע־זעמל: „אייך, בחורים, איז גוט, א רוח אין אייער טאטן, איר

---

*) אידישע מיידלאך.

האָט כח, ווי די אָקסן. מיר, עלטערע, עך, — פאַרשפּילט אונזער צייט. איר זאָלט מיך אָבער געוועז זען אין האָלטע, אַ־האַ, דאָרט, זאָג איך אייך, האָב איך איבערגעלאָזט אביסל ווערים...״ און דער אַלטער גוי האָט אויפגעעפנט דאָס פאַר־שימלטע מויל און געוויזן צוויי שורות שוואַרצע, אָפּגעביסענע און פאַרשטונקענע ציין.

„אידישע מיידלאך!״ האַווריל׳ע האָט ניט איינמאָל גע־זען אידישע מיידלאך אין שטאָט. האַווריל׳ע האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער אין אידישע הייזער און געזען מיידלאך און ווייבלאך מיט חנעוודיקע פּנימער, מיט דינע ווייסע הענט, מיט קליינע פיס, און ער האָט ליב געהאַט צו טראַכטן, אַז זיי האָבן ווייכע לייבער מיט הויכע ווייסע ברוסטן. האַווריל׳ען איז ניט אָפּט אויסגעקומען צו זען מיידלשע לייבער. האַווריל׳ע איז געוועזן אָרים. אפילו די צוויי טעכטער פון דער אַלטער ראַ־מאַניכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן יעדן איינעם פאַר אַ מטבע, האָבן אים געטריבן פון זיך, ווייל ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. דאָס איינציקע מאָל האָט ער געהאַט צו טאָן מיט אַ מיידל פאַר צוויי יאָרן זומער, ווען ער איז באַפאַלן יענע אומבאַקאַנטע שיקסע אין וואַלד. ער האָט זיך נאָכדעם אַליין ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, ווי אַזוי דאָס איז געשען. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז זי איז געשלאָפן אויפן גראָז אונטער אַ בוים ניט ווייט פון וועג, מיט צעוואָרפענע הענט און פיס. אין אים האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל אָנגעצונדן, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער שלאָפנדיקער, ווי עס וואַרפט זיך אַ הונ־געריקע חיה אויף אַ שטיק פלייש. ערגעץ האָט זיך אים געבאָמבלט אין מוח, אַז די שיקסע האָט זיך ווייניק געוועהרט. זי האָט אים נאָר נאָכדעם געשאָלטן מיט פּריקרע ווערטער און גערופן: „קעלבל״. אָבער קלאָר האָט ער קיין זאַך ניט געדיינקט. דער גאַנצער אָנפאַל איז געשוואומען אין זכרון ווי אַ רויכיקער טשאַד. פון דעמאָלט אָן האָט ער מיט אַנדערע אויגן געקוקט אויף די שיקסעס און גויעס, און אין זיין גאַנצן שטאַרקן שטאָלענעם קערפּער האָט געלויערט אַן אימפּעטדיקער אומרייִנער פאַרלאַנג.

אין דער לופטן איז אַרומגענאַנגען האַווריל׳ע, און אַלצדינג,

וואָס ער האָט געזען, איז אים אויסגעקומען קאַפּויר. צו שטיל איז אין שטאָט. צו רואיק שלעפּן זיך די פּויערים איבערן מאַרק און דורך די גאַסן. צו פריינטלאַך זענען די אידן. צו קיל איז דאָס ווינטל, כאָטש די זון ברענט זייער הייס. אָדער אפשר ברענט עס אין האָווריִלעס מח? ווי צוויי שווערע שטיקער שטיין פּילט ער זיינע צונויפגעפּרעסטע אָרעמס, און אין מח, אין אַ רויטן טומאַן, וויקלען זיך בילדער: אידישע פרויען, אידישע מיידלאַך, לייבער, בריסט, היץ, בלוט.

אין דער לופט צווישן הימל און ערד האָט געשפּאַנט אַ שיינעץ האָווריִלע, אָפּגעטיילט פון אַלע איבעריקע גוים, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען אַליין אין אַ פעלד, איינגעשלאָסן אינם פייערדיקן קרייז פון זיינע אייגענע לוסט־פאַרלאַנגען, ווי אין אַ שטיינערנעם מויער, אַליין אַ שטיינערנער טורעם, וואָס וועט אומוואַרפן אַלץ, וואָס שטעלט זיך אים אין וועג.

ווי פון אַ גרויסער הויך האָט האָווריִלע געקוקט אַף דעם, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן. די מאָנאָפּאָלקע האָט זיך געעפנט נאָך צוועלף אזייגער. עפּעס גאָר גיך און אָן אַ סך טענות האָבן זיך דורך דעם אָפענעם לאָדן אַ שאָט געגעבן האַלבע אָקעס און קוואַטירלאַך. קאָרקעס זענען געפלויגן אין דער לופטן, ברענענדיקע וואַסער האָט זיך געגאָסן דורך די גאָרגלען און געקראָכן אין קאָפּ אריין, און אז מען טרינקט אויס און מען וויל פאַרבייסן, גייט מען צו צו אַ אידענע, וואָס זיצט אַף דער ערד מיט אַ גרויסן לאַנגן קאָשעק געפּרעגלטע פיש, און מען פרעגט זי, ווי טייער אַ פישל, און אז די אידענע זאָגט: „פינף קאָפּיקעס אַ שטיק“, צעלאַכט מען זיך, און איינער אַ פּויער קריכט אריין מיט ביידע שטיוול אינם קאָשעק און הויבט אָן טאָפּטשען די פיש. און אז די אידענע מאַכט אַ געוואַלד, געפינען זיך באַלד אַ פּאָר שקאָצים — און הויבן אויף דעם קאָשעק, און טוען אים אָן דער אידענע אַפן קאָפּ, און זי ליגט שוין אונטן, באַגראָבן אונטער די פיש, און צען פּאָר פיס טאַנצן שוין איבער דעם קאָשעק און איבער דער אידענע און איבער אַנדערע קאָשעקעס מיט אַנדערע אידענעס, וואָס וואַלגערן זיך, ווי צעטראָטענע שמאַטעס איבערן שטויב פונם מאַרק. און אַז

פון דעם ווינקל שניידט זיך אַרויס אַ שאַרפער און שפּיציקער געשריי, ענטפערט מען אים שוין אָפּ פון אַלן זייטן מיט פּונקט אַזוינע שפּיציקע און שניידנדיקע געשרייען און מיט אַ ברייטן בייביקן: „כאַ־כאַ־כאַ!" און אַז די צווייערליי געשרייען שטויסן זיך צוזאַמען אין דער קלאָרער זוניקער לופט, הערט זיך פון נאָענט און ווייט, עפּעס ווי אַז אַפּגערעדטע זאַך, עפּעס ווי אַן אומגעריכטער, נאָר גוט־צונויפגעפּאַסטער כאָר: „בעי זשידאַ, בעי זשידאַ!" — און דאָס ווערט דער אַקאָמפּאַנימענט פון דעם גאַנצן פּאָגראָם דורכן גאַנצן טאָג.

„בעי זשידאַ!" שרייט אַ כאַפּטע צעיושעטע פּויערים מיט גרויסע שמויסענע היטלען, מיט גראָבע וואָנצעס און מיט גרויסע קיילאַכדיקע אָפענע מיילער, און זיי טוען זיך אַ רוק אַף אַ שטעל מיט געפּעס, און דזין־דלין־דלין קלינגען די צעבראָכענע גלעזער, שיסלען, קריגלאַך, ש־ש־ש — גיסט זיך דאָס בלוט פון דעם פּאַרקויפער, ווען מען אַ שאַרף שערבל האָט איבערגעשניטן דעם האַלז. אויסגעצויגן צווישן די חורבות פון געפּעס ליגט דעם אידנס קערפּער — אַ שמאַטע צווישן צענדילקע אַנדערע שמאַטעס. „בעי זשידאַ!" שרייט אַ קאָמפּאַניע שקאָצים מיט ליכטיקע אויגן, מיט ווייסע ציין און מיט געזונטע געמבעס, און דרייזנ־דראַזנ פליען שטיינער פונם ברוק אין די פענצטער פון אַ קראָם, און אַ געלעכטער פערלט זיך צווישן די יונגע שקאָצים, וואָס שפּילן זיך מיט שויבן־ברעכעריי, ווי קליינע קינדער שפּילן זיך אין ליאַלקעס, און אַ שטויס — און נאָך אַ שטויס — און אַ רוק — און אַ לויף — און פול איז די קראָם מיט שקאָצים, און מען כאַפּט שטיקלאַך סחורה, און מען וואַרפט זיי אַריבער איינער דעם אַנדערן, און עס פלאַטערט און עס פליט, עס וויקלט זיך סאַמעט, לייוונט, זאָנע, זייד, און אַ שייגעץ האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שטיק מולטע און אַרומגעוויקלט די שיקסע פון קאָפּ ביז די פיס, ווי מען וויקלט אַ קינד מיט אַ וויקל־שנור. די שיקסע ראַנגלט זיך און לאַכט, און די שקאָצים כאַפּן אַנדערע שטיקלאַך סחורה און וויקלען אַרום די שיקסעס, און עס באַקומען זיך מאָדנע פאַרביקע פאַנטאַסטישע פיגורן, וואָס לייכטן רויט און גרין און בלאָ און מינען זיך אַנטקעגן דער ליכטיקער זון. און

אַ פּויערטע אַ בעל־תּכליתטע פּאַקט אין זאַק אַריין שטיק־לאַך סחורה, און אַרום און אַרום איז פריילאַך, יום־טוב'דיק, צע־הוליעט, צעפּלאַמט.

„בעי זשידאָ!" שרייט אַ בינטל גויים און גויעס לעבן אַ גרויסן געמויערטן בנין. דער בנין איז שטאַרק, די פענצטער זענען פאַמרויערט מיט גראַטעס, די טיר איז אַ דעמבענע, ווי אַן אייזן. „עך־עך־עך!" — שרייט אַרויס דאָס בינטל און באַלד איז אויסגעוואַקסן אַ באַלקן, וואָס מ'האָט אים געבראַכט צו־שלעפּן אַף די פּלייצעס פון אַנדערן עק מאַרק, און — „טראַך־טאַך, טאַך־טראַך", מיטן באַלקן אין מויער, מיטן באַלקן איבערן שלאָס פונם מויער, און — „קראַק־קראַק", געפּלאַצט האָט דער טויער. אַ כוואַליע קערפּערס גיסט זיך אַריין אינם שפּייכ־לער. עס איז פינצטער אין שפּייכלער. מען שטויסט זיך איי־נער אָן אַנדערן אין דעם אומבאַקאַנטן בנין. „העי, חברה, צינדט אָן אַ שוועבעלע!" „העי, ווער האָט אַ קרעמען מיט אַ קנייטל!" מען שלאָגט אויס פונקען פון אַ קרעמען, מען האָט אָנגעריבן שוועבעלאַך אָן די האַרטע לייוונטענע פּלודערן. „העי, עס איז גאָר פּעסער!" איידער וואָס־זוען ברענט שוין אַ פאַס מיט קע־ראָסין. אַ צונג פייער טוט אַ לעק די כאַפּטע גוים. אַביסל ווייטער האָט איינער געהאַט אַרויסגעשלאָגן אַ צאַפּן פון אַ פאַס מיט אויל. דער טייך אויל צינדט זיך אָן. דער שפּייכלער ברענט, גויאישע סוויטעס ברענען, פּאַטשיילעס ברענען אַף גויאישע קעפּ. מענטשן שטויסן זיך, פאַלן איינער איבער אַנדערן, קייקלען זיך אין דער ברענענדיקער אָזערע, שרייען אַרויס אַ ווייסטן קוויטש פון צענדליקער העלזער. עס הויבט זיך אַ זייל פון רויך איבערן ברע־נענדיקן שפּייכלער. אַ חנעוודיק זומער־ווינטעלע קומט צופליען פונם טייך, טוט אַ בויג די זייל פון פייער. פּאַוואָליע, מיט ישוב הדעת, מיט אַ פּוילער גראַציע בויגט זיך אָן די זייל צו דעם שכנישן הויז, גליען שוין די שינדלען פונם דאַך, טוען זיי פּלו־צים אַ פלאַם אויף, הויבן זיך גרויסע פייער־קוגלען, ווי פלאַמענ־דיקע אַרבוזעס, טראָגן זיי זיך נידעריק איבערן מאַרק און אי־בער די הייזער, ווערט שוין גאָר פריילאַך צווישן די פּויערים אין שטאָט.

גייען צוויי כוואליעס: א כוואליע פון פייער און א כוואליע פון צעשטערונג, גייען טריט בא טריט, ברעכן, רייסן, בויגן, פרעסן, צעטרעטן. און וואו זענען זענען די אידן? זענען זיי גאר ניט געבליבן? ער, ווער קען זאגן? אט האט מען ארויסגעשלעפט פון א קעלער דריי דייזשקעס מיט זויערע אוגערקעס, עטלאכע קרינלאך מיט סמעטענע, א זאק מיט קארטאפליעס. די אונערקעס האט מען צעווארפן איבערן הויף. אפן ראסל האט מען אויפגעגאסן די סמעטענע, וואס האט זיך צעשפרייט אין שווימענדיקע ווייסע פאסן. אין דעם ראסל מיט דער סמעטענע האט מען ארייגעווארפן עפעס א הויקערדיקן נפש, וואס מען האט אים פאר א פוס ארויסגעשלעפט פונם קעלער. בשעת מען האט אים געשלעפט, האט די מארדע זיינע זיך געשלאגן אן די טרעפ, א קלאפ און א כליופ, און א כליופ און א קלאפ, און אז מען האט עס ארויסגעשלעפט אפן הויף, האט עס נאר א דריגע געטאן מיטן הויקער און געבליבן ליגן מיטן פוס אין ראסל.

„בעי זשידא!" האט האווריליע געשריגן פון א צעפלאמטן גארגל — און האט אליין ניט געוואוסט, אז ער שרייט. איינער אליין צווישן אזויפיל פויערים איז ער ארומגעגאנגען און געזוכט מיט ברייט־צעעפנטע בלויע אויגן — און מען האט באמת ניט געקענט וויסן, צי א שרעק, צי א ווילדע פרייד איז אויסגעגאסן אין יענע גרויסע. האלב־קינדערישע אויגן. „בעי זשידא", האט האווריליע געשריגן און אליין ניט געוואוסט, פונוואנען עס האט זיך בא אים גענומען א שקאליק מיט זעכציק־גראדעווע קאזיאנקע. א דריי דאס העלזל, א גאס אין מויל אריין, א קנאק די פלאש איבער א שטיין אין גאס, א קנאק מיטן צונג, ווי איינער רעדט: „גוט איז מיר אף דער וועלט" — און דער שייגעץ האווריליע האט צום ערשטן מאל אין זיין לעבן דערפילט, אז ער מ ע ג. אלע נייעצן שווערע הארעפאשנע יארן האט ער כסדר נ י ט ג ע ט א ר ט. מיט ציין און נעגל און קולאקעס האט ער מלחמה געהאלטן קעגן די, וואס האבן אים ג ע ש ט ע ר ט, וואס האבן אים געזאגט, אז מ ע ן ט א ר נ י ש ט. דורך בלוטיקע מלחמות האט ער זיך אמאל אין א לאנגער צייט דערשלאגן א טראפן „ מ ע ן מ ע ג ".

און אַלעמאָל איז אים זיין נצחון אויסגעפאַלן באָקאָם. און אַלע־מאָל האָט ער זיך געפונען אַרומגעצאַמט מיט נאָך שטאַרקערע ווענט. היינט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, האָט ער דער־פילט, אַז ער מעג. עס איז זיין שטאָט און זיינע גאַסן, און זיינע טויזנטער זאַכן, און זיינע אידעלאָך, און זיינע אידישע מיידלאָך.

מיט איין שטורך פונם שפּיץ לאַפּציע האָט ער אומגעוואָרפן אַ שטעלכל מיט זויערע עפּל. הויך אין דער לופטן אַריין האָט ער געשטויסן די עפּל מיט זיין רעכטן פוס, אָבער דאָס האָט אים נאָך ניט געגעבן קיין שפּאַס. אין איין אָרט לעבן אַ קליידער־געשעפט האָט ער אָנגעצויגן אויף זיך אַ וואַטאָווע לייבל געדעקט מיט גרוילאַכן גראָבן געוואַנט. דאָס לייבל איז אָבער געווען צו איינג פאַר זיינע ברייטע פּלייצעס. די אַרבל זענען גע־קראָכן איבער די הענט, און בכלל איז אים באַלד געוואָרן אַזוי היים, אַז ער האָט אָנגענומען דאָס לייבל מיט דער רעכטער האַנט פאַרן לינקן לאַץ און עס אַ ריס געטאָן פון זיך. דאָס לייבל איז צעריסן געוואָרן אויף צוויי און זיך אַרונטערגע־גליטשט פון זיין גוף.

„בעי זשידאַ!“ האָט האַווריִלע געשריגן אין כאָר מיט דער גאַנצער שטאָט, און ערגעץ האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ באַרג מיט שטיוול לעבן אַ צעבראָכענער קראָם. שקאָצים מיט שיקסעס מיט עלטערע גויעס זענען געזעסן אויף דער ערד און פאַרריסן די פיס און אָנגעמאָסטן שטיוול. איינער אַ פּויער מיט אַ בלעכל פון אַ סאָטסקע איז געשטאַנען אינמיטן און גע־שריגן מיטן קול פון אַ קאָמאַנדיר: „יושר איז יושר! מער ווי איין פּאָר שטיוול זאָל ניט נעמען קיינער!“ אין האַווריִלען האָט אַ טייוול אַ דריי געטאָן מיט זיין עקל. דער שייגעץ האָט פאַר־בייגייענדיק אָנגענומען דעם סאָטסקע׳ס קאָפּ אונטער זיין אָרעם און אָוועקגעשלעפּט דעם גוי נאָך זיך, ווי מען שלעפּט אַ שטיק האָלץ. מיט דער אַנדער האַנט האָט ער אָנגענומען אַ בינטל שטיוול, און אַזוי איז ער געגאַנגען פאַראויס, דער סאָטסקע אונ־טערן לינקן אָרעם, די שטיוול איבערן רעכטן אַקסל. דער סאָטסקע האָט געקוויטשעט: „העי, הינטישער זון, האָסט ניט

קיין רעכט, ניטאָ אזא געזעץ!" שקאַצים און שיקסעס האָבן געלאַכט אין די הויפנס, און האַורילע האָט געברומט: „וואַרט, שטיק פלייש, איך וועל דיר ווייזן, וואו דער געזעץ וואַקסט". אָבער באַלד האָט אים דערעסן די גאַנצע מעשה און ער האָט אָפּגעלאָזט דעם פויער, וואָס האָט נאָך לאַנג געפּאַרשקעט און נים אויפגעהערט שילטן. אַף אַ נאַניק פון אַן אָפּגעברענטן הייזל האָט האַורילע זיך אַוועקגעזעצט אָנמעסטן די שטיוול. ער האָט אָבער באַלד אויסגעפונען, אַז זיי זענען ניט געווען צו דער פּאָר, און ער האָט זיי מיט כעס אַ שטויס געטאָן פון זיך. צוריק אָנטאָן די לאַפּציעס האָט זיך אים ניט געוואָלט — און אַזוי איז ער אַוועק איבערן שטאָט מיט באָרוועסע פיס.

די שטאָט האָט געברענט, די שטאָט האָט געקלונגען מיט די גלעקער פון אַלע קלויסטערס. די שטאָט האָט זיך געררוי־כערט מיטן פרישן בלוט, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אַף דער ערד און אַף די שטיינער. די שטאָט האָט געקלאַפּט און גע־נרילצט און געזשומעט מיטן קלאַנג פון צעשטערונג. די שטאָט האָט געלאַכט מיט אַ ברייטן, קיילאַכדיקן, בייכיקן געלעכטער. און די שטאָט האָט שטילערהייט געזיפצט: אין פאַרבאַרגענע ווינקעלאַך, אַף שטויביקע בוידימס, אין פינצטערע קעלערס, אין בית-מדרש הינטער דער הרובע, אַפן בית־עולם לעבן די קברים, אין די אָפּגעברענטע הייזער צווישן האַלעוועשקעס און צעמורשטע שמאַטעס האָט שטיל געזיפצט די אידישע שטאָט. און עס האָט זיך געדראַכט, אַז פון איין האַרץ צום אַנדערן האַרץ, פון איין טויט־געפּייניקטער נשמה צו דער אַנדערער נשמה איז געגאַנ־גען די שטומע פראַגע: „ביז וואַנען ? אוי, גאָט דערבאַרעמ־דיקער, ביז וואַנען ?"

האַורילע האָט זיך פּלוצים געפונען אַליין אין אַ געסל, ווייט פון אַלע איבעריגע גויים. עס איז שוין געווען שפּעט באַ־טאָג. די זון איז שוין ניך געפאַלן צו מערב־צו. די דריי ערשטע הייזער פונם געסל האָבן אָפּגעברענט, און אַ רויך האָט זיך גע־הויבן פון זייערע חורבות. דאָס פערטע הייזל איז געווען גאַנץ. האַורילע האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אַפן הייזל, ווי

ער וואָלט אַזוינס דערזען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. דאָס הייזל איז געווען אָפּגעצאַמט פֿון דער גאַס מיט נידעריקע גראָע שטאַכעטן, און אַף דעם אָפּגעצאַמטן שטיקל ערד זענען געוואַקסן גראָזן און קווייטן. האַוורילע האָט דערקענט די געאָרגינעס און די געלע געזונטע שמעקנדיקע פּאָוניאַקעס. די איבעריקע האָט ער אָבער ניט געקענט — און דאָס האָט אים פֿאַרדראָסן. „אָט ווי זיי לעבן — די הינטישע אומה!“ האַוורילע האָט מיט כעס אַ שטויס געטאָן די פֿאָרטקע און איז אַריין אין גאָרטן. איידער ער האָט געעפֿנט די טיר פֿונם שטיבל, האָט ער אַ שטויס געטאָן מיט זיין פֿוס די אויפֿגעבלאָזטע בלאָע און ראָזעווע בלומען. ער האָט אָבער פֿאַרשטאָכן דעם באָרוועסן פֿוס אָן אַ טרוקן צווייגל, פֿונם פֿאַרשטאָכענעם פֿוס האָט אַ טריף געטאָן בלוט, האַוורילע האָט זיך אויסגעשאָלטן מיט הארץ, און עס איז אים געוואָרן נאָך שווערער אַף דער נשמה.

פֿונם קאָרידאָרל האָט ער זיך גענומען אַף רעכטס. עס איז געווען אַ קליינער צימער מיט איין פֿענצטער צו דער גאַסצו און מיט אַן אַנדערן צו אַן אַנדער הויז. אין צימער איז ניט געווען קיין סך מעבל. אַף אַ פּאָליצע זענען געשטאַנען אַ סך ביכער, און אָפֿן טיש און אַף דער באַנק האָבן זיך געוואַלגערט פּאַפּירן און דינע אומגעבונדענע ביכלאַך. דאָס צימערל איז געווען ריין. האַוורילעס פֿאַרשטאָכענער פֿוס האָט געלאָזט בלוטיקע צייכנס אַף דער וויבערער פּאָדלאָגע. האַוורילע האָט זיך מיט אַמאָל דערפֿילט איינג אינם צימער. די לופֿט איז געווען קיל, די גלאַטע פּאָדלאָגע האָט געקילט די באָרוועסע פֿיס, אַף די פֿענצטער זענען געווען טעפּ מיט געוויקסן, אַלצדינג איז געווען מורא'דיק־שטיל, און די שטילקייט האָט האַוורילען גערייצט. רעכטס פֿון דער טיר איז אינמיטן וואַנט געהאָנגען אַ שפּיגל. האַוורילע האָט אַריינגעקוקט אין שפּיגל און דערזען אַ צעשויבערטן קאָפּ מיט אַ סך ווייסע קודלעס, וואָס זענען געקראָכן אין אַלע זייטן ; אַ פֿאַרקרימט מויל מיט האַלב־געעפֿנטע ליפּן, צווישן וועלכע מען האָט אַרויסגעזען צוויי שורות ווייסע פֿאַרשטשעמעטע ציין; בלאַסע, פֿאַרשטויבטע און שווייסיקע באַקן, וואו די רויטלאַכע הערלאַך זענען געשטאַנען דיבאָם, און אַ האַלז

מיט אן אויפגעשוואָלענעם אָדער, וואָס האָט אָן אן אויפהער געקלאַפּט. אן אַנדער אָדער האָט כסדר געקלאַפּט אַפּן זייט פונעם שטערן. האַוורילע האָט געפּרואווט א ריר טאָן מיט די ליפּן — און די שפּיגל-געשטאַלט האָט זיך פאַרקרימט און געמאַכט א ווילדע האַוואַיע. האַוורילע איז אין כעס געוואָרן אַף דער צורה אין שפּיגל און האָט א קנאַק געטאָן מיטן קולאַק איבערן גלאָז. דער שפּיגל איז צעפּלוינן געוואָרן אַף שטיקלאַך, און האַוורילע האָט אַרויסגעברומט א מיאוסע קללה. אים האָט זיך געדאַכט, אז דאָס שטיבל רייצט זיך מיט אים, אז אַלצדינג קוקט אַף אים מיט חוזק. באַלד האָט ער זיך גענומען צו די ביכער, געריסן זיי אַף שטיקלאַך, אָפּגעריסן די טאָוולען און געוואָרפן די בלעטער אַף דער פּאָדלאָגע. וואָס מער ער האָט געריסן, אַלץ מער איז ער געוואָרן אין כעס. אים האָט זיך געדאַכט, אז ס'איז נאָר ניטאָ קיין עק צו די ביכער, אז די זשידעס רוקן אומיסטנע אונטער נייע און נייע ביכער, כדי ס'זאָל אים אַרן. אַף זיי קען מען זיך ריכטן. ער האָט גענומען שליידערן די ביכער דורך די פענצטער, די בלומענטעפּ זענען אַראָפּגעפאַלן מיט א גרויסן טומל, איין טאָפּ האָט זיך דערקייקלט צו האַוורילע'ס פיס. ער האָט אים געפּרואווט אָפּשטויסן פון זיך, און יענער איז אַלץ געקומען צוריק און אים געשלאָגן איבער די פינגער פונעם פוס. האַוורילע האָט א כאַפּ געטאָן א ביינקל און עס א שליידער געטאָן אין בלומענטאָפּ. דער טאָפּ האָט זיך צעלייגט אַף שטיקער, אָבער דאָס ביינקל איז געבליבן גאַנץ. האַוורילען האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אז דאָס ביינקל רייצט זיך מיט אים. ער האָט עס אויפגעהויבן פאַר א פיסל און מיטן גאַנצן כח א טראַך געטאָן איבערן טיש. דאָס הייזל האָט א ציטער געטאָן, אָבער דאָס ביינקל איז געבליבן גאַנץ. האַוורילען האָט זיך שוין געדאַכט, אז דאָס גאַנצע הייזל מאַכט פון אים חוזק. ער האָט גענומען ברעכן פונעם ביינקל איין פוס נאָכן אַנדערן, איבער־געקערט דעם טיש, געטאַנצט אַף אים מיט די באָרוועסע פיס, גע־פילט, אז די וואונד אַפּן לינקן פוס ווערט אַלעמאָל גרעסער, אָנגע־כאַפּט א פוס פונם איבערגעקערטן טיש, און מיט דער גאַנצער איי־זערנער גבורה פונם יונגן קערפּער אויסגעבראָכן דעם פוס. פונם אימפּעט פון דער אָנשטריינגונג האָט ער זיך ניט געקענט איינ־

האַלטן אַף די פֿיס און איז אומגעפֿאַלן אַף דער טיר, וואָס האָט געפֿירט צום אַנדערן צימער. די טיר האָט זיך געעפֿנט. פֿון אינעווייניק האָט אימיצער געזאָגט „אוי“. האָווריִלע איז אויפֿגעשפּרונגען און אַריינגעקוקט אין צימער. דאָרט האָט אַ אידיש מיידל זיך געקלעפּט צו אַ אידישן בחור, וואָס האָט געהאַלטן אירע הענט אין זיינע.

האָווריִלע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די אידן.

זיבעטער קאפיטל.

יואל נאָלדבלום איז געבוירן געוואָרן אין אַן איידעלער אידי־שער שטוב. איידלקייט האָט גערוט אפן גאַנצן וועזן פון זיין טאַטן, דעם גבירישן בוכהאַלטער. איידלקייט האָט ארויסגעלייכט פון זיין מאַמע'ס צניעהדיקע אויגן אונטער א ווייסן זיידענעם טיכל. די שטוב אַליין, אַן אָרימע, מיט אַלטמאָדישן מעבל בירושה פון עלטער עלטער זיידן, האָט דערציילט פון איידלקייט,—פונם קונציק־גע־שניצטן מזרח מיט די געדרייטע לייבן און געשליינגלטע צווייגלאַך ביז דער מעשענער קוואָרט מיט די צוויי גרויסע אויערן אפן באַנק באַם אריינגאַנג אין שטוב. דער טאַטע — א פאַרדונגענער, א קנאַ־פער בעל־פרנסה, אָבער אַן אויסגעפוצטער, מיט א זיידענעם כאַ־לאַטל, מיט א זיידענער שוואַרצער באָרד, מיט לאַנגע דינע באַריי־דעוודיקע פינגער, מיט א מימרא פון גמרא און מדרש אָדער פון א היינטיקן אידישן חכם. די מאַמע — א טאָכטער פון אָרימען יחוס, א שטילע און א כשרע, מיט א שמייכל אף די ליפּן, אפילו ווען עס טוט וויי אפן הארצן. א שטוב, וואו מ'רעדט ניט הויך, וואו מ'זאָגט ניט קיין ליגן, וואו מ'קוקט אריין אין א ספר, וואו קללות הערן זיך ניט קיינמאָל. „א איד א מפונק״״, האָט מען גערופן יואל'ס טאַטן, אָבער וואָס זאָל מען זאָגן וועגן א מאַמע, וואָס טראָגט ניט קיין שייטל, ווייל זי וויל ניט נאַרן דעם רבונו של עולם? אויב די תורה, זאָגט זי, האָט פאַרבאָטן די ווייבער צו טראָגן אייגענע האָר, טאָ וואָס דאַרף מען זיך פוצן מיט פרעמדע? א טיכל, האָט זי געזאָגט, איז אַן אמת, א פּאַרוק—איז א ליגן. דורך זיינע אַלע יאָרן האָט יואליק ניט געזען קיין האָר פון דער מאַמעס קאָפּ.

א אידישע שטוב מיט אידישע מנהגים, מיט א קורצן דאַווענען נאָנץ פרי, ווען ס'איז נאָך גראָ אין די פענצטער, מיט א וואַש די

הענט פון דער גרויסער קוואַרט פאַרן עסן, מיט א גיי אין שול אריין אום שבת איינמאָל אָדער צוויי מאָל א חודש, מיט א אידישן ספר געלאָזט אָפענערהייט אף א טיש צי אפן ביינקל אין שלאָף-צימער, — אָבער אויך מיט א בלאט צייטונג אף העברעאיש און אף רוסיש, מיט די ווערק פון היינטיקע העברעאישע דיכטער, מיט א דיקן באַנד פון פרצ׳עס געזאַמלטע „זשאַרגאָנישע“ שריפטן, מיט עטלאַכע דיי-נינקע, אָפט גענוצטע ביכלאַך פון שלום-עליכם און ווינקל פון דער ספרים-שאַפע, מיט א קאַפּאָטקע קוים ביז די קני, מיט א זיידן בערדל אביסעלע ארומגעשוירן (נים, חלילה, א געשוירענע באָרד, נאָר גלאַט אזוי ארומגעפּוצט פון איידלקייט וועגן) און מיט פאה-לאַך פאַרשאַרט הינטער די אויערן.

„מלאכים זענען דאָך געשטאַנען ארום יואליקל׳ס וויגעלע“, פלעגט די מאמע זאָגן מיט א ברכה, און וואָס האָט געקענט זיין פרידלאַכער פון דעם טאַטנ׳ס מעביר זיין די סדרה שבת אינדערפרי, ווען אין דרויסן איז נאָך בלאָ, די טאַפּליעס זענען פאַרקאַוועט מיט פראָסט, און יואליקל ליגט נאָך איינגענורעט אין ווייכן געלעגער און קוקט, ווי אזוי דער שבת-גוי צעהייצט א פרייליך קנאַקנדיק פייערל אין דער הרובע? און וואָס האָט געקענט זיין שטילער און זיסער, ווי די בבא-מעשיות, וואָס די מאמע האָט געפלאָכטן פאַר איר מוזיניקל אין א ווינטער-אָוונט, שטריקנדיק א זאָק פאַרן פייער און וואַרטנדיק אפן טאַטן? און די ווערטער אליין: „זון מיינער“, „מור-זיניקל מיינער“, „קדיש מיינער“ האָבן געהאַט אין זיך אזא וואַרימע טיפע ווייכקייט, אזש גלעט און אַן אָנזאָג אף גוטן!

אין צוויי וועלטן איז געוואַקסן דער קליינער יואליק, און ביידע זענען געווען ווייט אָפּגעשיידט פונם טאַטנ׳ס שטוב און האָבן זיך געזען ווי דורך א דיקן דורכזיכטיקן גלאָז. אף א באַרג אין הייליקן לאַנד זענען געוואַקסן צעדערבוימער, און יונגע אמנונס זענען גע-שפּרונגען אין דער מאָרגן-ראָסע פון פעלז צו פעלז און פון וואַסער-פאַל צו וואַסער-פאַל צו באַגעגענען זייערע בוימל-שמעקעדיקע תמרס. אף א טראָן פון בערג שטייט גאָט׳ס היכל באַהאַנגען מיט פּורפּור-יריעות און אויסגעפונקלט מיט טייערע שטיינער. אין דער ישיבה פון פּומבדותא זיצן גרייז-גראָע אידישע חכמים אין א קרייז פון נאָט-דאַרשטיקע תלמידים, די תורה גיסט זיך, ווי האָניק, פון

זייערע מיילער, און גאָט'ס שכינה רוט איבער אַלעמענס קעפּ, ווי אַ פלאַטערדיקער ליכט־וואָלקן. ערגעץ הויך, איבערן זיבעטן הימל, אויף ברייטע בלאָע ליכט־פעלדער, איז פאַרזאַמלט די פמליא של מעלה, מלאכים מיט ווייסע פליגל בוקן זיך און זאָגן קדוש, און אדני צבאות זיצט אויפן כסא הכבוד און די גוטסקייט אַליין שטראַלט ארויס פון זיינע אַל־וויסנדיקע אויגן. פרידן אויפן הימל און רו אויף דער ערד.

אין אַ ווייטער, אָפּגעשיידטער, ניט־היגער וועלט האָט געלעבט דער קליינער יואליק. אפילו די מעשיות פון שפאַניען און פון עלילת־דם האָבן אויסגעזען אַזוי ווייט און ארומגעהויכט מיט שיינ־קייט. אידן באַהאַלטן זיך אין אונטערערדישע פּאַלאַצן צו דינען זייער איינציקן גאָט. אידן אין ווייסע קיטלען מיט עטרות אויף די קעפּ פראַוון אַ הייליקן סדר אין באַהאַלטענע חדרים. אַ גלח רייסט זיך אריין מיט סאָלדאַטן אין רויטע קליידער און מיט בלאַנקע שווערדן אין די הענט. „גיט אהער דאָס בלוט!“ אַ שוואַרצע אימה באַפאַלט די עדה. דער עלטסטער פון די אידן, אַ זקן מיט אַ זיל־בערנער באָרד און זילבערנע ברעמען, הויבט זיך אויף פון זיין אָרט, שטרעקט אויס אַ מאַיעסטעטישע האַנט, עפנט דאָס טירל פון ארון קודש. אַ פלאַש מיט רויטער פליסיקייט,—רויטער וויין, ריינער, פינקלדיקער, שמעקעדיקער לויטערער וויין. שושנת יעקב צהלה ושמחה — אַ גרויסע פרייד, אַ הייליקע פרייד, נעמט אַרום די יום־טובדיקע עדה. הענט קייטלען זיך אין הענט, אָרעמס לייגן זיך אויף אַקסלען. אין אַ ראָד, אין אַ ראָד דרייען זיך די ווייסע פיגורן מיט די בלישטשנדיקע עטרות. צהלה ושמחה. דורך דורות און דורות קלינגט דער אָפּקלאַנג פון פרייד.

אין אַ וועלט פון זעאונגען און געזאַנגען, אין אַ וועלט פון וואונדער און הימל־שיין האָט געלעבט דער יונגער יואליק. עס קומט אַ צייט און ס'צעבליט אַ לאַנד, וואו אידן ווערן געהויכט און געקרוינט. עס שטייען אויף דיכטער מיט גאָלדענע געזאַנגען, עס שטייען אויף געלערנטע מיט וויסן ברייט ווי דער ים. אַ גרויסער פּאָעט פאַרביינקט זיך צום הייליקן לאַנד, פאַרט וואָכן און וואָכן איבער שטורמדיקע ימים, רייט אויף קעמל־רוקנס איבער זאַמדיקע מדבריות ביז ער דערגרייכט דאָס ליבע מוטער־לאַנד, ביז

ער טוליעט זיך צו מיט זיין דיכטער־הארץ צו זיין אלטער און אייביקער היים. א פייל פונם שונא רייסט איבער דאס באגעגעניש פון דעם ליבהאבער מיט זיין הייליקער געליבטער... „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך".

געוועו אן אנדער וועלט, נענטער צו דער שטאט, וואו יואליק האט געלעבט, אבער פונקט אזוי ווייט אפגעשיידט פון יואלס לעבן. ס'ליגט א לאנד—רוסלאנד; ס'שפרייטן זיך ברייטע פעלדער—די בארימטע, פאעטישע רוסישע סטעפעס. ס'הויבן זיך שטעט, ס'שווינבלט מיט דערפער איבער דער גרויסער מדינה, ס'וואקסט און צייטיקט זיך און ברויזט און הילכט א לעבן—אבער וואס דערגרייכט פון דארט אין דער איידלקייט פון יואל'ס היים? וואס ווייסט דאס בלייכע מוזיניקל מיט די גרויסע, צו גרויסע אויגן, מיט בלוילאכע ווייסלען און מיט קויל־שווארצע שווארצאפלען, וואס ווייסט אט־דאס ווייכע אייעלע וועגן לאנד, וואו ער וואוינט, וועגן די מענטשן אויסער דעם שטעטל? אין יואליק'ס הענט פאלט אריין א רוסיש ביכל, רעדט עס פון געדיכטע רוישיקע וועלדער, בליענדיקע פעלדער און ברייטע טייכן, זינגט עס פון א פאלק, וואס לעבט אפן שוים פון דער מוטער־נאטור. אף זיין אקער גייט ארוים דער פויער; דאס ווינטל גלעט זיין צעבראסטעטן בוזים; די בלימלאך לייגן זיך צו זיינע בארוועסע פיס; די זון גיסט איר גאלד אף זיין צעשויבערטן קאפ. וואס מאכט עס אוים, וואס ער איז ארעם? ס'איז טאקע שלעכט, וואס דער מאנער פאדערט בא אים געלט פאר פאדאטקעס. אבער דערפאר שלאפט ער מיט א רואיקן געזונטן שלאף אין זיין ארימער כאטקע. אבער דערפאר עסט ער זיין אייגן געפראצעוועט ברויט, וואס שמעקט אים בעסער ווי פרעמדער לעקאך. און דערפאר צעשפרייטן זיך אין זיין ברוסט גרויסע פארלאנגען און ליבטיקע האפענונגען, ברייט ווי די רוסישע סטעפעס, אומענדלאך־שוואונגפול ווי דאס רוסישע ליד:

„עך, טי סטיעפ מאיא, סטיעפ פריוואלנאיא" *)

אין וואלד אף באנאכט פארן שקאצימלאך רייטנדיק אף פוירעשע פערדלאך. דער שטויב הויבט זיך אנטקעגן דער פארנאכ־

*) עך, דו ברייטער סטעפ, פרייער סטעפ מיינער!

טיקער זון, ווי אַ גאָלדענער וואָלקן. דער טייך שמעקט מיט קילער פייכטקייט. די זשאַבעס קוואַקן אַ השכבני-קאָנצערט. אין ביעזשין לוג *) צעליינן די שקאַצימלאַך אַ פייער, די פערד קייען און כראָמ־שקען דאָס גראָז, און די קינדער דערציילן איינס דעם אַנדערן מעשה נוראות, וואָס פון זיי קילט דער רוקן און די האָר רירן זיך אויפן קאָפּ. צווישן ביעזשין לוג און דעם באַרג לבנון איז דאָ אַ קרובהשאַפט פון אַ לעגענדע.ביידע לעבן אַ נעבלדיק לעבן אין דער נשמה פון דעם אידישן מוזיניק. פון ערגעץ קריכט אַרויס דער מאָטיוו פון אַ לידל, וואָס די מאַמע האָט געזונגען יונ־גערהייט:

„אין דער סאָכע ליגט די מזל ברכה“.

אָבער דאָס קליינע אידעלע יואליק האָט אין זיין לעבן ניט אָנגערירט קיין סאָכע, און אפשר האָט ער גאָרניט געוואוסט, ווי אַזוי אַ סאָכע זעט אויס.

ווי אַ בוימעלע אין אַ שטילן גאָרטן וואַקסט דער איידעלער יןאַליק. אָבער ס'גייט אַוועק אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, און דורכן פּאַרקן, וואָס רינגלט אַרום דעם איידעלן גאָרטן, הויבן זיך אָן אַריינ־רייסן קאַלטע שניידנדיקע ווינטלאַך. בייזע פּנימער קוקן אַריין איבער די שטאַכעטן. פּאַקטן, האַרטע, נאַקעטע, אומדערבאַרמדי־קע, פאַלן אַריין ווי שטיינער אויף די צאַרטע בייטן. יואליק האָט אָקאָרשט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פונם עלפטן יאָר, ווען דער טאַטע קומט אַהיים אַ דערשלאָגענער, שוואַרץ ווי די ערד. מ'שעפּ־טשעט „קישענעוו“ מיט אַ פינצטערן פּחד. וואָס איז דאָס? פאַר־וואָס איז די שטאָט מיטאַמאָל פאַרזונקען געוואָרן אין אַ בייזער מרה־שחורה? וואָס זענען דאָס פאַר טויטע און פאַרוואונדעטע, וואָס מען רעדט פון זיי אין דער שטיל מיט אַ זיפץ? עס גייט אַוועק אַ שטיקל צייט — און אין שטאָט ברייינגט מען אָן איבערגעשריבן ליד מיטן נאָמען „שחיטה־שטאָט“. יואל שלינגט דעם העברעי־אישן טעקסט — און ערשט איצט שטייט פאַר אים אויף דער פּאָג־ראָם אין זיין העסלאַכן אמת. ס'איז שוין ניט קיין ווינטער־מעשה־לע וועגן מאַראַנען אין אַ וויטן לאַנד. ס'איז אָט־דאָ, גאָר נאָענט,

**) אַ פעלד באַשריבן אין טורגענעווס „יעגער־כתבים“.

מען קען עס דערלאַנגען מיט דער האַנט. עס קומט אָן אַ נײַ שוואַרץ וואָרט: „האַמעל". טאַטע־מאַמע ריידן זיך איבער אַ שעה פאַר־טאָג, ווען מ'קען שוין ניט שלאָפן און מ'קען שוין ניט ליגן רואיק און עס דאַכט זיך, אַז דאָס מוזיניקל הערט ניט. „שווערע צייטן", זיפצט דער טאַטע. „מ'זאָל כאָטש דאָ באַהיט ווערן", שעפּ־טשעט די מאַמע. אָבער מ'קאָן ניט באַהיט ווערן אין ער־גערץ. ניטאָ מער קיין זיכערקייט. פאַרשוואונדן די שטילקייט פון דעם גאָרטן. עפּעס רודערט זיך, עפּעס צעברענט זיך דאָ און דאָרט. וואָס איז אַ סטרייק? יואַל'יק ווערט צום ערשטן מאָל געוואויר דעם נאָמען „סטרייק". אים אַליין רירט עס ניט אָן. וואָס אַרט אים, וואָס עטלאַכע באַלמעלאָכעס האָבן אַוועק־געלייגט שער און אייזן און אַרוים מיט אַ שפּאַציר איבערן מאַרק? האָט מען עס אַ נאָמען געגעבן מיט אַ נײַ וואָרט: „דעמאָנ־סטראַציע". סטראַזשניקעס זענען אומגעלאָפן און געשניטן מיט נאַהייקעס איבער קעפּ און פּלייצעס, מ'האָט אַרעסטירט אַ היימישן שוסטער־יונג און איינעם אַ פרעמדן, וואָס מ'האָט אים אין שטאָט ניט געקאָנט, נאָר מ'האָט זיך איבערגעגעבן בסוד סודות, אַז דאָס איז אַן „אַגיטאַטאָר". וואָס איז אַן אַגיטאַטאָר? די שטאָט האָט זיך געוויגט; די מאַמע האָט זיך געביסן די ליפּן און נאָך ווייניקער גערעדט ווי אַלעמאָל. דער טאַטע האָט לייג־נער פאַרבראַכט באַם גביר דעם באַלעבאָס און האָט אָנגעהויבן טראָגן מיט זיך באַנאַכט אַ לאַמטערן: „פאַרט אַ שמירה, טאָ־מער עפּעס, חלילה". מ'רעדט ניט מיט יואַליקן פון אַזוינע זאַכן. „וואָס דאַרף אַ קינד וויסן פון צרות ישראל?" אָבער עס איז דאָ אַ מלמד מיט אַ חדר, און אַז קינדער קומען אַהינצו, רעדט מען, כאָטש דער רבי, דער גמרא־מלמד, האָט פיינט, אַז אינגלאַך זאָלן רעדן. דער רבי האָט ליב, אַז מען זאָל זיך שאָקלען איבער דער גמרא און צוגרייטן אַ „לייענען". די אינגלאַך זיצן און פירן מיט די פינגער איבער די קורצע און לאַנגע שורות פון די פעטע פאַרשמאַלצעוועטע ספרים, און אַלע וויסן, אַז עפּעס טוט זיך אויף דער וועלט, און אַ פחד וויקלט זיך אין דעם נידעריקן הייסן און פאַרדומפּענעם חדר, אַ פחד קומט פון ערגעץ ווײַט, ציט זיך אין די גאַסן, לויערט אויפן מאַרק,

כאַפּט אַרום די פאַרשוויגענע אידישע הייזער, — און וואָס וועט זיין מאָרגן?

מאָרגן איז געקומען די הייליקע פּראָצעסיע מיט די פאָנען, מיט די בילדער פון יעזוס און מאַריע און אַנדערע הייליקע, אַרומגעוויקלט מיט אויסגענייטע האַנטיכער און פאַרפּוצט מיט פאַרטריקנטע קווייטן. פון די אַרומיקע דערפער זענען זיך אָנגעלאָפן טויזנטער גויים. פינף גלחים מיט אַ מחנה דיאַקעס און פּסאַלאַמשטשיקעס, די גלחים אין גאָלדענע קליידער מיט שווערע זילבערנע צלמים אויף די בריסט, זענען געגאַנגען פאָראויס. עס האָט געזונגען אַ כאָר פון עטלאַכע הונדערט שקאָצים און שיקסעס. די דיאַקעס האָבן געריכערט ווייראויך פון מעשענע פּושקעס אויף דריי מעשענע קייטעלאַך. דאָס גאָלד פון די איקאָנעס האָט געבלישטשעט, די פּנימער בא די גויים זענען געווען רויט פון בראָנפן און רויט פון האַסטיקן גיין. ווי אַ גרויסע פּיל-פּיסיקע טונקעלע שלאַנג מיט בלישטשנדיקע ליסקעס דאָ און דאָרט אויפן רוקן, האָט די הייליקע פּראָצעסיע זיך געצויגן גאַס איין גאַס אויס איבער דער שטאָט, — און פון ביידע זייטן, אין דער לייענג פון אידישע הייזער, דורך דעם בלוט פון אידישע הערצער, האָט זיך געקייקלט דאָס וואָרט „פּאָגראָם". מ'האָט געשמועסט, אַז ס'וועט זיך אָנהויבן באַלד נאָך די תפלות. מ'האָט געוואוסט, אַז די פּראָצעסיע איז מיט אַ כיון גערופן געוואָרן צוליב דער דעמאָנסטראַציע פון די אידישע באַלמעלאָכעס. אידן האָבן פאַרהאַקט טיר און טויער. אידן האָבן מיט אַ ציטער און פּלאַטער זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון די גויים. די קינדער האָט מען נאָך אינדערפרי אוועקגעשיקט אהיים פון די חדרים. יואליק, אַ דינער און אַ שטילער, דעם קאָפּ אָנגעבויגן אויף דער דינער רעכטער האַנט, זיצט אין ווינקל צווישן דער ספרים־שאַפע און דעם פענצטער און טראַכט, צי וועלן די גויים שלאָגן נאָר די באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן געמאַכט די דעמאָנסטראַציע, צי אַלע אידן.

יענעם טאָג איז מען אָפּגעקומען מיט פּחד, אָבער קיין רו איז שוין ניט געווען, און דער שטילער גאָרטן האָט זיך

איצט געווייקט אין קאַלטן רעגן און געציטערט פון בייסנדיקע ווינטן.

שפּעטער איז געקומען אַ טאָג, וואָס האָט אינגאַנצן איבערגעקערט דאָס שטאָטישע לעבן און אַ זעץ געטאָן אין די אויגן ווי אַ פלאַקער פייער, ווען מען טראָגט אים פּלוצלונג אַריין אין אַ פינצטערן חדר.

אכטער קאפיטל.

„גענעראל סטרייק!" „קאנסטיטוציע!" „פרייהייט!".... ווער האט דען געוואוסט אין שטאט פון את־די מאדנע זאכן ? „דאס פאלק האט געזיגט, דאס פאלק האט געזיגט", האט דער לע־רער זיידענבערג געשריגן פאר אן עולם מענטשן לעבן בית־מדרש. אידן און ווייבער, בחורים אין קורצע און לאנגע קא־פאטעס, קינדער און גאר אלטע אידן זענען געשטאנען מיט אפענע מיילער און געהערט און האלב פארשטאנען דעם לערער. יואלס טאטע האט שטייף געהאלטן דעם מוזיקאס הענקל, און מאדנע נעקרימט האבן זיך די ליפן באם איידעלן אידן, און נים נעבייזערט האט ער זיך, ווען יואליק האט זיך גענומען דראפען אפן גרויסן הילצערנעם טויער פונם איינפאר־הויז, וואס לעבן בית־מדרש. עפעס מיט א נייער ווייכקייט האט יואליקס פא־טער אים געהאלפן ארויפקריכן אף דער פאפערטשענע לייסט פונם טויער און אים אונטערגעהאלטן, אז ער זאל ניט פאלן. פון דער הויך האט דאס אינגל דערזען א פעלד מיט פנימער, ווי ארבוזעס אויסגעשאטן אף א ברייטער רעדנע. אינמיטן איז געשטאנען א טיש, און אפן טיש האט דער לערער זיידענבערג געשאקלט מיט די הענט און געזאגט: „ישועות און נחמות אף אידן". דעם לערערס קול האט זיך געהערט שארף און קווי־טשעדיק, און יואליק האט זיך געטראכט, אז קיינמאל האט ער פון דעם לערער אזא קול ניט געהערט, אפילו אום שמחת־תורה, ווען מ'האט אים אויפגערופן צו דער תורה און ער האט געזונגען די הפטרה פארן גאנצן בית־מדרש. דער לערער זיי־דענבערג האט קוים געענדיגט, איז ארויפגעקראכן שייע דער שוסטער־יונג — דער, וואס מ'האט אים געהאט אפגעפירט

אין אויעזר אריין און וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון טורמע. באַ שייען האָבן מאָדנע היציק געברענט די אויגן, און כאָטש ער האָט זיך פאַרהיקעט אַביסל, האָט מען פונדעסטוועגן געקאָנט הערן אַזוינע ווערטער, ווי: „ארבעטער־קלאַס“ און „קאַמף ביזן סוף“. שייע דער שוסטער־יונג האָט עפּעס געשריגן פון אַ חיה, וואָס האָט זיך נאָר פאַרטאַיעט און וואָס מען דאַרף זי דערשלאָגן ביזן סוף. „וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה ?“ האָט יואליק שטיל אריינגערוימט דעם פאָטער אין אויער. אָבער יענער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און קיינמאָל האָט יואל אַף זיין טאַטנס פּנים ניט געזען אַזאַ ליכטיקייט, אפילו ניט אום פורים, ווען מ׳האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל מעד און די יאַרמולקע איז געקראָכן פון דעם ווייסן שטערן אַף הינטן.

ס׳איז אַוועק עטלאַכע טעג, און אין דער אויפגערודערטער שטאָט איז ווידער אריינגעפאַלן דאָס וואָרט „פּאָגראָם“ אָבער דאָס מאָל האָט מען עס שוין ניט באַגעגנט מיט אַזאַ שטילן פּחד. דער לערער זיידענבערג איז ארומגעגאַנגען פון גאַס צו גאַס, געשאָקלט מיט די הענט, געשפּילעט דעם שמאָלן ווינטער־ראָק מיט די גרויסע אויסגעריבענע פּעטליעס, דורך וועלכע עס האָבן זיך כסדר ארויסגעגליטשט די קנעפּ, און געטענהט מיט אַ קוויטשעדיקן קול, אַז אַזוי טאָר מען עס ניט לאָזן, אַז איצט זענען נייע צייטן, אַז מען דאַרף ארויסווייזן אַ ווידערשטאַנד. דאָס ערשטע מאָל האָט יואליק דערהערט דאָס וואָרט „סאַמאַ־אָבאָראָנע“. דאָס אינגל יואליק האָט זיך ניט געטאָרט מישן אין אַזוינע געשעפטן, אָבער דער עלטערער ברודער, שוין אַ בעל־הביתל פאַר זיך, מיט אַ יונג ווייבל און אַ קינד, האָט זיך פאַר־שריבן אין דער געהיימניספולער „סאַמאָאָבאָראָנע“. די מאַמע האָט געוויינט און אין האַרצווייטאָג ניט באַמערקט, אַז זי ווישט די אויגן מיטן עק פון דער ריינער זיידענער פאַטשיילע. דער טאַטע איז ארומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, געגרייזלט די באָרד מיט צוויי פינגער און געביסן איר עק, און אַז די מאַמע האָט אָנגעהויבן טענהן: „זע, טו עפּעס, ווי קענסטו אים דערלאָזן איינשטעלן דאָס לעבן“, — האָט ער אַלץ געביסן די באָרד, גע-ברומט אונטער דער נאָז אַ סליחותדיק ניגונדל און ניט געענט־

פערט. ערשט נאָך אַ סך רייד און תחנונים האָט די מאַמע באַ אים אַרויסגעקראָגן אַז „ווען אַ איד וויל זיך מקריב זיין פאַר כלל ישראל, טאָר מען זיך אים ניט שטעלן אין וועג", אַז „אונזערע גבורי ישראל האָבן כסדר איינגעשטעלט דאָס לעבן פאַר דער אידישער אומה". די מאַמע האָט געזיפצט, דער טאַטע האָט אַרומגעשפּאַנט אַ בלייכער, זיין סליחותדיקער ניגון איז געוואָרן נאָך שטילער און נאָך טרויעריקער, און יואליקן האָט זיין עלטערער ברודער זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ העלד פון די חשמונאים, אַ גבור מיט אַ גרויסער שווערד אין איין האַנט, מיט אַ שילד אין דער צווייטער: ווען די גויים וועלן קומען, וועט ער מיט איין האַנט פאַרטיליקן אַ מחנה פון טויזנט.

חדשים זענען געגאַנגען, יאָרן זענען געשוואומען, פון בלו־טיקע אָנפאַלן האָט מען אַף אַ ווײַלע אויפגעהערט רעדן. אָבער די צייטן ווערן אַלעמאָל שווערער, אַלץ נייע שטיינער פאַלן אינם אָפּגעצאַמטן פרידלאַכן גאָרטן, — און שוין ניטאָ קיין גאָרטן, און פאַרשוואונדן איז די רו, און די איידלקייט פון אַן איידע־לער אידישער שטוב קאָן ניט פאַרגלעטן די חורבות פון אַ לעבן. דעם טאַטנס בעל־הבית האָט אָנגעוואָרן דעם מאַיאָנטעק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע הינטערן שטאָט: דאָס געזעץ איז געוואָרן שטרייִנגער, און אַ איד האָט זיך ניט געטאָרט צורירן צו דער ערד. דעם בעל־הבית איז נאָך געבליבן פון וואָס צו לעבן, זיין גוף איז, ווי פריער, געווען אָנגעגאָסן אין אַ טייַ־ערער זיידענער קאַפּאָטע, און אַרויסגעפאָרן איז מען נאָך אַלץ אין אַ פאַיעטאָן מיט פיר פערד נאַשפּיץ, אָבער יואליקס טאַטן האָט מען אָפּגעזאָגט פון בוכהאַלטעריי: שווערע צייטן, מען וועט זיך באַגיין. יואליקס טאַטע נעמט זיך האַנדלען. דער טאַטע און די מאַמע פרופן שעפּן פּרנסה פון אַ מעסטל קאָרן און אַ זאַק האָבער און אַ קאָרעץ קאַרטאָפל, וואָס מען קויפט באַם גוי. אָבער צו איידל איז דער איד, צו דין זיינע באַריידעוודיקע הענט, און זיין נשמה איז אַזוי ווייט פונם פויער מיטן דינגען זיך, מיטן געדרענג פון אַ טוץ אידישע יונגען, וואָס רייסן זיך פאַר איין דאָרפישער פור. עס ווערט ענגער דאָס לעבן אין

יואליקס היים. עס פאלט א דערשלאָגענע שטילקייט אף אלע־מען, און עס דאכט זיך, אז די גאנצע וועלט איז געוואָרן גרוי.

יואליק, שוין באלד א דערוואקסן אינגל, הויבט אָן טראכטן פון א תכלית. וואָס זאָל ער ווערן ? וואָס קאָן ער ? לער־נען זיך א מלאכה — דאכט זיך אים ווי אויסטאָן זיך א נאקע־טער און ארייַנקריכן אין בלאָטע. יואליק, א טאטנס א קינד, אַ ידען אין די קלייַנע אותיותלאך, זאָל גאָר אָנטאָן א פאר־טוך און סמאַליעווען א דראטווע אָדער האלטן דעם פוס פון א פערד בשעת דער קאָוואָל האקט ארייַן די צוועקעס אין א פאָדקאָווע ? יואליק קוקט אף זייַנע ווייַסע הענט, יואליק זעט אין שפיגל דאָס דינע צארטע פנים מיט דער הויכער נאָז און מיט די שווארצע האָר, וואָס קריכן פון אונטערן היטל. יואל קאָן ניט זייַן קיין בעל־מלאכה. יואל טויג אויך ניט פאר מסחר. וואו וועט ער נעמען די ווערטער, וואָס די סוחרים שיטן פון זיך, ווי ארבעס פון א זאק ? וואו וועט ער נע־מען דאָס אויג אָפּצושאצן מיט איין קוק א פרענט אייזן אָדער א שטיקל געוואנט אָדער א בהמה אין מארק, אָדער א זעקל פאסאָליעס? וואָס ווייסט יואליק וועגן מעל און צוועקעס און שמיוול און קעראָסין ? יואליק האָט געלייענט ביכלאך וועגן אידישע העלדן. ער ווייסט אף אויסווייניק א סך לידער פון לע־בענזאָן און ביאליק. ער קען אויך אף אויסווייניק פאָעמען פון פושקין און ניעקראסאָוו, וועמען ער לייענט מיט א שלעכטער אויסשפראך און מיט א אידישן אקצענט, אָבער וועמעס מוזיק האָט פארקלונגען זייַן נשמה, זי באשייַנט מיט זון און אויס־געבאָדן אין בלוט פונם הארצן.

איז אז דער לערער זיידענבערג באָט זיך אליין אָן צוצו־גרייטן יואלן אף זעקס קלאסן און איז אזוי גוט און וואויל און פרייגיביק, אז ער וויל גאָר קיין געצאָלט ניט — וואָס דען, ער וויל, אז יואליק זאָל אים העלפן לערנען מיט די קלענערע תלמידים, — כאפּן זיך טאטע־מאמע אָן אָן דעם פּלאָן, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, כאפּט זיך אָן אָן א ברעט. עס זענען נייע צייטן, דאָס לעבן איז אלץ שווערער, און אז מען האָט געענדיקט זעקס קלאסן, קאָן מען ווערן אן אפּטעקארסקע

שילער און שפּעטער אַ פּראָוויזאָר, אַניט אַ צאָן־דאָקטאָר, — האָט מען פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, איז גרינגער צו לעבן. און אַז מען האָט חשק און געדולד, דערלערנט מען זיך אַף אַכט קלאַסן, און כאָטש אין אוניווערזיטעט איז דאָ פּראָצענטן, פונדעסטוועגן ווער קאָן וויסן? אַז מען האָט שוין דאָס פּאַפּירל אין קעשענע, איז נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר און די הייליקע טויערן עפענען זיך פאַר אַ אידישן יונגנמאַן. און אויב, חלילה, ניט, איז אָן עצה—אויסלאַנד. אי ס'איז ניטאָ פון וואָס צו לעבן? איז אַז מ'מוטשעט זיך שוין, מוטשעט מען זיך אַביסל מער. אַ קאָפּ האָט יואל אַ גוטן, און אַז יואל וועט זיך נעמען צום לערנען, ווער קאָן זיך מיט אים גלייכן?

טאַטע־מאַמע זענען צופרידן, וואָס דער לערער זיידענבערג איז אַזאַ לייטישער מענטש, און זיי האָבן קיין צייט און קיין אינטערעס ניט אריינצוקוקן אין די ביכלאַך, וואָס יואליק ברייננט פון דעם לערער. פאַראַן אַזוינע, וואָס ער האָט מורא צו לייענען באַטאָג, ברענט ער זיך אויס די אויגן באַם שיין פון דעם קיך־לעמפּל, זיצט ער אָפּ שעהן און שעהן איבער די געדיכטע שורות פון זייער דינע בלעטלאַך, אַזוי דין ווי פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. אַז ער שטייט אויף אינדערפרי, זענען באַ אים בלאָע רעדער אונטער די אויגן, און אַ נייער צעגליטער קוק פלאַמט זיך אריין אין דער וועלט. יואליק פירט אַ דאָפּלט לעבן. ער לערנט די „פּרעדמעטן", וואָס מען דאַרף האָבן צום עקזאַמען, און אַמאָל צעברענט זיך אין אים טאָקע אַ וויסנשאַפט־נייגיר און ער שלינגט איין אַ לערנבוך עפּעס גאָר אין אַ קורצער צייט, אָבער אונטער אָט־דער אָפיציעלער אויבערפלאַך פון זיין לערנען גייט אָן אַ באַהאַלטענער אומרואיקער שטראָם, וואָס טראָגט אים אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער. יואליק ווייסט שוין, וואָס איז אַזוינס די פּאַרטאַיעטע חיה און וואָס מען דאַרף טאָן, כדי זי צו דערשלאָגן ביזן סוף, און ווער עס זענען די קרעפטן, וואָס וועלן זי דערשלאָגן.

יואל ווערט געוואָר אַזוינע ווערטער, וואָס ברענען זיך איין אין מח אַקוראַט ווי מען האָט זיי איינגעשטעמפּלט מיט אַ צעגליטן אייזן. די מאַסע! אַ נייע ברייטע וועלט האָט זיך געעפנט

פאַר יואַליקס אויגן, ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ער אַליין מיט זיין פֿאָטער, מיט אַלע קרובים געהערן צו ד ע ר מ אַ ס ע. ס׳איז געווען ווי אימיצער וואָלט אַראָפּגענומען אַ שווערן דעקטוך פֿון זיין קאָפּ און פֿון זיין לעבן און ער וואָלט ניט דערקאָנט די זאַכן, וואָס ער איז געוואוינט געווען צו זיי פֿון קינדווייז אָן. אַן איידעלער איד, אַן איידעלע משפּחה, אַ שטילער גאָרטן, ווי אַנדערש דאָס האָט אַלץ אויסגעזען אין דעם שיין פֿון די נייע באַגריפֿן!

דער לערער זיידענבערג האָט ניט געהערט צו קיין פּאַרטיי און האָט ניט געוואוסט וואָס הייסט אָרגאַניזיהן. אפשר איז דער לערער אין אים געווען שטאַרקער ווי אַלצדינג, אפשר האָט ער זיך גאָר געשעמט פאַר די ליגנס, וואָס ער האָט געלערנט זיינע תּלמידים, כדי זיי זאָלן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, — און דורך די שמועסן מיט די געקליבענע פּייאַיקערע אינגלאַך האָט ער פשוט דערקוויקט זיין אייגענע נשמה. געווען איז אין די שמועסן אַ ציטערנדיקער גלויבן, אַ הייסע באַוואונדערונג פאַר די, וואָס האָבן דעם מוט צו שטעלן זיך קעגן שונא, און אַ נביאיש־זיכערע האָפֿענונג, אַז דער טאָג וועט קומען — און די נייע שטראָמען וועלן אויפֿרייסן דאָס אייז, און דער פרילינג וועט אַראָפּנידערן פון הימל אויף די פאַרשלאָפֿענע און פאַרגלי־ווערטע פעלדער, און דאָס לעבן וועט אָנהויבן זינגען דאָס גע־זאַנג פֿון באַפֿרייאונג. ווייט איז געווען זיידענבערג פֿון דעם פּראַקטישן איינגעשפּאַרטן אונטערערדישן קאַמף, אָבער יאָרן שפּעטער האָבן זיינע תּלמידים ניט געקאָנט פאַרגעסן די שטילע אָפּדערנאַכטן, ווען מען האָט געהאַט פֿאַרמאַכט די לאָדן, כדי אַ בייז אויג זאָל ניט אַריינקוקן אינעווייניק, דער קעראָסין־לאָמפּ האָט געברענט מיט אַ שפּיץ און פאַררויכערט אין זייט פֿון דעם גלעזל, הינטערן וואַנט פֿון דעם צימערל האָט די באַלע־באָסטע, די אַגראַדניטשקע, צעבלאָזן מיט אַ שטיוול דעם סאַ־מאָוואַר, און דאָ, אַרום פּראָסטן הילצערנעם טיש, זענען גע־זעסן פיר־פינף קינדער אין עלטער פון פערצן־פופצן יאָר, און נעלייענט, און געפרעגט, און אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אין דער נעבלדיקער לופט פֿון דעם צימער, און גערעדט פֿון דעם,

וואָס עס וועט זיין. אפֿן גאַנצן לעבן האָבן די אינגלאַך מיטגע־נומען פֿון יענע אָוונטן אַ מענטשלאַכע וואַרעמקייט, אַ ליבשאַפֿט צום אמת, אַ טרוים פֿון אַ פֿרייעם אומבאַצוואונגענעם לעבן, אַ גלויבן אין דער שאַפֿונג־קראַפֿט פֿון אונזער צייט, און ווי מ'רעדט צווישן גלויביקע אידן וועגן דעם אויסלייזער, וואָס וועט קומען און אַרויספֿירן זיין פֿאָלק פֿון גלות־שטויב און עס ברייננען אַהין, וואו עס טריפֿט מילך און האָניק, אַזוי האָבן זיך אַרויסגערעדט די וואונדערבאַרע פֿרעמדרע נעמען פֿון מענטשן און געדאַנקען אין אַט־דעם קליינעם געזעמל.

און אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן אין דער לופֿטן די געפֿאַר פֿון אַ נייער שחיטה, און די אַלטע אימה האָט ווידער אַרומגענומען די שטאָט מיט אַ קאַלטער ברענענדיקער רייף, איז שוין ניט געווען קיין שאלה, אַז מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, און עס איז שוין ניט געווען קיין שאלה בא יואליקן, אַז ער מוז אַריינטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע, „צו באַשיצן די מאַסע פֿאַר אַ בלוטיקן אָנפֿאַל". אפֿשר האָט יואליק ניט אַזוי פֿיל געטראַכט וועגן דער מאַסע, ווי וועגן זיין אייגענער העלדישקייט — אַ יונג, וואָס „טראָגט די פֿאָן פֿון קאַמף". און אפֿשר האָט ער מער נאָך געטראַכט וועגן דער שענסטער פֿון אַלע תמרס, וואָס פֿלעגט אַרומגיין אַף סמאָלאַרנע גאַס און אַראָפּגעלאָזט לאַנגע ברעמען איבער ליכטיקע ברוינע אויגן, און זיך געררויטלט, הערנדיק יואליקס טריט, און זיך אומגעקוקט ערשט נאָכדעם, ווי ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען אַזוי זיך, פֿאָכענדיק מיטן שטעקל, און גראָד געכאַפּט זיין אויג, ווען יענער קוקט זיך אום, — און ביידע האָבן גע־שמייכלט. אפֿשר איז יואליקן געווען זייער נויטיק צו לאָזן וויסן זיין תמרן, וואָס האָט געהייסן ריווקע, אַז ער איז ניט ערגער פֿון די אַלטע אמנונס אַף די בערג פֿון יהודה. געוויס האָבן גערעדט מיט אַ שטאָלענער שפּראַך די דורכגעלייענטע ביכלאַך און דאָס וואָרט „ווידערשטאַנד", וואָס מען האָט עס אַרויסגערעדט אין זיידענבערגס חדר, ווי מען רעדט אַרויס אַ וואונדער־שפּראַך, באַשיינקט מיט אַן איבערערדישן כח.

געוועזן אַזוינע אומגעווינטלאַכע טעג. אין די הערצער

פון די עטלאַכע זעלבסטשוץ־אײנגלאַך און מײדלך האָבן גע־װײעט אַזױנע שטאַרקע הײסע פליגל. מען האָט זיך באַגעגנט מיט אַ װױסנדיקן בליק, װאָס האָט פאַרבונדן אַלעמען אין אַ נײער ברודערשאַפט. מען איז אַרומגעגאַנגען לײכט און עלאַסטיש, װי מען װאָלט זיך געטראָגן אין דער לופט. מען האָט ניט געװאָלט פרעגן, װאָס װעט זײן. מען האָט ניט גע־האַט קײן האָפנונג אױף אַ זיג. אָבער ערגעץ טיף אינװײניק האָט געלעבט אַן אומבאַשטרײטבאַרע איבערצײגונג, אַז די אַר־בעט אַלײן האָט אַ װערט פאַר זיך, אַז דאָס קומען הינטערן שטאָט צום פאַרזאַמלונג־פּלאַץ און דאָס פּרובן שיסן מיט די עט־לאַכע אַלט־מאָדישע רעװאָלװערן און דאָס טראָגן אַ געהײמ־ניש אין דער נשמה, פון װאָס זי איז געװאָרן ברײטער, בױ־גיקער און טיפער, — אַז דאָס אַלײן איז געװען אַ שטאָלצע עובדה, און אַז עס איז בעסער ניט פרעגן, אײדער זיך גריב־לען און „אָפּשװאַכן די רײען“.

אַזױנע װאונדער־טעג זענען דאָס געװען! און װער קאָן דערצײלן, װאָס עס האָט זיך געזונגען אין אַ בחורס נשמה, װען זײן תמר — ריװקע — לאָזט אים װיסן, אַז זי װיל ניט אַנדערש אַרײַן אין דער זעלבסטשוץ. װער קאָן איבערמעסטן די זיסקײט פון די הײסע װערטער, מיט װעלכע אַ הױכער, שװאַרץ־אױגיקער יונג װיל אײנרעדן זײַן ריװקען, אַז זי איז נאָך אַ קינד, אַז זי איז נאָך ניט אַלט קײן זיבעצן יאָר, אַז זי האָט קײן רעכט ניט אײנצושטעלן איר לעבן, װען אַרום און אַרום זענען דאָ עלטערע און שטאַרקערע פון איר. און װער קאָן פאַרצײכענען דעם פײַנלאַכן שװידער, װאָס גײט דורך איבער בײדנס גלידער, װען יואל פאַרקאַטשעט דעם אַרבל און װײַזט איר אַ װײסן, שטאַרקן אָרעם, און פאַרגלײכט אים מיט אירן, אַ װײכן, אַ מײדלשן, נאָך ניט קײן פאַנאַנדערגע־בליטן, — און בײדנס הױט דערפילט דעם אַנדערנס אָנריר און פון דאָרטן הױבן אָן ציטער־שטראָמען זיך פאַנאַנדערצוגיסן איבערן גאַנצן קערפּער! און װער קאָן אױסזינגען יענע שטילקײט, װען צװײ מענטשן־קינדער שטײען מיט אָראָפּגעלאָזטע אױגן, דערשראָקן פאַר די װאונדער פון זײערע אײגענע קערפּערס, און

הערן זיך איין אין אַזוינס, וואָס האָט ניט קיין ווערטער, און דערפילן זיך איינע אַליין, אַרומגעצאַמט און אָפּגעטיילט פון דער שטאָט, וואָס רוישט גאָר נאָענט און צאַפּלט זיך אין די קלאַמערן פון אַלטענלאַכע זאָרגן. העי, ווי עס גלייבט זיך דאָ אויס דער רוקנביין ! ווי עס קרעפּטיקט זיך דאָ די נשמה ! ווי עס צייכענען זיך אויף אייביקע טאָוולען די אייביקע ווערטער: „אויף לעבן און טויט, אויף לעבן און טויט".

און אַז דער טאָג איז געקומען, און יואליק מיט זיינע חברים האָבן פאַר זיך דערזען אַ גוואַלדיקע סטאַדע צעיושעטע חיות, און זיי האָבן דערפילט די ברוטאַלע מאַכט פון אָטדעם בלוטיק־העסלאַכן, וואָס האָט אַריינגענומען די שטאָט אין זיינע האַריקע לאַפּעס, איז ניט געווען קיין סך וואָס צו טאָן. מ'האָט געוואוסט מיט אַ פּלוצלומדיקן אינווייניקסטן וויסן, אַז דער פּסק-דין איז אַרויסגעגעבן און פאַרשריבן און פאַרחתמעט. מען האָט עטלאַכע מאָל אויסגעשאָסן פון אַ בוידעם און דערהרגעט צוויי אָנפאַלער; מען האָט זיך ניט געקאָנט האַלטן אויף איין אָרט און מען איז איבערגעלאָפן פון גאַס צו גאַס און פון באַהעלטעניש צו באַהעלטעניש, און איידער נאָך די גויים האָבן געוואוסט, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן, זענען דריי שוין געלעגן טויט, דריי זענען געלעגן מיט איבערגעבראָכענע פיס און זיך געביסן די ציין ביז בלוט, כדי ניט אַרויסצולאָזן קיין קרעכץ, וואָס וואָלט אָנגעזאָגט דעם שונא, אַז מען לעבט נאָך. און איידער נאָך יואליק האָט געוואוסט, ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעלאָזט די דריי קוילן פון זיין רעוואָלווער, איז ער שוין געלאָפן מיט אַן אַריינגעצויגענעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, מיט אַ גוף אַן אויסגעבויגענעם פאָראויס, מיטן רעוואָלווער שטייף פאַרדריקט אין קעשענע אין דער רעכטער האַנט, מיט פיס, וואָס וואַקלען זיך, ווי זיי וואָלטן זיך געבראָכן אין די גלידער, און מיט אַ האַרץ, וואָס האָט שוין באַלד זיך אָפּגעשטעלט אין קאַלטן גוף. ער האָט זיך נאָכדעם ניט געקאָנט דערקלערן, ווי אַזוי און ווען ער האָט אָנגעכאַפּט ריווקען מיט זיין לינקער האַנט. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די וועלט אַרום אים יאָגט זיך מיט האַסט און דרייט זיך אין ווילדע שטויסן, און

ער, יואל, דארף לויפן גיכער און אלצדינג איבעריאגן. גע־טראגן האט ער זיך שנעל דורך היגטער־געסלאך, לעבן פלויטן, פאזע פארקענס, געהאלטן ריווקען שטייף בא דער האנט, איר געהאלפן אריבערקריכן איבער באלקנס און הויפנס מיסט, געלעגן צונעטוליעט צו דער ערד און מיט א האנט געשטיקט איר מויל, אז זי זאל ניט שרייען, כדי דער נאענטער שונא זאל ניט דערהערן. אומבאוואוסט, דורך בלינדע אינסטינקטן, האט ער פינקטלאך און שנעל געפונען דעם ריכטיקן וועג צום עק שטאט, און ווען ער האט זיך ענדלאך אפגעשטעלט אינם לערער זיי־דענבערגס צימער, האט ער זיך ניט געוואונדערט. אים האט זיך געדאכט, אז ער האט נאך ניט אויפגעהערט לויפן. ווי איי־נער, וואס כאפט זיך אויף פון שלאף, האט ער צוגעטראגן ביי־דע הענט צו די אויגן, די הענט זענען געווען נאס. ער האט אראפגענומען די הענט פון די אויגן און געקוקט אף זיי. נאכ־דעם האט ער זיי א לעק געטאן מיט דער צונג. די הענט זע־נען געווען געזאלצן. ער האט זיך געוואונדערט. ערשט ווען ריווקע האט ארייגגעקוקט אין זיינע שטארע אויגן און ארויס־געלאזט א הייסן קוויטשיקן געשריי: „יואל, וואס איז מיט דיר, יואל?" האט ער איבערגעפירט מיט דער האנט איבערן שטערן. דער שטערן איז פייכטלאך געווארן, איבער דער הויט פון דעם שארבן איז דורכגעגאנגען א שטעכיקע קילקייט, און יואל האט ארויסגערעדט מיט דער שטים פון אן אלטן מענטשן: „האב ניט מורא, קינד, האב ניט מורא".

איגדרויסן האט א שייגעץ מיט ווייסלאכע קוטש־מעס האר געטראטן די בלומען מיט זיינע בארוועסע פיס. דער שייגעץ האט גענעפנט די טיר פונם פאדערהויז. יואל מיט ריווקען האבן זיך אפגעטראגן אין צווייטן צימער. אין הויז איז קיינער, אחוץ זיי, ניט געווען.

נײנטער קאַפּיטל

„האָב ניט מורא, קינד, האָב ניט מורא"... פֿון טויזנט־יאָריקע פּרימיטיווע טיפּעניש האָט דאָס קול פֿון ד ע ם מ א ן, דעם באַשיצער, געפּרופֿט אַרײַנגעבן מוט דער „זי" אין צײַט פֿון סכנה. „האָב ניט מורא, קינד, האָב ניט מורא"... א הויכער יונג, מיט א געזונטן קערפּער, און א דין, שוואַך מיידעלע, וואָס האָט אים קוים דערגרייכט מיטן קאָפּ צום אַקסל. „האָב ניט מורא"... און פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, פֿון די ציין ביז די שפּיץ פֿינגער גייט א דראַבנע ציטער, עפּנט די שטויף־פֿאַרשטשעמעטע ציין, קלאַפּט מיט זיי, ווי מיט קליינע שטאָ־לענע העמערלאַך, שאָקלט דעם גוף, שאָקלט יעדן טייל פֿון דער הויט, און יעדער טייל וואָרפֿט זיך אין א געפּייניקטן טאַנץ. פֿאַר די אויגן גייען גרויסע שוואַרצע און גראָע רעדער, דרייען זיך, גליטשן זיך, גיסן זיך צונויף — און אָט פֿאַלט אין זיי אַרײַן דאָס בילד פֿון ווײַס־בערדיקן שטרייַנגען רב אין טלית און תּפֿילין, וואָס זײַן בילד הענגט אָט־דאָ אויף דער וואַנט, און אָט שווימט פֿאַרבײַ דער סאַמאָוואַר, וואָס שטייט אויף א טישל בײַ דער וואַנט, און אָט גיט זיך א גאָס א שוואַרצער טינט און פֿאַרדעקט אַלצדינג, — אויף ווי לאַנג? אפֿשר אויף א סעקונדע? אפֿשר אויף אן אייביקייט? „האָב ניט מורא, קינד, האָב ניט מורא". דער ציטער גייט אַלץ איבערן גוף, פֿון די ציין ביז די שפּיץ פֿינגער, און דער ציטער גיסט זיך איבער צו ריווקען, וואָס האָט זיך אַרײַנגעגראָבן מיטן ברוינעם קאָפּ אין דעם בחורס אַקסל און קלאַמערט זיך מיט צוויי ווײַבע הענטלאַך אַרום זײַן הויכן קערפּער.

אויף יענער זײַט טיר קראַכט עפּעס און הודזשעט און

דונערט, ווי דאָרט וואָלט געווען ניט איין שייגעץ, נאָר אַ גאַנצע מחנה. עס הערט זיך אַ קנאַק און אַ טרעשטש, מען שפּאַלט האָלץ מיט אַ גרויסער שווערער האַק. אַלעמאָל, ווען די האַק לאָזט זיך אַראָפּ, בלאָזט זיך אַרויף אַ שווער־געדיכטער „האַ!" פון טיפעניש פון די לונגען, ווי דאָס טוען פּויערים, ווען זיי קלאַפּן מיט אַ דובינע. „האָב ניט מורא, קינד, האָב ניט מורא". אפן בחורס פּנים איז אויסגעגאָסן אַ מיאוסע צע־קנייטשטע גרימאַסע, ווי ער וואָלט זיך געקליבן וויינען.

עס טוט עפּעס אַ כראַסק אין טיר, ווי אויסגעשאָסן פון אַ הילצערנעם האַרמאַט. די טיר עפנט זיך, רייסט זיך אויף. אין צימערל פאַלט אַריין אַ צעפּאַטלטער, צעכראַסטעטער נפש, מיט ווייסע קוטשמעס און מיט אַ פיסל פון אַ טיש אין זיין האַנט. דער נפש ליגט מיטן רוקן אַף דער ערד, ווי אַ גרויסער זשוק. דאָס באַשעפעניש צאַפּלט זיך אַ מינוט מיט הענט און פיס, ווי אַ זשוק, ווען מען לייגט אים אַוועק אַפן רוקן. איין רגע, איין טראָט מיט אַ פוס אַף זיין נאַקעטן פאַרברענטן האַלז, איין לייג מיט אַ קולאַק איבער זיינע פאַרגאָסענע שכורע אויגן — און ער וועט בלייבן ליגן אַ פאַרחלשטער, און ער וועט זיך ניט קאָנען אויפהויבן, — און „האָב ניט מורא, קינד, האָב ניט מורא", — ריווקעלע וועט אויפהערן ציטערן און אויפהערן נר־רען דעם קאָפּ. טיף אין די טונקלסטע לעכער פון זיין נשמה האָט יואל געוואוסט, וואָס מען דאַרף טאָן. אָבער די גראָע און שוואַרצע רעדער האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך שנעלער דרייען פאַר די אויגן, אונטערן לעפעלע האָט פאַרקלעמט אַ נודנאָטע, און אַז ער האָט דערפילט ריווקעס הייסע הענטלאַך גראַבלען זיינע אַקסלען און זיין פּנים, און ער האָט אַ קוק געטאָן אין צוויי גרויסע, צעפלאַקערטע, משוגענע ברוינע אויגן, און האָט דערזען — ניט דערהערט, נאָר דערזען — דעם משוגענעם געשריי, וואָס האָט זיך געריסן פון דעם ברייט־געעפנטן מויל אירן, זענען די אָרעמס זיינע געווען געליימט, די פיס געמאַכט פון ווייכן טייג, און יעדער אבר שווער ווי די וועלט. אַז ער האָט דערפילט, האָט ער שוין געוואוסט, אַז ער שרייט

אויך אין איין קול מיט ריווקען, און ער האָט ניט געהערט, ווי אַזוי דער געשריי ווערט געקאַרבט דורכן קלאַפּן פון די ציין.

אין אַ ראָד, אין אַ ראָד האָבן זיך געדרייט גראָע און שוואַרצע פּאַסן, און אָט אין דער ראָד איז אַרויסגעשוואומען דער נפש. ער שטייט מיט צוויי שווערע באָרוועסע פיס אויף דער קילער פּאָדלאָגע; אַ דין, רויט ריטשקעלע גייט פון זיינעם אַ פוס און שמירט די פּאָדלאָגע; אין האַנט האַלט ער אַ פּיסל פון אַ טיש, און אליין איז ער אָנגעבוגן, דער קאָפּ פּאָראויס, די ווייסע קוטשמעס אויפגעשטעלט, ווי ווייסע הערנער פון אַן אָקס. אַ יונגער אָקס מיט אַן אייזערנעם קאַרק, מיט צוויי גרויסע, בלאָע, צעסמאַליעטע אויגן, וואָס קוקן מיט ווילדן וואונדער. די אויגן זענען, דאַכט זיך, אינגאַנצן בלייך. דער נפש איז שכור, דער נפש איז אין אַ חלום, געמישט פון בלוט און רויך און פייער. דורכן רויטלאַכן טומאַן פון דעם צעגליטן מאַרך גיט פּלוצלונג אַ בליץ דאָס געשטאַלט פון אַ מיידל. „זשידאָוואָטשקעס". אַ שמייכל, נאָך פאַרוואַלגערט פון פריערדיקע צייטן, צעקרימט די פאַרברענטע ליפּן. „זשידאָוואָטשקעס". דער נפש לאָזט פאַלן דאָס פּיסל, טוט אַ שפּאַן פּאָראויס, טוט אַ שטרעק אַ פּאָר גרויסע פויערשע הענט צום גוף פון דעם מיידל: „זשידאָוואָטשקעס".

„או—אאאַ־אי! או—אאאַ־אי!" — שרייט דען אַזוי אַ מענטש? — האָט אַ יונג מיידל אַזאַ קול? וואָס קוועטשט זי זיך אין יואלס ברוסט, ווערט זי דען אריינקריכן אינווייניק? ווערט זי זיך דען באַהאַלטן? „או—אאאַ־אי! או—אאאַ־אי!" גרילצט דאָס איבערגעריסענע קול. צוויי הענטלאַך וואַרפן זיך קדחתדיק אַרויף, אַראָפּ צום בחורס קאָפּ, צום בחורס הענט. „או—אאאַ־אי!" צוואַנגען האָבן זיך אריינגעקלאַמערט אין איר אַקסל, שלעפּן זי פון דעם בחור, דריקן דעם אַקסל אַזוי, אַז נעגל קריכן אריין אין פלייש. ס'זענען שוין דאָ פינף לעבער אין דער הויט פון דעם צאַרטן מיידלשן אַקסל, ס'הערט זיך היג־טער איר אַ סאָפּען פון אַן אָקס. אָט אַזוי זשיפּעט עס און סאָ־פּעט, שווער און גיך, און דאָס מיידל האַלט זיך שוין קוים מיט די הענט אָן דעם בחורס רעקל, די לעצטע כוחות ווערט זי שוין

אָז, און אַלץ נאָך אָנגעבוינן איז איר קאָפּ, וואָס ציט זיך צום באַשיצער, און אַ געשריי, אַ שאַרפער, אַ זעגיקער קוויטש, דרייט זיך און דרייט זיך אין פייערדיקע ספּרוזשינעס איבערן צימער, פילט אים אָן פון איין עק ביזן אַנדערן, קלאַפּט זיך אָן פּעצנטער און שטעכט זיך אַריין מיט זייער לאַנגע אויסגעדרייטע נאָד־לען אין יואלס מח. יואל שטייט אַ געל־וואַקסענער, מיט אַ מיאוסער צעקנייטשטער גרימאַסע אַפן פּנים, און אידיאָטיש שעטפּשען נאָך די ליפּן אַזוינס, וואָס מען קען ניט הערן: „האָב ניט מורא, קינד"....

אָפ איין איינציקער רגע פאַרשווינדן אַלע שוואַרצע און גראָע רעדער, די וועלט הערט זיך אויף וויגן, די ציין הערן אויף קלאַפּן; דער צימער שטייט אַ פעסטער און אַ גלייכער; אַ וואָ־בעדיקע, פאַרגייענדיקע זון קוקט דורכן פענצטער; פאַר די אויגן שטייט אַ געווינטלאַכער שייגעץ מיט ווייסע האָר און צע־סמאַליעטע אויגן. דאָס אַלץ קומט פאָר אין איין רגע, ווען ריווקע שרייט אוים אַזוינע פּשוטע, פאַרשטענדלאַכע ווערטער: „יואל, גוואַלד יואל, וואָס טוסטו ניט עפּעס?" מיט אַמאָל ווערט פּלוצלונג אַזוי קלאָר און פּראָסט, און יואל הויבט אויף זיין רעכטע האַנט און שטעקט זי אַריין אין קעשענע, און נעמט אָן דעם רעוואָלווער פאַרן הענטל. איז די האַנט אַ הונדערט־פּודיקע משא און דער רעוואָלווער איז אָנגעקלעפּט אַזוי פעסט, אַז מען קאָן אים ניט אָפּרייסן פון דער קעשענע, און אַז די האַנט שלעפּט אים שוין אַרויס, איז אוממעגלאַך אים אויפצוהויבן אין דער הויך, און אַז מען האָט אים שוין אויפגעהויבן, וויגט ער זיך אַהין און אַהער, און אַראָפּ און אַרויף, און דער צייג־פינגער פון דער רעכטער האַנט טרעפט בשום אופן ניט אָפן צינגל, און די גרוי־מאַסע פון צעקנייטשטער מיאוסקייט אַקערט זיך איין אין פּנים נאָך טיפער, און אַז די לינקע האַנט קומט פון ערגעץ ווייט צו הילף דער רעכטער האַנט, פאַלט אויף ביידן איין גרויסער פייערשער קולאַק, און דער רעוואָלווער ליגט שוין אָפ דער ערד, און אַן אַנדער קולאַק לייגט זיך צווישן דעם בחורס ביידע אויגן, און אַראָפּ, אַראָפּ גליטשט זיך דער הויכער, געזונטער בחור, פאַרטשעפּעט זיך אָן טישטוך פון דעם טישל, שלעפּט אַראָפּ מיטן

טישטוך דעם סאַמאָוואַר, יענער פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד און צעגיסט דאָס וואַסער, וואָס איז אין אים געבליבן נאָך פון אייערנעכטן. אין אַ לוזשע וואַסער זיצט דער בחור יואל. פעטע, רויטע טראָפּנס פאַרטשעפּען זיך אין יונגע, זיידענע, שוואַרצע הערלאַך פון דער אויבערשטער ליפּ, גיסן זיך צונויף אין אַ ריטשקעלע, וואָס פאַלט אַפּן שויס.

יואל איז ניט פאַרחלשט. דאָס לינקע אויג איז בײַ אים פאַרלאָפן מיט אַ בלאָען ווייכן געשוויר, אָבער דאָס רעכטע אויג איז וואַך און לעבעדיק און זעט אַלץ. בלוט פון די וואונדן אין ריווקעס הויט, וואו דער שייגעץ האַווריל ע האָט אַרײַנ־געגראָבן די נעגל פון זיין רעכטער האַנט. בלוט־רויט זענען די אויגן פון דעם שייגעץ, די אויגן פון אַ ווילדן אָקס, וואָס מען האָט אין זיין פעל אַרײַנגעשטעקט אַ טוץ ברענענדיקע פיילן. קאַלך־ווייס איז ריווקעס „או—אַאַאַ־אי, או—אַאַאַ־אי“.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזוי פיל כח אין דעם ליב־לאַכן האַלב־קינדערשן קערפּער? אַ ריס און נאָך אַ ריס האָט האַוורילע געטאָן די ווייסע זומערדיקע בלוזקע; פּאַסן בלוזקע הייגגען אַרונטער פון דעם גאַרטל, פּלעכטן זיך אַרום די נרעמס, פאַרדעקן ניט די ווייבע, קיילעכדיקע מיידלשע בריסט. צוויי גרויסע פאַרגרעבטע פויערשע הענט יאָגן זיך נאָך די בריסט, צוויי שטאָלענע פינגערדיקע הראַבליעס שטרעקן זיך אייליק אַהין און אַהער, אָבער טריילסדיק־חיה׳ש וואַרפט זיך דער מיידלשער קערפּער, בויגט זיך, דרייט זיך, פאַרשווינדט. אויף רעכטס און אויף לינקס וואַרפט דער אָקס זיין לאַנגזאַמען קאָפּ, טופעט מיט אַ שווערער לאַפּע, פילט אַליין ניט, ווי ער שילט מיט אַ גראָבער פויערשער קללה. עס דאַכט זיך אים, אַז ניט איין מיידלשער קערפּער פלאַטערט אַרום איבערן צימער, נאָר אַ גאַנצע כאַפּטע, און בײַ אַלעמען גיסט זיך רויטע יושקע פון צייכנס אַפּן אַקסל. אַ האַנט האָט זיך נאָכאַמאָל אַרײַנגעקלאַמערט אין דער מיידלשער הויט, און נאָך אַ אַ האַנט האָט צעדריקט די בריסט און „או—אַאַאַ־אי! או—אַאַ־אי!“ — האָט דער געשריי נאָך הייזעריקער זיך אַרויסגעזועגט פון אַ רויטן ברייט־געעפנטן מיידלשן מויל, און פון דעם צערי־

סענעם זומערדיקן קלייד שאַרט זיך אַרום דער נאַקעטער קער־פּער: „זשידאָוואַטשקע“... „זיסינקע“... שווער איז דער גוף פון דעם אָקס. האַרט ווי שטיין איז דער קערפּער פון דעם אָקס. ער גראָבט דעם מיידלשן קערפּער, גראָבט אים און פאַרוויסט און פאַרעקלט אים, און זיין שטויס איז שאַנד און ווייטיק, שאַנד און בלוט, און ניטאָ שוין קיין גע־שריי. מיט די לעצטע כחות מאַטערט זיך דאָס מיידל אויס־צוקירעווען דאָס פּנים צו דער ערד. איינקוועטשן די בריסט אין דער ערד, אַריינגראָבן זיך אין דער נאַסער ערד, צופרעסן דאָס מויל, אַז עס זאָל שוין מער ניט שרייען, ס'זאָל שוין מער ניט זען די ליכטיקע וועלט.

לעבן טיש, אין אַ לוזשע וואַסער, זיצט דער בחור יואל, דער באַשיצער. „האָב ניט מורא, קינד, האָב ניט מורא“. די נאָז האָט שוין אויפגעהערט בלוטן; עס איז געבליבן הענגען פון איר אַ לאַנג, רויט פאַרגליווערט צעפּל. ס'לינקע אויג איז אויפ־געלאָפן, און דאָס רעכטע האָט געזען אַלצדינג און געוואוסט אַלצ־דינג. אין די הייסע אינגלשע טרוימען באַנאַכט האָט יואל קיינ־מאָל ניט געוואָנט אַראָפּנעמען די קליידער פון ריווקעס לייב. „אָו—אַאַאַ־אַי!“ שרייען אַזוי קינדער, ווען זיי ווערן געבוירן? שרייט אַזוי לעבן, ווען עס ווערט אַריינגעטונקט אין דער פּיין פון טויט?

אָן אַ זייט זיצט יואל און קוקט. דער רעוואָלווער ליגט דאָ דערביי אין דער נאַסקייט. אַן אומשולדיק שטיקל אייזן. אין איין ווינקל פון יואלס מוח טוט זיך אַ טראַכט אַ פּראָסטער געדאַנק: אָט אַ שטייגער, ווען ער, יואל, טוט אַ רוק מיטן פוס, קאָן ער דערלאַנגען דעם רעוואָלווער, קאָן ער אים אַרויס־נעמען פון דער נאַסקייט. די נאַסקייט האָט ניט געשאַט....

צונעפּרעסט צו דער ערד, צעפּלעטשט אין איר חורבן, אין איר בלוט, ליגט ריווקע. פון דעם חורבן הויבט זיך אויף דער פויער האַווריליע, אַ וואַקלדיקער, מיט בלינדע אויגן. ער הויבט זיך אויף, גלייכט זיך אויס, טוט אַ שטויס מיט דעם נאַקעטן פוס דעם צעפּלעטשטן מיידלשן קערפּער, פּאַרציט אויף זיך די קליי־דער און לאָזט אַרויס פון דער מויל אַן עקלדיקע, פויערשע קללה.

☙

שטיל איז דאָס הייזל. שטיל שווימט אריין דער אָוונט אין דעם קליינעם שטיבל. דורך דער אָפענער טיר גייט אריין אַ ווינטעלע, רוקט זיך איבער דער ערד, וועקט די צעריסענע בלעטער פון די ביכער. די בלעטער שושקען זיך, דערציילן זייער פּיין. דורכן צעבראָכענעם פענצטער קוקט אריין דער ערשטער גילגולאַכער שטערן, טרעפט די צעטראָטענע וואַזאָנעס, די גרינע שטענגעלאַך רירן זיך אין דער אָוונטיקער קילקייט, וויינען אויף זייער בלעטער־שפּראַך, באַקלאָגן זייער מזל. פון צי־מער צו צימער גייט די איינזאַמקייט, קוקט אריין אין די ווינ־קעלאַך, בויגט זיך אריבער איבער אַ צעטראָטענעם מיידלשן גוף, וואָס אים אָרט שוין אפילו ניט וואָס ער איז נאַקעט. פון אַ גיהנום־טיפקייט קריכט ארויס חוזק, וויגט זיך אויף וואַקלדיקע פיס, ברעקלט זיך אין אַ דראָבנע געלעכטערל, קוקט אויף אַ גע־זונטן יונגן בחור מיט אַן אויפגעלאָפענעם אויג, קוקט אויף דער צעפּלעטשטער חורבה פון מיידלשער שיינקייט, שטעקט ארויס אַ צונג און וויגט זיך און קייכט זיך אין געלעכטער.

שטילע נאַכט. רואיקע נאַכט. שוין אויסגעשעפּט האָט זיך די ווילדקייט. שוין דערטרונקען געוואָרן אין שכורן שלאָף די רציחה. שוין אָפּגעברענט אַלצדינג, וואָס האָט געדאַרפט ברענען. רואיק הויבן זיך נאָך צום בלאָען זומערדיקן הימל קליינע רויך־זיילן דאָ און דאָרט. שטיל, ווי אַ סוד פון דער מאַמע־ערד, הויבן זיך זיפצן פון באַהאַלטענע ווינקלען. שטיל שפּאַצירט דאָס ווינטעלע איבערן קליינעם שטיבל, וויגט אַ פּאָס פון לייכטן זומער־שטאָף, וואָס איז נאָך געבליבן ארומגעוויקלט ארום ריוועקס אַקסל. שטיל, לאַנגזאַם, ווי די לאַנגזאַמקייט פון דער ערד אַליין, שלעפּט זיך ריווקע ארויס פון איר חורבן, פון איר לוזשע בלוט, לייגט אוועק אַ קאָפּ אויף יואלס שיך, נעמט ארום זיינע פיס מיט אירע צעווייטאָקטע הענט, זאָגט ארויס פון צעביילטע ליפּן: „אוי, פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געטויט?“

שטילע נאַכט. רואיקע נאַכט.

צ ע נ ט ע ר   ק א פ י ט ל

דעם ערשטן טאָג אין קאַזאַרמע האָבן צוויי זאַכן זיך שטאַרק געוואָרפן האָווריליען אין די אויגן: דער סקריפּענדיקער בלאָק פון דער טיר — און דאָס וואָס אַלע סאָלדאַטן זענען געווען אַלע איינס.

איבער דער טיר איז געווען צוגעשלאָגן צו דער וואַנט אַ קליין אייזערן רעדל; אַפן רעדל האָט זיך געגליטשט אַ שטריק, וואָס מיט איין עק איז ער געווען צוגעקרעמפּעוועט צו דער טיר און צום אַנדערן עק איז געווען צוגעבונדן אַ שווערלאַכער שטיין. ווען מ'האָט געעפנט די טיר, האָט זיך דער שטיין אויפגעהויבן אַביסל העכער, און אַז מ'האָט נאָכדעם אָפּגעלאָזט די טיר, האָט דער שטיין געצויגן אַרונטער און זי פאַרמאַכט. דאָס האָט געהייסן אַ בלאָק. צוליבן בלאָק איז די טיר קיינמאָל ניט גע־בליבן אָפן. אָבער אַזוי ווי דאָס רעדל איז ניט געווען געשמירט, האָט עס געסקריפּעט. און אַזוי ווי די טיר פון דער קאַזאַרמע האָט זיך געהאַלטן אין איין עפענען און פאַרמאַכן, האָט זיך דאָס סקריפּען געהערט פון אינדערפרי ביז אין דער נאַכט.

אין קאַזאַרמע זענען געווען פיר צימערן, און אין יעדן צי־מער — אַ באַזונדערע ראָטע. האָווריליע איז דורכגעגאַנגען פון דער טיר ביז דער לעצטער וואַנט — און האָט געזען, אַז אַלע סאָלדאַטן זענען אָנגעטאָן אין אַלצאַיינע מונדירן מיט אַלצאַיינע שטיוול און זענען אָפּגעשוירן אַלע גלאַט, ביז צו דער הויט פונם שאַרבן. אָט־די אַלצאַיינקייט האָט האָווריליען צעמישט. ער איז אויפגעוואַקסן אין אַ וועלט, וואו מען האָט געקענט דערקענען דעם קלאַס פון אַ מענטשן לויט זיין הולך. אַ פּריץ איז געווען אַ פּריץ, אַ סוחר — אַ סוחר, אַ איד — אַ איד, און דער פּויער

האָט באַלד געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט יעדן איינעם. דאָ זענען אַלע געווען ווי אויסגעגאָסן פון איין מאַטעריאַל. פון אָנהויב האָט האַווריליע אַפילו ניט דערקענט דעם אונטערשייד צווישן די פּראָסטע סאָלדאַטן און די אונטער־אָפיצירן. ערשט ווען ער האָט זיך געווענדעט מיט אַ פראַגע צו איינעם פון די סאָלדאַטן: „העי, דו, בחור, וואו גייט מען דאָ אַרויס אין גאַס?“ — און יענער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט: „הער נאַר, דו, יאָלד, אויב דו רעדסט מיר נאָך אַמאָל אַזאַ ווערעמדיקע שפּראַך, וועל איך דיר אויסדרייען דיין שנוק אויף אַ זייט“, — האָט האַווריליע געוואוסט, אַז אַ מענטש מיט בענדלאַך אויף די פּאָגאָנעס איז אַנדערש ווי אַ מענטש אָן בענדלאַך.

מיט די בענדלאַך האָט האַווריליע אָנגעהויבן אַ מלחמה פון ערשטן טאָג אָן. די מלחמה האָט איינגנטלאַך אויסגעזען איינזייטיק: די בענדלאַך האָבן געזידלט און געשלאָגן און צוגע־זאָגט נאָך הארבערע שטראָף—און האַווריליע האָט געבויגן דעם קאָפּ און צוגענומען די זידלערייען מיט די קלעפּ. אָבער אין אמת'ן האָט האַווריליע אויך געהאַט אַ מיטל צו דערגיין די בענד־לאַך די יאָרן: אַז מען האָט אים דעררגזט, האָט ער זיך גע־מאַכט טאַמעוואַטע — און כאָטש טעסע אים פּלעקער אָפן קאָפּ.

ס'איז געווען אַ שווערע און אַ לאַנגע מלחמה. דער דאָר־פישער שייגעץ האָט געהאַט אַ געזונטן קאָפּ אויף די פּלייצעס, אָבער זיין שווערער פּויערשער גוף האָט זיך ניט פלינק אָפּגע־רופן אָפן באַפעל פונם מח. האַווריליע האָט געקענט אויפהויבן שפּילנדיק צוויי פינף־פודיקע זעק, אָבער אַז עס איז געקומען שפּרינגען איבערן באַריער, האָט זיין גוף בשום אופן ניט גע־קענט אַרויסווייזן די געפאָדערטע קעצישע פלינקייט. פון גיין און לויפן איז האַווריליע קיינמאָל ניט געוואָרן מיד, אָבער שטיין אויף איין אָרט און קלאַפּן מיט די פיס אָן דער ערד איז פאַר אים געווען אַ שטראָף. און ער האָט בשום אופן ניט געקענט קלעטערן מיט די הענט אָפן לייטער. דער לייטער איז געשטאַנען אָן אָנגעבויגענער: דער אונטערשטער שטאַפּל אויף דער פּאָדלאָגע, דער אויבערשטער — אויף דער סטעליע. אַ

סאָלדאַט האָט זיך געדאַרפט אָנטשעפען אויף איין שטאַפּל מיט דער רעכטער האַנט, אונטערהויבן דעם קערפּער אויף די מוסקולן פונעם רעכטן אָרעם, דערלאַנגען מיט דער לינקער האַנט צום נעקסטן שטאַפּל, און אַזוי ווייטער ביז צו דער סטעליע. האָווריִלעס מוסקולן זענען געווען שטאַרק ווי אײַזן, אָבער אויפהויבן דעם קערפּער העכער פון דריי־פיר שטאַפּלען האָט ער ניט געקענט. זײַן אונטער־אָפיציר, דער לערער, האָט געהאַט אַן אויסגעפּרופט מיטל קעגן אַזוינע סאָלדאַטן: ער פלעגט אַראָפּנעמען דעם לעדערנעם פּאַסיק מיט דער גוטער שטאָלענער ספּראַנדזשקע, האַקן מיטן פּאַסיק און מיט דער ספּראַנדזשקע איבער די פיס פון דעם אַרונטערגעהאַנגענעם הילפלאָזן סאָלדאַט, ביז יענער האָט זיך געמוטשעט הויבן העכער. האָווריִלען האָט דאָס אויך ניט געהאָלפן. דאָס צווייטע מאָל, וואָס דער מענטש מיטן בענדל האָט גענומען פּאַסעווען זײַנע פיס, האָט ער זיך מיט אַ כּיוון גענומען דריגען און געוואָרפן מיט די פיס אויף אַלע זײַטן, ביז ער האָט געטראָפן דעם אונטער־אָפיציר אין האַרצן אַרײַן און אים אַזוי דערלאַנגט, אַז יענער איז אומגעפאַלן מיטן קאָפּ אויף דער נאָענטער קאַיקע. פאַר אָט־דער „אומגעריכטער" עבודה האָט אים דער אונטער־אָפיציר געמאַכט ברוין און בלאָ, אָבער דעם פּאַסיק האָט ער אויף אים שוין מער ניט גענוצט.

געווען אַן אַנדער זאַך, וואָס האָט פון אָנפאַנג אָן פּאַראָמערט האָווריִלעס יאָרן: ער האָט ניט געקענט ענטפערן אויפן שטעל און ראַפּטאָם, ווען מען האָט אים פּלוצלונג געשטעלט אַ פראַגע. די גאַנצע קאַזאַרמע האָט געלאַכט, ווען דער אונטער־אָפיציר האָט אים שנעל אַ פרעג געטאָן: „זאָג, האָווריִלע, וויפיל האָסטו פינגער אויף ביידע הענט און פיס?" — און יענער האָט זיך אויף איין רגע צעמישט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. האָווריִלע האָט אויסגעזען טעמפּער, ווי ער איז אין אמתן געווען. צוליב דעם האָט ער זיך ניט געקענט אַרויסרוקן צווישן די סאָלדאַטן פון זײַן יאָר.

אָבער דער לאַנגזאַמער מח פון דעם דאָרפישן האָווריִלען האָט זיך צו אַלצדינג צוגעקוקט, אַלצדינג איבערגעקייט און פּאַוואָליע אָבער זיכער געקומען צו זײַנע אייגענע שלוסן.

אין קאזארמע זענען אַלע געווען אָנגעטאָן אַלצאיינס, אָבער דעם רייכן סאָלדאַט, וואָס האָט געקענט אונטערטראָגן דעם פעלדפעבל אַ גוטע פלאַש קאָניאַק אָדער אים איינלאַדן אויף אַ גוטן מאָלצייט אין דעם צווייטן שטאָטישן רעסטאָראַן (אין ערשטן האָט מען קיין סאָלדאַטן ניט אַרייַנגעלאָזט, ווייל דאָרט פלעגן אָפּט פארברייינגען די אָפיצירן) — דער האָט אי אַ צעטעלע געקראָגן צו גיין אין שטאָט אריין אויף אַ באַזוך, אי פון אוטשעניע האָט מען אים באַפרייט צוליב דעם אָדער יע-נעם אויסרייד, אי אַ בעטל האָט מען אים געגעבן לעבן פענצ-טער, וואו די לופט איז געווען ריינער. פון דער אַנדערער זייט איז געווען אַ גרופּע סאָלדאַטן בעדניאַקעס, מערסטנס דאָר-פישע שקאָצים, וואָס האָבן פון דער היים קיין געלט ניט באַ-קומען, וואָס פלעגן פוכנען אָפּן פיסק פאַר אַ גראָשן און וואָס האָבן זיך אפילו ניט געקענט קויפן זאַלב פאַר די שטיוול, וואַקס פאַר די רימענס און זייף צו וואַשן די העמדער, — איז זייער לעבן געווען איין לאַנגע מוטשעניע.

האַווריליע האָט באַלאַנגט צו אָט-די אָרימע פאַרוואָגלטע סאָלדאַטן. אויף זיין חלק איז אויסגעפאַלן צו רייניקן די ביקסן פון די רייכערע סאָלדאַטן, צו פוצן די שטיוול פון די אונ-טער-אָפיצירן און די דיאַדקעס, צו אַרבעטן אין קיך און צו טאָן די שווערסטע, עקלדיקסטע רייניקונג-אַרבעט.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, — און די קלעפּ פונעם שאַמפּאַל און די סטוסאַקעס פונעם אינגערן אונטער-אָפי-ציר, און די דריי-גאָרענדיקע קללות פונעם שרייבער, און די לייַ-זיקייט פון די אָפּגעטראָגענע סאָלדאַטסקע בגדים (קיין נייע בגדים האָט מען די נאָוואָבראַנצעס ניט געגעבן), און דאָס שטענ-דיקע הונגערן נאָך אַ שטיקל ווייסן ברויט, נאָך אַ רייפטל וואָרשט, נאָך אַ צוקערלעקאַך האָבן אויסגעלערנט האַווריליען צו טיילן די מענטשהייט אַנדערש, ווי ער האָט זי געטיילט אין דאָרף: פון איין זייט נאַטשאַלסטווע, פונעם פעלדפעבל ביזן ראָטנע און פּאָלקאָוואָי קאָמאַנדיר און העכער. פון דער אַנ-דערער זייט — די סאָלדאַטניא, וואָס האָט געדאַרפט אַלצדינג פאָלגן און שווייגן. האַווריליע האָט זיך אַליין שטאַרק געוואונ-

דערט, ווען צווישן אָט־דער געפּייניקטער און רעכטלאָזער סאָל־דאַטניע האָט ער אויך געפונען עטלאכע אידן.

דער זשיד יאָסקא האָט שוין דאָ ניט געהאַט דעם סוד, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט אין שטאָט און אויף זיינע באַזוכן אין דאָרף. זשיד יאָסקא איז געווען אַ געיאָגטער אָרימער סאָל־דאַט, גלייך מיט האָורילען. זשיד יאָסקא האָט געהאַט אַ קאָפּ אַ פלינקערן, ווי האָורילע, און אויף אַלע פראַגן פלעגט ער ענט־פערן גיך און גרינג, ווי אַ וואַסער, דערפאַר איז זשיד יאָסקא גיך מיד געוואָרן פון טראָגן די ביקס אויפן אַקסל, און אַז מען האָט גענומען די ביקסן „נאַ איזגאָטאָווקו": דער הילצערנער פּריקלאַד אויף דער הויך פון דעם בויך, די רער מיטן באַגנעט אויסגעשטעלט פאָראויס, פלעגט בא יאָסקאן גיכער ווי בא אַנ־דערע סאָלדאַטן אָנהויבן „אַרומגיין" דער עק פון דער רער — און אָט־אָט ווארפט ער גאָר אינגאַנצן אַראָפּ די ביקס. אַז מען האָט געקאָמאַנדעוועט „ביעגאָם!" און די גאַנצע ראָטע האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן פּאַראַד־פּלאַץ, קלינגענדיק מיט די קעס־סעלאַך און קלאַפּנדיק מיט די לאָפּעטקעס און די העקלאַך בא דער זייט, פלעגט יאָסקא אָנהויבן כראָפּען און סקריפּען, ווי אַ גאַנז, און עס פלעגט זיך אויסדאַכטן, אַז ער וועט באַלד אַרויס־סאָפּען פון זיך די נשמה. יאָסקא איז געווען האָורילעס שכן אין סטראָי, יאָסקא איז געשלאָפן אויף אַ בעטל לעבן האָורילעס בעטל, און האָורילע האָט געוואוסט, אַז יאָסקא סטאַרעט זיך מיט אַלע כחות, אַז יאָסקא וויל זיין אַ גוטער סאָלדאַט, נאָר — ווי האָבן געזאָגט די אָרימע סאָלדאַטן: „עס אַרבעט ביי אים ניט די מאַשין".

האָורילע האָט אַליין ניט געוואוסט, פון וואַנען עס האָט זיך ביי אים גענומען די פריינטשאַפט צו יאָסקאן. אפשר האָט זיך דאָ געלאָזט פילן די פרייקייט פון יאָסקאס געדאַנק. אַ שוואַ־כער און אַ געיאָגטער, אָבער אַ דורכגעטריבענער שטאָטישער בחור, האָט יאָסקא מבטל געווען די גאַנצע נאַטשאַלסטווע מיט דער גאַנצער מיליטערישער דינסט. אַן אָנגעשראָקענער און אַ געשלאָגענער, האָט ער זיך דאָך ניט געקענט איינהאַלטן פון שטעלן אַמאָל אַ קאַפּווירע פראַגע. אַזוי איז געווען, ווען דער

פעלדפעבל האָט געמוסרט די סאָלדאַטן פאַר דעם צערעמאָני-אַלנעם מאַרש. וואָכן און וואָכן האָט מען געמאַטערט דעם פּאָלק סאָלדאַטן מיט צוגרייטונג צום מאַרש. אַ שטריק פלעגט מען שטייף אויסציען פון איין עק ראָטע ביז דער צווייטער, און ווי איז געווען דעם סאָלדאַט, וואָס זיינע שטיוול זענען נים אויס־געקומען מיט די שפּיצן פּונקט באַם אָנגעצויגענעם שטריק. צום פּאַראַד האָט געזאָלט זיין סיי דער פּאָלקאָווניק, סיי דער בריגאַד־נער קאָמאַנדיר. דער פּאָלק האָט געדאַרפט מאַרשירן אַזוי, אַז יעדע ראָטע זאָל אויסזען ווי איין גראַדע ליניע, אָן דעם מינדסטן בויג. דער פעלדפעבל האָט געהאַלטן פאַר די סאָלדאַטן זיין לעצטע דרשה וועגן דעם, אַז דער פּאַראַד איז אַ יום־הדין, אַז אַלע מוזן הויבן די פיס אַלצאַיינס, אַז אַלע הונדערט און זעכצן פיס פון דער ראָטע דאַרפן געבן אַ קלאַפּ אָן דער ערד ווי איין פּוס, אַז די ראָטע דאַרף זיך פילן ווי איין מענטש.

„און טאָמער, חלילה, נים ? וועמען וועט דערפון שאַדן ? " — האָט יאָסקאַ שטיל, אָבער דייטלאַך אַ פרעג געטאָן. דער פעלדפעבל האָט זיך דערפילט אַקוראַט, ווי מען וואָלט אים אָפּגענאָסן מיט הייסער וואַסער. די ראָטע האָט זיך לכתחילה דערשראָקן, יאָסקאַ האָט באַקומען צוויי פייערדיקע פּעטש, אַזוי, אַז דער פּנים איז אים אויפגעלאָפן, און מען האָט אים שוין נים געקאָנט נעמען אָפן פּאַראַד. נאָכדעם האָט מען אים נאָך געמאַכט פאַר אַ „דניעוואַלני ווניע אָטשערעדי" (וועכ־טער אויסער דער ריי) און דער פעלדפעבל האָט אים צוגעזאָגט אַ פּלאַץ אין דיסציפּלינאַרנעם באַטאַליאָן, אָבער אין דער ראָטע איז די פראַגע געבליבן:

„ווער דאַרף האָבן אָט־די אוממענטשלאַכע מושטראָווקע ? און וואָס וואָלט, חלילה, געווען, ווען די ראָטע גייט נים אין איין גראַדער ליניע?"

אָט־די דרייסטקייט יאָסקאַס האָט אָפּנים געמאַכט אַף האָווריליען אַ טיפן איינדרוק. „אַזאַ שוואַכער שנעק ,און רעדט דיר אַזוי, אַז עס נעמט דורך ביז דער זיבעטער ריפּ", — האָט זיך געטראַכט אין האָווריליעם לאַנגזאַמען מח

אַז מען האָט האָווריליען דאָס ערשטע מאָל אָוועקגעשטעלט

„פּאַד רוזשיאַ“ (אונטער ביקס) אַף צוויי שעה, האָט דער שויי־נעץ זיך דערצו פֿאַרהאַלטן מיט גרויסן ערנסט. ער איז געווען אַ פּשוטער נפש, און אַ שטראָף איז אַ שטראָף. שטיין „פּאַד רוזשיאַ“ אומבאַוועגלאַך אינמיטן דער קאַזאַרמע, מיט אַ שווערן רענצל אַף די פּלייצעס, מיט דער שינעל צונויפגעקאַטשעט, ווי אַ ביינגל, איבערן אַנדערן אַקסל, מיט אַ שלל פּאַטראָנעס אין ריי־מענס איבער דער ברוסט, מיט אַ העקל און אַ לאָפּאַטקע און די איבעריקע מכשירים, וואָס דאָס האָט אַרום און אַרום געוואויגן צוויי און זיבעציק פונט, איז פֿאַר אַ געוויינטלאַכן סאָלדאַט ניט געווען אַזוי גרינג. האַווריל̈ען האָט ניט אַזוי געאַרט די משא, ווי דאָס שטיין אומבאַוועגלאַך, דאָס ניט־טאָרן אַ ריר טאָן מיט דער האַנט. טאָמער האָט ער אַפּילו אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, האָט מען באַלד דערזען, און מען האָט אָנגעהויבן רעכענען די צוויי שעה פֿון אָנהויב. דורך אַזאַ פּראַקטיק האָבן צוויי שעה זיך געקאָנט אויסציען אַף פֿיר און אַף פֿינף שעה. די קאַזאַרמע האָט געלאַכט: פֿאַר איר איז דאָס געווען אַ פֿאַרוויילונג. יאַסקאַ איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען האַווריל̈עס צער. יאַסקאַ איז מיט אַ כיון דורכגעגאַנגען לעבן האַווריל̈ען און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, כדי צו פֿאַרטרייבן די פֿליגן, וואָס האָבן געביסן דעם פֿאַרשוויצטן פּנים. יאַסקאַ האָט זיך אַפּילו איינמאָל פֿאַרגנבעט און אָפּגעווישט מיט אַ טיכל דעם שווייס פֿון האַווריל̈עס שטערן. דערפֿון איז האַווריל̈ע נאָך רויי־טער געוואָרן, און עס האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט, און ער וועט פּלאַצן. אַז עס האָט זיך געענדיקט די שטראָף, האָט ער ניט געקאָנט קוקן גלייך אין יאַסקאַס זייט. יאַסקאַ האָט אים אויך געלאָזט צורו. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט זיך האַוו־ריל̈ע געשעמט.

און אין עטלאַכע חדשים אַרום, אַז מען איז געגאַנגען פונעם שיס־פּלאַץ, פֿינף וויאָרסט ווייט פֿון דעם לאַגער, און די זון האָט געבאַקן ווי אַ קאַלך־אויוון, און אַפּילו די שטאַרקסטע סאָל־דאַטן האָבן זיך געשאָקלט, ווי שכורים, איז געשען אָט־וואָס: די ראָטע האָט פֿאַרבראַכט אַפֿן פּלאַץ פֿון צען אינדערפֿרי ביז דריי באַטאָג. מען האָט געשאָסן איינציקווייז, יעדער סאָלדאַט

באזונדער, און מען האט געציילט די געטראָפענע און די ניט־געטראָפענע שאָסן. מען האט זיך אָפּגעוואָלגערט אונטער דער שריפּהדיקער זון און מען האט געלעכצט נאָך א טרונק. דאָס פּעסל וואסער, וואָס מען האט געהאט געבראכט מיט דער ראָטע, איז פארשוואונדן געוואָרן נאָך אין דעם ערשטן פערטל שעה. דעם קוואס און די „פּיאַלקע", וואָס פריוואטע הענדלער האָבן געבראכט אפן פּלאַץ, האָט מען אויך אויסגעקויפט און אויסגעטרונקען זייער פרי. די ראָטע האָט פּשוט געברענט. יאָסקא איז געווען בלאָס ווי א מת. יאָסקא האָט קוים געקאָנט האַלטן די ביקס אין האַנט. פון די פינף אויסגעשאָסענע פּאַטראָנעס האָט ער ניט געטראָפן קיין איינציק מאָל. פאַר א שטראָף האָט מען אים געהייסן טראָגן אין לאַגער אריין דעם שיס־סטענדער מיטן קעסטל פּאַטראָנעס, וואָס דאָס האָט געוואויגן א פּאָר פּוד. דאָס איז געווען די געוויינטלאכע שטראָף פאַר די ערגסטע שי־סער.

יאָסקא איז געגאַנגען ווי אין א היציקן חלום. דער צונויפגעוויקלטער שינעל איז געווען האַרט ווי האָלץ און האָט געריבן די פּלייצעס. די ביקס האָט זיך אָלעמאָל געשלאָגן אָן לינקן אויער. דער סטאַנאָק *) אפן רעכטן אַקסל איז געווען שווער, ווי א באַרג. יאָסקאס פּנים האָט פון זיך געגאָסן טייכן שוויס. יאָסקאס קערפּער האָט זיך געבאָדן אין שוויס. די זון איז געשטאַנען אויבן ווי א ברענענדיקער מלאך־המות. קיין ווינטל האָט זיך ניט געפילט איבערן אַנגעגליטן פעלד. דער שטויב אפן וועג איז געווען היים אונטער די פיס און האָט געבריט דורך די גראָבע סאָלדאַטסקע פאַדעשוועס. האַוורילע אַליין איז געווען אויסגעמאַטערט און האָט געשלעפּט די פיס, ווי צוויי ניט־נויטיקע קלעצער. א פערטל וויאָרסט פון דעם שיס־פּלאַץ האָט ער דערפילט א לייכטן טאַרקע אין זייט. ניט פאַרהאַלטנדיק די טריט, האָט ער א קוק געטאָן רעכטס. יאָסקא האָט שוין קיין כח ניט געהאַט צו רעדן. יאָסקא האָט עפּעס געשעפּטשעט, וואָס האַווריל האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין.

---

*) סטענדער.

דער פּאָלק האָט זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן. די רייען האָבן געמוזט גיין נאָכאַנאַנד, אַלע אין איין ליניע, אַ ריי הינ־טער אַ ריי. בײַ דער זייט זענען געפֿאָרן אָפֿיצירן אויף פֿערד. די פֿעלדפֿעבלס און די אונטער־אָפֿיצירן האָבן לייכט געשפּאַנט אין זייערע ווייסע זומערדיקע בלוזעס מיט ווייסע היטלען אויף די קעפּ. זיי איז געווען גוט, זיי האָבן ניט געדאַרפֿט שלעפּן קיין רענצלאַך, שינעלן און ביקסן. זיי האָבן ניט געדאַרפֿט האַלטן דעם סטראָי. האָוורילע האָט דערפֿילט, ווי אַ הייסער קנויל הויבט אים אָן וואָרגן אין האַלז. האָוורילע וואָלט עפּעס גע־וואָלט זאָגן, נאָר ווער וועט הערן? האָוורילע האָט, גייענדיק, אַראָפּגענומען דעם סטאַנאַק פֿון יאָסקאַס אַקסל און אים אַריבער־גענומען אויף זײַנעם. דערבײַ האָט ער שטיל אַ ברום געטאָן צו יאָסקאָן: „גיב מיר דײַן ביקס און שינעל“. יאָסקאַ האָט מיט די לעצטע כחות אונטערגעהויבן די ביקס און אַראָפּגענומען פֿונם אַקסל דעם צונויפֿגעקאַטשעטן שינעל. יאָסקאַ האָט אָפּגעע־אָטעמט. מען איז אָפּגעגאַנגען עטלאַכע טריט. אָבער דער פֿעלד־פֿעבל האָט פֿון דער לינקער זייט דערזען די אומגעזעצלאַכע האַנד־לונג. דער פֿעלדפֿעבל האָט אָפּגעשטעלט די ראָטע, געהייסן יאָסקאָן און האָוורילען אַרויסגיין פֿונם סטראָי. האָוורילען האָט ער אָנגענומען פֿאַרן נאָז מיט די צוויי פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט און געצויגן די נאָז און געדרייט אויף רעכטס און אויף לינקס, וואָס דאָס איז געווען שמערצלאַכער און מבֿוזהדיקער, ווי פּעטש. אויף יאָסקאַס געבויגענע אַקסלען האָט מען ווידער אַרויפֿגעלייגט די גאַנצע משׂא. ביידע האָט מען געהייסן גיין אָן אַ זייט, אויי־סער דעם סטראָי.

די זון איז געוואָרן נאָך הייסער. דער שטויב איז געקראָכן אין די מײַלער און געבליבן הייגנען אין לייכטע קנוילן אַרום די לעבער פֿון די נעזער. דער דורשט האָט געגעסן די ביינער. ניט געווען קיין עק צום וועג. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, מען וועט קיינמאָל ניט דערגיין צום לאַגער. יאָסקאַ איז אומגעפֿאַלן אינ־מיטן וועג. אויף זײַנע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שוים. ער איז געווען ווי אַ טויטער. דער פֿעלדפֿעבל האָט אים פֿריער געטאָן אַ שטורך מיטן פֿוס, נאָכדעם האָט מען געגעבן אַ סיגנאַל דעם

מעדיציניִשן וואָגן. יאָסקא איז נאָך דעם צוויי וואָכן געלעגן אין שפּיטאָל, און האוורילע האָט, אחוץ פּעטש, באַקומען אַכט טאָג אין פינצטערן קאַרצער. ווען די ביידע סאָלדאַטן האָבן זיך נאָכדעם ווידער געפונען אף זייערע שכנישע בעטלאַך, זענען זיי געווען פריינט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט האוו־רילע געהאַט אַ פריינט, געקויפט דורך ווייטיק און באַליידיקונג און שרעק. האוורילע האָט ליב געהאַט יאָסקאַן, ווייל אין אים האָט ער אַריינגעלייגט אַ טייל פון זיין שווערן פאַרהאַרטעוועטן „איך". מיטן פויערשן אינסטינקט האָט ער אָנגעהויבן קוקן אף יאָסקאַן ווי אף זיין אייגנס.

***

אפן גראָבן, וואָס רינגלט אַרום די קאַזאַרמע, אונטער איינעם פון די עטלאָכע מאָגערע בוימלאַך, זיצט האוורילע מיט יאָסקאַן און רעדט און דערקאָנט אַ וועלט. יאָסקא איז ניט קיין באַרוי־דעוודיקער. יאָסקא איז צופיל פאַרטאָן אין זיך און אין זיינע געדאַנקען, אַז ער זאָל זיך אַוועקלאָזן אין לאַנגע שמועסן. אָבער יאָסקא איז אַ שטאָטישער מענטש, און אַז האוורילע זאָגט אַ נאַרישקייט, „אַ חזירשע אידיאָטסטווע", קאָן דאָס יאָסקא ניט פאַרטראָגן. ניט אַזוי זיי רעדן, ווי זיי קריגן זיך — אָט די צוויי אָרימע נאָוואָבראַנצעס, אָבער נאָך יעדער קריגעריי ווערט האוורילען ליכטיקער אין מח, און זאַכן, וואָס ער האָט דורכגע־לעבט אין דאָרף, באַקומען אַן אַנדער אויסזען און אַן אַנדער באַ־דייט.

אפשר דעם גרעסטן קאַמף האָט האוורילע אויסגעהאַלטן אין די געשפּרעכן וועגן אידן. דאָ האָט יאָסקא געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן, און זיינע רייד זענען געווען ביטער ווי גאַל.

„נאַר, דאָרפישער כאַמולע, וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו די זשידעס? ביסט דאָך בלינד, ווי אַ סאָווע אינמיטן העלן טאָג. קאָנסט דאָך ראָזענבלאַטן, דעם גביר פון אונזער ראָטע? אדרבא, זיי זיך מטריח, בעט בא אים אַ צענער פאַרן אידן יאָסקא. ראָזענבלאַטס טאַטע איז אָנגעשטאָפּט מיט רענדלאַך, און ער

אַליין לעבט אין דער ראַטע, ווי אַף אַ דאַטשע. נו, האָסטו אַמאָל געזען, אַז ראָזענבלאַט זאָל טאָן אַ טובה די איבעריקע אידן?"

האווריִלעם מח ארבעט לאַנגזאַם. האווריִלעם גרויסע בלויע אויגן עפענען זיך נאָך ברייטער און פרעגן עפּעס בא דעם שטילן פאַרנאַכט. האווריִלע קראַצט מיט אַ גרויסער פויערשער לאַפּע די קורץ-אָפּגעשוירענע האָר אַף זיין פּאָטילניצע, און אים איז קשה:

„אָבער אַ זשיד איז דאָך פאָרט אַ זשיד! און וואָס הערט זיך עפּעס מיט אייערע זשידאָווסקע זאַבאַבאָנעס?"

יאָסקאַ שפּרינגט אויף אַף די פיס און טוט אַ מאַך מיט ביידע הענט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט וועלן צעשפּאַלטן האוו־ריִלעס מח אַף צוויי. יאָסקאַ שרייט אויס מיט אַ קוויטשיקל:

— העי, נאַרישער פויער, טאָמער רעדסטו נאָך אַמאָל אַזוינע זאַכן, וועל איך דיך שיקן צו אַל-די פינצטערע יאָר.

האווריִלעם מח ארבעט פּאַוואָליע, ווי די רעדער פון אַ פויערשן וואָגן וואָלטן זיך געשלעפּט איבער אַ טיפער זאַמדי־קער געגנט. אָבער האווריִלעם מח ווערט פון אַלע זייטן באַ־פאַלן פון לעבעדיקע פאַקטן, וואָס צווינגען אים פרעגן, זוכן.

— נו, קוק אַף מיר, קוק, נאַרישער מח: אָט בין איך, ווי דו זעסט מיך, אַ איד, האָב איך עמיצן שלעכטס געטאָן? האָב איך באַראַבעוועט דיינע פויערים? האָב איך פאַרקויפט דיין גאָט יעזוס קריסטוס? גלויבסטו טאָקע, אַז איך טרינק דאָס בלוט פון קריסטלאַכע קינדער? הא? טו אַ טראַכט, פרעג זיך אַליין און ענטפער דאָס גיכער, — שעפּטשעט יאָסקאַ היים אין האווריִלעס פּנים אריין, און עס האָט אַ פּנים, ווי אַ מאָדנע דינער שוואַרץ־אויגיקער גלח וואָלט תפילה געטאָן צו אַ גרויסן בלאָנדן ברייט-ביינערדיקן אָפּגאָט, וואָס זיצט אַף אַ קלאָץ מיט די פיס פעסט איינגעגראָבן אין דער ערד.

האווריִלע ווייסט ניט וואָס צו זאָגן. האווריִלע איז צע־מישט. איינס אָבער איז אים קלאָר, ביזן דנאָ פון זיין טונקעלער נשמה: דער איד יאָסקאַ איז אַ גוטער מענטש; דער איד יאָסקאַ איז ניט ערגער פון די געצלמטע קריסטן.

און עס קומט נאָך א צייט און דערלאַנגט האָורילען נאָך א קלאַפּ און צעשטערט נאָך א טייל פון זיין אַלטן גלויבן.

פאַסט־צייט, עטלאכע וואָכן פאַר פּסח. די ראָטע עסט ניט קיין פליייש. די ראָטע איז אויסגעמאָגערט פון א גאַנצן ווינטער שווערער אומנויטיקער ארבעט. א טייל סאָלדאַטן „האָוועיען" (זענען זיך מתודה פאַר זייערע זינד פאַרן גלח אין צערקווע). דעם ערשטן טאָג, מאָנטיק, שיקט מען די ערשטע פּופּצן־צוואַנציק סאָלדאַטן צום גלח. אַזוי וועט עס גיין א גאַנצע וואָך. אין קאַזאַרמע פאַרשפּרייט זיך א יום־טובדיקע הייליקייט. די ראָטע העלפט די אויסדערוויילטע זיך אַנטאָן אין ווייסע העמדער און אין יום־טובדיקע מונדירן. עס דאַכט זיך, אַז ניט נאָר די באַשטימטע גרופּע דאַוונט היינט אין קלויסטער, און ניט נאָר זי אַליין באַקומט א כפּרת־עון, נאָר די גאַנצע ראָטע. אף די אויסגעקליבענע ליגט א באַזונדערער שיין. מען האָט זיך אָפּגעגאָלט און אָפּגעוואַשן און אָפּגעשייערט און אָפּגעוועקסלט, און מען האָט א פּנים ווי נייע. דאַכט זיך דער ראָטע, אַז אין אַזאַ טאָג דאַרף מען גאָר קיינעם אף אוטשעניע ניט שיקן. פאַרשפּרייט זיך אין דער קאַזאַרמע א גלויבן, אַז די וואָך פון „האָוועניע" וועט מען לכל הפּחות פאַרגרינגערן די דינסט.

בלאָזט די טרובע דעם סיגנאַל, שליסן זיך אַלע איבערגעבליבענע אין רייען, פילן זיי זיך מאָדנע, אומגעוויינטלאָך, לעבן נייע שכנים, — צוליב דעם, וואָס עס איז אַרויסגעפאַלן א טייל פון די חברים. גייט מען אַרויס אפן פאַראַד־פּלאַץ און עס הויבט זיך אָן די דערעסענע, טויזנט מאָל איבערגעחזרטע מאַרשיראָווקע: רעכטס, לינקס, ביעגאָם, שאַגאָם, ביקסן אין דער הויך, ביקסן אַרונטער, ביקסן אף קאַראַול, ביקסן אין דער לינקער האַנט. זענען די סאָלדאַטן אָנגעכמורעטע און פוילע, גייט די דינסט ווי קאַפּויר. איז דער פעלדפעבל א דערגרזטער און א במורנער. שילט ער און שטורכעט זיך און פאַראומערט דאָס לעבן. האָט מען געקאָמאַנדעוועט לויפן און מען האָט געטיאָפּקעט פון דעם פּולווער־קעלער ביז העט אַריבער צו די בעדער. איז דעם פעלדפעבל ניט געפעלן די אַרבעט, האָט ער ווידער א קאָמאַנדעווע געטאָן לויפן. איז מען נאָך ערגער געלאָפן פון די

בעדער ביזן פּולווער-קעלער, און די אונטער־אָפיצירן האָבן ניט אויפגעהערט שילטן. האָט מען זיך אַזוי אָפּגעמאַטערט דריט-האַלבן שעה, און עס איז שוין באַלד צייט צו עסן: עס נאָגט דער הונגער אין די געזונטע בייכער, און עס נאָגט אַן אומצו־פרידנקייט ווי אַ בייז געשוויר. וואַרט מען שוין אַף דער לעצ־טער מינוט. זאָגט ענדלאַך דער פעלדפעבל אַרויס: „אין קאַ־זאַרמע לויפן", דאַרף מען שוין צעברעכן די רייען און אויסשרייען אַ פריילאַך-ווילדן געשריי, לויפנדיק כאַפּטעסווייז צו דער קאַ־זאַרמע, צום הייסן באָרשטש מיטן ווייכן קאָרנעם ברויט. איז מען אָבער אויסגעמאַטערט און פאַראומערט. שרייט מען ניט אַזוי הויך, ווי עס פאַרלאַנגען די טראַדיציעס פון דער קאַזאַרמע. קומט גראדע אָן דער ראָטנער קאָמאַנדיר, הויבט ער אָן אַ זע־געניש: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שרייען? אַזוי קרעכצן דאָך נאָר טראָגעדיקע ווייבער! האָסט צעלאָזן די ראָטע, צו אַל־די שוואַרצע יאָר!" און עס הערט זיך ווידער אַמאָל די קאָמאַנדע „סטראָיסיאַ"! און אין רייען שטעלן זיך ווידער אויס די אָקאָרשט באַפרייטע סאָלדאַטן, און בא דער זייט שטייט דער ראָטנער קאָמאַנדיר אין הוילער רציחה, און צווישן זיינע צו־גויפגעפרעסטע ציין הערט ניט אויף זיך אַרויסצוקוועטשן איין מיאוסע קללה נאָך אַ צווייטער. און עס איז ווידער: רעכטס, לינקס, גיין, לויפן, שפּרינגען, טאָפּטשען זיך אַף איין אָרט, הויבן די ביקסן, אַראָפּלאָזן די ביקסן און ווידער אַמאָל לויפן און טאַקע נאָך אַמאָל לויפן. און אין די רייען פון די געפּייניקטע הערט זיך שוין אַ דייטלאַך ברומען, און פנימער ברענען אין מערדערישער פייגטשאַפט, און קולאַקעס דריקן זיך צוזאַמען ניט ווילנדיקערהייט — און עס איז שוין ניט קיין ראָטע סאָל־דאַטן, נאָר אַ ראָטע ווילדע אויפגערייצטע חיות, געטריבן דורך דער בייטש פון דעם בערן־טרייבער, דעם באַצווינגער: אָט־אָט וועלן זיי זיך אויסקערעווען און אויפעפענען זייערע מיילער און אַריינלאָזן זייערע ציין אין דעם טרייבער.

און אַז מען האָט שפּעטער מיט אַ שעה ווידער געזאָגט: „צעברעכן די רייען; אין קאַזאַרמע לויפן!" — איז מען שוין אַלע שטום, לאָזט מען ניט אַרויס דעם קלענסטן געשריי,

אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך. און דער ראַטני ווערט שוין בלאַס, ווי קרייד, און דער פּעלדפעבל ווערט שוין רויט. , ווי אַ בוריק, און בלאָזט זיך אָן, אַז אָט־אָט פּלאַצט זיין גרויסער בוך, און דער ראַטני הייסט זיך אַלעמען ווידער צונויפשטעלן, און ער גייט זיך דורך איבער דער ערשטער ריי, און ער הייסט זיך קוקן אין די אויגן אריין, און ווען עס דוכט זיך אים, אַז דאָס אויג איז ניט גענוג דערשראָקן און ניט גענוג מיד, לאָזט ער אַראָפּ אַף דעם סאָלדאַט אַ געזונטן קולאַק, און עטלאַכע באַוואַשן זיך שוין מיט בלוט, און עטלאַכע האָבן שוין אויסגעשפּיגן אַ צאָן אָדער צוויי.

און אַז מען קומט נאָכדעם אין קאַזאַרמע און מען עסט דעם פּאַרקילטן באָרשטש, פינצטערהייט, און מען באַמערקט, אַז עס זענען פאַרשוואונדן די שלעסער פון די ביקסן אינם גאַנצן בנין, — קיינער האָט גאָרניט געזען, ווען מען האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, — און אַלע ווייסן, אַז דאָס האָט נאַטשאַלסטווע מורא פאַר אַ בונט, און נאָכן באָרשטש נעמט מען שוין ניט אַרויס אַף אוטשעניע, און באַלד ווערט מען געוואויר, אַז טיר און טויער זענען פאַרשלאָסן, און פאַר די פענצטער שטייען וועכטער פון דער יונקערסקע אוטשילישטשע, — בלייבט די סאָלדאַטן ניט איבער גאָרניט, ווי זיצן און ליגן און שווייגן, אָדער זיך דורכרעדן מיט קוים־צוגעפּליסטערטע ווערטער. און האַווריִלע ליגט אַף זיין בעטל לינקס, און דער איד יאָסקאַ אַף זיין בעטל רעכטס, און דער איד יאָסקאַ שעפּטשעט אַזוי, אַז נאָר האַווריִלע קאָן דערהערן:

„אָט האָסטו דיר דיינע קריסטן! אַ גוט יום־טוב דיר, מיין טייערער חבר האַווריִלע. דאָס „ה אָ ו ו ע י ע ט" מען היינט באַ אייך, אין אַ גוטער שעה. מען שיקט אייך צום גלח זיך מתודה זיין אַף די זינד. נו, און די זינד פון אונזער ראַטני קאָמאַנדיר, וואָס זאָגסטו, האַ?"

און עס ווערט ווידער שטיל אין קאַזאַרמע, און אויב ניט אַלע סאָלדאַטן קאָנען אַרויסרעדן וואָס זיי פילן, באַמבעלט זיך אָבער באַ אַלעמען אין קאָפּ:

„פאַרשטערט אַ יום־טוב. און ווער איז שולדיק".

עס גייט אַוועק אַ האַלבע שעה און אַ שעה פון טונקעלן שווייגן, נאָר דאָ און דאָרט שיפּעט אַ סאָלדאַט אַרויס אַ דריי־גאָרנדיקע קללה, און יאַסקאַ רעדט ווייטער ווי צו זיך אַליין:

„אַ פּאַסטעניש אַף אונז. כאָטש איך בין גאָר קיין קריסט ניט, קאָן איך אויך ניט פאַרזוכן אַ שטיקל פלייש. און גיי אַריין אין דער אָפּיצערסקע סאַבראַניע, קוק אַריין אין קעסל, אדרבא, וועסטו דאָרטן אויך געפינען אונזער פאַרשטונקענעם טאַראַן?“

האַוורילע ענטפערט ניט. ווען האַווריליעס מח איז פאַרנומען מיט איבערקאַכן אַ נייעם געדאַנק, איז אים שווער גאָר איינגאַנצן צו רעדן. האַוורילע ליגט אַפן בעטל, מיט די אויגן איינגע־שפּאַרט אין די באַלקנס פון דער סטעליע. האַוורילע קוקט אַף אַ שפּאַלט אין דעם מיטלסטן באַלקן, פון וואַנען עס קריכן אַרויס צוויי גרויסע וואַנצן און איינע אַ קליינע, און זיין גרויסער שווערער גוף רירט ניט מיטן מינדסטן אבר. נאָר אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען נאָך עטלאַכע פערטל שעה (דער גלאָק אַפן טורעם פון דער סאָלדאַטסקער צערקווע קלינגט אי שעהן, אי פערטלען), זאָגט האַוורילע אַרויס, קוועטשנדיק יעדן אות:

„בריסטאָפּראָדאַוועצעס“.

און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן זאָגט ער דאָס ניט וועגן אידן, נאָר וועגן געצלמטע קריסטן.

עלפטער קאפיטל.

אפן צווייטן יאָר פון האורילעס דינסט איז געקומען די מלחמה. פון אָנהויב האָט זי זיך ווייניק געפילט אין האורילעס פאָלק. מען האָט איבערגעלייענט אַ מאַניפעסט, מען האָט גע־מאַכט פּאַראַד איבערן שטאָט, מיטן אָרקעסטער פאָראויס, און דער אָרקעסטער האָט געשפילט די „מאַרסעליעזע“, וואָס דאָס האָט יאַסקאַן זייער שטאַרק פאַרוואונדערט, און ער האָט ניט אויפגעהערט ברומען: „אָט, אַ קלאָג צו זייערע יאָרן, אַזוי איז דאָס אַ פאַרבאָטענער געזאַנג, אָבער אַז עס קומט זיך חנפענען צו די פראַנצויזן, שפּילט מען עס פראַנק און פריי אין די גאַסן“.

פאַר דער צערקווע האָט דער גלח געזונגען אַ תּפילה, און דער פאָלקאָוואָי קאָמאַנדיר האָט געהאַלטן אַ רעדע, וואו ער האָט דער־מאָנט „אונזערע פרייהייט־ליבנדיקע“ שותּפים, די ענגלענדער און די פראַנצויזן, און האָט געזאָגט די סאָלדאַטן, אַז זיי דאַרפן גיין ראַטעווען די וועלט פון דער דייטשער קנעכטשאַפט. די סאָלדאַטן זענען געשטאַנען און געהערט און געגאַפט, און די מערסטע האָבן זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, ווער עס איז אַ שונא און ווער עס איז אַ שותּף אין קריג. באַ אַלעמען איז געווען נאָר איין גע־דאַנק: „ווען וועט מען אָוועקטרייבן צום פראָנט?“

פון אָנהויב איז נאָך די דיסציפּלין געוואָרן שטרייגגער און געשאָסן האָט מען אָפטער מיט אמתע פּאַטראָנעס, ניט מיט קיין שפּילעוודיקע פּיסטאָנעס, און אָפטער האָט מען געמאַכט מאַנעוורעס מיט קאַוואַלעריע און מיט פּושקעס. עס האָט אָבער ניט לאַנג גע־דויערט און מען האָט געהייסן נעמען די ביקסן אַף די פּלייצעס, צובינדן די ביידל־טיכער צו די צונויפגעלייגטע שינעלן — און מ'איז

אוועק. ס'הויבן זיך אָן טעג פון פאָרן אין ענגע, הייסע וואַגאָנעם (40 מענטשן, 8 פערד), נעכט פון טראַכטן וועגן דעם אומבאַקאַנטן און שרעקלאַכן, וואָס קוויערט דאָרט אַפן עק פון דעם לאַנגן וועג, טעג פון שפּאַנען אין אומבאַקאַנטע געגנטן, דורך פוסטע דערפלאַך, פון וואַנען די פּויערים זענען פאַרשוואונדן, דורך שטעט מיט מאָדנע הייזער און נאָך מאָדנערע מענטשן. נייע פעלקן קומען אָן פון רעכטס און לינקס מיט נייע סאָלדאַטן, וואָס רעדן גאָר אַן אומגעוויינטלאַכע שפּראַך. טעג פון וואַרטן אין פּלאַטקעס באַם ראַנד פון אַ וועלדל, מיט וועכטער אַרויסגעשיקט פאָראויס און מיט אַעראָפּלאַנען, וואָס שווימען אין דער נאַכט צו מערב צו. אַ גאַנצע וועלט מיט מענטשן, וואָס האַלטן זיך אין איין רוקן פאָראויס! מענטשן און וואָגנס און פערד און אויטאָמאָבילן און האַרמאַטן און געפּאַנצערטע וואַגאָנעס, און ווידער פּיעכאָטע און ווידער סאָלדאַטן אַף פערד. און אָט זענען שוין אָפּגעברענטע הייזער און חורבות פון צערויבטע היימען. און אָט איז שוין אַ געגנט פאַרוויסט פון גראַנאַטן, וואָס זענען דאָ געפאַלן געדיכט, ווי אַ האָגל. און אָט הערט מען שוין פון ווייטן דאָס נידעריקע דונערן פון מעכטיקע שאָסן, און באַנאַכט בליצן אויף ראַקעטן אין דער לופטן, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס זענען וויסטע בשורות־זאָגער פון אַ לאַנד פון טויט.

באַנאַכט איז שוין קאַלט. ס'לייגט זיך אַ געדיכטע שווערע ראָסע. די קליינע ביידלאַך (שטייען אַף נאַסער ערד. סאָלדאַטן שלאָפן אין אויסגעקרימטע קאָנוואולסיווע פּאָזעס, און אָפט שרייען זיי אויס אין חלום, און אָפט רעדט מען פון שלאָף. מ'איז שוין שוואַרץ געוואָרן פון דער זון און דעם ווינט. די פּנימער זענען ניט געגאָלטע, די שטיוול ניט געפּוצטע, און פאַרשוואונדן איז די פּראַכט פון דעם פּאַראַד־פּלאַץ און דער פּוץ פון דער קאַזאַרמע. מענטשן זעען שוין אויס ווי שטיקער ערד, און אַז זיי לייגן זיך אוועק אין אַ צעאַקערטן פעלד, מיט די גרויע העמדלאַך און די שווייסיקע לייבער און די גרויע שינעלן פון אויבן, איז זיי שווער אָפּצוטיילן פון דער מוטער ערד.

אַ טאָג און אַ טאָג, און אַ וואָך — און שוין איז מען אין די ערשטע ליניעס, און מענטשן, געוואוינט אַרומצוגיין מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן איבער דער ערד, פאַרגראָבן זיך אין לעכער, ווי

נאָרעס, שמירן זיך איין אין בלאָטע, ווי די ניט־גוטע, שמירן זיך איין אין דעם בלוט און אין דעם מארך פון די געפאַלענע חברים, און מ'ליגט אין די גריבער אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט, און קוילן קומען פון יענער זייט און בייסן זיך איין אין דער ערד אַפּן ראַנד פון די גראָבנס, און צעשפּליטערן די ביקסן, און לעכערן אמאָל דורך אַ האַלז אָדער אַ לונג, און ווען זיי דרעליוועז זיך אַריין אין די דרענגלאַך, וואָס פאַרפעסטיקן די גראָבנס, זשור־זשען זיי ווי פליגן. און ס'איז דאָ אַזאַ זאַך, וואָס הייסט שראַפּנעלן. די שראַפּנעלן רייסן אויף, און שטיקלאַך פון זיי באַקומען אַן אייגן לעבן, ווי זיי וואָלטן געווען אַ האָרדע פייערדיקע בינען. און אַ בין טוט אַ לעק אַ פּוס פון אַ סאָלדאַט, און אָפּגעריסן איז דער פּוס. און אַ בין טוט אַ גלעט די באַק פון אַ סאָלדאַט, און אַראָפּ איז אַ האַלבער קאָפּ. און שכנים זעען און האָבן קיין צייט ניט רחמנות צו האָבן, און ווייסן שוין ניט ווי אַזוי מען שרעקט זיך. אָבער ווען מען ליגט אַזוי איינגעגראָבן און איינגעטונקט אין שוואַרצער נאַסער ערד, און גראַנאַטן פליען פון ערגעץ אַ ווינקל, וואָס „אונזערע" אַרטילעריסטן קענען אים ניט אָנטאַפּן מיט זייער פייער, און דער פייער־האָגל ווערט אָפטער און ווערט געדיכטער, און עס דאַכט זיך, אַז אַזוי וועט ער זיך שוין גיסן, ביז ס'וועט ניט בלייבן קיין איינציקער גאַנצער מענטש אָט־אָ־דאָ, אין אָט־דער שוואַרצער ערד, און ניטאָ שוין געננג הענט אַרויסצושלעפּן די צעקאַליעטשעטע, און ניטאָ שוין געננג כח אָפּצוטראָגן די טויטע אָן אַ זייט, לייגט זיך מיטאַמאָל אַזאַ מין שווערער, האַרטער בליי אויף אַלעמענס קעפּ, ברענען הענט און פיס און האָר און שאַרבנס אין פייער, בשעת דאָס האַרץ קילט און ווערט אַלע מאָל שווערער. און מען ווייסט ניט, אַז דאָס איז אַ גיהנומדיקע מורא, אַז ערגעץ פון צוריק מיט פּופּציק טויזנט יאָר שרייט אַרויס די חיה פון דעם מענטשנס נשמה, שרייט און וואָיעט אין דעם פרעמדן וואַלד אַריין און קלאַפּט מיט די שאַרפע ציין פאַר אומדערטרעגלאַכן שרעק.

און אַ טאָג קומט און נאָך אַ טאָג — און מען הויבט אָן אָפּ־טרעטן אייליק און שרעקנדיק און צעמישט. פּלאָנטערט זיך אָפּט קאַוואַלעריע מיט פוס־גייער. רוקט זיך אַריין אַ באַטאַרעיע האַרמאַטן צווישן דער קאַשע פון מענטשן, פערד און וואָגנס, ווערט אַלצדינג

איבערגעדרייט און פאַרוויקלט אין אַ קנויל, און עס איז שווער פאַנ־אַנדערצואוויקלען דעם פּלאָנטער. סאָלדאַטן רייסן זיך אָפּ פון זייערע ראָטעס אָדער פּאָלקן, זיי שליסן זיך אָן אָן פרעמדע סאָל־דאַטן. בלאָנקעט מען אַרום טעג און טעג, ביז מ׳געפינט די אייגענע מענטשן. זענען די קעסלען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, קאָכט מען ניט קיין קאַשע, פעלט שוין אָפּט אַ שטיקל ברויט, קייט מען די האַרטע פאַרשימלטע סוכאַרעס, וואָס זענען נאָך געבליבן אין דעם דורכגעווייקטן רענצל. פאַרטרינקט מען מיט ברודיקער וואַסער פון אַ ריטשקעלע באַם זייט פון וועג. הויבט אָן אַ בויך־ווייטאָק דרייען די קישקעס, ברעכט מען מיט בלוט און מיט אייטער, פאַלט מען אַף דער ערד, אַף דער צעאַקערטער אומבאַקאַנטער ערד, און מען קאָרטשעט זיך ווי די ווערים, און מען ווערט געגריזשעט פון ווערים, און מען ווערט אַליין אַ טייל פון אָט־דער צעפּוילטער ערד. גייען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מיט פאַרביסענע ציין, מיט אויגן, וואָס זעען שוין ווייניק, מיט פיס צעוואונדעטע און פאַרמאַטערטע ביז דער לעצטער מענטשלאַכער מאַטערניש,— און הינטער דעם אַלעמען שמייסט די בייטש פון שרעק. שטייט אימיצער אַ גרויסער, אַן אומגעזעענער, און בלאָזט מיט אַ קאַלטן ווינט אין די נאַקנס. פון דעם ווינט הויבן זיך די האָר אָפּן קאָפּ, און עס גיסט זיך אַ שוידער איבער דעם רוקן־ביין און עס דאַכט זיך: אַ מיליאָן הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט פון הינטן, און אָט כאַפּן זיי דיך אָן פאַרן האַלז מיט ביינערדיקע לאַנגע פינגער, און אָט טוען זיי דיך אַ הויב אויף אין דער לופטן אַריין ווי אַ פעדערל, און אָט טוען זיי דיך אַ שליידער אַראָפּ אַף אַ שטיק האַרטער ערד, ווערסטו צעפּלעטשט און צעשוואומען און עס בלייבט פון דיר גאָרניט.

אַ טאָג און אַ טאָג, און אַ וואָך גייען די סאָלדאַטן פון האַור־רילעס פּאָלק. גייט האַורילע אָפן רעכטן פלאַנג, שטעלט אַ שווערן אָקסענעם פוס נאָך אַ צווייטן, הערט ווי ס׳רודערט זיך עפּעס צווישן די סאָלדאַטן. אימיצער האָט אַ שעפּטשע געטאָן אַ וואָרט, און עס גייט און שפּרייט זיך, ווי אַ פייער איבער טרוקענע שייערס. גייט עס און הויבט אויף אַ מעסער־שאַרפן פלוך אין די הערצער: „פאַרראַט“...

די נאַטשאַלסטווע האָט פּאַרראַטן, די גענעראַלן האָבן זיך פאַרקויפט צו די דייטשן. אַ העלפט גענעראַלן זענען אַלע דייטשן. דעם קייסערס ווייב איז אַ דייטשקע. מ'האָט געעפנט דעם פראָנט פאַר די דייטשן. די דייטשן גייען הינטן און וועלן באַלד דעריאָגן, און ווען אריינשיטן אין די פּאַטילניצעס אריין אַזוי פיל שראַפּנעלן, אַז פון די פּאַטילניצעס וועט ווערן אַ הויפן אַש.

אַ ציטער און אַ ציטער און אַ פלוך — און די סאָלדאַטן קוקן שוין מיט וואָלפישע אויגן אויף זייער נאַטשאַלסטווע, און שטילער זענען געוואָרן די אָפיצירן, און זעלטענער קלינגען די מיאוסע שעלטערייען. אָבער די סאָלדאַטן האָבן שוין באַהאַלטן זייערן אַן אייגענעם געדאַנק הינטער די אָראָפּגעלאָזטע לעפלאַך פון די אויגן, און אין די אומבאַשטימטע מורמלדיקע ווערטער, וואָס ווערן שטיל אַרויסגעברומט פון צווישן עקשנותדיק־פאַרביסענע ציין.

און עס קומט אַ טאָג — און האָורילע דערשיסט ליעסניעווסקין. ליעסניעווסקי איז געווען דער עלטסטער פּאָדפּאָרוטשיק, וואָס אין דער צייט פון מלחמה האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ ראָטני קאָמאַנדיר. ליעסניעווסקי האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן, אַז די סאָלדאַטן קוקן אויף אים, ווי אויף אַ פּאָליאַק, אַ פרעמדן, און האָבן אים ניט ליב. ליעסניעווסקי האָט געהאַט וואַסערדיק־גרויע אויגן, אַ דינע נאָז, לאַנגע שמאָלע אויערן און אַ פּאָר דינע גלייכע וואָנצעלאַך איבער אַ דינעם מויל. ליעסניעווסקי האָט מורא געהאַט פאַר די סאָלדאַטן און פיינט געהאַט די ראָטע. אים האָט זיך כסדר אויסגעדאַכט, אַז מען פאָלגט אים ניט ווי געהעריק — און דערפאַר האָט ער זיך נוקם געווען די נקמה פון אַ טרוס. ליעסניעווסקי האָט לענגער ווי אַלע אָפיצירן געהאַלטן זיין ראָטע אויף די פיס. ער האָט העסלאַכער ווי אַלע אָפיצירן געשאָלטן זיינע סאָלדאַטן מיט רוסישע קללות. ער האָט געשיקט זיינע מענטשן אין אַזוינע געפערלאַכע ערטער פון די גראָבנס באַם פראָנט, אַז עס פלעגט זיך קוים אומקערן איינער פון דריי. ליעסניעווסקי האָט געשיקט זיינע מענטשן דורך פייער און טויט — און אַליין איז ער געזעסן הינטן אין די זיכערע אויסגעצעמענטעוועטע קעלערס אונטער דער ערד— און געגעבן האָט ער זיין קאָמאַנדע דורכן פעלדפעבל נאַזאַראָוו,

וואָס האָט פינף־און־צוואַנציק יאָר געדינט אין דער אַרמיי און וואָס די סאָלדאַטן האָבן אים גערופן „לעדערנער בוזעם“.

די סאָלדאַטן האָבן געטראָגן און געשוויגן. און געוואוסט האָט מען, אַז אזוינע אָפיצירן, ווי ליעסניעווסקי, שטאַרבן זעלטן פון אַ שונאס קויל. אַז מען האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן, איז ליעסניעווסקי אַריין אין אַן ערגערער רציחה. אים האָט זיך אַלץ גערדאַכט, אַז די סאָלדאַטן באַשולדיקן אים אין דער אַלגעמיינער מפּלה. אים האָט זיך געהערט אַ געלעכטער הינטער די פּלייצעס צווישן די מידע רייען. און עס איז טאַקע אַרומגעגאַנגען אַ שטעכווערטל צווישן די צוויי הונדערט אַרבעטער און מוזשיקעס: „אויף צו גיין אין שלאַכט איז ליעסניעווסקי דער לעצטער; אויף צו אַנטלויפן פון שלאַכט איז ער דער ערשטער“. סיי ליעסניעווסקי, סיי אַנדערע אָפיצירן וואָלטן גערן געבליבן הינטן, הינטער די אויסגעבויגענע רוקנס פון זייערע סאָלדאַטן: אַזוי וואָלט געווען זיכערער פאַר זייער לעבן. אָבער הינטן קען נאָך אָניאָגן אַ קויל פון די דייטשן, הינטן איז דאָ אַ וויסטע שטרעקע צווישן אַן אַרמיי, וואָס טרעט אָפּ, און אַן אַרמיי, וואָס יאָגט איר נאָך. ליעסניעווסקי מיט זיינע חברים האָבן דעריבער געמוזט גיין פאָראויס און געמוזט פילן הינטער זיך דעם חוזקדיק פאַרביטערטן געלעכטער און איינגעסמטע קללה.

און אַז דעם אינדערפרי האָט ליעסניעווסקי דווקא אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „נעמען די ביקסן, צונויפלייגן די פּאַלאַטקעס“, אייִדער נאָך די סאָלדאַטן האָבן באַוויזן אָפּצועסן די הייסע שטשי, וואָס זיי האָבן היינט באַקומען צום ערשטן מאָל אין דרייצן טעג, און אַז ליעסניעווסקי האָט דערצו נאָך געשאָלטן מיט דריי־גאָרנדיקע קללות און געדרייט זיינע דינינקע טאַראַקאַנישע וואָנצעלאַך, און אַז עטלאַכע סאָלדאַטן האָבן אויף אַ קול אַרויסגערעדט אַזוי ווי צו זיך אליין: „ניטאָ וואָס צו שעלטן, און מ'מעג זיין אַביסעלע שטילער“ און מ'האָט די דאָזיקע סאָלדאַטן דווקא ניט באַשטראָפט, נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז מ'האָט ניט געהערט די בונטאַרסקע ווערטער, — האָט שוין דער באַטאַליאָן געוואוסט, אַז עפּעס וועט געשען. און אַז ס'איז געוואָרן קאַלט פון דעם עסערדיקן ווינט, און אַרויף באַרג איז דער וועג געווען אַ ליימיקער און אַ פייכטער, אַזוי

אז יעדער פּוס האָט באַלד אָנגעהויבן וועגן אַ טויזנט פונט, און די סאָלדאַטן האָבן זיך געשלעפּט מיט די צעקראַטשקעטע פיס און זיך אָפּט געגליטשט אַף צוריק און זיך אָנגעשטויסן אָן די הינטערשטע און צוזאַמען מיט יענע געפלוכט אי דעם רעגן, אי דעם וועג, אי די מלחמה, אי גאָטס מוטער, און אַז די לייבער זענען שוין געווען נאַס פון דעם רעגן, אַקוראַט ווי אויסגעבאָדן אין אַ קאַלטן וואַסער, און ניט קוקנדיק אַף דער קעלט, האָב דאָך די רוקנס און די בריסט זיך געראָיכערט פון פּאַרע, און גראָד דעמאָלט האָט ליעסניעווסקי זיך געהייסן דערלאַנגען אַ פרישׂ פערד, און מ׳האָט אים צוגעפירט אַ שוואַרצן הנעוודיקן, פולבלוטיקן אַראַבישן פערד, וואָס איז צוגע־שטאַנען צום פּאָלק ערגעץ אַפן וועג, און ליעסניעווסקי האָט גע־הייסן איין סאָלדאַט האַלטן די סטרעמעניע און האָט דוקא אָנגע־טראָטן אַף די סאָלדאַטסקע פינגער, ווען ער איז געקראָכן אַפן פערד — האָט דער פּראַוואָפּלאַנגאָווע פויער האָווריִלע אַראָפּגענומען די ביקס פון דעם לינקן אַקסל, רואיק אַריינגעלייגט אין אַבאָימע מיט פינף פּאַטראָנעס, אָנגעשטעלט די ביקס, גייענדיק, אַף ליעסניעווסקין און אויסגעשאָסן דוקא נאָר איין מאָל. ליעס־ניעווסקי איז אַרונטערגעפאַלן פון דעם פערד. האָווריִלע האָט צו־ריק אַוועקגעלייגט די ביקס אַפן לינקן אַקסל. ליעסניעווסקי איז געווען טויט. דער גאַנצער באַטאַליאָן האָט געזען, וואָס איז געשען. די אָפיצירן האָבן זיך אומגעקוקט ערשט דעמאָלט, ווען דער שאָס האָט זיך דערהערט און ווען האָווריִלע האָט שוין געשפּאַנט מיט אַלעמען גלייך. די אָפיצירן האָבן זיך אָנגעשטויסן, אָבער אַזוי האָבן זיי זיך שוין אָנגעהויבן שרעקן פאַר די סאָלדאַטן, אַז מ׳האָט אויסגעטראַכט אַן אויסרייד: אַ פיינטלאַכע קויל זאָל האָבן גע־טראָפן פּאָדפּאָרוטשיק ליעסניעווסקי; די געגנט, הייסט עס, איז נאָך ניט זיכער פון דייטשישן אָנפאַל.

אַ גאַנצער באַטאַליאָן סאָלדאַטן האָט געקוקט און געזען און געוואוסט. און פון יענעם טאָג אָן איז האָווריִלע צווישן זיינע חברים געשטעמפּלט געוואָרן מיטן שטעמפּל פון אַן אויסדערוויילטן —אַ מענטש, וואָס צאָלט דעם קהל׳שן חוב.

האָווריִלע אַליין וואָלט זיך אפשר ניט געקענט דערקלערן דעם זין פון זיין עובדה. האָווריִלע האָט נאָך ניט געהאַט קיין ווערטער.

ער האָט נאָר געוואוסט, אַז אַזוי מוז דאָס זיין. האָורילע האָט דער־קלערט אַ מלחמה די אָפּיצירן מיט דער גאַנצער נאַטשאַלסטווע. ווי ער האָט קינדוויז מלחמה געהאַלטן מיטן חזיר און מיט די ניט־גוטע און מיטן פּריצישן עקאָנאָם, אַזוי איז ער איצט אַרויס אין מלחמה קעגן די אַלע, וואָס האָבן אים געטריבן צווישן ריקעס בלוט און בערג הרוגים צו זיין אייגענעם אומגליק. פון דעם טאָג אָן וואָלט האָורילעס ביאָגראַף געמוזט רעכענען זיין רעוואָלוציאָנערע קאַריערע. אָבער האָורילע אַליין האָט נאָך דאָס וואָרט „רעוואָ־לוציע" ניט געקענט, און ס'איז ניט געווען נאָך קיין אַלגעמיינע סאָציאַלע באַגריפן אין זיין לאַנגזאַמען פויערשן מח.

און אַז מ'איז דורכגעגאַנגען דורך יענער דאָרפישער געגנט אין מזרח־גאַליציע און מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייל אין אַ דערפל, וואָס איז דורך אַ נס געבליבן וויניקער אָפּגעבערנט, ווי אַנדערע דערפלאַך, איז אָט־וואָס געשען.

האָורילע מיט זיינע חברים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט פּוראַ־זשירן: אויסגעפינען און צונעמען אַלע עסנוואַרג, וואָס מען קען נאָר געפינען. האָורילע מיט נאָך צוויי חברים האָבן לאַנג זיך אַרומגעדרייט צווישן ליידיקע הייזער, ביז זיי זענען אָנגעקומען צום בריקל לעבן דער מיל. די מיל איז געשטאַנען. דאָס טייכל איז געווען האַלב טרוקן צוליב דעם דורכגעריסענער האַטקע, אָבער אויף דער באַנק לעבן מיל איז געזעסן אַ פּויער מיט אַ הילצערנעם פוס און מיט אַ סאָלדאַטסקער קעפּקע אויפן קאָפּ. האָורילע מיט זיינע חברים זענען צוגעגאַנגען נאָענט. דער איינפוסיקער האָט אונטער־געהויבן די קעפּקע און געזאָגט אויף אוקראַיניש: „אַ געזונט אויף אייך, גוטע מענטשן". די סאָלדאַטן האָבן געענטפערט. „זעצט זיך, ברי־דער", האָט יענער געזאָגט: „ס'איז דאָ פּלאַץ, קיין עין־הרע, פאַר אַלעמען". די סאָלדאַטן האָבן זיך אַוועקגעזעצט. אַלע דריי סאָל־דאַטן זענען געווען פון דער רוסיש־אוקראַינישער געגנט. מ'האָט אָנגעהויבן רעדן. דער איינפוסיקער האָט דערציילט וועגן דער האַטקע און וועגן דער מיל. ניט געווען ווער ס'זאָל אַכטונג געבן אויף דער האַטקע: מ'האָט אַלעמען פאַרטריבן אין קריג. נאָכן שלאַקס־רעגן, אָנהויב אָסיען, איז די וואַסער געווען אַזוי הויך, אַז זי האָט דורכגעריסן די הרעבליע. ניט געווען ווער ס'זאָל פאַר־

ריכטן. דאָס מילכל שטייט. אַגב איז ווינציק וואָס געבליבן צו מאָלן. דער פאַרשאָלטענער קריג האָט אויפגעגעסן אַלע תבואות, און וואָס וועט נאָך ווערן?

אַף איין און דער זעלביקער שפּראַך און מיט איין און דעם זעלביקן טאָן האָבן גערעדט דער איינפוסיקער מיט דער עסטרייכישער מיליטערישער קעפּקע אַפן קאָפּ און די דריי רוסישע סאָלדאַטן. און עפּעס אַ מאָדנע זאַך איז געשען. די סאָלדאַטן האָבן פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ שונא. די סאָלדאַטן האָבן בשום אופן ניט געקענט רעכענען אַט־דעם פרידלאַכן מענטשן פאַר אַ שונא. און כאָטש ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז אַליין געווען אין קריג און מען האָט אים דאָרט אָפּגעשניטן אַ פוס, האָבן זיי דאָך אַלץ געקוקט אַף אים, ווי אַף אַן אייגענעם מענטשן. אַזוי נאָענט און היימלאַך איז אַלצדינג געווען אַרום און אַרום: אי דאָס טייכל מיטן מילכל, מיטן גרויסן ראָד, פון וועלכן עס זענען נאָך אַרונטערגעפאַלן איינציקע טראָפּנס וואַסער, אי די האַלב־פאַרוויאַנעטע ווערבעס באַם ברעג מיט די לאַנגע שאַרפע בלעטלאַך אַרונטערגעהאַנגען אַזש ביז וואַסער, מיטן ברייטן בלויען שפּעט־אָסיענדיקן הימל איבער די קעפּ, מיט די לעצטע גרויסע סאָלנישניקעס (זון־בלומען), פון וועלכע די פייגעלאַך האָבן אויסגעפּיקט אַלע זערנעס, ביז עס זענען געבליבן גרויסע געלע ליידיקע טעלער, צוגעבויגן, ווי פאַרחרפּהט, צו דער ערד. אַזוי גוט געקענט האָבן די סאָלדאַטן יעדן קנייטש פון דער ערד און יעדן שאָרך פון אַ פאַרוויאַנעטן גרעזל, אַז מען האָט זיך בשום אופן ניט געקענט גלויבן, אַז דאָס איז אַ פיינטלאַך לאַנד.

אַף אַ באַנק לעבן אַן אוקראַאינישן מילכל זענען געזעסן פיר מענטשן, דריי מיט רוסישע קעפּקעס אַף די קעפּ און איינער מיט אַן עסטרייכער — געזעסן, געשמועסט, דערציילט וועגן דער אייגענער באַלעבאַטישקייט, געטראָפן, צי ס'וועט זיין אַ פריער ווינטער, געשפּאַרט זיך, צי ס'איז בעסער אויסגראָבן קאַרטאָפל וואָס פריער אָדער זיי לאָזן אין דער ערד ביזן ערשטן פרעסטל,—און אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַ האַלבע שעה און אַ שעה, און ס'איז ניט איינגעפאַלן די סאָלדאַטן צו זוכן שפּייז אין דעם מילכל און אין דעם מילנערס כאַטקע, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט אַרומגערינגלט

מיט אַ פּלויט און באַשירעמט מיט פּלוימען־בוימלאַך און טאָפּאָ־ליעס. און אַז מען האָט זיך אומגעקערט צום קריג, ווי מענטשן קערן זיך אום צום טויט, וואָס פּאַר אַ שמועס זיי זאָלן ניט פירן, האָט מען ניט געקענט זאָגן, ווער עס האָט דער ערשטער אַרויסגע־זאָגט דעם פּשוטן געדאַנק:

„די פּריצים שלאָגן זיך — און די מוזשיקעס טוט ווײ דער קאָפּ“.

דעם אָוונט, ווען האַווריליע איז געלעגן אין זיין קלייניקער פּאַלאַטקע, וואָס האָט אים ניט געשיצט פון דער פרירנדיקער נאַכט־ראָסע, און זיינע פיס האָבן זיך נאָך ניט אָנגעוואַרימט נאָך דעם לאַנגן שטיין אויף דער וואַך אין אַ זומפּיקער געגנט, און די בוימער איבערן קאָפּ האָבן געשעלעשטשעט נאָר אַזוי ווי בוימער קענען שפּעט אין האַרבסט, און דורך אַ לאָך אין דער לייוונט פון דער פּאַלאַטקע האָט אַריינגעקוקט אַ גרויסער זילבערנער דריי־עקיגער שטערן אַזוי נאָענט, אַז כאָטש שטרעק אויס די האַנט און פליק אים אָפּ פון דעם בלויען טעלערל פון הימל, און ערגעץ ניט ווייט האָבן פערד געכראָמשקעט זייער פּאַשע און אַלעמאָל אַ פּאָר־שקע געטאָן, ווען אַביסל שטויב איז אַריינגעפאַלן אין זייערע נאָז־לעכער, און ערגעץ ווייט, ווי פון יענער זייט אַ ברייטען טאָל, האָט זיך דערהערט דאָס קרייען פון אַ האָן—„קו־קו־רע־קו“. און באַלד נאָך דעם האָבן הינט אָנגעהויבן בילן ערגעץ־וואו, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן געבילט אין האַווריליעס דערפל, און אַ ווינטל האָט זיך אַ רוק געטאָן איבער דער ערד, געשאָקלט די האַלב־פאַרטריקנטע גראָזן, געפאָכט מיטן פליגל פון דער פּאַלאַטקע און אין האַווריליעס קאָפּ איז פון ערגעץ אַ באַהאַלטן ווינקל אַרויסגעקראָכן דער גע־דאַנק: „מען וועט שוין באַלד דאַרפן מלויצן דאָס קאָרן און אַרויס־פירן פאַרקויפן“, און טאַקע באַלד האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער איז ווייט פון דער היים און אַז ער ווייסט גאָרניט, וואָס עס הערט זיך דאָרטן מיט זיין ביסל קאָרן, און ער האָט שוין נאָכדעם בסדר געטראַכט וועגן קריג און וועגן די שונאים און וועגן דעם איינפוסיקן מילנער, וואָס ער האָט היינט געזען אויף אַ באַנק לעבן דער אָפּגעשטעלטער מיל, — איז ער סוף־כל־סוף געקומען צו אָט־

דעם געדאַנק, וואָס האָט זיך ווי ווייסע פייערדיקע צייכנס אויס־געשטעלט פאַר זיינע אויגן:

„דער פּויער דאַרף ניט די מלחמה".

דער געדאַנק איז געווען אַזוי ניי און אַזוי אומגעריכט, אַז האָור־ילע האָט זיך אויף אים אַליין געוואונדערט, ווי ער וואָלט זיך גע־וואונדערט, ווען ער געפינט אין וואַלד אַן אומבאַקאַנטן, קיינמאָל ניט געזעענעם בוים. ער האָט געקוקט אויף דעם געדאַנק פון איין זייט און פון אַן אַנדער זייט, דערמאָנט די מוזשיקעס אין דעם אייגענעם דאָרף, דערמאָנט די פּויערים, וואָס ער האָט געזען אין דער אַרמיי, דערמאָנט אַנדערע מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט אין די גראָבנס, און וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ זיכערער איז ער געוואָרן אין זיין געדאַנק:

„מיר, פּויערים, ווילן ניט די מלחמה. מיר, פּויערים, דאַרפן די מלחמה ניט האָבן".

פון דעם געדאַנק איז געווען נאָר איין שפּאַן צו אַן אַנדער געדאַנק: „אויב די פּריצים דאַרפן די מלחמה, טאָ זאָלן זיי אַליין זיך שלאָגן", — אָבער אָט־דער געדאַנק איז נאָך דערווייל געלעגן אין האָורילעס מוח ווי אַ הינדל אין אַן אָקאַרשט געלייגטן איי. ס'האָט געדאַרפט אַוועקגיין אַ שטיק צייט און ס'האָבן געדאַרפט קומען גרויסע געשעענישן, ביז האָורילע זאָל דייטלאַך אַרויסזאָגן זיך אַליין אָט־אָ־דעם גרונטאָוונעם געדאַנק. אָבער אַז האָורילע איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט ער שוין אַנדערש געקוקט אויף די סאָלדאַטן, אויף די אָפיצירן און אויף דער גאַנצער מלחמה. צום ערשטן מאָל האָט ער פריינטלאַך אַ שמייכל געטאָן צו אַ פּרי־בלורנעם סאָלדאַט, וואָס מ'האָט אויף אים געמורמלט, אַז ער איז פון „יענע", און וואָס די סאָלדאַטן האָבן זיך מערסטנס געהאַלטן פון אים פון דערווייטנס.

אין דער געשלאָגענער און אָפּגעטראָטענער אַרמיי האָט זיך שטיל אַריינגעגנבעט די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע. זי איז גע־קומען פּונקט אַזוי נאַטירלאַך, ווי עס קומט וואַרימקייט, ווען עס ברענט אַ פייער. זי האָט ניט געמאַכט קיין טומל, זי האָט זיך זעלטן באַוויזן אויף דער ליכטיקער וועלט. זי האָט דערווייל ניט געהאַט קיין אַנדערע אינסטרומענטן, ווי אַ וואָרט פון מויל צו

מויל, אפשר אמאָל גאָר א קללה, אמאָל גאָר אַן אומצופרידענעם ברום קעגן אַן אומגערעכטן באַפעל. אָבער האָווריליעס פּאָלק האָט שוין דורכגעלעבט דאָס ערשטע פיבער פון רעוואָלוציאָנערער אומ־צופרידהייט. מ'האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס מען וויל; מ'האָט זיך נאָך אָפט געשראָקן פאַר די אייגענע געדאַנקען. מ'האָט נאָך אָנגעבויגן דעם קאָפּ קעגן אַ שטריינגען באַפעל, אָבער עפּעס האָט זיך געענדערט. אַן אייגענער מענטש וואָלט אפשר געקענט אָנ־ווייזן דאָ און דאָרט אַ באַשטימטע פּערזאָן—מערסטנס אַ פּראָסטן סאָלדאַט, ווי אַלע סאָלדאַטן. וואָס זענען דאָס געווען פאַר מענטשן? פון וואַנען האָבן זיי גענומען זייערע געדאַנקען? ווער האָט זיי געלאָזט וויסן די אַלע טשיקאַווע זאַכן, וואָס זיי האָבן אַזוי זיך, כלומרש גוט־ברודעריש, געלאָזט וויסן זייערע חברים אין פּאָלק? וואָס פאַר פּלענער האָבן זיי געהאַט פאַר דעם מאָרגן? די גרויסע סאָלדאַטישע מאַסע האָט וועגן דעם ניט געוואוסט. די גרויסע מאַסע אַרבעטער און פּויערים אין סאָלדאַטסקע מונדירן האָט נאָך אפשר אפילו ניט געקענט זאָגן, אַז עפּעס רודערט זיך אין דער טיפעניש פון זייער מיליטערישער אָפּטיילונג. אָבער אַז מען וואַרפט אַ שטיינדל אין וואַסער און ס'הויבט זיך אַ קרייז, וועקט ער שוין אַן אַנדערן, און אַ דריטן, און אַ פערטן, און עס צעגייען זיך ווייטערע קרייזן ברייטער און ברייטער, ביז צום סאַמע עק פון דעם וואַסער.

צייט גייט — און קריגס־צושטאַנד הערשט. און מיליאָנען סאָלדאַטן זענען אָנגעזאַמלט באַם פראָנט. ס'איז דאָ גראָבנס און האַרמאַטן, ס'איז דאָ שפּיטאָלן, און ס'איז דאָ דער גאַנצער מילי־טערישער האַרמידער, אָבער ליידיק זענען די טעג און וויסט די נעכט פון אַ געשלאָגענער אַרמיי, און וואָס ווייניקער מען שלאָגט זיך און וואָס מער פרייע צייט מען האָט (די מאַרשיראָווקע מיט דער איבעריקער „אוטשעניע" האָבן דאָך אַ פּנים פון חוזק אין קריגס־צייט) — אַלץ שוואַכער ווערט די דיסציפּלין, אַלץ אומרו־איקער די סאָלדאַטן, אַלץ ווייניקער דרך־ארץ פאַר נאַטשאַלסט־ווע, און אַלץ עסערדיקער ס'בענקען אַהיים. די צייט גייט, און די גראָבנס זענען בלאָטיק און וויסט, געפרוירן אום ווינטער, נאַס ווי אַ נאַסער קבר אום זומער; די שטיוול זענען צעריסן, די פיס ברוד־

נע און באַדעקט מיט קרעץ; עסן גיט מען ווייניק און אין באַרשט שווימען ווערים, די לייז צעעסן דעם קערפּער, און פון דער היים קומען גרוסן, אַז מ'האָט צוגענומען דאָס פערד און די קו און דעם אינגסטן ברודער און ס'איז שוין ניטאָ מיט וואָס צו קויפן קעראָסין. ווערט שווערער אויף דער נשמה, ווערט דער סאָלדאַט אוים סאָלדאַט. בלייבט דער פּאָלק אָן אַ מיליטערישער נשמה. קומען אָפט נייע רעקרוטן, עלטערע מענטשן, וואָס מ'האָט זיי צוגענומען פון היים און הויז און ווייב און קינד, ליגן אויף זיי די שינעלן נאָך לעפּישער, ווי אויף אַ אינגערן דור סאָלדאַטן, זענען זייערע בערד געדיכטער און זייערע רוקנס געבויגענער, און זיי האָבן שוין קיין פּיצל מורא ניט פאַר נאַטשאַלסטווע, זיי דערציילן מעשיות פון גנבות און גזלות און הוליאַנקעס אין די הויכע פענסטער, אַזש די סאָלדאַטן פאַרהאַלטן דעם אָטעם און שיסן אוים מיט שפּיציקע מי־שברכס, און דערפון ווערט נאָך אומהיימלאַכער און נודנער אפן הארצן. און באַגעגנט מען אַן אָפיציר, איז דער רעכטער אָרעם ווי אַ פּודאָווע משא, קוים וואָס מען הויבט די האַנט צום קאַזיראָק, און אויב ניט איז אויך פאַרפאַלן.

האַווריל ע לעבט מיטן גייסט פון זיין פּאָלק. האַווריל ע האַלט זיך איצט מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן, און אין זיינע אויגן איז דאָ מער געדאַנק. ער הערט זיך איין, און מיט זיין פּויערשן אינסטינקט דערקענט ער, וואָס איז אמת און וואָס איז אַ גוזמא, און מענטשן דערפילט ער מיט דעם זיכערן שמעק פון אַ הונט: אָט־דעם קען מען גלויבן און אָט־דעם ניט — און אַזוי בלייבט עס.

אַ וואָך און אַ חודש און נאָך אַ חודש — און האַווריל ע ווייסט שוין, אַז דער פּאָלק האָט צו אים דרך־ארץ, אַז אים האַלט מען פאַר אַ „זיכערן מענטשן“. האַווריל ע ווייסט נאָך ניט, צו וואָס מען וועט דאַרפן זיכערע מענטשן. אין האַווריל עס נשמה ליגן נאָך הרודעס פאַלשע געדאַנקען, אָבער עס טאָגט שוין אין זיינע אויגן. ערגעץ אין די טיפעניש ן פון זיין נשמה, אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, גרייט זיך האַווריל ע צום גרויסן שטרייט.

צוועלפטער קאפיטל

דער שניי האט זיך געשמאָלצן, אין די טייכן זענען געשוואו־מען גרויסע שטיקער קריע, און אין דער אָפּגעוואַשענער לופט האָבן פייגעלאך געסווישטשעט, ווען אין פאָלק אריין איז אָנגעקומען די ידיעה, אז ניקאָלאי ראָמאַנוו איז געפאַלן. געקומען איז זי ניט־באהאַלטענערהייט, נאָר אינם ליכטיקן שיין פונם טאָג, אין דער געשטאַלט פון א פּריקאַז,*) וואָס האָט אָנגעזאָגט, אז די אַלטע רעגירונג איז אראָפּ, אז ראָמאַנאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין טראָן און אז א נייע רעגירונג פון דעם פאָלק האָט איבערגע־נומען די מאַכט אין אירע הענט. געפאָדערט האָט דער נייער באַפעל, אז דער פאָלק זאָל זיין געטריי דער נייער רעגירונג און אז די מלחמה זאָל מען פאָרטזעצן ביז א זיגרייכן סוף.

ס'איז געווען ווי א בליץ פון א לויטערן הימל. אָבער ווער האָט געלייענט אָט־די בליץ־דעפּעשע? טאַקע דער פאָלקאָוואָי קאָמאַנדיר אַליין. און ווער האָט גענומען פאַר קאַזיראַק, ווען מ'האָט דערמאָנט די נייע פאָלקס־רעגירונג? טאַקע אַלע אָפיצירן פון דעם פאָלק. און וואָס האָט געשפּילט דער פאָלקאָוואָי אָרקעסטער אין יענער העלער פאַר־פּסחדיקער לופט? דאָס פאַרבאָטענע געזאַנג, די פראַנצויזישע „מאַרסעליעזע", וואָס איז אַזוי ליב דעם הארצן פון אָפיציעלן פראַנקרייך. אָבער אַז נאַטשאַלסטווע איז אַוועק, און דער פאָלק איז געבליבן אַליין אַפן פּלאַץ און האָט זיך ניט גע־וואָלט צעגיין, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פיל־שטימיקע רוישן און ברומען פון איין עק פעלד ביזן צווייטן, און ס'האָט זיך אויפגעהויבן איינער פון די פּראָסטע, ביז אַהער ניט־באַ־

*) באַפעל.

מערקטע, סאָלדאַטן און האָט געזאָגט: „וואָס ס׳איז גוט פאַר נאַטשאַלסטווע, איז ניט גוט פאַר אונז, סאָלדאַטן, ארבעטער און פויערים“, און אַן אַנדער סאָלדאַט, אויך פון די ווייניק־באַמערק־טע, האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אויסקלייבן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל פאַרטרעטן די סאָלדאַטישע מאַסע און וואָס זאָל שטיין אַפּן וואַך צו היטן די סאָלדאַטישע אינטערעסן קעגן אַ שווינדל פון די פּריצים און אָפיצירן און אַנדערע נאַטשאַלסטווע, — האָט דער גאַנצער פּאָלק דערפילט, אַז אָט־דאָס טאַקע האָט ער געוואָלט און אַז אַן אַן אייגענער פאַרטרעטערשאַפט וועט ער זיין ווי אַן אַ קאָפּ. און אַז מען האָט גענומען טאַקע דאָ אַפּן פּלאַץ קלייבן און מען האָט געשריגן אַלע אַף אַ קול, כאָטש טויב צו ווערן, איז שוין געווען נאַטירלאַך, אַז יענער ערשטער סאָלדאַט זאָל אַרויס־שפּרינגען אַף אַ קלאָץ און פאָדערן שטילקייט, זאָגנדיק, אַז ער וועט זיין „פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג“, און דער גרעסטער טייל פון די סאָלדאַטן, און אפשר טאַקע אַלע סאָלדאַטן פון דעם פּאָלק, האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געהאַלטן אַן אָפּע־נע פּאָליטישע פאַרזאַמלונג מיט אַ פּאָרזיצער און מיט אַ צעטל פון רעדנער און און מיט רעזאָלוציעס, וואָס די מערסטע האָבן אפילו ניט געקענט אויסריידן זייער נאָמען.

צווישן די אויסגעקליבענע איז געווען דער פויער האָווריליע.

די איוואַנעס און סטיאָפּקעס און גרישקעס פון די רוסישע דערפער און שטעט האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט צו קענען די אייגענע קראַפט. אפשר נאָר אַ דערשלאָגענער, מיט ווייניק שכל און מיט אַן אייביקער מורא אין דער נשמה, האָט נאָך ווען־ניט־ווען אַ הויב געטאָן די האַנט צום קאָזיראָק צו באַגריסן אַן אָפּי־ציר. דער גרעסטער טייל האָט געקוקט אַף די אָפיצירן מיט אָפּע־נער פיינטשאַפט. מ׳האָט זיך גיך אויסגעלערנט צו נעמען די באַ־פעלן פון אויבן מיט אַ קאַלטן און בייזן חשד. מען האָט זיך אויסגעלערנט ענטפערן די אָפיצירן, אַז מ׳וועט פריער אָנפרעגן דעם פּאָלקאָוואָי קאָמיטעט. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז ווען אפילו עס באַקומט זיך אַ באַפעל פון אויבן אַרויסצוטרעטן אין שלאַכט, וואָלטן די סאָלדאַטן פריער ערשט געוואָלט וויסן, וואָס זאָגט דער

קאַמיטעט. און ס׳איז געווען אַ צווייפל, צי אפילו דעם קאַמי־טעט וואָלט מען געפאָלגט, ווען ער הייסט גיין אין שלאַכט.

דער פאָלק האָט ניט געטאָן קיין מיליטערישע ארבעט, אָבער טעג און נעכט זענען אַוועקגעגאַנגען אין היציקער אויפרעגונג. צייטונגען האָבן זיך געשאָטן פון די גרויסע שטעט, ווי אַ פאַפּי־רענער ים. רעדנער זענען געקומען און געהאַלטן פאַרזאַמלונגען, שיער ניט יעדן טאָג. פאַרטייען האָבן געשיקט זייערע פאַרטרע־טער צו פאַרהאַנדלען סיי מיט די סאָלדאַטן, סיי מיט די קאַמי־טעטן. שלוחים זענען אָנגעקומען פון שטעט און פון דערפער, און שלוחים פלעגט שיקן דער פאָלק אין פאַרשיידענע נייע, אָקאָרשט אויפגעשפּראָצטע אַנשטאַלטן, וועמענס נעמען מען האָט ניט געקענט ארויסריידן פינקטלאַך.

אַף האָורילען האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן שטורמען אַזוי פיל נייע אידייען, פּראָגראַמען, פאָדערונגען, פונקטן, אַז די ערשטע צייט איז דאָס געווען צופיל פאַר זיין לאַנגזאַמען פויערשן מח. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ גאַנץ נייע וועלט שטרעקט צו אים טויזנטער הענט, און יעדער איינער פאָדערט עפּעס, און יעדן איי־נעם מוז מען געבן אַ ריכטיקע תשובה. ס׳איז אָבער געווען עט־לאַכע גרונט־געדאַנקען, וואָס האָורילע האָט זיי געוואוסט ניט מיטן קאָפּ, נאָר מיט יעדן טראָפּן בלוט אין זיין שווערן קערפּער. איינע פון דידאָזיקע זאַכן איז געווען, אַז מ׳דאַרף זיך ניט שלאָגן: „די פויערים דאַרפן ניט די מלחמה״; אַן אַנדער זאַך איז געווען, אַז פּריצים זענען שונאים, צי זיי קומען אין דער געשטאַלט פון פאָל־קאָווניקעס און גענעראַלן, צי זיי קומען ווי קאָמיסאַרן פון עפּעס אַ נייער פּריצישער נאַטשאַלסטווע, וואָס זיצט אין אַ גרויסער שטאָט און קאָמאַנדעוועט איבער דער גאַנצער רוסישער ערד. אָט־די געדאַנקען האָבן געהאָלפן האָורילען געפינען אַ וועג צווישן אַ וואַלד פון אַלערליי מיינונגען, און צוליב אָט־דער זיכערקייט אין די עטלאַכע גרונטאָוונע אמתן האָט דער פאָלק געגלויבט האָור־רילען און זיך פאַרלאָזט אַף זיין וואָרט.

מיט דער צייט זענען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר גע־דאַנקען. פון דעם היימישן דאָרף זענען געקומען בריוו, וואָס האָבן דערציילט, אַז די גויים האָבן זיך אָפּגעזאָגט ארבעטן

פאַרן פּריץ, סיידן ער צאָלט זיי פינף רובל אַ טאָג מיט עסן, און צום סוף פון דעם לעצטן בריוול איז געווען צוגעשריבן מיט אַ שווערער האַנט: „די אָבשטשעסטווע *) שמועסט, אַז עס איז שוין צייט אָפּצונעמען באַם פּריץ די ערד“. האַווריליע, אַ געזונטער שייגעץ, וואָס האָט קיינמאָל פון קיין קרענק ניט געוואוסט, איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, ווען ער האָט איי־בערגעלייענט דאָס בריוול. אויף מאָרגן האָט ער פאַרשטאַנען מיט זיין גאַנצן ווען, אַז די ערד מוז איבערגיין אין די פויערשע הענט. ווען ס'איז נאָכדעם אָנגעקומען אַ רוף פון דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי: „ראַטעווע די רעוואָלוציע!“ „לאָזט ניט די גענעראַלן פאַרכאַפּן די מאַכט און צעטרייבן די סאָוועטן!“ האָט האַווריליע דורכגעלעבט און אַריינגענומען אין זיך נאָך איין גע־דאַנק: דער פּאָלק דאַרף שטיין אויף דער וואַך פון דער רעוואָלוציע! די גאַנצע מאַכט דאַרף איבערגיין אין די הענט פון די סאָוועטן!

און ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן הערן פון פּעטערבורג קלאַנ־גען, אַז מען אַרעסטירט די באָלשעוויקעס, און ווען ס'איז אָנגע־קומען פון דעם שטאַב פון דער דיוויזיע אַ ספּעציעלער אַדיוטאַנט מיט אַ באַפעל צו אַרעסטירן צוויי סאָלדאַטן אין האַווריליעס פּאָלק, האָט האַווריליע צונויפגערופן דעם קאָמיטעט און האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געהאַלטן אַן עפנטלעכע רעדע. ס'איז געווען אַ קורצע רעדע, און האַווריליען איז שווער געווען אָפּצורייסן אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעקלעפּט צו זיין גומען, אָבער געוואוסט האָט האַווריליע זייער קלאָר, וואָס ער וויל זאָגן, און דאָס האָט אים געהאָלפן, און בכלל האָט ער ווייניק געטראַכט וועגן זיך און האָט אפשר גאָרניט געוואוסט, אַז דאָס איז זיין ערשטע רעדע.

„די נאַטשאַלסטווע“, האָט ער געזאָגט, „האַלט מיט די פּריצים. די נאַטשאַלסטווע האָט אַריינגעזעצט אַ סך פון אונ־זערע אין טיורמע. היינט וועט מען אַריינזעצן אונזערע צוויי טאָווארישטשעס, מאָרגן וועט מען אַריינזעצן נאָך צען און איבער־מאָרגן וועט מען אונז הייסן גיין צום פראָנט צו שלאָגן זיך פאַר

---

*) געמיינדע.

די פּריצים. מיר דאַרפֿן געדיינקען, אַז וואָס ס'איז גוט פֿאַר די פּריצים, דאָס איז פֿאַר דעם פּויער אַ שחיטה. איך שלאָג פֿאָר, אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן אַרויסצוגעבן אונזערע צוויי יאַטן".

און אַזוי איז דאָס געבליבן. און ווען נאָך דעם האָט זיך אויפגעהויבן איינער פֿון דעם קאָמיטעט, דער, וואָס איז געווען דער ערשטער פּאָרזיצער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, און האָט פֿאָרגע-לייגט אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן", האָט מען באַשלאָסן צוזאַ-מענצורופֿן אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿונם פֿאָלק און איבערגעבן דער מאַסע דעם באַשלוס און פֿאָדערן שטיצע. דאָס האָט מען דורכגעפֿירט נאָך דעם זעלביקן טאָג. דער גאַנצער פֿאָלק האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן זיינע בונטאַרן און האָט געפֿאָדערט, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל איבערגיין אין די הענט פֿון די סאָוועטן.

יענעם אָוונט האָט דער ערשטער פּאָרזיצער באַגעגנט האָוו-ריִלען איינעם אַליין אַפֿן פֿעלד הינטערן לאַגער און האָט אים געזאָגט, אַזוי זיך, פֿאַרבייגייענדיק:

— ווייסט, טאָוואַרישטש, אַז ס'איז שוין צייט פֿאַר דיר אַריינצוטרעטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי?

און האָווריִלע האָט אַף אים אויפגעהויבן זיינע פֿאַרוואונ-דערטע גרויסע בלאָע אויגן און עפּעס געוואָלט ענטפֿערן, נאָר האָווריִלע האָט קיינמאָל ניט געקענט ענטפֿערן שנעל, ווען מען האָט אים אָפּגעבריט מיט אַ נייער אומגעריכטער פֿראַגע. איז ער אַוועקגעגאַנגען ווייטער איבערן פֿעלד, טרעטנדיק די ווילדע זאַנגען מיט זיינע בלאָטיקע באָרוועסע פֿיס. — — — — — — —

ניט אַזוי שנעל איז האָווריִלע אַריינגעטראָטן אין דער באָל-שעוויסטישער פּאַרטיי. ער האָט געדאַרפֿט אויסלערנען אַ סך זאַכן, וואָס זענען אים געווען פֿרעמד. ער האָט געדאַרפֿט צוגע-וואוינען זיין ווילדן אומרואיקן גייסט צו גיין אין שפּאַן מיט אַנ-דערע, צו געבן אַף אַלצדינגנג אַ קאָלעקטיוון ענטפֿער. לייענען און שטודירן איז ניט לייכט אָנגעקומען דעם לאַנגזאַמען פּויער, אָבער נאָך דעם ערשטן טאָג, וואָס מ'האָט אים געבראַכט אַף אַ שמועס צום פּאַרטיי-פֿאַרטרעטער, האָט ער באַוויזן דורך זיינע ענטפֿערס,

אז ער שטייט פעסט אפן באדן פון עטלאבע גרונטאװנע פרינ־ציפן און אז אין אט־די פונדאמענטאלע זאכן איז ער לייב און לעבן מיט די באלשעוויקעס. „א מענטש, וואס איז אליין דער־גאנגען צו אט־די געדאנקען, וועט זיין א גוטער באלשעוויק“, האט נאכדעם געזאגט דער פארטיי־פארטרעטער, און ס'איז געווארן קלאר, אז האורילע וועט זיין א חבר. אבער טאקע יענעם אוונט, ווען דער עלטערער באלשעוויק, א סאלדאט מיט ברילן און מיט א לענגלאכן בערדל, האט אים געהאט געדריקט די ברייטע לאפע און א שמייכל געטאן פון אונטער זיינע וואנצעס, ווי מ'שמייכלט נאר צו קאמף־חברים אין שלאכט, און ס'איז שוין געווען צייט פאר האורילען אוועקצוגיין אהיים און איבערקייען אין דער שטיל די אלע גרויסע און נייע געשעענישן, וואס האבן זיך ווי בערן געהויבן אין זיין לעבן, איז ער דאך א שטיקל צייט געשטאנען אין אריינגאנג צו דער ליימענער זעמליאנקע, וואו עס איז געווען דער
אריינגאנג צו דער ליימענער זעמליאנקע, וואו עס איז געווען דער
אז עפעס מאטערט דעם פויערס נשמה. א פאר מאל האט ער זיך געלאזט גיין צום ארויסגאנג, נאכדעם זיך געקראצט אין קאפ און געקוקט אף דער וואנט מיט דערשטוינטע אויגן, נאכדעם האט ער שנעל א ריס געטאן די טיר פון דעם אקארשט פארלאזענעם צימערל און אריבערגעטראטן די הויכע שוועל. אין גרויס אימ־פעט האט ער פארגעסן איינצובויגן דעם קאפ און האט זיך אנ־געשטויסן אן דעם הילצערנעם לייסטל איבער דער טיר. אבער ער האט דאס ניט באמערקט. פאר די דריי סאלדאטן פון דעם פארטיי־קאמיטעט איז אויסגעוואקסן האורילעס פיגור, ווי א גייענדיקער טורעם. דער חבר מיט דעם בערדל האט אף אים אויפגעהויבן די ברילן.

„נו, וואס נאך?“ האט ער פריינטלאך געפרעגט.

האורילע האט געקראצט דעם קאפ, געגלעט די בייל, וואס איז אנגעלאפן אף זיין שטערן, און ניט געוואוסט, אז ער טוט דאס.

אף די ליפן פון דעם חבר מיטן בערדל האט זיך באוויזן א דינער שמייכל, ווי עס שמייכלען דערוואקסענע איבער א נאר־רישקייט פון קינדער. אבער אויך דעם שמייכל האט האורילע ניט באמערקט.

— ווילסט עפּעס זאָגן? האָט יענער געפרעגט.

האַווריל איז רויט געוואָרן, אַזוי אַז זיין זון־פאַרברענטער פּנים און זיין נאַקעטער האַלז האָבן אויסגעזען כמעט שוואַרץ.

האַווריל האָט אַ זאָג געטאָן: „יאָ, איך וויל עפּעס פרעגן“.

איצטיקס מאָל איז האַוורילען נאָך שווערער געוואָרן אַפּצור־רייסן די ווערטער פון זיין גומען. אָבער סוף־כל־סוף האָט זיך באַ אים באַקומען אָט־וואָס:

— יאָ, איך וויל פרעגן... אָט, מען ווערט אַ באָלשעוויק. אָט, הייסט עס, אַ מענטש אַ באַזונדערער,—זאָגן מיר: ניט אַזוי ווי דאָס איבעריקע פאָלק... אַ מענטש, זאָגן מיר, אַן אָנגעצייכנטער, דאַרף ווייזן אַלעמען, וואָס הייסט אַ רעוואָלוציאָנער.. איז אָט פרעגט זיך, אַז מ'איז אַמאָל געווען אַ גרויסער נאַר און אַז מ'האָט געטאָן שלעכטע זאַכן, נו, טאַקע מיאוסע זאַכן... איז ווי אַזוי וועט דאָס זיין?“

דער סאָלדאַט מיט די ברילן האָט פון אָנהויב ניט פאַרשטאַ־נען האַוורילס פראַגע. אָבער דער שמייכל איז פאַרשוואונדן פון זיינע ליפּן. ער האָט אַ ווייל געשוויגן און נאָכדעם ארויסגעזאָגט שטרייַנגלאַך:

— דו רעד בעסער קלאָרע דבורים. וואָס מאַטערט דיך?

האַווריל האָט אַ וויש געטאָן דעם שוויס, וואָס האָט זיך געגאָסן פון זיינע שלייפן איבער זיין האַלז און אונטער דער צע־בראָסטעטער גימנאַסטיאָרקע, און האָט עטלאָבע מאָל אויפגעהויבן און אַנידערגעשטעלט די גרויסע פּיס.

— איך זאָג: אָט, מ'ווערט אַ באָלשעוויק. מ'דאַרף זיין אַ ריינער מענטש... נו, און טאָמער איז מען אַמאָל געווען, אַ שטיי־גער, אַ ראַזבאָיניק, און טאָמער אַ פּאָגראָם? מ'איז אויסגעוואַקסן אין דאָרף צווישן פינצטערע מענטשן.

דער מאַן מיט די ברילן האָט איצט שוין געהאַט זייער אַן ערנסטן פּנים. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט די אַנדערע צוויי באָלשעוויקעס און געזאָגט האַוורילען:

— אַ פלעק אין פריערדיקן לעבן איז אַ פלעק. אַ פאַרברעכן קען מען ניט אויסמעקן, אָבער מיר ווייסן, אַז אַ מענטש קען זיך בייטן. אַ מענטש מיט אַ פלעק קען אויך אַמאָל ווערן אַ גוטער

קעמפּער. מ'דאַרף אים נאָר אויספּרופן און זען, וואָס ער איז איצט. דיך וועט מען דאַרפן אויספּרופן לענגער ווי אַנדערע חברים.

ווען מ'האָט אים נאָכדעם געמעלדעט, אַז ס'וועט באַשטימט ווערן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אים אויסצופּרעגן, האָט זיך ווי אַן אָפּשיין פון פרייד באַוויזן אַפן שייגעצס געפּייניקטן פּנים.

— יאָ, — דאָס איז גוט, האָט ער געזאָגט. דאָס איז גערעכט. אַז איך קויף אַ פערדל, וויל איך עס אויספּרובן, זען, צי קען עס גיין אין שפּאַן.

האַווריל'עס פּרוף־צייט איז געווען לענגער מיט עטלאַכע חדשים, ווי די פּרוף־צייט פון אַנדערע סאָלדאַטן, און ס'איז שוין געווען שפּעט אין האַרבסט, ווען האַווריל'ע איז אַריינגענומען גע־וואָרן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

ס'איז ניט געווען אין האַווריל'עס נאַטור צו גריבלען זיך. האַווריל'ע האָט ניט ליב געהאַט דערמאָנען פאַרגאַנגענע צייטן. האַווריל'ע, דער נייער מענטש מיטן נייעם צובונד מיט נייע גע־דאַנקען, האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל געזאָגט, אַז וואָס ס'גע־ווען איז געווען און אַז מען וויינט ניט איבער אַ צעבראָכענער כלי. אַף יענעם דאָרפישן שייגעץ, וואָס איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין און געגלויבט, אַז די אידן זענען שולדיק אין אַלע אומגליקן, האָט דער איצטיקער האַווריל'ע געקוקט ווי אַף אַ פרעמדן מענ־טשען. האַווריל'ע איז געווען פונקט אַזוי ווייט פון יענעם פּאַג־ראָם-טאָג, ווי פון זיינע קינדערשע יאָרן, ווי פון זיין מאַמען, וואָס מ'האָט זי אַרויסגעשלעפּט אַ גרינע פון צווישן דער אָסאָקע. און דאָך,—אין שטילע נעכט, נאָך רווישיקע הייסע געשפּרעכן, אין אָפּרו־טעג, ווען ער איז געגאַנגען אַליין אויסערן לאַגער אין וועלדל אַריין אָדער אַף דער סטעזשקע, וואָס פירט באַרג אַרויף, פלעגט פּלוצלונג אויפשטיין יענער טאָג מיט יענער שאַנד. האַוו־ריל'ע האָט ניט ליב געהאַט אָט־די זכרונות. זיין פּרימיטיוו־גע־זונטע נשמה האָט זיך אינסטינקטיוו געהיט פאַר אַ וואונד. ווי אַ קינד רייסט אַוועק דאָס הענטל פון אַ הייסער זאַך, ניט

ווײסנדיק און ניט פאַרשטייענדיק די סכנה, אַזוי האָט האָרילע געפּרואווט זיך אָפּרייסן פון געדאַנקען, וואָס וואָלטן אים שווער געמאַכט אַפן האַרצן. אָבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל פלעגן קומען די אומגעבעטענע בילדער, און אַ שאָטן האָט זיך געלייגט אַף האָרילעס נשמה.

ס'זענען געווען מיידלאַך אַף דער וועלט. אין לאַגער, ווייט פון שטאָט, האָט מען זיי זעלטן געזען. פון דעם נאָענטן דערפל זענען זיך כמעט אַלע פּויערים צעלאָפן. און ניט אָפט פלעגט מען באַגעגענען אַ גויע אָדער אַ שיקסע. אָבער פלעגט ער אַמאָל אַזוינע דערזען, האָט עפּעס אַ ברי געטאָן בײַ אים אין האַרצן, און שוין איז געשטאַנען פאַר די אויגן דאָס שטיבל אין עק פון דעם שטאָטישן געסל, דאָס צימערל אַף יענער זייט פון דעם פאָדערשטן צימער, דער אידישער בחור מיט די שוואַרצע אויגן און דער געפּייניקטער מיידלשער קערפּער, וואָס האָט זיך אין אַנגסט און אין בלוט געוואָרפן אונטער די פיס פון אַ בלינדן וואָטיקן אָקס.

אין אַזוינע מאָמענטן, ווען האָרילע האָט געזען פאַר די אויגן זיין אייגענע זינד און זיין אייביקע שאַנד, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט זי שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן, האָט ער, ווי דעמאָלט, געהויבן אַ האַנט צום שטערן און געווישט די אויגן, געברומט „עך", און געשפּיגן און געדאַרפט זיך אָנטאָן אַ כח צו געדיינקען, אַז דאָס איז ניט ער, דער איצטיקער האָרילע, אַז ער איז אַ באָלשעוויק, אַ רעוואָלוציאָנער, אַ מענטש, וואָס פאָדערט „די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן", אַ מענטש, וואָס די פּאַרטיי האָט אים אויסגעפּרובירט און אַריינגענומען מיטן פלעק.

געלעבט האָט האָרילע אין רויש און אין קאָך פון רעוואָלוציאָנערע צייטן, געטראָגן האָט האָרילע אַ גרויסן חוב פאַר דריי טויזנט סאָלדאַטן-חברים, וואָס האָבן אים אויסגעקליבן צו רעדן און טאָן פאַר זיי. געוואוינט האָט זיך האָרילע צו האַלטן רעדעס, לאַנגזאַם, פּראָסט, ווי דאָס טיאָפּקען פון אַן אָקס איבערן וועג, אָבער שטענדיק קלאָר און שטענדיק אין ענגגן אָנריר מיט דער נשמה פון די סאָלדאַטן. געווען איז האָרילע שטענדיק אַרומגערינגלט מיט מענטשן, און קיינער וואָלט ניט געגלויבט, אַז

אָט־דער געזונטער ברייט־ביינערדיקער שייגעץ, וואָס אַף זיין אויבערשטער ליפּ האָבן זיך קוים אויסגעצווינן די ערשטע בלאָנדע הערלאַך און אַף זיינע ליפּן איז נאָך, דאַכט זיך, ניט אויסגע־טריקנט געוואָרן דער מאַמע׳ס מילך, האָט געביינקט נאָך אַן איי־גענעם מענטשן, וואָס ער זאָל אים קענען דערציילן יעדע מינוט פון זיין לעבן, געביינקט נאָך אַ נאָענטער נשמה, וואָס ער זאָל זיך פאַר איר קענען מתודה זיין.

„עך, גלחים האָט מען אָנגעפּלאָדיעט, מ׳זאָל זיך פאַר זיי ספּאָוויעדען", — האָט האַווריליע געטראַכט מיט האַרץ. „אָבער וואָס איז אַ גלח ? אַ פעטער חזיר מיט אַ גריווע, דאָס איז אַ רעאַקציע, שוואַרצע הונדערט. אָבער וואו נעמט מען אַן איי־גענעם גלח ? טאַקי אַ באָלשעוויסטישן גלח, וואָס מען זאָל אים קאָנען דערציילן אַלצדינג ?"

האַווריליע האָט אַמאָל אַ פרעג געטאָן אַן עלטערן חבר, צי מען קאָן אַ שטייגער האָבן באָלשעוויסטישע גלחים, — „נו, ניט קיין אמת׳ע גלחים, אָבער אַזוינע, וואָס מען זאָל פאַר זיי קאָ־נען אַרויסליינגן די נשמה".

האָט יענער אַף אים אַ קוק געטאָן מיט פאַרוואונדערונג און געזאָגט : „עי. ברודער, ביסט נאָך אַלץ אַ גראָער מוזשיק. וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן עס קריכן דיר אין מח! דאַרפסט זיך לערנען, ברודערקע, צו קריגן באַוואוסטזיין".

האַווריליע האָט געפילט, אַז מען פאַרשטייט אים ניט. אָבער דאָס איז קיין נייס ניט געווען. אים האָט זיך אָפט געדאַכט, אַז עס איז דאָ אַזוינע זאַכן, וואָס קיינער קאָן זיי ניט פאַר־שטיין און וואָס מען קאָן זיי ניט זאָגן.

דרייצנטער קאַפּיטל

ווען מ׳וואָלט יענע צייטן געפרעגט האַווריל׳ען, וואָס וויל ער בעסער פון אַלצדינג, וואָלט ער שוין דווקא קיין סך ניט געקלערט און וואָלט באַלד אַפּן שטעל אַרויסגעזאָגט: „פאָרן אהיים“. א פאַקט איז, אַז ווען דער היים, ווען דאַרף פון זיינע טאַטעס און זיידעס, האָט ער איצט געטראַכט מער ווי אַלע יאָרן פון דינסט... נאָך וועמען, א שטייגער, זאָל בענקען אַזאַ האַוורילע? די מאַמע איז טויט, דער טאַטע איז אַן איינגעהויקערטער, גראָער מוזישק, וואָס הערט ניט אויף הוסטן. דאָס שטיקל פעלד איז פאַרוואַקסן מיט פּאָרעי און בודיקעס, און איידער מ׳וועט אים אויסרייניקן, וועט מען דאַרפן אָפּגיין מיט ריקעס שוויים. די כאַלופּע האָט זיך אַף איין זייט אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, און דער טאַטע האָט אים אַנומעלטן געשריבן אין פּאָלק אַריין, אַז אָט־אָט וועט איין זייט זיך אינגאַנצן אַוועקלייגן. פון וואַנען לעבט דער פאָטער? אַמאָל פון א נדבה, זומער — פון עטלאַכע אוגערקעס און ציבעלעס, וואָס וואַקסן אַפּן גאָרטן. אַן אָרימע באַלעבאַטישקייט איז געווען בא האַווריל׳עס טאַטן, און זינט דער בחור איז אַוועק אין סאָלדאַטן, שוין א חשבון פון אַריבער פיר יאָר, איז דער חורבן נאָך גרעסער געוואָרן.

אָבער טאַקי צוליב דעם האָט האַווריל׳ען אַזוי שטאַרק געצויגן צוריק אין דאָרף. מען וועט צונעמען דעם פּריצישן מאַיאָנטעק און אים צעטיילן צווישן דעם פּויערשן פאָלק, — אָט די נייעס האָט זיך געטראָגן צום פאָלק אַף אַלערליי וועגן; אָט די נייעס האָט געהויבן האַווריל׳ען אין דער לופטן און אים געצויגן אהיים, ווי מיט אייזערנע קייטן... טיף אין האַרצן איז

האווילע שטענדיק געבליבן א פּויער. און וואָס האָט געקאָנט זיין ליבער פאַר אַ פּויערשער נשמה, ווי קומען אין הויף אַריין מיט דער גאַנצער פּויערשער הראָמאַדע, אַרויסרופן דעם עקאָ־נאָם, אים לאָזן וויסן, אַז ער איז אויס פּריץ, אַז די הראָמאַדע נעמט איבער אין אירע הענט אַריין די פעלדער, און דעם וואַלד, און די מיל, און די שטאַלן מיט די בהמות, און די סטאַניעס מיט פערד, און די געציינגן און אַלע זיבן זאַכן, — און וואָס קאָן נאָך מער דערקוויקן דאָס האַרץ, ווי זאָגן אָט־דעם פּריצישן משרת: „גענוג געבאַלעבאַטעוועט איבער אונז; גענוג פאַרגאָסן אונזער בלוט; איצט גיי און ווייז זיך מער ניט פאַר אונזערע אויגן“.

אין אַ גרעניץ־גובערניע איז געשטאַנען דער פאָלק, אָבער פלאַמענדיקע פּיילן־נייעסן, פּיילן־רופן האָבן זיך געטראָגן אַהינצו פון אַלע זייטן לאַנד. און די סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגערופן אי איינציקווייז, אי אין גרופּן. עס איז ניט געווען אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל גובר זיין דעם רוח פון דער היים. איינציקווייז און באַפעסווייז פלעגן סאָלדאַטן זיך אַרויסגליטשן פון דעם לאַגער און ניט בלייבן. דער קאָמיטעט האָט גערופן פאַרזאַמלונגען, גע־סטראַשעט מיט חברשער שטראָף. מען האָט אָנגעוויזן, אַז אויף אַזאַ אופן ווערט צעבראָכן די מיליטערישע קראַפט פון דעם לאַנד, און אַז גראָד איצט, אין די שווערסטע צייטן, ווען וואָלקנס לויערן פון אַלע זייטן, איז נויטיק פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן פאָלק צו שטיין אויף דער וואַך, צו האַלטן הויך די פאָן. די סאָלדאַטן האָבן אויסגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געשטימט פאַר די רעזאָלוציעס, געקלאַפּט בראַוואָ, — און באַנאַכט, ווען עס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די אָסיענדיקע שאָטנס און אַ נעבל פלעגט אַרויסקריכן פון דער פייכטער ערד, האָבן זיך דאָ און דאָרט אַרויסגערוקט פיגורן, ווי שטיקער פאַרגליווערטע פינצטערניש, און געשפּאַנט צו מערב צו, אַהין, אין די ווייטע גובערניעס, וואו דאָס לעבן איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי ווילד־קרעפטיק און אָנגעפילט מיט וויין פון קאָכיקע מעשים. באַ זיך אין האַרצן האָט האווילע געוואוסט, אַז ער טראָגט ניט אויף די אַרויסגע־גליטשטע קיין פאַראיבל. דאָס פּאַרטיי־פּראָגראַם האָט געפּאָ־דערט איין זאַך, — און האווילע האָט נעפּאָלגט, אָבער וואָס

האָט דער יונגער פּויער געקאָנט טאָן קעגן די קולות פון הונ־דערטער יאָרן, וואָס האָבן געמופן אין זיין האַרצן און געקלאַפּט מיט העמערלאַך אָן די דעקלאַך פון זיין שאַרבן? האווּרילע האָט אַפילו קיין האַרץ ניט געהאַט צו פאָדערן שווערע שטראָף פאַר די, וואָס גייען און קומען ניט צוריק.

און דאַן זענען געקומען די אָקטאָבער־טעג, און דונערן האָבן גענומען פאַלן אַף דעם שטיל־געוואָרענעם פאָלק. די מאַכט אין די הענט פון די סאָוועטן; קערענסקי אַנטלאָפן; זיינע מי־ניסטאָרן אַרעסטירט; לענין — דער פאָרזיצער פון דער נייער אַרבעטער־און פּויערים־רעגירונג; באַפעלן אַרויסגעשיקט דורך ראַדיאָ צו דער גאַנצער וועלט; דער באַפעל וועגן ערד: די ערד גייט אַריבער אין די הענט פון דעם פאָלק. די נייע רעוואָלוצי־אָנערע רעגירונג רופט די פּויערים צו ווערן די באַלעבאַטים אי־בער די פּריצישע מאַיאָנטקעס.

פון אָנהויב האָט די נייס ניט געבראַכט קיין נייע ענדערונג אין דעם לעבן פונם פאָלק. נאָר די אָפיצירן זענען מיט אַמאָל געוואָרן נאָך שטילער און בלאַסער, ווי ביז אַהער. די אָפיצירן האָבן שוין לאַנג געלעבט אָן אַ זייט פון דעם פאָלק, ווער אין די נאָענטע דערפלאַך, און ווער עס האָט זיך גאָר אינגאַנצן אָפּגעטראָגן אין אויעזד. אין יענע אָקטאָבער־טעג האָט מען באַ די אָפיצירן אַרונטערגענומען די עפּאָלעטן. טייל האָבן דאָס פרייוויליק געטאָן, באַ די איבעריקע האָבן די סאָלדאַטן אַרונטער־געריסן די צייכנס פון אָפיצירסקער מאַכט. דאָ און דאָרט האָט אַ גרופּע סאָלדאַטן אַרומגערינגלט אַ קאַפּיטאַן אָדער אַ פּאָדפּאָל־קאָווניק. ווי אַ פוקס אַרומגערינגלט פון וועלף, האָט דער נעב־טיקער קאָמאַנדיר געקוקט מיט דערשראָקענע און פּיינטלאַכע אויגן אַף זיינע נעבטיקע „מענטשן“. אַמאָל האָט זיך אַ קללה געהערט אין דעם קרייז; אַמאָל האָבן פויסטן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך, אָבער גוואַלדטאַטן זענען זעלטן געשען: צו־נישטיק האָבן איצט אויסגעזען די געוועזענע מאַכט־האָבער, און צו־שטאַרק האָבן דעם פאָלק געצויגן אַנדערע זאַכן.

אַפן דריטן טאָג איז דער פאָלק זיך צעלאָפן. פּראָסט־פּשוט: סאָלדאַטן האָבן זיך אויפגעהויבן און גענומען פאָרן אַהיים. סאָל־

דאַטן פון שכנישע גובערניעס זענען געפאָרן צוזאַמען אין איין ריכטונג. עס איז פריער אָפּגעפאָרן אַ צוג מיט סאָלדאַטן אין דער ריכטונג קיין צפון — קיין פּעטערבורג. שפּעטער האָט מען געכאַפּט אַ צוג, וואָס איז געפאָרן אַפן וועק קיין מאָסקווע, און מ'האָט אים אָנגעפּילט מיט עטלאַכע הונדערט סאָלדאַטן. נאָך שפּעטער איז געקומען די אָטשעריעד צו די סאָלדאַטן פון האָווריליעס געגנט. האָווריליע איז געפאָרן מיט זיי.

ס'האָט אויסגעזען אַקוראַט ווי אַ שטאַרק וואַסער האָט דורכגעריסן אַ האַטקע און גיסט זיך ווייטער און ווייטער. פון אַלע עקן פון דעם ריזיקן פראָנט האָבן ריטשקעלאַך מענטשן זיך געצויגן צו דעם מענטשן־ים פונם גרויסן לאַנד: „אַ פעלקער־וואַנדערונג“, האָבן געזאָגט די מער געבילדעטע, וואָס האָבן געדענקט דעם אינהאַלט פון די שול־ביכלאַך וועגן געשיכטע.

„דאָס פאָלק שטויסט פאָראויס, ווי אַ סטאַדע צעבושעוועטע אָקסן“, — האָבן געזאָגט די מענטשן פון דער מאַסע. אַלעמען האָט עס פאַרכאַפּט. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן.

די סאָלדאַטן פון האָווריליעס געגנט האָבן געטאָן אַזוי: מען האָט זיך אויפגעהויבן און מען האָט מיטגענומען אַלצדינג, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. אַ גרויסער טייל זענען געווען באָרוועס, טייל האָבן געהאַט אָנוטשעס אויף די פיס, ארומגעוויקלט מיט שטריקלאַך. געווען אַזוינע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין וואַרעמען שינעל אויפן לייב. געווען מענטשן, וואָס האָבן שוין זעקס חדשים ניט געביטן דאָס העמד. אָבער אַ סך סאָלדאַטן האָבן מיטגענומען צו צוויי ביקסן, אויפן רעכטן און אויפן לינקן אַקסל; אין די רענצלאַך האָבן אַ סך געטראָגן פּעק מיט פּאַטראָנעס. אויף עטלאַכע וואָגנס האָט מען ארויפגעלייגט קעסטלאַך מיט פּעסער, מיט עמערס, וואָס מען האָט ארויסגענומען פון דער פּאָלקאָוואָי קיך. אויף אייניקע וואָגנס האָט מען אפילו ארויפגעלייגט די עטלאַכע פּוליעמיאָטן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין פּאָלק, אַ פּאָר פון זיי צעבראָכענע, וואָס קאָנען ניט שיסן.

„וואָס טויג אונז אָט־דאָס ברוך־אייזן?“ — האָט איינער אַ יונגער סאָלדאַטל געפרעגט בײַ די עלטערע. יענע האָבן אַ קוק

געגעבן אַף אים ווי מ׳קוקט אַף אַ נאַריש קינד. „האָסט דאָך אַליין געזאָגט: ברוך-אייזן. עס וועט צו־ניץ קומען אין דער היים. וואָס דאַרף מען עס לאָזן אַף הפקר". און חברה האָט ווי־דער גענומען אָנלאָדן די געבליבענע וואָגנס מיט דער באַלעבאַ־טישקייט פון דעם פאָלק. .. ..

ס׳זענען געווען מער וואָגנס ווי פערד. די עטלאַכע פערד זענען געווען אויסגעמאַטערט און האָבן קיין כח ניט געהאַט צו שלעפּן אַזאַ שווערע משא. די סאָלדאַטן אַליין זענען געווען אויסגעמאַטערט פון קעלט און פון ניט-דערעסן. אָבער מען האָט געגנוי און פּינקטלאַך אַרומגעזוכט, צי קאָן מען נאָך עפּעס נעמען פון דעם פאָלק. „אַ שאָד, עס וועט גיין אין ניוועץ". אין דער היים האָט שוין לאַנג אויסגעפּעלט אי קאָסעם, אי סערפּעס, אי העק. די פויערשע נשמה האָט שוין געלעבט אַף דער ערד און מיט דער ערד.

מ׳האָט זיך אַ לאָז געטאָן עטלאַכע הונדערט מיטאַמאָל. מען האָט געשמיסן די פערד מיט שטריקענע בייטשלאַך (קיין לע־דערנע איז שוין לאַנג ניט געווען). מ׳האָט גענוקעט און גע־הוקעט, און אַז מען האָט געזען—עס וועט ניט העלפן, האָט מען זיך אַליין צוגעשפּאַנט צו די פערד. דריי וואָגנס האָבן לכתחילה קיין פערד ניט געהאַט, און חברה האָט זיך איינגעשפּאַנט פון פאָרענט און אונטערגעשטופּט פון הינטן, און אַזוי איז מען אַוועק. אין לאַגער זענען נאָר נאָך געבליבן אפשר אַ פּאָר צענדליק סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון גרויסע שטעט און וואָס האָבן געוואַרט אַף אַ בעסערער געלעגנהייט צו פאָרן אַהיים.

מיט געזאַנג און גערויש, מיט אַ געקלאַפּעריי און אַ קלינ־געריי האָט די מאַסע זיך אַ לאָז געטאָן פאַראויס. דער פּלאַן איז געווען צו דערגיין צו אַ סטאַנציע, וואו עס קרייצן זיך צוויי אייזנבאַן-ליניעס. דאָרט האָט מען זיך געקאָנט ריכטן באַקו־מען אַ צוג. (אין דער סטאַנציע בא דער נאָנטסטער אויעזד־שטאָט איז שוין ניט געבליבן קיין איינציקער וואַגאָן און קיין איינציקער געזונטער לאָקאָמאָטיוו, און עס איז ניט געווען קיין האָפנונג, אַז פון דאָרט זאָל מען קאָנען פאָרן מיט דער באַן). מען איז געגאַנגען איבער פּלאַכע, ברייטע אָסיענדיקע וועגן,

מען האָט געטיאָפּקעט אין צעפּאָרענע קאָליעס, מען האָט גע־הרוזנעט אין זאמד; די וואָגנס זענען אָפּט אַריינגעקראָכן אין בלאָטע ביז די קלעצלאַך פון די רעדער; מען האָט זיך לאַנג געבאָברעט ארום א וואָגן ביז מען האָט אים ארויסגע־שלעפּט פונם זומפּ. מען איז געווען הונגעריק און פאַרוואַרלאָזט. מען האָט אָפּט אויפגעוואָרפן איינער דעם אַנדערן, אז מען פוילט זיך שטופּן די וואָגנס. א מיאוסע סאָלדאַטסקע קללה האָט, ווי א קאַלטער אַסיענדיקער נעבל, זיך געהאַלטן איבער דער צעיוורענער מאַסע. אָבער א קראַפּט, שטאַרקער פון הונגער און מידקייט און נויט, האָט געטריבן אָט־די אויפגערודערטע מענטשן.

מען האָט געגעכטיקט אין פעלד ארום גרויסע ברענענדיקע פייערס. ווען מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אף נאַכט־לאַגער, פלעגט מען זיך א לאָז טאָן ארום און ארום צו זוכן שפּייז. מען האָט זיך געפּאָרפּעלט אין די חושכע אויסגעגעצטע פעלדער, זוכנ־דיק איבערגעלאָזטע קאַרטאָפליעס; מען האָט געבראָדזיעט איבער די זעלטענע דערפלאַך, פון וואַנען די מוזשיקעס זענען זיך צעקראָכן און איבערגעלאָזט אף הפקר די נידעריקע כאַטעס. מען האָט געגישטערט אין קאַלטע פינצטערע קאַמערס; מען האָט זיך געראָיעט אין די נוצלאָזע שמאַטעס, וואָס האָבן זיך גע־יתומט אין די ליידיקע שטיבער; מען האָט ניט דורכגעלאָזט א קאַץ אָדער א הונט, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן צווישן די חורבות. מען האָט געשאָסן מיט פּאַטראָנעס אף סאַראָקעס און ראָבן, וואָס האָבן געקראַקעט אין די נאַקעטע צווייגן פון די מאָ־גערע דאָרפישע סעדלאַך. די געניטערע פלעגן זיך אוועקלאָזן אין וואַלד אַריין זוכן האָזן אָדער פוקסן — און מען האָט זעלטן וואָס געפונען. אז מען האָט זיך אומגעקערט שוין שפּעט אין אָוונט צו די פייערן, איז מען געווען נאָך מידער און בייזער. מען האָט עפּעס געקייעט, יעדערער פאַר זיך, און געשאָלטן עפּעס א שונא, וואָס מען האָט אים ניט געקאָנט אָנרופן באַם נאָמען. די געזינטערע און פריילאַכערע האָבן געשפּאַסט: „אַך, ווי גוט וואָלט געווען, ווען מען גיט אונז א גוטע פּאָרציע הייסן באָרשטש מיט דער פעטער הירזשענער קאַשע, מיט א גוטן שטיק קאָרענע ברויט. הא, וואָס זאָגסטו, וואַסקע, וואָלסט זיך אָפּגעזאָגט פון

אזא וועטשערע? און וואָס עפּעס וועגן אַ גלעזל וואָדקע?" פון דעם שפּאַס איז די נאַכט נאָך קאַלטער געוואָרן, אין מאָגן האָט געגאַנגט און געצופּט, אין האַרצן האָט זיך געהויבן אַ שטעכעדיקע בייזקייט, און עס האָט זיך געוואָלט אימיצן וויי־טאָן, אַף אי־מיצן אויסגיסן דאָס האַרץ. אָבער אַז מען האָט זיך געלעגט שלאָפן, און דער קערפּער האָט זיך איינגעווארעמט אין דער געדיכטער פייכטקייט, פלעגט זיך אויפהויבן פאַר די אויגן דאָס היימישע דאָרף מיט אַ זון איבערן קאָפּ און מיט ברייט־אויס־געשפּרייטע פעלדער, געדיכט אָנגעפּיקעוועט מיט צייטיקע זאַנ־גען. דאָס פעלד האָט געהערט צום פּריץ, און די הראָמאַדע איז ארויסגעגאַנגען שניידן דאָס רייכע פעלד. די סערפּעס קלינגען, ווי די גלעקער, די סנאָפּעס לייגן זיך אין גרויסע הויפנס, און אין לופטן לאַכן פייגלאַך.

מען איז געגאַנגען אָן אַן אָרדנונג און אָן אַ פירער. מען האָט ניט שטענדיק געוואוסט דעם וועג, און עס איז אָפט ניט געווען באַ וועמען צו פרעגן. מען האָט נאָר געהאַט דעם אומ־באַשטימטן פּלאַן — דערגיין ביז דער קרייז־סטאַנציע, וואו מען וועט נעמען אַ צוג. האָווארילע איז געגאַנגען מיט דער מאַסע, האָווארילע האָט געטיילט מיט דער מאַסע אי די שווערינקייטן פון דעם וועג, אי די שמועסן וועגן אַ נייעם קומענדיקן לעבן. די מאַכט פון דעם קאָמיטעט איז צערונען געוואָרן פון דעם טאָג אָן, ווען דער פּאָלק האָט זיך צעבראָכן אַף שטיקער. קיי־נער האָט קיינעם ניט געפאָלגט, און קיינער האָט ניט געזוכט צו שאַפן דיסציפּלין, אָבער די עטלאַכע פּאַרטיי־חברים, וואָס זענען פאַרבליבן מיט דער מאַסע, האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז מען וועט פּרופן אומבאַמערקטערהייט אריינצוטראָגן אביסל באַוואוסטזיין און אביסל אָרגאַניזאַציע אין אָט־דעם כאַאָס. עס איז ניט געווען קיין קאָמיטעט; קיינער האָט ניט דערמאָנט דעם אויטאָריטעט פון די פריערדיקע אויסדערוויילטע, אָבער אַזוי ווי די פּאַרטיי־חברים זענען אומעטום געווען אין די געפער־לאַכסטע פונקטן, און אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט אַ ברייטערן קוק איידער די איבעריקע סאָלדאַטן, האָבן זיי אַלעמאָל אַן עצה גע־געבן די חברים איז נויט, און זייער עצה האָט מען אָפּטמאָל גע־

פאָלגט, ווייל זי איז געווען דאָס בעסטע, וואָס מען האָט געקאָנט טאָן אין אַן אומגעוויינטלאַכער לאַגע.

האווריליע האָט ניט גערעדט און ניט גע׳מוסרט. האווריליע איז אַליין געווען אַ טייל פון דער מאַסע: אין זיין ברייטער פויערשע ברוסט האָבן געקלונגען די זעלביקע רופן, וואָס האָבן אויפגעהויבן די עטלאַכע הונדערט סאָלדאַטן. האווריליע האָט זיך ניט גערוקט פאָראויס. אָבער אַז דער וואָגן איז פאַרקראָכן אין אַ זומפּ און צען סאָלדאַטן האָבן געשאָלטן און געשפּיגן, האָט האווריליע גענומען אַ האַק, אויסגעהאַקט אין וואַלד פיר דרענגלאַך, געגעבן יעדער פּאָר סאָלדאַטן אַ דרענגל אין די הענט אַף אונטערצושטעלן אונטער די רעדער, אַליין האָט ער זיך אָנגעבויגן און אונטערגעשטעלט דעםברייטן אַקסל אונטערן וואָגן, און דער וואָגן איז אַוועק. ווען מען האָט זיך געדאַרפט אַוועקשטעלן אַף נאַכטלעגער, האָט האווריליע שטענדיק געוואוסט, וואו די ערד איז טרוקענער און וואו מען קען האָפן באַקומען כאָטשבי אַלטע שטרוי אַף אונטערצולייגן אונטערן זייט. און ווען מען איז געגאַנגען אין די ליידיקע דערפער זוכן מיט וואָס זיך צו ספּאָזשיווען, האָט האווריליע ניט איינמאָל אויסגעלאָשן דאָס פייער, וואָס אַ סאָלדאַט האָט אָנגעצונדן מיט אַ כיון אָדער אומגערעכט, וואַרפנדיק אַ שוועבעלע אין אַ קופּע שפּענדלאַך אָדער מיסט. ווען מען האָט זיך איינמאָל אָפּגעשטעלט אַף נאַכטלעגער אין אַ פאַרלאָזטן דאָרף און אַלע זענען אַריינגעקראָכן אין די נידעריקע כאַטקעס און זיי אָנגעוואַרעמט מיטן אייגענעם אָטעם און מיט דער וואַרעמקייט פון די אייגענע קערפּערס, און אַלע זענען געשלאָפן ווי גע׳הרג׳עטע אין דער שטומער נאַכט, איז האווריליע מיט נאָך דריי פּאַרטיי-חברים געשטאַנען אַף דער וואַך אין די גאַסן צו באַוואָרענען פאַר אַן אומגעריכטן שונא. קיינער האָט זיי ניט אויסגעקליבן, און זיי האָבן בא קיינעם ניט געפרעגט, צי זאָלן זיי אַוועקשטעלן אַ וואַך. אָבער באַנאַכט האָבן זיי באַמערקט דריי טונקעלע פיגורן, וואָס האָבן זיך גערוקט פון אונטער די שייערס צו איינעם פון די הייזער. זיי האָבן אָפּגעשטעלט די אומבאַקאַנטע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען דריי דאָרפישע פויערים, וואָס האָבן זיך

נע׳גנבעט אונטערצוציִנדן דאָס הויז. בײַ אײנעם פֿון די גע־כאַפּטע האָט מען געפֿונען אַ קענדל קעראָסין, אַן אַנדערער האָט געטראָגן שוועבעלאַך און טרוקענע שטעקלאַך. די פּויערים האָבן זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט, ווער עס איז אַריין אין דאָרף, אַז זיי האָבן גערעכנט — דאָס זענען דײַטשן, אָבער דער אויסרייד איז געווען פֿאַלש, און אַלע האָבן דאָס געזען. אינדערפֿרי האָט די מאַסע געוואָלט אויפֿהייגען די פּויערים פֿאַר זייער פֿאַרברעכערישן אָנפֿאַל. דער געלער יאַקים און דער רויטער סאָכאַטש, געוועזענע אונטער־אָפֿיצירן, האָבן זיך געוואָרפֿן צו די געפֿאַנגענע מיט די באַגנעטן פֿון זייערע ביקסן.

האַוורילען האָט געקאָסט אַ סך מי ביז ער האָט איבערגערעדט די סאָלדאַטן צו פֿאַרבייטן די טויט־שטראָף אויף אַן אויסקויף. די פּויערים, האָט ער געזאָגט, ווייסן, וואו עס ליגט באַגראָבן דאָס דאָרפֿישע האָב און גוטס, טאָ זאָלן זיי ברענגען אַ זאַק ווייץ און אַ זאַק קאַרטאָפֿל און אַ פֿעסל חזיר־שמאַלץ און זאָלן זיי גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר: ווער דאַרף האָבן זייערע נבֿלות? דער מאַסע איז דער פּלאַן געפֿעלן. די פּויערים האָבן זיך געצלמט און געבוקט צו דער ערד און געשוואוירן מיט טויטע שבֿועות, אַז זיי האָבן ניט גאָרניט. אָבער דאָ האָט האַוורילע אַליין צו־געשטעלט אַ גרויסן קולאַק צו אײנעמס נאָז און געזאָגט, אַז ענט־ווערדער זיי קויפֿן זיך אויס, אָדער... און די פּויערים האָבן פֿאַר־שטאַנען די שפּראַך פֿון דעם קולאַק אַ סך דײַטלאַכער, ווי אַלע ווערטער.

יענעם טאָג האָט האַוורילע פֿאַרשריבן אין זיין זכרון דעם ערשטן פּאַקט, וואָס ער וועט דאַרפֿן באַריכטן דעם פּאַרטיי־קאָ־מיטעט, ווען ער וועט אָפּגעבן חשבון וועגן דער רייזע.

....ווי אַ טייך אַראָפּ־באַרג, וואָס טראָגט מיט זיך שטאַמען און צווייגן און שטיינער און וואָרצלען און ערד, אַזוי האָט זיך נעגאָסן דער מענטשן־שטראָם צו דער קרייץ־סטאַנציע. געווען איז דאָס אַ שטרעקע פֿון אַכציק ווייאָרסט, אָבער צוליב די זומ־פּיקע וועגן אין די גרויסע אור־אַלטע וועלדער, צוליב דער שווער־קייט פֿון די וואָגנס מיט אומגעלומפּערטער משׂא, צוליב דער

שלאַבעריקייט פון די געפּייניקטע מוסקולן און צוליב דעם שלעכטן האַרבסטיקן וועטער האָט דער וועג געדויערט אָן אַן עק. גאַנצע טעג האָט געזיפּט אַ רעגנדל, גענעצט די צעריסענע קאַשקעטן און די צונטער־שווערע פּאַפּאַכעס, געקאַפּעט פון די לאַנגע ניט־געשוירענע האָר אַף די שטויביקע נאַקנס, גערונען אונטער די ברודיקע העמדער איבער די אויסגעצערטע לייבער, גענעצט די הויט און, דאַכט זיך, אַפּילו די ביינער אונטער דער הויט, גע־קלעפּט די פּיס צו דער ערד מיט אַ ליימיקער געדיכטער בלאָטע, געריבן די העלזער מיטן נאַסן פאַרזשאַווערטן אייזן פון די ביסקן און פאַרשטעלט דעם וועג מיט אַ דינער, גראָער, רירעוודיקער נעץ. עס איז געקומען אַ צייט, ווען דריי פון די פינף פערד האָבן שוין מער ניט געקאָנט הויבן די פיס. באַנאַכט איז איינס פון די פערד אַוועקגעפּגרט. די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געפּעדערט אויפצושטיין אַנדערפרי, האָבן אָפּגעשונדן די פעל און זי אַרויפ־געלייגט אויבן אַפן געפּעק פונם וואָגן. דאָס פליש האָט זיך גע־וואַלגערט אַף דער פייכטער ערד צווישן צעפּוילטע פאַריאָריקע בלעטער, און ניט איין סאָלדאַט האָט געוואָרפן אַן אויג אין יענער זייט אַריין, און ניט איין האַנט האָט זיך געצויגן צום מעסער, וואָס איז אַף אַ שנירל געווען צוגעבונדן צו דעם גאַרטל פון די הויזן. מען האָט דערווייל זיך נאָך געשעמט צו עסן פּגירה־פלייש. עס האָט נאָך געעקלט פון דעם געדאַנק, כאָטש דער מאָגן האָט געמאָנט מיט טויזנטער נאָדלען. אָבער ווען אי־מיצער האָט אַרויסגעזאָגט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין, אַז מען וואָלט געדאַרפט שעכטן נאָך צוויי פּגירות, איידער זיי וועלן אויסציען די פיס, האָט דער געדאַנק געפונען לייטזעליקייט אין די אויגן פון דער מאַסע. מען האָט געקוילעט און אָפּגעשונדן די צוויי מאָגערסטע פערד, מען האָט זיי אָפּגעבראָטן אַף גרויסע שייטערהויפנס פון גאַנצע בוים־שטאַמען, מען האָט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט געפרעסן דאָס האַרטע פערדן־פלייש אָן ברויט און פאַרטרונקען מיט דער קויטיקער וואַסער פון דערביי־איקן טייכל. מען איז אַביסל שכור געוואָרן פון צופיל פלייש און מען האָט געזונגען און געטאַנצט, ווי ווילדע. מען איז מידע און שווערע אַנידערגעפאַלן אַף דער נאַסער ערד און אַנטשלאָפן

נעוואָרן ווי די טויטע. אינדערפרי האָבן עלף שקאָצים ניט גע־קאָנט אויפשטיין, עס האָט זיי געשלאָגן אין היץ און זיי האָבן געבראָכן פון זיך די גרינע גאַל. מען האָט זיי ארויפגעלייגט אַף די וואָגנס, און דערפון זענען זיי געוואָרן נאָך שווערער. די צוויי איבערגעבליבענע פערדלאך זענען געווען נאָך מער אויסגעצערט און טויט־מיד. שפּעטער מיט אַ טאָג האָט מען זיי אויך אוועק־געקוילעט און אויפגעגעסן, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגע־הויבן אַ מחלקה צווישן דער מאַסע, וואָס מען זאָל טאָן מיט די וואָגנס. טייל האָט געטענהט, אַז עס איז ניטאָ זיך וואָס צו שלעפּן מיט די פּעקלאך און דייזשקעס און קעסעלאך און וועד ווייסט וואָס, אַז מען דאַרף דאָס אַלץ איבערלאָזן, כדי צו ראַטעווען די קראַנקע. עס האָט זיך אָבער אויפגעהויבן אַזאַ ברומיקער געשריי פון דער מערהייט און עס איז געווען אַזוי נאָענט צו אַ וויסטן געשלעג, אַז יענע האָבן אָפּגעטראָטן און ניט ווילנדיק געהאָלפן שטופּן די וואָגנס. אַף די וואָגנס זענען גע־לעגן טויט־בלאַסע סאָלדאַטן און ארויסגעקרעכצט פון זיך דאָס לעבן מיט דער נשמה. אַ פּאָר וואָגנס זענען געווען אַזוי שווער, אַז אַ טויץ סאָלדאַטן האָט זיי ניט געקענט רירן פונם אָרט. מען האָט באַשלאָסן אָראָפּצונעמען דריי פּולעמיאָטן און זיי טראָגן אַף די פּלייצעס. די פּולעמיאָטן האָבן געקוועטשט די סאָלדאַטסקע פּלייצעס מיט די אומדערבאַרעמדיקע אייזערנע לאַפּעס. מען האָט זיך אָפּט געדאַרפט אָפּשטעלן און איבערבייטן די אַקסלען און איבערכאַפּן דעם אָטעם. אָבער די פּויערשע איינגעשפּאַרט־קייט האָט אַלץ געטריבן פאָראויס. מען איז געגאַנגען. וואָס מער מען האָט זיך דערנעענטערט צו דער סטאַנציע, אַלץ אָפּטער האָבן זיך באַגעגנט באַזעצטע דערפער און שטעטלאך. דאָ וואָלטן די סאָלדאַטן שוין געקאָנט עפּעס קריגן, האָט מען זיי אָבער אומעטום באַגעגנט מיט ביקסן און פּוליעמיאָטן און מען האָט זיי געלאָזט וויסן, אַז אויב זיי ווילן ראַבעווען, וועלן זיי צאָלן מיטן לעבן. פאַרקויפן יאָ, דאָס האָבן די פּויערים זיי צוגעזאָגט, אויב זיי צאָלן זילבערנע אָדער גאָלדענע מטבעות. פּאַפּירלאך האָט מען ניט געוואָלט נעמען, און געבן אומזיסט איז ניט געווען אין דער נאַטור פונם פּויער. אין איין דאָרף

איז געקומען צו אַ געשלעג צווישן אַ כאַפּטע סאָלדאַטן און די אַרטיקע שקאָצים. מען האָט זיך געשניטן מיט מעסערס און געשטאָכן מיט באַגנעטן און אויפן אָרט זענען געבליבן צוויי סאָל־דאַטן און דריי דאָרפישע מענטשן. עס האָט זיך אַריינגעמישט דער אָקאָרשט־אויסגעקליבענער איספּאָלקאָם פון דעם וואָלאָסט־נאָי סאָוועט און האָט געפּאָדערט פון די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן זיך גיין געזונטערהייט, ווארום עס וועט זיין ערגער: קיין אומ־געזעצלאכקייט וועט די נייע מאַכט ניט דערלאָזן. עפּעס ווי אַ ברי מיט הייסן וואסער האָבן דערפילט האַורילע מיט זיינע עטלאכע נאָנטע חברים, ווען זיי האָבן דערהערט דאָס וואָרט „נייע מאַכט“. אָבער אַזוי גרויס איז געווען די פאַרביטערט־קייט פון די אויסגעמוטשעטע, אָפּגעריסענע געוועזענע סאָלדאַטן, אַז די ווערטער פון דער נייער מאַכט האָבן אויף זיי געמאַכט אַ קנאַפּן רושם.

עס איז געווען שפּעט באַנאַכט, אויפן צוועלפטן טאָג נאָכן פאַרלאָזן דעם לאַגער, ווען די עטלאַכע הונדערט סאָלדאַטן זע־נען דערגאַנגען צו דער סטאַנציע.

פּ ע ר צ נ ט ע ר ק אַ פּ י ט ל

די סטאַנציע איז געווען באַוואָפּנט. אין טעלעגראַפֿן־ציימער זענען געזעסן אַכט רויטע גוואַרדייצעס מיט ביקסן אין די הענט. איינער פֿון זיי האָט זיך גערופֿן קאָמענדאַנט. עטלאַכע אַנדערע סאָלדאַטן האָבן זיך געפֿונען אין דעם הילצערנעם שייער מיט די פֿייערלעש־אינסטרומענטן. דער סטאַנציע־נאַטשאַלניק איז געבליבן דער אַלטער, נאָר וועגן יעדער זאַך האָט ער זיך אַן עצה געהאַלטן מיטן קאָמענדאַנט, וועלכער האָט אויך אונטערגעשריבן אַלע אָפֿיציעלע פּאַפּירן. איבער דער סטאַנציע האָט געווייעט אַף אַ שטעקן אַ רויט פֿענדל, און אַף דער פּאָדערשטער וואַנט אינדרויסן זענען געווען צוגעקלעפּט עטלאַכע רעוואָלוציאָנערע אויפֿרופֿן, וואָס זענען אָננגעקומען פּער טעלעגראַף.

די סטאַנציע איז געווען ליידיק. אַף די רעלצן איז כמעט ניט געווען קיין וואַגאָנעס. נאָר העט־ווייט אָן אַ זייט, אַף אַ צווייג־ליניע, וואָס האָט זיך געענדיקט אין פֿעלד מיט אַ שטומפּיקן פּאָפּערעטשנע קלאָץ, זענען געשטאַנען עטלאַכע פֿראַכט־וואַגאָנעס, וואָס פֿון אייניקע האָט זיך געשליינגעלט אַ רויך. דאָס זענען געווען די וואוינונגען פֿון דער וואַך און פֿון דער באַן־אַדמיניסטראַציע.

די גאַנצע סטאַנציע האָט געטראָגן דעם שטעמפּל פֿון צעשטערונג. פֿון צוויי געביידעס אַף דער לינקער זייט האָבן נאָר געשטעקט קוימענס און האַלבע אָפּגעבראָכענע ווענט. אַף אייניקע זייטיקע ליניעס זענען פֿאַרשוואונדן די רעלצן און עס האָבן געפֿעלט דאָ און דאָרט צו עטלאַכע שפּאַלן. דער ערשטער שניי איז אויסגעפֿאַלן צוריק מיט אַ טאָג און זיך אַוועקגעלייגט צווישן די שינעס, האָט עס אויסגעזען, אַז קיינמאָל זענען דאָ

ניט געפֿאָרן קיין וואַגאָנעס און ניט גערויכערט קיין לאָקאָמאָ־טיוון.

ווען די ערשטע גרופּע סאָלדאַטן האָט זיך צוגעקייקלט צו דער פּלאַטפאָרמע, האָט זי באַגעגנט אַ שערענגע רויטע גוואַרדיי־צעס מיט ביקסן אין די הענט. אָן אַ זייט, לעבן דער וואַסער־דייזשקע, האָט געהויבן זיין נאָז אַ פּוליעמיאָט. פֿאַראויס, אַפֿן ראַנד פֿון דער פּלאַטפאָרמע, איז געשטאַנען דער נאַטשאַלניק פֿון דער סטאַנציע מיטן קאָמענדאַנט,ביידע מיט רויטע בענדער אַף זייערע לינקע אַרבל. זיי האָבן מיט קאַלטע פֿאַרדעכטיקע אויגן באַגעגנט די געסט.

— וואָס ווילט איר?

די אָנגעקומענע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און איבערגעקוקט.

— פֿאָרן.

— וויפֿיל זענט איר?

— קנאַפּע פֿיר הונדערט.

— וואוהין ווילט איר פֿאָרן?

— אַף דער ליניע קיין כאַרקאָוו.

דער נאַטשאַלניק און דער קאָמענדאַנט האָבן זיך שטי־לערהייט איבערגערעדט. דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט.

— ניטאָ קיין צוגן, ניטאָ קיין לאָקאָמאָטיוון. עס איז שוין דריי טעג קיין איינציקער צוג ניט געקומען. דער טראַנספּאָרט איז אין אַ שלעכטן צושטאַנד.

די סאָלדאַטן זענען געשטאַנען און זיך ניט גערירט פֿון דעם אָרט. עס זענען אונטערגעגאַנגען נייע. פֿון דעם וועלדל אַף יענער זייט וועג, אַזוי אפשר אַ פֿערטל ווייאָרסט פֿון דער סטאַנ־ציע, זענען אַרויסגעקראָכן די ערשטע סאָלדאַטסקע וואָגנס. די סאָלדאַטן זענען געווען אויסגעמאָגערט און אויסגעשמירט ווי די שדים. אַף די וואָגנס האָבן די באַן־באַאַמטע דערזען פּולע־מיאָטן און ביקסן.

די סאָלדאַטן־מאַסע אַרום דער פּלאַטפאָרמע איז געוואָרן גע־דיכטער. עס האָט זיך געהערט אַ ברום און אַ שילטן. איינער דעם אַנדערן האָט איבערגעגעבן די נייעס, אַז עס איז ניטאָ קיין צוגן. עס האָבן זיך דערהערט אומצופֿרידענע קולות: „עס

איז נאָר אַ תירוץ". „זיי באַהאַלטן די וואַגאָנעס, פאַרכאַפּט זאָלן זיי ווערן!" „ניש־קשה, פאַר זיך וואָלטן זיי געפונען אי פּאַ־ראַוואָזן, אי וואַגאָנעס". פּויסטן האָבן זיך געהויבן. אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פּיבערדיקער שנאה. פאַרשמאַכטע ליפּן האָבן זיך געדרייט אין צאָרן. „פּריצים! זיצן זיך דאָ ווי די גראַפן, און מיר ווערן פאַרפּינצטערט"... אַ פּאָר האָבן אָנגע־וויזן אויף די עטלאַכע וואַגאָנעס אָן אַ זייט אויף דער צווייג־ליניע: „ניש'קשה, פאַר זיך איז דאָ גענוג".

די אומצופרידנקייט איז געוואַקסן. די סאָלדאַטן האָבן זיך געריבן איינער אָן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זוכן מונטערקייט בא די שכנים. דאָ און דאָרט האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון די ביקס־שלעסער. דער קאָמענדאַנט האָט עפּעס שטיל אַ זאָג געטאָן דעם נאַטשאַלניק.

— הערט, חברים! — האָט יענער געזאָגט — פון שרייען און ליאַרמען וועט קיין גוטס ניט אַרויס. אודאי ווילן מיר אייך העלפן מיט וואָס ס'איז מעגלאַך, אָבער איר זעט דאָך אַליין — ניטאָ מיט וואָס צו פאָרן. איז ווייסט איר וואָס ? קלייבט אויס אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל פאַר אייך רעדן. מיר קאָנען דאָך ניט רעדן מיט עטלאַכע הונדערט מענטשן.

די טונקעלע מאַסע האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דאָ און דאָרט האָבן זיך דערהערט אויסרופן: „אודאי, לאָמיר אויסקלייבן דע־לעגאַטן".

אין עטלאַכע מינוט אַרום איז שוין אַ גרופּע פון פינף דע־לעגאַטן געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע. צווישן זיי איז געווען האָורילע. מען האָט געדאַרפט אַריינגיין אין סטאַנציע איבער־רעדן און זען, וואָס מען קאָן טאָן. האָורילע האָט געוואָרנט די סאָלדאַטן :

— זעט־זשע, ברידער, וואַרט ביז מיר וועלן דאָ אַלצדינג באַ־טראַכטן. זייט זיכער, אַז מיר וועלן זיך ניט לאָזן קריוודען.

פון דער מאַסע האָט זיך געהערט אַן אומבאַשטימט מורמלען, ווי אַ ווינט וואָלט דורכגעגאַנגען איבער טרוקענע צווייגן. די דעלעגאַציע איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל. די רויטע גוואַר־דייצעס האָבן פאַרפירט אַ שמועס מיט די נאָנטסטע נעסט. איי־

דער וואָס־ווען איז שוין אַרום די רויטע גוואַרדייצעס אויסגעוואַקסן אַ געדיכטע וואַנט פון סאָלדאַטן. די וואַנט האָט זיך געשטופּט פאָראויס. די רויטע גוואַרדייצעס האָבן זיך געמוזט צונויפרוקן נענטער איינער צום צווייטן. מען האָט זיך ניט געוואָלט מודה זיין, אַז אָט קומט צו אַ געשלעג. מען האָט אַ רוף געטאָן אינוויייניק אין סטאַנציע אַריין, אַז מען זאָל וואָס גיכער אַרויסגיין. אָבער טאַקי אין דער זעלביקער צייט, ווען דער קאָמענדאַנט מיטן קאָמיטעט מיט נאָך עטלאַכע באַאַמטע האָבן זיך אַריינגעמישט אין דער געדיכטער מענטשן־מאַסע און געפּרופט איינשטעלן אַביסל אָרדענונג, האָבן עטלאַכע צענדליק סאָלדאַטן, אונטער דער פּירערשאַפט פון דעם געלן יאַקים און דעם גידעריקן ברייטביינערדיקן סאָכאַטש, זיך אַוועקגעלאָזט הינטער דער סטאַנציע, איבער די רעלצן, פּאַזע די אָנגעברענטע הייזער, צו די עטלאַכע וואַגאָנעס. באַלד האָבן זיך פון דאָרטן דערטראָגן געשרייען און שילטערייען. די סאָלדאַטן האָבן זיך מיט אימפּעט אַריינגעשטויסן אין די וואַרעמע הילצערנע קאַסטנס. עס האָט זיך געהערט אַ ברעכן פון כלים, אַ קלינגען פון אויסגעזעצטע שויבן, אַ טרעשטשען פון איבערגעבראָכענע ברעטער. צענדליקע הענט האָבן געטאַפּט אין יעדן ווינקל. מען האָט געפונען ברויט און רויע קאַרטאָפל. אין איין אָרט האָט מען אויפגעריסן אַ זאַק מיט מעל. שוואַרצע לאַפּעס האָבן זיך גערוקט אין זאַק אַריין, גענומען הויפנס ווייסע מעל און געשטאָפּט אין די ברייט־געעפנטע מיילער, געקייעט, געהוסט, געשפּיגן און געשאָלטן און ווידער געקייעט. אינדרויסן פאַר די וואַגאָנעס האָט זיך דערהערט אַ שאָס. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער עס האָט געשאָסן. די סאָלדאַטן אין די וואַגאָנעס האָבן אַרויסגעשטעלט די ביקסן דורך די צעבראָכענע פענצטער און גענומען שיסן אין דער וועלט אַריין. עס האָבן זיך דערהערט בייזע געשרייען, הייזעריקע פּייפעררייען. דער ליאַרם איז געוואַקסן. קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. מענטשן האָבן זיך אָנגעשטויסן בלינדערהייט איינער אָן אַנדערן און ניט געוואוסט, ווער עס איז אַ שונא און ווער עס איז אַ פריינט. אי-

בער אלע קולות האט זיך פלוצלונג דערהערט האװרילעס הילכיקער פױערשער אױסגעשריי :

— הערט אויף שיסן, טײװאלים! איר האט פארװאונדעט אן אײנענעם מענטשן.

די מאסע האט זיך אפגעשטעלט. עפעס װי א שטילקייט פון חרטה האט זיך אף א רגע אויסגעגאסן ארום און ארום. האװרילע איז ארױסגעקראכן פון צװישן די דרויסנדיקע סאלדאטן און זיך אװעקגעשטעלט אף א הויפן ברעטער. האװרילע איז געװען אויפגערעגט און בייז מיט פינצטערער פױערשער בייזקייט. „הערט, יאטן! אזוי פירן זיך דאך ניט קיין רעװאלוציאנערע סאלדאטן. אזוי פירן זיך כוליגאנעס. װײסט איר גאר װאס ? לאמיר גיין אף א מיטינג, װעלן מיר זיך דורכריידן און װעלן װיסן װאס מיר האבן צו טאן“.

אין דעם גרויסן סטאנציע־זאל האט זיך פארזאמלט די סאלדאטסקע מאסע. דער קאמענדאנט האט געהאלטן א רעדע װעגן דער נייער ארדענונג. דער נאטשאלניק האט געװיזן דערפעשעס, װאס ער האט באקומען פון די גרעסערע שטעט. מען האט געגעבן די סאלדאטן צו פארשטיין, אז די געגנט איז אן אױסגעמאטערטע און א פארװיסטע. ניט לאנג זענען דא פארגעקומען שלאכטן צװישן די רעװאלוציאנערע רויטע גװארדייצעס און אטריאדן פון קאנטר־רעװאלוציאנערע אפיצערן מיט פארבלענדטע אפגענארטע סאלדאטן. עס זענען אפגעברענט געװארן עטלאכע הייזער. די שטאט, צװיי װיארסט פון דער סטאנציע, איז אויך ליידיק און װיסט. מען װעט דארפן צואװארטן, אפשר א װאך, און אפשר צװיי, ביז עס װעט זיך אביסל איינשטעלן דער טראנספארט, דערװייל װעט מען זיך דארפן האלטן אין ארדנונג, װי באװאוסטזיניקע מענטשן. עס איז ניטא קיין אויסװעג, און עס איז ניטא אף װעמען זיך צו באקלאגן.

מיט אראפגעלאזטע קעפ און פינצטערע בליקן האט די מאסע אויסגעהערט די רעדעס. מען האט ניט גזאגט ניט יא, ניט ניין. אבער אין בויך האט גענאגט דער הונגער ; די ביינער האבן װיי געטאן פון דעם לאנגן װעג ; אין קאפ האבן זיך געטומלט װילד ברענענדיקע געדאנקען, און די הענט האבן זיך

געדריקט אין פויסטן און געזוכט אַ שונא, וואָס מען זאָל צו אים אויסלאָזן דעם גאַנצן כעס.

ווען מען האָט נאָכדעם צעלייגט אַ פייער הינטער דער סטאַנציע און גענומען גרייטן די מאָגערע וועטשערע פון דעם ביסל אָרעמקייט, וואָס מען האָט צונויפגעשקראַבעט צווישן די רויטע גוואַרדייצעס און די סטאַנציע־באַאַמטע, און אַ טייל פון די סאָלדאַטן איז געזעסן אַף דער פּלאַטפאָרמע און אַן אַנדער טייל סאָלדאַטן האָט זיך אויסגעלייגט ברייטלאַך אַף דער האַלטער צעמענטענער פּאָדלאָגע פון דעם זאַל און פון די סטאַנציע־קאָרידאָרן, האָבן זיך גרופּעס גראָע פיגורן אַ לאָז געטאָן צו דער שטאָט איבער דעם פייכטן צעראָיעטן שאָסיי. אַפן בריקל, ניט ווייט פון דער סטאַנציע, זענען געשטאַנען רויטע גוואַרדייצעס. מען האָט פאַרשטעלט דעם וועג און געזאָגט די סאָלדאַטן, אַז מען טאָר ניט גיין פון דאַנען, אַז עס איז דאָ אַ באַפעל, מען זאָל קיינעם ניט לאָזן אין שטאָט. אָבער איידער דער ערשטער רויטער גוואַרדייעץ האָט געענדיקט זיין רעדע, האָט ער באַקומען אַ קלאַפּ מיט אַ פויסט איבערן קאָפּ און האָט זיך אויסגעצויגן אַ פאַרחלשטער לעבן דער שטיינערנער טומבע, בא דער זייט פון דעם שאָסיי. דער צווייטער האָט געוואָלט שיסן, האָט מען בא אים ארויסגעדרייט די ביקס פון די הענט און מ'איז אוועק צו די ניט־ווייטע הייזער פון דער שטאָט. דער רויטער גוואַרדייעץ האָט געלאָזט וויסן אַף דער סטאַנציע. דער קאָמיטעט האָט אַף שנעל געשיקט צוויי חברים. אָבער אַן אומרואיקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער צערודערטער סטאַנציע צוזאַמען מיט די שאָטנס פון דעם אָוונט, און פון אַלע זייטן האָט אין אַלע אויגן אַריינגעקוקט אַ טונקעלער שרעק.

...דער פאַרטאָגיקער שלאָף איז געלעגן ווי קאַלטע שטיינדלאַך אַף די אויגן פון דער סאַפּענדיקער פאַרקילטער סאָלדאַטשינע, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט דאָס הוסטן און כאָרכלען פון אַ לאָקאָמאָטיוו. רעדער האָבן געקלאַפּט איבער די רעלצן. די רעלצן האָבן געהודזשעט און געציטערט און אויפגעוועקט די פאַרשלאָפענע סאָלדאַטן. מען האָט זיך געריבן די אויגן און מען האָט ניט געוואוסט, וואו מען געפינט זיך. צו דער סטאַנ-

ציע איז געקראָכן אַ צוג מיט איין רויטן לאָמטערן אַפן שטערן, ווי אַ בעלמע, פון דעם קוימען האָט געזעצט אַ שווארצער גע־דיכטער רויך אונטן דורכגעמישט מיט רויטן. דאָס שיפּן פון דער פאַרע האָט מאָדנע דערמאָנט אָן דעם אָטעם פון אַ שווער־קראַנקן מענטשן. הינטער דעם לאָקאָמאָטיוו האָבן זיך גע־צויגן עטלאכע טונקעלע וואַגאָנעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ליידיק ; די ערשטע צוויי — קלאַסנע; די איבעריקע — רויטע, טאָווארנע. פון הינטן — אַ גרויער וואַגאָן מיט אַ רויטן קרייץ אַף דער זייטיקער טיר. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער פּלאַטפאָרמע.

קיינער האָט ניט געגעבן קיין וואָרט פון קאָמאַנדע. קיי־נער האָט ניט אָנגעפּרעגט דעם צווייטן. פאַרגעסן האָט מען אַלע ווערטער פון אָרדנונג און פאָרזיכט. גראָע און שווארצע היי־שעריקן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַף די וואַגאָנעס. מען איז געקראָכן דורך טיר און דורך פענצטער. הענט האָבן זיך גע־הויבן אַף רעכטס און אַף לינקס. מען האָט אַפילו ניט געהאַט קיין צייט צו שרייען אָדער שילטן. מען האָט אַלע געהאַט פאַר־ביסענע, פאַרעקשנטע ציין. פאַרגעסן זענען געוואָרן די וואָגנס מיט די דייזשקעס, מיט די פעסעלאַך מיט אַלדעם גוטן. נאָר די ביקסן האָבן אייניקע פעסט געהאַלטן צוגעקוועטשט צו דער ברוסט, און דערפון איז דאָס געדרענג געוואָרן נאָך ענגער.

אין די וואַגאָנעס האָבן זיך דערהערט שילטערייען און גע־שרייען. די וואַגאָנעס זענען געווען פול מיט שלאָפנדיקע מענטשן. פּויערים און פּויערטעס זענען געלעגן אַף די ביינק און אונטער די ביינק און אַף די פאַליצעס און אין די דורכגענג, און אַפילו אין די קלאָזעטן. עס האָט זיך אויסגעדאַכט: מער קאָנען שוין קיין מענטשן ניט אריין. אָבער אָן אַן אָפּהאַלט איז געקראָכן דער מענטשן־שטראָם פון אַלע פיר זייטן. אין די וואַגאָנעס איז געוואָרן אַ געדיכטע שווערע קאַשע פון פיס, הענט, בריסט, נאַקנס, עלנבויגנס, היטלען, קעסעלאַך, שינעלן, שטיוול און אַפּ־צאַסן. מען האָט ניט געקאָנט זיך רירן אַף איין ווערשאָק, מען האָט ניט געקאָנט איבערכאַפּן דעם אָטעם, מען האָט ניט גע־קאָנט אויסגלייכן די אויסגעדרייטע, ווילד־פאַרקאָרטשעטע אברים.

אַף די בופערן און אַף די פּלאַשטשאַדקעס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט סאָלדאַטן. סאָלדאַטן זענען אַראָפּגעהאַנגען פון די אייזערנע סטאָפּשטעקעלאַך, וואָס האַלטן די פּלאַשטשאַדקעס. סאָלדאַטן זענען געלעגן אַף די דעכער און זיך אַלעמאָל געגליטשט איבער דער געפרוירענער אייזערנער האַלב־קיילעכדיקער פלאַך. סאָל-דאַטן זענען געקראָכן אונטער די רעדער.

האַווריל׳ע מיט נאָך עטלאַכע פון זיינע נאָענטע חברים האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אַף דער איינציקער אָפענער פּלאַטפאָרמע. די פּלאַטפאָרמע איז געווען ווי אַ גרויסער טיש אַף רעדער, אַרוימגעצוימט פון אַלע פיר זייטן מיט ברעטער, איין איל די הויך. די פּלאַטפאָרמע האָט מען געברויכט אַף צו פירן שטיינער אָדער ליים און ציגל. איצט איז אַף איר קיין פּראַכט ניט געווען. אָבער אין איין מינוט איז זי אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט מענטשן. סאָלדאַטן זענען געשטאַנען ענג צונויפגעפּרעסט איינער צום צווייטן. נייע זענען צוגעקומען און זיך קוים אַריינגעשטופּט צווישן דעם וואַלד פון מענטשן. עס איז געוואָרן אַזוי ענג, אַז מען איז געשטאַנען רוקן צו רוקן און פּלייצע צו פּלייצע. מען האָט ניט געקאָנט אויפהויבן אַ האַנט, מען האָט ניט געקאָנט איבערבייטן אַ פוס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ענגער קאָן שוין ניט זיין. עס זענען אָבער צוגעקומען נייע סאָלדאַטן. מיט אַן אוממענטשלאַכער גבורה האָט מען זיך אַריינגעשטופּט און אַריינ־געקלינעוועט צווישן די שטייפע סאָלדאַטסקע קערפּערס.

— העי, האַלאָטע, וואוהין קריכט איר? איר זעט דען ניט — שוין אַזוי אויך ערגער ווי הערינג אין אַ פעסל.

אָבער מיט אומדערבאַרעמדיקער עקשנות, מיט אַן אייזער־נער פאַרצווייפלטער אַנטשלאָסנקייט האָבן זיך די מענטשן גע־וואָרפן אַף דער אָפענער פּלאַטפאָרמע. עס האָט אַ פייף געטאָן די מאַשין. עס האָט ערגעץ נעבעכדיק אַ קלונג געטאָן אַ גלעקל. דער נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע און דער קאָמענדאַנט זענען הילפלאָזע, מיט צעשפּרייטע הענט, אַרומגעלאָפן איבער דער פּלאַטפאָרמע, עפּעס גערעדט, עפּעס געקאָמאַנדעוועט, געשריגן צום מאַשיניסט, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פון זיין נעסט אין דעם קאָפּ פונם לאָקאָמאָטיוו, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס

און וועג. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעהויבן סאָפּען העכער און דאַמפּיקער. עס האָט זיך דערהערט אַ ברום, ווי אַ געשריי פון אַ גרויסן אָקס. אייניקע פון די לויפנדיקע האָבן צעעפנט די הענט און געבליבן ליגן באַ דער זייט פון די רעלצן. די ערד האָט אָנ־געהויבן ביסלאַכוויין אַוועקשווימען פון אונטער דעם צוג. די וואַגאָנעס האָבן זיך אָנגעהויבן קייקלען. עטלאַכע סאָלדאַטן זע־נען נאָך געווען אָננגעהאַנגען מיט די הענט אָן דער זייט פון דער אָפענער פּלאַטפאָרמע. דער וואַגאָן איז געפאָרן, און זיי זע־נען נאָכגעגאַנגען מיט אַלעמאָל שנעלערע טריט. דער צוג איז שוין געגאַנגען גאַנץ שנעל, די סאָלדאַטן זענען געלאָפן מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער. טייל האָבן געשריגן צו די גליקלאַכע אַף דער פּלאַטפאָרמע: „דערלאַנגט אַ האַנט, ברידער! העלפט זיך אַרויפכאַפּן, אַ שווארץ יאָר אַף אייער קאָפּ!" אַנדערע האָט מען געהאָלפן אַרויפשפּרינגען אַף דער פּלאַטפאָרמע און זיי האָבן זיך אַ ווייַלע געבאָברעט, ליגנדיק אַף די קעפּ פון דער שטייענדיקער מענטשן־מאַסע, ביז זיי האָבן זיך ווי ניט איז, מיט מי און מאַ־טערניש, אַריינגעקוועטשט אינווייניק. פונדעסטוועגן זענען נאָך געווען אַזוינע, וואָס האָבן מיט די פיס ניט דערלאַנגט דעם פאָל.

און אַזוי הויבט זיך אָן יענע מאָדנע רייזע, וואָס האָורילע וועט זי ניט פאַרגעסן ביזן סוף פון זיינע יאָרן.

מ'איז געפאָרן דורך קעלט און שניי. אַמאָל האָט אַ רעגנדל זיך אַריינגעמישט אין נאַסן שניי. אַמאָל האָט אַ פראָסט פאַר־פרוירן די נאַסקייט אַף די קעפּ און אַף די פּלייצעס. מען האָט ניט געקאָנט אויפהויבן אַ האַנט אָפּצואווישן דאָס פּנים. מען האָט ניט געהאַט קיין מעגלאַכקייט צו טאָן די נאַטירלאַכע באַ־דערפעניש פונעם קערפּער. מען האָט ניט געגעסן און ניט גע־טרונקען. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון אייביק האָבן אַזוי די רעדער געהודזשעט אונטער די פיס, פון אייביק און אייביק האָבן זיך פאַרביינגעגליטשט נאַסע פעלדער און נאַקעטע וועלד־לאַך. פון צייט צו צייט האָט דעם לאָקאָמאָטיוו אויסגעפעלט געהילץ, דעמאָלט פלעגט דער צוג זיך אָפּשטעלן אינמיטן וועג. די הייצערס פלעגן אַרויסקריכן און אָנהויבן שרייען: „האַקן האָלץ, האַקן האָלץ". פאַרגליווערטע פיגורן, ווי שטיקער פאַר־

פּרוירענע ערד, פלעגן זיך אָפּרייסן פון די פּלאַשטשאַדקעס, פון די דעכער, און זיך לאָזן גיין צו די נאָענטע בוימער. די פּאַסאַזשירן פון אינווייניק האָבן אי מורא געהאַט, אי ניט געקאָנט אַרויסקריכן פון די וואַגאָנעס. מען האָט געהאַקט פאַרפרוירענע בוימער מיט טעמפּע העק, געשניטן מיט אויסגעשטשערבעטע זעגן, געשפּאָלטן די שטאַמען אויף שייטער און געטראָגן צו דער מאַשין. די מאַשין האָט געהוסט און געקייכט און געסאָפּעט פון דעם רויכערדיקן נאַסן האָלץ, וואָס האָט ניט געוואָלט ברענען מיט א פלאַקער.

אַמאָל האָט אויסגעפעלט וואַסער. מען פלעגט זיך אָפּשטעלן ניט ווייט פון א טייכל און טראָגן וואַסער מיט עמערס. עס האָט געדויערט א שעה און צוויי און דריי און א האַלבן טאָג, ביז מען האָט אָנגעפילט דעם קעסל. אויף סטאַנציעס האָט מען זיך מורא געהאַט אָפּצושטעלן, ווייל עס איז געווען א סכנה, אז מען וועט פאַרהאַלטן דעם צוג. מען פלעגט זיך פאַרביי־טראָגן לעבן די סטאַנציעס מיט פאַרגרעסערטער שנעלקייט, און אומזיסט האָבן די סטאַנציע־באַאַמטע געפאָכעט מיט די הענט און געוויזן עפּעס פּאַפּירלאַך, און אומזיסט האָבן זיך ערטערווייז שערענגעס רויטע גוואַרדייצעס געשטעלט אין דער ברייט פון דעם אייזן־וועג. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך כסדר גערוקט פאָראויס. די רויטע גוואַרדייצעס האָבן געמוזט אָפּטרעטן, אויב זיי האָבן ניט געוואָלט צעריבן ווערן אונטער די רעדער. די סטרעלאָטשניקעס האָבן געמוזט איבערפירן דעם צוג אויף א פרייער ליניע, אויב זיי האָבן ניט געוואָלט, אז ער זאָל אַראָפּ פון די רעלצן און זיך צעשמעטערן אויף שטיקער. דאָ און דאָרט האָט מען פון די סטאַנציעס געשאָסן אויפן צוג. עטלאַכע פּאַסאַזשירן האָבן באַקומען וואונדן. דריי זענען געשטאָרבן און מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון דעם צוג דורך די פענצטער, כדי צו זאָגן מיט א לייכטן געמיט, אז דאַנקען גאָט, עס איז געוואָרן גראַמער. דער צוג איז געפאָרן אַלץ ווייטער און ווייטער.

ערשט אויפן צווייטן טאָג איז די סאָלדאַטן פון האַווריליעס פּאָלק איינגעפאַלן צו פרעגן, וואוהין דער צוג פאָרט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז ער פאָרט אין דער ריכטונג קיין צפון, נאָר ניט

קיין כּאַרקאָוו, אַזוי איז געווען דער מאַרשרוט. געוואויר גע־וואָרן איז מען דאָס אין צייט פון אָן אָפּהאַלט, ווען מען האָט געקילט אַ הייס-געוואָרענע אַקס, וואָס ס'איז געווען אַ סכּנה, אַז זי וועט אָנהויבן גליען. דער מאַשיניסט האָט געזאָגט, אַז ער האָט באַפעלן צו פאָרן קיין מאָסקווע. עטלאַכע סאָלדאַטן האָבן זיך שטיל איבערגערעדט צווישן זיך און אַוועקגעשיקט אַ צוויי־דריי זיך פאַרשטענדיקן מיט די, וואָס זענען געזעסן אין די וואַ־גאָנעס. ווען די אַקס איז שוין געווען זיכער און דער מאַשיניסט מיטן הייצער זענען אַריין אין זייערע נעסטן און דער צוג האָט זיך גענומען רירן פונם אָרט, זענען פיר סאָלדאַטן אַרויפגעשפּרונ־גען אַפן לאָקאָמאָטיוו און איינער האָט צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צו דער ברוסט פון מאַשיניסט.

„באַ דער נעקסטער געלעגנהייט זאָלסטו נעמען דעם וועג, וואָס פירט קיין כּאַרקאָוו, אויב דו ווילסט ראַטעווען דיין פעל. און גע־דיינק — קיין פּיפּס, אַ־ניט וועסטו אַ קדוש".

און דער מאַשיניסט האָט געפאָלגט. אַף דער נעקסטער קרייץ־סטאַנציע האָט ער זיך לאַנג געזידלט מיטן סטרעלאָטשניק און גע-שריגן אַלערליי אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער צו דעם באַן-אויפ־זעער, וואָס האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ צוג. סוף־כּל־סוף האָבן די סאָלדאַטן אָפּגעשטויסן דעם סטרעלאָטשניק און אַריבערגעפירט דעם צוג אַף דער ליניע, וואָס דער מאַשיניסט האָט געוויזן. און פון דעמאָלט אָן איז דער צוג אַוועק אַהין, וואוהין ס'האָבן געבענקט די פריערשע נשמות. עפּעס איז ווי פריילאַכער געוואָרן באַ אַלעמען אַפן האַרצן, ווען ס'איז דורכגעגאַנגען דער קלאַנג, אַז מען פאָרט שוין טאַקע אַהיים. אַ וואַרימקייט האָט זיך אַריינגעגנבעט אין די פאַרפרוירענע קערפּערס. מען פאָרט אַהיים. ערגעץ דאָרט זענען דאָ די כּאַטעס מיט די אייגענע מענטשן. אין די כּאַטעס איז יום־טוב — מ'האָט געפּטרט דעם יאָך פון די פּריצים. מ'וועט אַליין גאָר ווערן פּריצים, יוסטע בעלי גופן. אפשר האָט מען גאָר באַקומען אַ פּאָר אָקסן אָדער אַ טראַיקע פערד פון דער פּריצישער ירושה? ס'האָט גענאָגט דער הונגער, ס'האָבן זיך

געוויטיקט די גלידער, פיס זענען געווען ווי שטיקער אייז, הענט זענען געווען פאַרשטייפט, ווי הילצערנע גראַבליעס, אָבער פאַר די אויגן האָט געלייכט אַ צוקונפט, און פון ווייטן האָט געשמייכלט די ברייטע היימישע ערד.

ס'איז געווען אַפן פערטן טאָג פון דער נסיעה, ווען דער צוג איז צוגעפאָרן צו אַ גרויסער שטאָט, די ערשטע זינט דעם אָנהויב פון דער ווילדער יאַזדע. דאָ האָט מען געמוזט בלייבן שטיין. עס האָט געפּלאַצט אַ ראָד אין לאָקאָמאָטיוו. מ'האָט געדאַרפט שטיין עטלאַכע טעג, ביז מ'וועט פאַרריכטן דעם שאָדן. ס'איז ניט געווען קיין זין צו בלייבן אין די וואַגאָנעס. ס'איז שוין אויך ניט געווען קיין כוח איבערצוטראָגן די ענגשאַפט. ווען מען איז אַרויסגעקראָכן פון די פאַרפּושטע קאַסטנס, איז געבליבן ליגן וואו אַ צעקוועטש־טער פויער אין דורכגאַנג, וואו אַ פאַרפרוירענער סאָלדאַט אַפן דאַך, וואו אַ מענטש מיט אָפּגעפרוירענע הענט און פיס און מיט אַ פּנים ווי איין רויער שטיק פלייש. די מאַסע האָט קיין צייט ניט געהאַט צו זאָרגן וועגן די געפאַלענע. די מאַסע איז געווען הונגע־ריק, אויסגעצערט, ווילד פון פיזישע ליידן, צעיושעט מיט אַ ברענענ־דיקן באַגער צו נעמען, וואָס ס'וועט זיך לאָזן. די שטאָט איז גע־ווען אַ ניש־קשהדיקע. זי האָט געשמט מיט איר תבואה־האַנדל און מיט די גרויסע מערק פאַר בהמות און פערד. דאָ וועט דער עולם זיך דערגייין דאָס האַרץ.

מענטשן האָבן יאָרן־לאַנג געפינצטערט אין די גראָבנס. מ'איז געגאַנגען אַפן שונא און אָפּגעטראָטן און ווידער גערוקט זיך פאָר־אויס, און געליטן מפּלות און געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, און חדשים פאַרבראַכט אין פּוסטע לאַגערן, און וואָכן און חדשים זיך געריסן צו דער ברייטער היימישער וועלט. מ'איז טעג און טעג געקראָכן איבער וועלדער און זומפּן, מ'איז אויסגעריסן געוואָרן אין דעם קאָנפיסקירטן צוג, מ'האָט זיך געשטעלט אין יעדער סכנה, גענומען אַף די אייגענע פּלייצעס יעדע פּיין. איצט איז מען געקו־מען צו אַ גענדיכט־באַזעצטער שטאָט. איצט איז מען צווישן די, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געלעבט אי רואיק, אי וואַרעם, אי זאַט.

העי, ווי עס צעבושעוועט זיך דאָס די פויערשע נשמה! העי, ווי עס צעבונטעוועט זיך דאָס טרייפענע בלוט! מען וועט אַ לעב טאָן אף וואָס די וועלט שטייט. מ׳וועט הנאה האָבן כאָטש איין חיי־שעה!

אין פאַגראָם, וואָס די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן אין יענער שטאָט, האָט האָורילע צום צווייטן מאָל באַגעגנט דעם אידן יואל.

□ □ □

פופצנטער קאַפּיטל

אין ביכער איז געשטאַנען, אַז ווען אַ מענטש לעבט איבער דאָס, וואָס יואל האָט איבערגעלעבט יענעם פּאָגראָם-טאָג, מוז ער אַראָפּ פונם זינען. יואל האָט ביטער געלאַכט ווען דעם שרייבאַכץ פון די ביכער. יואל האָט געהאַט אי מוט, אי קאַלטקייט צו טראַכטן. יואל איז פון דעם פּאָגראָם אַרויסגעקומען אַן עלטערער און אַ גע־זעצטערער. עס וואָלט אים געווען אַ סך גרינגער, ווען ער קען זיך זאָגן, אַז ער איז אַן אַנדער מענטש,—אַז י ע נ ע ר, דער אינגלשער יואל, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַרן שייגעץ און האָט ניט געהאַט דעם ווילן צו ראַטעווען ריווקען, כאָטשבי דורך די טויר ער וואָלט אַזוי אַראָפּגענומען פון זיך אַ טייל אחריות. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז צווישן היינטיקן און נעכטיקן יואל איז ניטאָ ערן פון דעם טויט, איז אַוועק און וועט קיינמאָל ניט קומען צוריק. קיין מחיצה, אַז דער היינטיקער טראָגט אין זיך דעם נעכטין. טאַקע דערפאַר האָט יואל ניט געוואָלט אַראָפּשאַרן פון זיך דעם שוידער פון יענער זונטיקדיקער שעה אין דעם הינטערשטן צימער פון דעם קליינעם שטיבל. ער האָט זיך נאָר געוואונדערט, וואָס ער קען דאָס אַלעם טראַכטן אַזוי רואיק, אַקוראַט ווי ער אַליין וואָלט גע־שטאַנען פון דערווייטנס. אַפילו ריווקעס געשריי, וואָס האָט ניט אויפגעהערט נאָכקלינגען אין זיין האַרצן, האָט ניט געקענט צע־שטערן די רואיקייט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער זיין גאַנצן וועזן.

גייט אַרום איבער דער וועלט אַ בחור יואל גאָלדבלום מיט אַ בלייכן פּנים, אַביסל געלבלאַך, מיט צוויי פּאָר קיילעכדיקע מיאוסע קנייטשן אַרום נאָז און מויל, מיט אַ פּאָר האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, פאַרשטעלט מיט לאַנגע שוואַרצע וויעס, און מיט אַ גוף, וואָס אַפילו

ווען ער רירט זיך, איז ער שטייף און פאַרגליווערט. גייט אַרום אַ בחור יואל אין אַ הייסן זומער־טאָג, מיט די הענט פאַררוקט אין די אַרבלען פון דעם מאַנטל, מיט אַ קאָפּ אַריינגערוקט אין קאָלנער, מיט פיס וואָס שלעפּן זיך קוים נאָכן קערפּער, און מיט עפּעס אַזאַ שטילקייט, וואָס טיילט אים אָפּ פון דער וועלט מיט אַן אומגעזעע־נער וואַנט. גייט ער אַרום איבער גאַסן און געסלאַך, קוקט אַריין אין די הויפנס אַש און קאַלך און ציגל און ליים, וואו עס גראָבן זיך שוין לעבעדיקע באַשאַפענישן און שאַרן אַרויס פון הינטער די מיסטן שיריים פון אַמאָליקער באַלעבאַטישקייט. גייט ער און קוקט אויף די שטעלן מיט סחורה, וואָס האָבן זיך ווידער אַרויסגע־אַקערט פון צווישן די חרוב־געוואָרענע געשעפטן, און אויף די ווייבער און אידן, וואָס האָבן נאָך ניט אויספּייעט אַראָפּשקראַבן די קעלער־בלאָטע פון זייערע צעריסענע בגדים נאָכן פּאָגראָם און וואָס וואַרפן זיך ווידער אַמאָל אינעם קדחת פון פרנסה־זוכעריי. גייט ער און הערט דאָס באַנייטע רוישן פון אַן אייביק־אימפּעטדיקן מענטשלאַכן בינשטאָק; גייט ער אַרויס פאַרביי די לעצטע נידעריקע הייזער אין פעלד אַריין, פאַרשלעפּט די פיס אַרויף באַרג צום סעדל, פונוואַנען מ'קען זען ווייט אויף יענער זייט שטאָט. זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ באַנק לעבן פּאַרקן פונעם סעדל און הערט, ווי אַזוי די שטילקייט יאָגט זיך פאַרביי איבערן פעלד מיט אַ טויזנט־מייליקער שנעלקייט, און ער וויל און קען זיך ניט אָפּגעבן קיין חשבון הנפש.

אַ אידישער בחור איז ניט בייגעשטאַנען אין דער צייט פון נסיון. אַן איידל אידיש קינד, אַ זון פון יחוס און וועלטלאַכער למדנות, איז געווען ווי אַ דינע פאַרצעלייענע כלי אַנטקעגן אַ שווערן ערדענעם טאָפּ. די פאַרציילייענע כלי האָט געפּלאַצט. אין שטויב וואַלגערט זיך די חנעוודיקייט פון אירע ליניען און די צאַרטקייט פון אירע פאַרבן. ווער איז שולדיק?

יואל טוט אַ שמייכל מיט איין זייט מויל, און די קנייטשן אַרום נאָז און ליפּן צעציען זיך און ווערן מיאוסער. „פאָרצעלייענע כלי". „שיינע ליניען". ווי לייכט מען געפינט דאָס אַ פאַרענט־פערונג אויף אַזוינס, וואָס מ'טאָר ניט פאַרגעבן. פאָרצעלייענע וואַ־זע? חנעוודיקע אויסגעטאָקטע צאַצקעס? עס איז צום לאַכן. עס וואָלט נאָך מער ווי געטאָן, ווען דאָס וואָלט ניט געווען אַזאַ חוזק.

יעדער פּאַסקודנער טרוס אַף דער וועלט וועט שטענדיק געפינען אַ ליבלאַך ווערטעלע צו פאַרדעקן דערמיט די נאַקעטע שאַנד. אינ־טעליגענטן — ביכער־לייענער האָבן שטענדיק פּאַרטיקע ווערטער על כל צרה שלא תבוא. בפרט נאָך אַן אײדל באַלעבאַטישער, אין יחוס געצערטלטער אינטעליגענט...

אַ טרוס! אָט־דאָס איז דאָס וואָרט. מ'דאַרף כאַטש זיין גע־נוג ערלאַך מיט זיך אַליין. מ'דאַרף אָנרופן דעם אמת באַם ריכטיקן נאָמען. יואל גאָלדבלום האָט געמיינט, אַז ער איז אַ טרוימער, אַ זוכער, אַ בענקער נאָך אַ נייעם לעבן; יואל גאָלדבלום האָט זיך גע־האַלטן פאַר אַ גאַנצן קעמפער, וואָס די גרויסע פלאַמענדיקע צייט־באַוועגונגען האָבן אָנגעצונדן אין פּערל־שיין זיין נשמה. יואל גאָלדבלום האָט ניט געקענט זיך אַליין און האָט ניט געפּרואווט אַראָפּנעמען די הונדערט שאָלעכצן פון שיין־געוועבטע פּראַזן, אַ קוק צו טאָן אין דעם אמתן אמת פון זיין אייגענער נשמה.

אַ קליינינקע, איינגעשרומפּענע, צעקנייטשטע, שרעקעדיקע חיהלע, מיט אויגעלאַך וואָס לויפן אומרואיק אַהין און אַהער, מיט אַן עקל וואָס דרייט זיך אין אַ געבעט נאָך לייטזעליקייט, מיט אַ מאָרדעטשקע וואָס לאַכט אַ חניפהדיק געלעכטערל ווען אימיצער שרייט אַף איר אָן, מיט אַ פּעלכל וואָס ציטערט פון שרעק און מיט אַ גרייטקייט אומצופאַלן און זיך פאַרשטעלן פאַר געפּגרט באַם אָנ־גריף פונם שונא. אזוי האָט זיך יואל גאָלדבלום געמאָלט זיין איי־גענע נשמה. אַ קינד פון גאָט? אַ פונק פון דעם אוצר פון איי־ביקער שיינקייט? אַ יונג באַשעפעניש, וואָס האָט נאָך ניט פאַר־געסן די הימל־מעלאָדיען און ציט זיך צו זיי פונם עמק הבכא?

יואל טוט ווידער אַ שמייכל מיט איין זייט מויל, טוט אַ גראָב אריין דאָס שטעקל אין דער ערד פאַר די פיס, לייגט אַוועק דאָס פּנים אַף די צונויפגעלייגטע הענט אָנגעשפּאַרט אַפן שטעקן, און ס'דאַכט זיך, אַז אָט דאָ זיצט אַ טויזנט־יעריקער זקן און דער שניי פון דער וועלט האָט זיך אָנגעזאַמלט איבער זיין געבויגענעם האַלז און נאַקן. כמעט אויטאָמאַטיש, ער ווייסט אַליין ניט פון וואַנען, הויבט זיך אָן קייטלען אין מוח דאָס באַרימטע ליד פון לערמאָנטאָוו. „אַ מלאך האָט פון הימל אַ נשמה געטראָגן אין טאָל פון טרערן און קלאָג. דער מלאך האָט אַ לידל געזונגען דער יונגער נשמה, און אַף

אייביק איז פארבליבן אין איר זכרון דאָס זיסע געזאַנג אַן ווערטער".

„ארום יואלס וויגעלע זענען מלאכים געשטאַנען" — האָט די מאמע געזאָגט. ארום יואלס וויגעלע האָבן מלאכי השלום גע־בראַכט הימלישע גרוסן. אַ צעדערבוים איז אויסגעוואַקסן יואליק אינם גאָרטן פון זיין פאָלק. געגנוג געווען איין שייגעץ מיט ברייטע פלייצעס, מיט אַ פיסל פון אַ טיש אין די הענט, אַז דער צעדער־בוים זאָל זיך צעפאַלן, ווי אַן אָפּגעברענטע האלעוועשקע, און ס'זאָל בלייבן ליגן אויף דער ערד אַ קופּקעלע אַש.

„אַלצדינג איבערגעברענט, אַלצדינג צעבראָכן אויף פּיץ־פּיצלאַך — און וואָס וועט זיין ווייטער? און ווי אַזוי וועט מען לעבן? און וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס לעבן?"

אַן אַלטער מענטש מיט אַן אור־אַלטער נשמה זיצט און קוקט אויף זיין אייגענעם קבר; זיצט און רעכנט דעם חשבון פון זיין לעבן. ס'שטייט געשריבן, אַז ווען אַ מענטש איז דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה אַז ס'לעבן האָט פאַר אים ניט קיין זין און דער מאָרגן ווייזט אים ניט קיין וועג, זאָל ער אַוועקגיין און אויפהערן באַלעסטיקן גאָט'ס ערד. קאַלט, מיושבדיק, ווי אַ זייטיקער, זיצט יואל און טראַכט די מחשבה פון טויט. איז דאָס אַ וועג? איז דאָס אַן ענטפער? האָט דערויף זיך געפלאָכטן דאָס געוועב פון זיין לעבן, אַז ער זאָל עס איבערשניידן נאָך דער ערשטער שווערער מפלה? איז דאָס ווערט עפּעס אונטערן שיין פון אייביקע פראַגן? אַ מענטש איז געווען אַ טרוס — און האָט ניט פאַרטראָגן זיין אייגענע פחדנות. כדי צו פאַרדעקן זיין שענדלאַכע מפלה, האָט ער אָפּגעטאָן אַן אַנדער עובדה פון אַ טרוס — זיך גענומען דאָס לעבן. קינדער באַנאַרישן זיך, פאַרקריכן זיי אונטערן בעט אין דער האַ־פּענונג, אַז דער טאַטע וועט זיי ניט געפינען. אַ דערוואַקסענער מענטש האָט זיך באַנאַרישט, וויל ער זיך באַהאַלטן דאָרט, וואו ניט נאָר גאָט, נאָר אויך ער אַליין וועט זיך קיינמאָל ניט געפינען. ס'אַרא מיאוסע עובדה!

איבער יואל'ס קערפּער טרייסלט זיך אַ שוידער. איז דאָס די פּרימיטיוו־קערפּערלאַכע מורא פאַרן טויט? איז דאָס געשעמט

זיך פאַרן וועג פון אַלע טרוסן? איז דאָס אַן אָנהויב פון אַ נייער אויסזיכט?

אַף די חורבות פון דעם אייגענעם „איך" וואַנדערט אַרום דער בחור יואל. מיט קאַלטע הענט שפּרייט ער אויס פאַר זיך די מגילה פון זיין לעבן און מיט קאַלטע אויגן לייענט ער אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קעמפער — און האָט ניט געוואָוסט ווי אַזוי מען קעמפט. ער האָט ליב געהאַט ריווקען — און זיין ליבשאַפט האָט אים ניט געוויזן קיין וועג צו ראַטעווען זי פון דעם אומגליק. ער האָט געשוואוירן דעם מיידל, אַז ער וועט זי באַשיצן אַף לעבן און טויט — און ניט ער האָט איר געראַטעוועט איר לעבן, ניט ער האָט זי פאַרבאָרגן אין טויט. ער האָט געדרשנט צווישן אייגענע און פרעמדע, אַז היינט איז אַ צייט פון הייסע שטורעמס, אַז מען דאַרף האָבן נשמות ווי אייזן און ווילנס ווי שטאָל,—און אַליין האָט זיך זיין נשמה צעגאָסן ווי טייג און ער קען זי ניט צונויפנעמען און קען פון איר ניט אויסקנעטן עפּעס רעכטס. און וואָס ווייטער? וואָס פאַר אַ שלום זאָל ער ציען פון דעם טרויעריקן סך־הכל פון נעכטן? ער האָט גערעכנט, אַז ער האָט אַ גוטן קאָפּ אַף די פּלייצעס. און איצט? אוממעכטיק איז דער מח, אַף שטויב צעשאָטן איז דער שכל, און ווער וועט אָנ־דייטן דעם וועג פאַרן מענטשנס נשמה? און ווי אַזוי וועט אויפ־שטיין פון אַט־דעם צעטראָטענעם אַש דער אומשטערבלאכער פעניקס, — דער פייער־פויגל מיט די גאָלדענע פליגל?

אין אַ פרעמדער וועלט איז אַרומגעגאַנגען יואל. טאַטע־מאַמע האָבן עפּעס גערעדט און עפּעס פאַרענטפערט און אימיצן באַשול־דיקט, און ס'איז קלאָר געווען, אַז זיי קלאַמערן זיך אָן די ברעקלאַך לעבן, ווי מען קלאַמערט זיך אין וואַסער צו אַ ברעט אָדער אַ שפּענ־דעל. דער טאַטע האָט געגלעט די שוואַרצע זיידענע באָרד, וואָס האָט זיך פּלוצלונג דורכגעוועבט מיט אַ סך זילבערנע פעדים, גע־גרייזלט די פאַרשאַרטע פאות און גערעדט עפּעס ווערטער פון איי־ביקער קלוגשאַפט,—און די ווערטער האָבן ניט געהאַט קיין באַ־טייט, ווי דאָס פּישטשען פון אַ פייגעלע אַנטקעגן דעם רעש פון אַ מלחמה. די מאַמע האָט געבונדן דאָס זיידענע טיכל אונטער דער שמאָלער מיידלשער גאָמבע, געשטריקט אַ זאָק מיט ווייסע לאַנגע

איידעלע מיוחסדיקע פינגער און אימיצן געטרייסט, און אַף אימיצן אויסגעשטרעקט די ווייכע פליגל פון איר מאַמעשער פריינטלאַכקייט, און מען האָט עס ניט געדאַרפט, און ס'איז געווען איבערדריסיק און חוזקדיק, ווי אַן אַלטע קלוגע הון וואָלט געשטרעקט אַ ווייך פליגעלע צו באַשירעמען אַ משוגענעם הונט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער פאַרסלינעווטער צונג. גוטע פריינט זענען פאַרבייגעגאַנגען אין דעם זע־קרייז, דערציילט נסים ונפלאות פון דער „העלדישער ק.'ער זעלבסטשוץ". דער לערער זיידנבערג האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דעם אַלטן אמת וועגן „אייניקייט און מאַכט"; נעכטיקע „חברים" האָבן שוין אָנגעהויבן דיסקוטירן און ווילן ניט אַנדערש פאַרטייטשן דעם באַטייט פון דעם „איצטיקן מאָמענט",—און זייערע ווערטער האָבן אַ פּנים ווי אַ מזל־טוב אין דעם הויז פון אַן אָבל, און אַלט זענען די שמועסן, עלטער פון הונדערטער יאָרן, און די מענטשן אַליין זענען אָנגעדרייטע ליאַלקעס מיט אַפּאַראַטן אינעווייניק. די ספּרוזשינע איז אָנגעצויגן, דער וואַל באַוועגט זיך און מיט אים די הענט און די פּיס און די צינגער. ליאַלקעס ריידן און האַמפּערן זיך און ווערן באַגייסטערט און בויען פּלענער, וואָס צו טאָן מאָרגן, און מ'איז שוין ווידער מקנא איינער דעם צווייטן, און דער וויל כבוד, און יענער באַרימט זיך מיט זיינע פאַרדינסטן, און אַ דריטן קלאַפּט דאָס האַרץ, וואַרטנדיק אַף די וואונדער פון מאָרגן,—און אַן אַ זייט שטייט אַ דערוואַקסענער מענטש מיטן שניי פון דער וועלט אַף זיינע אַקסלען, און ער קוקט און קלערט און שמייכלט מיט אַ קרומלאַכן שמייכל, און ווייסט ניט וואָס ער האָט צו טאָן מיט אָט־די מענטשן. ער וויל אַפילו ניט ציען דאָס שטריקעלע, וואָס מאַכט זיי טאַנצן. ס'איז אַ שפּיל פאַר קינדער, ניט פאַר אַזוינע, וואָס האָבן געהערט יענעם ביטערן מיידלשן געשריי: „אוי, יואַל, פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געטויט?"

„אַ דערוואַקסעטער מענטש צווישן אָנגעדרייטע ליאַלקעס..."

יואַל גאָלדבלום באַמערקט אַליין ניט, ווי ער צעלאַכט זיך אַף אַ קול. „אהאַ! האָסט שוין געפונען אַ טרייסט! קוויקסט זיך מיט דיין אייגענער טראַגישער גרויסקייט. פון דיין מפּלה האָסטו שוין אויפגענייט אַ שוואַרצן טעאַטראַלישן מאַנטל, טוסט אים אָן אַף

איין אַקסל, פאַרוואַרפסט דעם עק אַף דעם צווייטן, שטעלסט זיך אַוועק אין אַ פּאָזע. ס'בלייבט נאָר נאָך זאָלסט רופן אַן עולם צו קוקן אַף דיין אימפּאָזאַנטער געשטאַלט. אַזוי טוט יעדער טרוס, ווען ער וויל פאַרגלעטן די אייגענע נישטיקייט". דראָבנע שיט זיך יואל'ס געלעכטערל, ווי ס'וואָלט געלאַכט אַן אומברחמנותדיקער חטאים־זוכער, ווען ער כאַפּט אימיצן באַ אַן עבירה. עקלדיק איז דער איינגעהאַלטענער געלעכטערל,—יואלן ווערט אַליין פּריקרע פון זיין בייזער פריילאַכקייט. „דאָס אַליין איז אויך ניט מער ווי אַ שפּיל מיט זיך", פאַרצייכנט ער זיך אין זכרון. און נאָך טיפער גראָבן די קנייטשן זיך אַריין אין די געלבלאַך־ווייסע באַקן.

„מ'דאַרף אויפהערן שפּילן טראַגעדיע", האָט זיך יואל געזאָגט אין איינער פון אַזוינע מינוטן. אָבער דאָס אַליין איז געווען אַ וואָרט אָן אַן אינהאַלט. יואל איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פרעמדער אַף דער וועלט, און וואָס האָ ער געקענט טאָן צו דערהויבן זיך איבער זיין אייגענעם אומגליק?

אימיצער האָט אַ זאָג געטאָן: „דאָס פאָלק". מ'האָט זיך געטרייסט מיט צרת־הכלל. מ'האָט יואלן אונטערגעטראָגן די ווייכע פלעסטערלאַך פון „אתה בחרתנו". פון העסלאַכע ווייטיקן האָט מען זיך געוועבט אַ נאַציאָנאַלן הייליקן טלית; פון בלוט און מאַרך, ציינער און צעשפּרייט איבער דער גאָרער ערד, האָט מען אַ קרוין פון מאַרטירער געפלאָכטן; די זיפצן און געשרייען און גסיסה־קוויטשערייען האָט מען צונויפגעקליבן אין אַ האַרמאָניש קלאָג־ליד: „אוי מה היה לנו" — און מ'האָט עס געגאָסן ווי בוימל אַף אַ וואונד. „ווּעמען גאָט האָט ליב, דעם שטראָפט ער". גאָט'ס גנאָד איז אויסגעגאָסן אַפן הייליקן פאָלק ישראל, און אויב עס ליידט פון נזלנישע הענט, איז דאָס דערפאַר, וואָס הויך איבער אַלע פעלקער איז דערהויבן דער אידישער גייסט, און שענער ווי אַלע גויים לייכט און פינקלט די גרויסע אידישע נשמה.

טרייסט־בוימל האָט מען געגאָסן אַף יואל'ס נשמה, אָבער גע־ברענט האָט דער בוימל און געטשאַדעט און געבריט די פרישע וואונדן. וואו איז די גרויסקייט? וואו איז די פּראַכט? אַ גוי־אישער בחור מיט בלאָע אויגן און בלאָנדע האָר, אַן אָקס מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן און מיט אָקסענער גבורה, באַפאַלט די רויז פון

שרון, די ליליע פון יזרעאל. פון די בערג נידערט אראָפּ דער שווארץ־געלאקטער אמנון. די שכינה פון צוויי טויזנט יאָר אי־דישע געשיכטע ליגט אַף זיין געגרזיילטן קאָפּ און לייכט ארוים פון זיינע אידישע אויגן. וואָס איז אים דער ווילדער אָקס? וואָס איז שמשונען דער לייב פון דער מדבר? מיט זיינע צוויי הענט וועט ער אים אָננעמען בא דער מאָרדע און צעריסן אַף צווייען. מיט זיינע שטארקע פינגער וועט ער אָנכאַפּן דעם אָקס בא די הער־נער און אים צודריקן צו דער ערד און אים ברעכן דאָס געניק, און צוקן וועט די גרויסע חיה אין לעצטער גסיסה און אויסשטרעקן וועט אמנון די זיגרייכע האנט צו ריווקען, זיין געליבטער, און אוועקפירן וועט ער זי איבער די פעלדער פון ליליען און צווישן די בייטן פון רויזן ארויף, אהין, וואו די צעדערבוימער שפּארן אונטער דעם אייביק־בלאָען הימל און פון ווייטן גלעט דער בלאָער ים דעם זוים פון דעם הייליקן לאַנד....

כי־כי־כי... יואל לאַכט מיט גרינע ווערים. יואל קען ניט איינהאַלטן זיין מויל פון עפענען זיך, און זיין האלז פון ארויסוואַרפן בילנדיקע געלעכטער־זאַלפּן, וואָס קלינגען ווי אונטערגעבעט מיט געוויין. ניין, כאָטש דאָס ניט. כאָטש בלייבן ערלאַך מיט זיך אליין. נאציאָנאַלע גלאָריע וועט ניט פארדעקן די מיאוסקייט פון נבלה. אמנון און שמשון און דוד און אנדערע אידן,—אפשר האָבן זיי אמאָל געטאָן וואונדער, אפשר האָבן זיי מלחמה געהאַלטן מיט די פּלשתים און זיי פארטריבן. אויב זיי האָבן אמאָל געלעבט, אויב זיי וואָלטן געקענט א קוק טאָן אַף יואל גאָלדבלום, וואָלטן זיי זיך געדארפט שעמען איבער אָט־דעם יורש פון אמאָליקער שטארקייט, וואָלטן זיי געדארפט באַשיטן מיט אַש זייערע קעפּ און זיצן און קלאָגן: „אוי, וואָס איז געוואָרן פון אמאָליקע גבורים!“

טעג און נעכט און וואָכן — און שווער ליגט אין יואלן דער ווייטיק פון זיין שאַנד, און פיבערדיק קלאַפּט דער געדאַנק אָן די טויערן, וואָס צוימען אים איין, און קיל גיסט זיך אַף אַלצדינג דאָס טויטע ליכט פון א געשטאָרבענעם נעכטן. דאָס לעבן קלאַפּט זיך אין טיר מיט אומגעדולדיקע שטימען. דער טאַטע איז קראַנק זינט דער פּאָגראָם האָט פארווּסט זיין שטיקל פרנסה. די מאַמע וויינט שטילערהייט אין די ווינקלען און ווישט די טרערן מיטן עק פון

דער זיידענער פּאַטשיילע. אין שטוב האָט זיך אַריינגעצויגן אַ פיין־באַלעבאַטישער דלות — מיט ציכטיקייט, מיט ריין געשיר, מיט זילבער־ווייסע טישטוכער — און מיט אַ קאַלטן אויוון יעדן צווייטן טאָג, מיט שבתים אָן אַ שטיקל פלייש און אָן ווייסן ברויט. דער טאַטע איז קראַנק און די מאַמע וויינט,—און יואל וועט דאַרפן איינשפּאַנען דעם געבויגענעם רוקן אין דעם עול פון פּרנסה,—און ווי וועט ער אַרבעטן? און וואוהין וועט ער אַהינטאָן די גרויסע משא פון זיין אייגענער נשמה?

זעכצנטער קאפּיטל

זעקס וואָכן נאָכן פּאָגראָם האָט מען יואלן ארעסטירט און אָפּ־געשיקט אין אויעזד.

די אויעזדנע טורמע איז געשטאַנען אין עק שטאָט, אף א הויכן פּלאַך, וואָס האָט אראָפּגעקוקט אין א טאָל. דאָס לאַנד ארום איז געווען שיין; בוימער האָבן געצירט דעם בארג־רוקן אף יענער זייט טאָל. אונטן האָט געפלאָסן א טייכל. אָבער די טורמע איז געווען א נעסט פון שמוץ, קראַנקהייט און זנות.

מ׳האָט קענן יואלן קיין באַשטימטע באַשולדיקונג ניט געמאַכט. ס׳איז געווען א פארדאַכט, אז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער זעלבסט־שוץ, אָבער קיין גענויע באַווייזן איז ניט געווען. דעריבער האָט מען אים אריינגעזעצט צווישן אומגלאָוונע ארעסטאַנטן, אַד־מיניסטראַטיוו, אף זעקס חדשים.

אין יואל׳ס קאַמער האָבן זיך געפונען איין בראָדיאַגע אָן א פּאַספּאָרט, איין אָרטיקער גנב, איין דאָרף־שייגעץ, וואָס מ׳האָט אים געפונען א שכור־שלאָפנדיקן אין א צעראַבעוועטער אידישער שטוב,—אלע דריי גוים,—און א אידיש פּופּצן־יאָריק אינגל, וואָס מ׳האָט עס נעדאַרפט אָפּשיקן מיטן עטאַפּ אהיים, אין געבורט־שטאָט. דער בראָדיאַגע האָט געהאַט א קאָפּ און א פּנים פאַר־וואַקסן מיט גראָלאַכע האָר — און זיין פאַרגעניגן איז געווען שפּילן אין קאָרטן. דער גנב, א בחור פון א יאָר פינף־און־צוואַנציק, מיט פּעך־שוואַרצע כוואַטסקע וואָנצעס, מיט שוואַרצע, קלאָרע, סאַמע־טענע אויגן און מיט א פּנים ווייס, ווי מילך, און רויט, ווי בלוט, האָט אלעמאָל, ווי א קאַץ, באַלעקט די רויטע ליפּן און ארויסגע־שפּיגן אָן א זייט פון צווישן די ציין. דער דאָרף־שייגעץ איז געווען א טשאַכטאַשנער מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, בלאָנד־קויטיקע

האָר אַפּן געלבלאַכן פּנים און אַ שטאַרקן ריח פון פערד־מיסט. די דריי זענען שוין לאַנג געזעסן אינאיינעם און האָבן געפּילט, אַז עס איז זייער טורמע.

דער אַרעסט האָט ניט געמאַכט אַף יואלן קיין באַזונדערן איינ־דרוק. ערגעץ האָט אים אפילו געפרייט, וואָס ער ווערט באַפרייט פון זאָרגן פאַרן לעבן און פון מאַכן באַשלוסן. ער האָט זיך קוים אַרומגעקוקט אַף דער טורמע און אַף די שכנים אין קאַמער. ווי נאָר דער גאַראָדאָוואָי האָט פאַרשלאָסן די טיר הינטער אים — דער שלאָס האָט הילכיק אַ קלונג געטאָן אַפּן גאַנצן קאָרידאָר — הט זיך יואל אוועקגעזעצט אין ווינקל אַף דער באַנק און אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ אַף די צונויפגעלייגטע הענט. עס איז אים געווען אַלץ איינס — זיצן אין קאַמער, צי זיצן אַף דער באַנק הינטערן בית־עולם. די וועלט איז אַ טורמע, דאָס לעבן האָט אים אַרומגעצאַמט מיט הויכע ווענט — און ווער קען נאָך פאַר־גרעסערן דעם ווייטיק פון אַ געפּייניקטער יואלס נשמה?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ'קען. ס'איז געווען אַ גנב סאַנקאַ. דעם ערשטן אָוונט, ווען די „פּאָווערקע" איז אַריבער און די שליסער זענען אַוועק צום אַנדערן עק טורמע טרינקען דעם טעג־לאַכן ביטערן טראָפּן, האָט זיך סאַנקאַ אונטערגערוקט צום בלייכן יואלן אין ווינקל אַפּן עק באַנק און אַ זאָג געטאָן:

— נו, ווייז אהער דאָס ביסל סאַלאַמאַנדרע.

מיט דעם וואָרט האָט דער גנב באַצייכנט אַלערליי פאַרמעגן, וואָס מ'האָט מיטגענומען אין טורמע.

יואל האָט אויפגעהויבן די אויגן און ניט פאַרשטאַנען.

— אהער די בעבעכעס, טייערינקער,—האָט סאַנקאַ געשמייכעלט מיט די רויטע מיידלשע ליפּן, און אַ שטורך געטאָן יואלן אין זייט. יענער האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין ריפּ, אָבער אַזוי ווייט איז ער געווען פון דער קאַמער מיט אירע מענטשן, אַז ער האָט נאָר אויסגעפּייעט אַ פרעג טאָן:

— וואָס?

דער פאַרוואַקסענער בראָדיאַגע און דער מאָגערער שייגעץ האָבן זיך צעלאַכט מיט אַ קינדערשער פרייד, ווי מען לאַכט פון אַ פריילאַכער פאָרשטעלונג אין טעאַטער.

— אָט אַ יאָלד!

סאַנקאַס אויגן האָבן אונטער זייער סאַמעט אָנגעהויבן גליען מיט רויטן. ער האָט אויסגעשפּיגן און אַרויסגעלייגט אַ פּוס אַף יואל'ס קני. איידער יענער האָט זיך אומגעקוקט, איז ער געלעגן אַפן פּאָל, און סאַנקאַ האָט פאַנאַנדערגעבונדן זיין בינטל, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ היימישער געלער קאָלדרע מיט בלאָע קווייטן.

די קאַמער האָט געלאַכט.

יואל האָט זיך אויפגעהויבן און געקוקט מיט צעמישטע אויגן. זיין פּנים איז געווען נאָך בלייכער. די קני האָבן געציטערט. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ווי קען מען דאָס? איך בין דאָך פּונקט אַזאַ אַרעסטאַנט, ווי איר! איך וועל זיך קלאָגן!

סאַנקאַ האָט שוין געהאַלטן אין אָנמעסטן די סאַטינענע בלוזע, וואָס ריוועקע האָט אויסגענייט יואלן נאָך באַלד נאָך פּסח. יואל האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער בלוזע.

— גיטן דאָס אהער, איך וועל באַצאָלן! איר טאָרט דאָס ניט נעמען!

אין סאַנקאַס אויגן האָבן געשפּרונגען רויטע שדים. ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט מיט אַ דריבנעם געלעכטער, צונויפגעלייגט די בלוזע און זי אַריינגעשטופּט צו זיך אין בוזים. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו יואלן און אַריינגעשטעקט ביידע הענט אין זיינע קעשענעס:

— אַז דו האָסט מיט וואָס צאָלן — צאָל.

און האָט אַרויסגעשלעפּט אַ בייטעלע מיט דריטהאַלבן רובל.

יואל איז געשטאַנען, ווי אַ גולם. ער האָט געקוקט אַף די איבעריקע אַרעסטאַנטן און ווי ניט באַגריפן, וואָס דאָ טוט זיך. ווען ער האָט דערזען דאָס בייטעלע פאַרשווינדן אין סאַנקאַס בוזים, איז ער געוואָרן צונטער־רויט. ער האָט אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט די האַנט, געקוקט אַף די איבעריקע צוויי אַרעסטאַנטן, געוואָלט איבערלייענען סימפּאַטיע אין זייערע בליקן, געשמייכלט מיט אַ צעקוועטשטן שמייכל, אַליין ניט באַמערקט, ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט:

— ווי קען מען אזוינס דערלאָזן?

סאַנקאַ האָט אים געגעבן אַ זעץ אין גאַמבע פון אונטן אַרויף. סאַנקאַ איז געווען נידעריקער, אָבער ברייטער פון יואלן, און אים איז געווען באַקוועם צו דערלאַנגען אין גאַמבע פון אונטן. יואלס ציין האָבן אַ קנאַק געטאָן און אַ ביס געטאָן אַ שפּיץ פון זיין צונג. פון די ליפּן האָט גערונען בלוט. יואל האָט געגעבן אַ קרעכץ.

דאָס אינגל, ישראליק, האָט זיך אָפּגערופן פון לעבן טיש, אויף אידיש, מיט אַ ציטערדיק קול:

— פעטער, שווייגט בעסער. ס'אַ רוצח... ער האָט הנאה פון קרעכצן...

סאַנקאַ האָט אויף אים אַ שיפּע געטאָן: „שוויג, צעפּל!", און זיך אונטערגערוקט אונטער יואלס זייט. זיינע ליפּן האָבן זיך גע־דרייט, ווי רויטע ווערים.

— אז דו ווילסט גיין מסרן, גיי,—אָבער פריער זאָג אָפּ ודוי פאַר דיין פאַרכאַטן גאָט.

דער וויץ האָט אויסגענומען בא די צוויי עדות.

ס'האָט זיך באַלד דערהערט אַ געמאַכט־בייזער געשריי פון קאָרידאָר:

— וואָס הילכט איר דאָרט, שאַנטראַפּאַ! לעשט אויס די אילומינאַציע.

מ'האָט אויסגעלאָשן דעם קעראָסין־לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען פון דער סטעליע אויף אַ דראָט. מ'האָט זיך צעלייגט אויף די נאַ־רעס.

יואלן איז געבליבן דאָס קורצע שטיקל נאַרע בא די פיס פון די איבעריקע פיר. ווען ער איז געלעגן, האָבן די שוויסיקע פּאָדעש־ווען פון די דריי גויים זיך אָנגערירט אָן זיין זייט. זיינע אייגענע פיס זענען אַראָפּגעהאַנגען, ווייל די נאַרע איז אין דער ברייט גע־ווען ניט גענוג פאַרן וואוקס פון אַ הויכן מענטשן.

אינדרויסן האָט געבלאָזן אַ נאָך־סוכות־ווינט און געקלאַפּט מיט אַ בלעך אויפן דאַך. ווייט, פון אַנדערן עק טורמע, האָבן זיך גע־הערט שטימען, וואָס זינגען אַ לידל. אַ פייכטע ווייסלאַכע נאַכט האָט אַריינגעקוקט דורך די גראַטעס. יואל איז געלעגן מיט אַ צו־

געשוואָלענער צונג און ס'האָט זיך אים גערדאַכט, אַז היינט האָט ער איבערגעלעבט אַ צווייטן פּאָגראָם. היינט איז דאָס ניט געווען ריוועקע. אים אַליין האָט געשמאַרצט די גאָמבע און די צונג איז געווען ווי אַ קלעצל.

אָבער יואל האָט ניט געפילט — ניט די צונג, ניט דעם ווייטיק אין ריפּ. אין יואלן האָבן זיך געגאָסן הייסע און קאַלטע כוואַליעס, פון האַרצן צו די פיס, פון קאָפּ צום האַרצן,—כוואַליעס פון באַליידיקונג, באַשעמונג, שאַנד. יואלס האַרץ האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ דערשראָקענער פויגל, יואלס קאָפּ האָט געגליט ווי אַ קעסל אָנגעהייצט פון אינעווייניק — און צום טויזנטסטן מאָל האָט ער זיך געפרעגט: וואָס־זשע וועט זיין? וואָס איז ער פאַר אַ מענטש? ווי אַזוי וועט ער לעבן? ווי אַזוי קען ער איבערטראָגן די גויאישע גראָבע גבורה?

אין יואלן האָט זיך אויפגעהויבן אַ האַס צו די גויים—אַזוינער, וואָס האָט גערדעליוועט די נשמה ווי אַ שאַרפע אַל. יואל האָט געפילט הינטער זיך הונדערט דורות אידן, וואָס די גויים האָבן זיי געשלאָגן און געקוילעט, און זיי האָבן נאָר געוויינט און געדאַוונט און געשאָלטן. יואל האָט שטיל אין דער נאַכט, צום אַקאָמפּאַניִמענט פונם ווינט, געשאָלטן סאַנקאָן, געשאָלטן די רוצחים, גערופט אַרויסקריכן פון דעם עלנט דורך בילדער פון אומגליקן, וואָס ער האָט געוואונטשן אויף די קעפּ פון די רוצחים. אַן עלטער־זיידע האָט אויפגעלעבט אינם היינטוועלטיקן יואל. אַן עלטער־זיידע זיצט צו חצות, וויינט אויף צרות ישראל, ווינטשט די תוכחה אויף די רוצחים — די גויים. דער ווינט בלאָזט. דער אַלטער שיט אַש אויף זיין קאָפּ. „ראה נאָ בענינו“...

דער אַרעסטאַנט — דער דאָרף־שייגעץ — טוט אַ שטרעק אויס פון שלאָף זיין פערד־מיסט־שמעקנדיקן פוס, שפּאַרט אים אַריין אין יואלס זייט. פון איין זייט די וואַנט, פון דער אַנדערער דער פוס. אויף דער וואַנט קריכן טאַראַקאַנעס און שורשקעס אין דער שטרוי אונטערן קאָפּ. דער פוס איז היים און שמעקט שאַרף, אַז עס פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם. אינדרויסן קלאַפּט דער ווינט מיט אַ בלעך. יואל וויל זיך אַ ריר טאָן און קען ניט. יואל וויל אַ שטופּ טאָן דעם שווייסיקן פוס — איז ער ווי אַן אייזערנער קלאָץ. יואלן

טוט זיך אַ מאָל אויס זיין בעטל אין דער היים, די ווייסע ציכלאָך, די ציכטיקע דעק, געשטריקט פון די איידעלע הענט פון אַ מאַמע אַ מיוחסת אין אַן א י י ד ע ל ע ר אידישער שטוב. יואליק ליגט צוגעדעקט איבערן קאָפּ. די מאַמע גייט אריין אַף די שפּיץ פינגער, שטעלט זיך אָפּ באַם בעטל, האלט איין דעם אָטעם, הערט זיך איין, ווי אַזוי דער זון שלאָפט. די מאַמע טראָגט אַ ווייס זיידן טיכל מיט אַ קנופּ אונטער דער מיידלשער גאָמבע. דער גוי— דער בראָדיאַגע—טוט זיך אַ דריי אויס, מורמלט פון שלאָף: „מאַכט דיין מאַמע: די קורווע חתונה מיטן הונט'ס זון, און גיי, וואָן, צום הונט'ס מאַמע..." יואלס פּיס זענען פארגליווערט פון אראָפּהייגגען גיט צוגעדעקט. אין יואלס מידן מארך קריכט אַ יאוש, קריכט אַ נייע פאראַכטונג צו זיך אליין. וואָס איז ער פאַר אַ מענטש?

עס קומען טורמע-טעג, ווי לאַנגע מידע שליאַכן, אָבער יואל האָט נאָך אפילו ניט דערפילט די טורמע. יואל גייט פון בזיון צו בזיון, פון דערנידערונג צו שפּאָט. אַפן דריטן טאָג האָט סאַנקאַ דער גנב באַ אים אַראָפּגענומען די שיך און געהייסן אָנטאָן זיינע צעריסענע פאַנטאָפל. יואל האָט זיך געדונגען און געפאָלגט. אַפן פערטן טאָג האָט סאַנקאַ צוגענומען באַ יואלן דאָס פונט פּוטער, וואָס די מאַמע האָט אים איבערגעשיקט דורך היימישע מענטשן: סאַנקאַ איז געזעסן אַף דער נאַרע, ברייטלאַך, געהאַלטן אַפן שוים אַ פריש קאָרן ברויט, געשמירט פעטע רייפטלאַך מיט פּוטער און געזאָגט צו יואלן: „טייערע פּוטער, זשידאָקל, מחיהדיקע פּוטער, ווילסט אפשר פּאָרזוכן?" יואל האָט אויסגעשריגן: „טשעפּע זיך אָפּ, שווארץ יאָר!" — און דאָס האָט אין סאַנקאָן דערוועקט אַ פאַרנרעסערטע פרייד.

שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג האָט דער בראָדיאַגע באַפוילן יואלן, ער זאָל אראָפּ פון דער נארע. „ס'איז צו קורץ פאַר די פּיס", האָט ער געזאָגט, „ביסט ניט קראַנק צו ליגן אַף דער ערד". יואל האָט גענומען דאָס ביסל שטרוי און עס אוועקגעלייגט אַף דער ערד. די ערד איז געווען קאַלט. דעם מאַנטל פאַר אַ צודעק האָט ניט גע־ווארעמט, בשעת סאַנקאַ האָט מאָנארכיש געכראָפּעט אונטער דער היימישער געלער קאָלדרע מיט די בלאָע קווייטן. יואל איז ניט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, ער איז די גרעסטע טייל אָפּגעזעסן אַף

דער האַרטער באַנק, וואָס איז געווען צו שמאָל און צו קורץ פאַר אַ געלעגער. אינדערפרי זענען די בלאָע גרויסע רעדער אונטער זיינע אויגן געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן פאַרדעקט דאָס גאַנצע פּנים. פון דעם אינדערפרי אָן האָט יואל אויפגעהערט רעדן. זיינע ליפּן זענען פאַרשטייפט געוואָרן. די אויגן האָבן געקוקט ווי מיט נייגיר. עס האָט אויסגעזען, ווי ער קוקט זיך צו צו זיך אַליין, ווי ער וויל דערגרונטעווען, וויפיל קען אויסשייטן אַ אידיש אינגל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַן איידעלער אידישער שטוב און האָט אין זיין לעבן ניט אָנגערירט אַ פליג אויף דער וואַנט.

אין עטלאַכע טעג אַרום איז דערגאַנגען די אָטשערעד צו דער „פּאַראַשע". די פּאַראַשע איז געווען אַ קויט־עמער, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פאַרן געברויך פון די אַרעסטאַנטן. אַלע אינדערפרי, ווען די שליסער האָבן דערלאַנגט קיפּיאַטאָק (הייס וואַסער), האָבן די אַרעסטאַנטן אַרויסגעטראָגן און אויסגעליידיקט די פּאַראַשע. מ'האָט עס געטאָן אין דער ריי. יענעם פרימאָרגן האָט דאָס געדאַרפט טאָן דער בראָדיאַגע, אָבער אין דער אָנוועזנקייט פון די שליסער האָט ער זיך געווענדט צו יואלן:

— העי, אידעלע, טראָג אַרויס די פולע שיסל!

יואל האָט אַרויסגעקוועטשט פון צווישן די ליפּן:

— און דו?

יענער איז אויסגעוואַקסן באַם בחור'ס זייט און אַרויסגעהאַוקעט:

— גיי, גיי, קרעציקער, אַ־ניט וועט דער שליסער דיך אַריינזעצן אין קאַרצער.

די צוויי שליסער, אַלטע סאָלדאַטן מיט צערעפּעטע פּנימער און שעוואָראָנעס אויף די אַרבלען, האָבן גוטמוטיק געשמייכלט.

יואל האָט געוואַרט נאָך איין קורצע ווייל. נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן די פּאַראַשע. הינטער אים האָבן אַלע דריי אַרעסטאַנטן געהירזשעט.

זיבצנטער קאפיטל

אין אוונט פלעגט זיך אָנהויבן די העסלאכקייט מיטן אינגל. סאנקא און דער בראָדיאַגע זענען געווען צופרידן, וואָס דער מזל האָט זיי צוגעשיקט אַ „זאבאווע". די צוויי זענען געווען אַלטע טורמע־פויגל, און זייער סדום־אַרבעט האָבן זיי ליב געהאַט צו דער־ווארעמען מיט מיאוסע ווערטער. זיי האָבן נאָך פון די ערשטע טעג אָן באמערקט, אַז דאָס מאַטערט יואלן מער פון אַלצדינג, האָבן זיי זיך געקליגט צו ריידן וואָס מער העסלאַך. דאָס אינגל איז פון דער באהאַנדלונג געוואָרן אַלץ דערשראָקענער, כמעט ווי משוגע, און דער־שייגעץ, וואָס האָט אין דער „זא־באווע" קיין חלק ניט גענומען, האָט הויך און קוויטשיק גע־לאַכט פון די קלוגע ווערטער, געפּאַטשט זיך אָן די קני און אַלעמאָל אויסגעשריגן:

— אָט טייוואָלים, אין זייער מאַרך אַריין!

יואל האָט געהערט, געזופצט און געשוויגן.

אפן אנדערן טאָג נאָך דער מעשה מיט דער פּאַראַשע, ווען דער טורמע־אויפזעער איז געקומען אין קאַמער, האָט יואל, ציטערנדיק פון אויפרעגונג, אָבער זייער העפלאַך, געבעטן, מען זאָל אים געבן אַ באַזונדער קאַמער.

אף די איבעריקע דריי אַרעסטאַנטן איז געפאַלן אַן אומבאַ־וועגלאַכקייט. שטאַר, ווי שטעקנס, זענען זיי געשטאַנען און גע־קוקט אפן נאַטשאַלניקס ליפּן. נאָר באַ סאנקאן האָבן זיך אויפ־געהויבן און אַראָפּגעלאָזט די סאַמעטענע ברעמען.

דער נאַטשאַלניק האָט געפרעגט:

— וואָס דאַרפסטו אַ קאַמער?

יואל האָט זיך צעמישט און געענטפערט שטאַמלענדיק:

— איך וויל האָבן אַ מעגלאַכקייט צו לייענען ביכער.

דער נאַטשאַלניק האָט אַ שמייכל געטאָן אונטער די געדיכטע געשווירענע וואָנצעס. דער שליסער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די שליסל.

— דאָ איז דיר ניט קיין אוניווערזיטעט,—האָט דער נאַטשאַלניק געענטפערט און איז ארויס פון קאַמער.

ווי נאָר די טיר האָט זיך צוגעמאַכט, איז געוואָרן אַ געלאַכעריי צווישן די אַרעסטאַנטן. דער בראָדיאַגע האָט זיך אַזש געהאַלטן באַם בויך און אונטערגעשפּרונגען אויף זיינע קורצע פיס:

— ער וויל לייענען ביכער! דער פויגל איז אַהער געקומען לייענען ביכער! אפשר ווילסטו לייענען אַט־דאָס?

און אַ צינישער זשעסט האָט פאַרגרעסערט די פריילאַכקייט פון דער קאַמער.

אָבער נאָך דער פּאָווערקע איז צוגעגאַנגען סאַנקאַ און אים אויפגעוואָרפן צוויי פעטש:

— נאַ, דאָס איז דיר פאַרן רעדן!

יואל האָט אויפגעהויבן די האַנט צו באַשיצן דאָס פּנים, אָבער אַ נייער קלאַפּ אין ריפּ האָט אים געצוואונגען זיך איינצובויגן אין דרייען. יואל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק.

ווען אימיצער וואָלט אים דעמאָלט אַריינגעקוקט אין דער נשמה, וואָלט ער מסתמא קיין סך ניט געקענט געפינען. איבער־געבערענט געוואָרן אַ סך זאַכן. אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט די ערינערונג פונם פּאָגראָם. נישטיק און נעבעכדיק האָבן אויסגעזען די גריבלערייען פון נאָכן פּאָגראָם. קליין און אומוויכטיק האָט אויסגעזען יואל אַליין מיט זיין „אומשטערבלאַכער" נשמה. דאָס שמאַרצן פון די באַקן און דער ווייטיק אין זייט האָבן זיך געפילט ווי פון דער ווייטן, ווי נאָר געזען אין פאַנטאַזיע. דער צאָרן קעגן די באַליידיקער איז געווען פאַרשאָטן מיט אַש און האָט ניט גע־בריט. קאַלט, קלאָר, מיושבדיק, ווי די געדאַנקען פון אַן אַלטן מאַן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, האָט יואל זיך אַליין געפרעגט: ווי לאַנג וועסטו דאָס טראָגן? געוואוסט האָט ער פון מענטשן־שטאָלץ, געוואוסט איז ער אָנגעלייענט מיט די ווערק, וואָס פאַרהער־לאַכן די מענטשלאַכע נשמה, געהערט האָט ער צו אַ הויז, וואו מען

האָט געהאַט דרך-ארץ פאַר יענעמס געפילן. געוואוסט האָט יואל, אַז אין אים לעבט אַ שטאַרק געפיל פון מענטשלאַכער ווערדע,— אַ געפיל, וואָס האָט אים אַריינגעגעבן ר ח מ נ ו ת צו די באַליידיקער און פאַרמיאוסער. ס'איז געווען מאָדנע, וואָס ער האָט געקענט מ י ט פ י ל ן מיט זייער שלעכטער באַהאַנדלונג; ער האָט אָפט געטראַכט, אַז ער אַף זייער אָרט וואָלט בעסער ניט געהאַנדלט. זיין אויפגעקאָכט ווערן פון אַ באַליידיקונג, זיין ווילן נוקם זיין זיך האָט ער, טיף בא זיך, געהאַלטן פאַר אַ נידעריקער זאַך. אַ מענטש איז העכער פאַר אַ חיה. אַ חיה האָט נאָר אינסטינקטן. אַ מענטש האָט אַ נשמה. אַ מענטש קען ניט זיין אין כעס אַף אַ חיה. הונדערט דורות זיידעס האָבן געשאָקלט צו אים מיט די קעפּ, געבלישטשעט מיט די גאָלדענע עטרות, געמישט די אַלטע בלעטער און געלייענט: „לא בחיל ולא בכח“...

אָבער אין אַלצדינג האָט זיך אַריינגעשניטן דאָס קאַלטע שטאָל פון דער פראַגע:

— ווי אַזוי לעבט מען?

אַ מענטש איז העכער פון אַ חיה. אָבער אַ מענטש דאַרף קענען באַקעמפן די חיה. ווען אַ הונט באַפאַלט דיך אינמיטן גאַס, שטיי ניט ווי אַ גולם, לאָז זיך ניט בייסן. אַ שלאַנג קריכט פאַר דיינע פיס, אַ שלאַנג הויבט דאָס קעפּל, עפנט דאָס פּיסקל, שטעקט אַרויס דאָס גאָפּעלדיקע צונגל, שיפּעט... דו האָסט אַ שטעקן אין האַנט. דו ביסט העכער פון אַ שלאַנג. דו האָסט אַן אומשטערבלאַכע נשמה. די שלאַנג ווייסט ניט, וואָס זי טוט. נו, וואָס־זשע?...

אין ווינקל אַף דער באַנק זיצט יואל מיט פאַרמאַכטע אויגן. די אַרעסטאַנטן טרינקען. די אַרעסטאַנטן האָבן ערגעץ געקראָגן אַ שטאָף בראַנפן. מ'האָט אַריינגעגאָסן אין אינגל אַריין אַ פּאָר גלעזלאַך — און ער ליגט איצט אַף דער נאַרע און לאַכט ווילד און זידלט זיך אַף אַרעסטאַנטסקע זשאַרגאָן. סאַנקאַ האָט אויסגעטאָן זיין רעקל און שיינט מיט אַ רויטן אונטערשטן העמד, וואָס ער האָט אַריבערגעלאָזט איבער די פּלודערן. דער דאַרף־שייגעץ זיצט אַ באָרוועסער אַף דער נאַרע און לאַכט אַלעמאָל הילכיק און זאָגט:

— טייוואָלים, אַף מיין וואָרט, געבראָטענע טייוואָלים!

סאַנקאַ און דער בראָדיאַגע זיצן באַם טיש אַף ביינקלאַך.

זופּן אַ גלעזל, נאָך אַ גלעזל, קושן זיך, זינגען שטילערהייט אַרעס־טאַנטסקע לידער, זאָגן זיך איינער דעם אַנדערן גוטמוטיקע זידלע־רייען, שלוקערצן און פאַרבייסן מיט אַ זויערער אוגערקע.

יואל לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער אַף דער באַנק און ס'זעט אויס, ווי ער שלאָפט. ער וויל ניט זען דעם יום־טוב. ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּצאַמען מיט אַ שוואַרצער שטילקייט פון אַט־די מענטשן. ער איז מיד. זיין קאָפּ אַף דער האַנט, וואָס איז אָנגע־שפּאַרט אָן באַנק, איז שווער און הייס.

די חברה הוליעט. דאָס פייכטע גלעזל מיטן גראָבן דנאָ גייט פון האַנט צו האַנט. דאָס אינגל וויינט שוין, כליפּעט שטיל, שילט. דער דאָרף־שייגעץ לאַכט.

דער בראָדיאַגע זאָגט:

— נעדאַרפט אַריינשיטן דעם זשידאָקל אַ זאַריאַד בראָנפן. אַט וואָלט ער דאָס געמאַכט שטיק.

סאַנקאַ טוט אַ לעק זיינע רויטע ליפּן, וואָס זענען פייכט פון בראָנפן, און שפּייט אויס אָן אַ זייט מיט אַ קוויטשקן „צרס".

— אַ פאַרשאָלטן פאָלק...

די קאַמער שווייגט אַ מינוט. אין דער פּאַוזע הערט זיך דאָס קלינגען פון אַ גלעקל. מסתמא פאָרט אַ פּאָטשט איבערן שאָסיי אַף יענער זייט טורמע.

סאַנקאַ טוט אַ צווייטן שפּיי, אַ זופּ פונם גלעזל, פאַרקרימט זיך און זאָגט:

— אַ פּראָקליאַטע פאָלק. איך קען מיט איין האַנט פאַרטרייבן הונדערט פון זיי. איך הויב נאָר אַ האַנט...

דער שייגעץ אַף דער נאַרע טוט אַ שאָקל מיט זיינע באָרוועסע פיס, דער ריח פון פערד־מיסט צעגייט זיך איבערן קאַמער. דער שייגעץ הירזשעט:

— כי־כי־כי...

דער בראָדיאַגע זאָגט:

— אָבעך די זשידאָוואָטשקעס...

סאַנקאַ פאַרקרימט מיט די ליפּן.

— אפילו די זשידאָוואָטשקעס טויגן אַף אַ קלאָג. ס'איז ניט ווי אונזערע אַ שיקסע — אַ האַנט און אַ פוס און אַ ברוסט איז דאָ

וואָס אָנצונעמען. יענע זענען ווי קעצלאַך. אפֿן פּאָגראָם האָב איך דערטאַפּט איינע, איז איידער איך האָב זיך צו איר צוגערירט, איז זי געוואָרן אָן אָפּגעקאָכטע... אַ טויטע קאַץ, צו אַל־די שווארצע יאָר...

דער בראָדיאַנע קראַצט זיינע גראָלאָכע האָר אפֿן טונקעלן פּנים, שלעפּט ארוים עפּעס פון בוזים, צעקנאַקט עס אפֿן נאָגל, ווישט אָפּ דעם נאָגל אָן רעקל און זאָגט:

— רעדסט אָן אַ שום טאָלק. איך האָב ליב די זשידאָוואָטש־קעס. און ווייסטו וואָס כ'וועל דיר זאָגן: זיי האָבן אונז אויך ליב. זיי פאַרשטעלן זיך נאָר, אַז ס'איז אי־אי־אי.. אָט האָב איך יענעם פּאָגראָם-זונטיק, געדיינקסט, זיך דערקויבערט צו איינער, איז נו־נו, זי האָט מיר נאָך געהאָלפן... וואוילע נאפקעס, זאָג איך דיר, אַ קילע אין זייער מאַמען.

דער דאָרף־שייגעץ האָט זיך אָפּגערופן:

— הי־הי, ביזט אַ פּעפּערדיקער טייוול, הי-הי...

יואל איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אױף זיין האַנט אױף דער באַנק און געהערט. יואל האָט דערזען זיין שטאָט מיטן פּאָגראָם. אַ קליין שטיבל אין עק שטאָט. קווייטן פאַרן שטיבל...

אפֿן אַנדערן טאָג האָט ער ניט געוואָלט גיין אפֿן שפּאַציר. ער איז געווען שווייגנדיק, קיין פרישטיק האָט ער ניט געגעסן. די דריי אַרעסטאַנטן מיטן אינגל זענען ארוים אין הויף אריין. יואל האָט ליב געהאַט אָט־דאָס פערטל שעה פון אַליין־זיין. אינדרויסן האָבן די אַרעסטאַנטן גערוישט און ס'האָבן זיך אַלעמאָל געהערט די אויסגעשרייען פון די שליסער. דאָ אינעווייניק איז די קאַמער כמעט ווי געוואָרן אַ היים. ס'איז געווען שטיל. מ'איז געווען מיט זיך. מ'האָט געקענט פאַרגעסן אפילו זיך אַליין. יואל האָט צוגע־מאַכט דאָס פענצטער, כדי זאָל זיין שטילער. יואל האָט ארויס־גענומען פון דער קעשענע דעם בריוו, וואָס מ'סאָט אים איבערגע-געבן פון קאַנטאָר אינדערפרי. אַ בריוו פון דער מאַמען, אַ גרוס פונם טאַטן. אין בריוו איז אַריינגעלייגט אַ קליין שטיקל קאַרטאָן: די מאַמע האָט אויסגעשניטן ריווקע'ס פּנים פון אַ פאָטאָגראַפישער גרופּע, וואָס איז געשטאַנען בא אים אין צימער. אַ קליין ליב פּנימל...

לעבן יואלן איז אויסגעוואַקסן סאַנקאַ, וואָס האָט זיך אומגע־קערט פונם שפּאַציר דער ערשטער. אפשר איז ער מיט אַ כּיון גע־קומען פריער, כּדי צו זיין אַליין מיט יואלן. סאַנקאַ דערזעט דאָס קאַרטל. סאַנקאַ טוט עס אַ ריס פון יואלס האַנט. „אהאַ, אַ מיידעלע!"

יואל הויבט אויף אַ האַנט און מיט דער גאַנצער מאַכט טוט ער אַ האַק סאַנקאַן איבערן פּנים. סאַנקאַ איז מער איבערראַשט, ווי דערשראָקן. מיט אַ קעצישער פלינקייט רוקט ער זיך אונטער און טוט אַ זעץ יואלן איבערן קין פון אונטן אַרויף. יואל פאַרקנאַקט מיט די ציין און לאָזט אַראָפּ אַ האַנט אויף סאַנקאַ'ס קאָפּ. נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל לאָזט ער אַראָפּ די האַנט. סאַנקאַ איז ני־דעריקער פון יואלן און יענעם איז באַקוועם צו קלאַפּן איבערן קאָפּ. סאַנקאַ דערלאַנגט אים אין ריפּ. איבער יואלס קערפּער גייט דורך אַ שאַרפער ווייטיק, אָבער דערפון ווערט ער נאָר ווילד. ער לאָזט אַרויס אַן „אַה!" און באַלד אַ פויערשע קללה. ער פילט, ווי באַ אים שטייען די האָר אויפן קאָפּ. ער איז ניט ער. ער וועט באַלד אויפגעריסן ווערן פון אינעווייניק. ער קען זיך נאָר ראַטעווען דורך האַמערן מיט די הענט. ער האַמערט איבער סאַנקאַס פּנים, סאַנקאַס אַקסלען, סאַנקאַס ברוסט. ער טוט אַ האַק סאַנקאַן אין זייט. יענער כאַפּט אים אָן באַ דעם אָרעם און וויל אים אויסדרייען אויף צוריק. ער האַמערט מיטן לינקן אָרעם. ער כאַפּט אָן סאַנ־קאַן באַם האַלז און גראָבט זיך אַריין מיט די נעגל. יענער לאָזט אָפּ דעם אָרעם, קלאַפּט יואלן אין בויך. יואל זאָגט: „אָו, אָו" און דערלאַנגט סאַנקאַן מיטן גאַנצן כּח איבער מויל און נאָז. זיין האַנט ווערט רויט פון בלוט, דאָס בלוט מאַכט יואלן נאָך ווילדער. ער קלאַפּט איבער דעם גנבס אויגן. ער זעט שוין גאָר ניט. ער ווייסט גאָר ניט. ער האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט די הענט אין סאַנקאַס האָר און בויגט זיין קאָפּ צו דער ערד. דער שייגעץ ברומט: „לאָז אָפּ, כאָלערע, געננוג!" יואל גיט אים אַ זעץ מיט דער קני אין בויך. דער שייגעץ ווערט שלאַבעריק און פאַלט צו דער ערד. דער שייגעץ קומט באַלד צו זיך און וויל זיך אויפהויבן. יואל טוט אים אַ קאָפּע מיטן פוס.

הינטן האָט זיך שוין געעפנט די טיר. ס'לויפן די איבעריקע

צוויי ארעסטאנטן. דאָס אינגעלע קוויטשעט. די שליסער האָבן זיך אריינגערוקט און שרייען עפּעס. יואל קאָפּעט מיטן פוס אי־בערן צעבלוטיקטן סאנקא, וואָס דרייט זיך, ווי א וואָרעם. יואלס הענט זענען פארבלוטיקט. ס׳איז דאָ בלוט אף דער פּאָדלאָגע. דער בראָדיאגע כאפּט אָן יואלן פארן ארבל, שרייט: „העי, קרעציקער, וואָס איז דאָס?“ יואל טוט הינטן ארום א רוק מיט דער האנט, און דער בראָדיאגע לאָזט ארויס א סקאוואָוטש. דער דאָרף־שייגעץ שטייט און קוועלט.

די שליסער האָבן מיט מי אָפּגעשלעפּט יואלן פונם גנב. אין צען מינוט ארום איז ער שוין געזעסן אין קארצער.

א כ צ נ ט ע ר ק א פּ י ט ל

דאָס ערשטע, וואָס יואל האָט דערפילט אין דעם שטילן, קילן און האַלב־טונקעלן קאַרצער, איז געווען עקל. אַקוראַט ווי ער איז אַריינגעקראָכן אין עפּעס אומריינס; אַקוראַט ווי ער האָט פאַרשוועבט זיך אַליין. די הענט זענען נאָך געווען קלעפּיק פונם בלוט, וואָס ער האָט געווישט און ניט געקענט אָפּוואַשן מיט דער פּאָלע פונם רעקל. דאָס רעקל איז געווען צעריסן: איין לאַץ האָט אַראָפּגעהאַנגען; פון דער לינקער קעשענע איז געגאַנגען אַ ריס. דער קאָלנער פונם העמד איז אומגעלומפּערט אַרויסגעקראָכן און געלעגן, ווי אַ שמאַטע, אויפן רעכטן אַקסל. דאָס לייב האָט געשמאַרצט פון די קלעפּ, די אונטערשטע ליפּ איז געווען צעשפּאָלטן; איין זייט פּנים, דאָרט וואו די פּעטש זענען געפאַלן זייער געדיכט, האָט נאָך אַלץ געגליט און געברענט. יואל האָט זיך אַ ציִ־אויס געטאָן, — דערפון האָבן די אברים אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער ווי טאָן, — און דער עקל האָט גענודיעט. עס האָט זיך געדאַכט: ער איז איינגעטונקט אין אייטער. אימיצער שטייט איבער אים און זאָגט מיט רחמנות'דיקן פאַרוואורף: „זע, וואָס ס'איז פון דיר געוואָרן. אַ מענטש, אַ ב ר ־ ד ע ת, וואָס לעבט מיט א י ד י י ע ן, זאָל אַזוי פאַלן. אדרבא, ווער ב י ס ט ו און ווער איז דער גויעץ. ער איז דאָך אפילו ניט אין דער מדרגה פון אַ מענטשן. ער איז אַ גרויסע, שטינקענדיקע וואַנץ".

יואל'ן איז געווען פריקרע זיין צעריסענער הולך, זיין צעשפּאָלטענע ליפּ, זיין גאַנצע פיזישע צעשלומפּערטקייט. ער האָט געפּרואווט אַריינציען דאָס העמד, אויסגלייכן די קליידער, אָבער ס'איז אַלץ געווען קאַפּויר. ס'האָט געריצט. ס'האָט געערגערט.

איינס איז געווען גוט: די שטילקייט. ער איז געווען אַליין נאָך עטלאַכע וואָכן מיט גנבים און בראָדיאַגעס. קיינער קוקט אַף אים ניט. קיינער רעדט ניט קיין אומפּלייט. ניטאָ דער נאַרישער „האַ־האַ־האַ" פונם שייגעץ. שאַ. שטיל. אַליין. ס'איז קיל. ס'איז גראָ. פאַר דעם גראַטע־פענצטערל אַף דער פלאַך פון דער ערד שטייט די וואַנט פון אַן אַנדער טורמע־געביידע. ס'איז גוט אַזוי. זאָל קיינער ניט אַריינקוקן אַהער. זאָל מען פון דאַנען אַף קיין זאַך ניט דאַרפן קוקן.

יואל האָט זיך אַוועקגעלייגט אַף דער באַנק, דאָס איינציקע מעבל פונם קאַרצער, און פאַרמאַכט די אויגן. דאָס ערשטע מאָל אין טורמע איז אַף אים געפאַלן אַ טיפער שווערער שלאָף, אָן זיפצן, אָן חלומות.

ווען ער האָט ווידער אויפגעעפנט די אויגן, האָט פון אַ זייט, פון אַ שפּאַלט צווישן צוויי טורמע־ווענט, קאָסע אַריינגע־קוקט אַ רויטער שטראַל. דאָס האָט די זון געהאַלטן אין פאַרגיין. דער גראָער קאַרצער איז געווען אָנגעפילט מיט אַ מאָדנע לייכטן ליכט. יואל האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט די פאַרקליאַק־נעטע גלידער — און האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז אים איז גרינג. אַ פרייד האָט פאַרפלייצט זיין גאַנץ וועזן. אַ פרייד האָט אַרומ־געשפּרונגען אין זיינע גלידער.

מיט אַן אומגעווייניטלאַכער קלאָרקייט האָט יואל איצט אי־בערגעלעבט די סצענע פונם געשלעג. זי האָט אים מער ניט גע־עקלט. פאַקקערט, זי האָט אים ברייטער געמאַכט דאָס האַרץ. זי האָט אַרויסגערופן שמייכלען אַף זיינע פאַרטריקענטע ליפּן. איינציקע מאָמענטן, וואו ער האָט דערלאַנגט דעם גנב גאָר אַ גע־לונגענעם קלאַפּ אָדער וואו יענער האָט שאַרף אַרויסגעקוויטשעט פון ווייטיק, האָבן איצט געהויבן יואל'ן אין דער לופטן. ער האָט ממש געפילט, אַז ער ווערט העכער. אין האַרצן האָט געקילט דער ברי פון אַן אומגעריכטן גליק. דאָס האַרץ האָט געטיאַכקעט. די אַקסלען זענען געוואָרן ברייטער. דער רוקן האָט זיך אויסגע־גלייכט. די זון האָט באַגילט דעם אויבערשטן טייל וואַנט און אַ שטיק פונם געוועלבטן צעשפּאָלטענעם סופיט איבערן קאָפּ. יואל

האָט דערפילט מיט יעדן טיילכל פון זיין קערפּער, מיט יעדן טראָפּן פון זיין באַוואוסטזיין:

— ע ר ק ע ן ד אָ ס!

פון אומבאַקאַנטע טיפענישן, פון אוראַלטע היילן אין זיין נשמה האָט אַן עלטער־זיידע פון צוריק מיט צען טויזנט יאָר אים אויסגעשטערקט אַ האַריקע האַנט, שטאַרק, ווי אַ גראָבע דעמבענע צווייג; שווער, ווי אַ שטיינערנער האַמער; געקוקט פון דעם גע־דיכטן לויערדיקן וואַלד מיט די גרויסע זיילן־הויכע שטאַמען אינם אייניקל'ס שוואַרצע, טרויעריקע, פאַר'חלומ'טע אידישע אויגן און געזאָגט:

—זע, ביזט דאָך גאָרניט אַזאַ שלאַבעריקער, ווי דיינע גמרא־טאַטעס האָבן דיך געוואָלט מאַכן. זע, ס'איז אין דיר דאָך דאָ אַ סך פון אונזער הייסקייט, פון אונזער ניט־טראַכטן, פון אונ־זער קלאַפּ־און־ביים־פּרייד. די אידלקייט האָט אונז ניט אַוועק־געטויט אין דיר. דו וועסט אונז דערלאַנגען דיין האַנט איבער דעם תהום פון גלות־יאָרן.

און יואל האָט געפילט, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ בייזן חלום. אַלצדינג, וואָס האָט אַזוי צעעסן זיין נשמה, האָט דאָך גאָרניט געהאַט קיין ממשות. ער איז דאָך גאָרניט דער יואל, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין זיינע רויבעריקע מחשבות. ער, דער אמת'ער יואל, איז דאָך ביז אַהער דאָ ניט געוועזן. ער איז אָקאָרשט געקומען פון ווייט. ער וועט ניט פאַרטראָגן אַ סך זאַכן. ער וועט ניט ליגן אַף דער פאַדלאָגע. ער וועט זיך ניט לאָזן צונעמען דאָס עסן. ער וועט ניט שווייגן. ער וועט ענט־פערן מיט דער שפּראַך, וואָס די סאַנקאָס קענען פאַרשטיין.

ע ר ק ע ן ד אָ ס א י צ ט! ע ר ו ו ע ט ז י י ו ו י י ז ן!

הויך, העכער ווי אַלע זיינע יאָרן, האָט יואל געהויבן דעם קאָפּ, און געדאַכט האָט זיך אים איצט, אַז די קליידער ליגן אַף אים ווי אויסגעגאָסן, אַז די פיס זענען ווי פּרענטעס אייזן, איינ־געגראָבן אין דער ערד, אַז זיין קולאַק איז געקנאָטן פון האַרטן מעטאַל, און ווען ער וועט אים אַראָפּלאָזן אַפן קאָפּ פון אַ שונא,

וועט אפילו אַ צעיושעטער אָקס מוזן איינבויגן זיין האַלז און אָפּ־לאָזן זיין רויב.

און ווי אַ בליץ שניידט דורך אַ גאַנצן הימל מיט וואָלקנס, אַזוי האָט מיטאַמאָל איין וואָרט דורכגעשניטן דעם תהו־ובהו פון יואל׳ס געמיט:

— ר י וו ו ק ע!

עס האָט אים פּלוצלונג אַ זעץ געטאָן אין מח דער געדאַנק, אַז ער האָט ביז אַהער גאָרניט געטראַכט וועגן ריווקע׳ן. אַזוי פאַרטאָן איז ער געווען אין זיין איינגענער מפּלה, אַזוי געצויגן האָט אים און געפּלעפט די געשטאַלט פונם שייגעץ דעם פּאָגראָמשטשיק מיט די בלאָנדע האָר און בלאָע אויגן, אַזוי געאייטערט האָט ער זיין וואונד דורך מעסטן די אייגענע שפלות מיט דעם חוצפּה׳דיקן וו ע ל ן און ק ע נ ע ן פון אַ ברוטאַלער וועלט,—אַז זיין אייגענע מאַטערניש האָט פאַר אים פאַרשטעלט ריווקע׳ן. ריווקע איז פאַר אים געווען ווי אַ שאָטן. זי איז געווען ווי דער צימער, ווי דער סאַמאָוואַר אינעם צימער, וואו די פּאָגראָם־סצענע איז געשען. זי איז געווען די סיבה פון זיין אומגליק. דער אומ־גליק האָט פאַרשטעלט די ליבשאַפט, ווי ער האָט פאַרשטעלט טאַטע־מאַמע, ווי ער האָט פאַרשטעלט די וועלט.

ערשט איצט איז דער פּשוט׳ער מענטשלאַכער געדאַנק גע־קומען אין יואל׳ס באַוואוסטזיין:

—וואָס זענען מיינע מאַטערנישן אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ריווקע האָט געליטן!

און נאָך אַ געדאַנק:

— וואָס פאַר אַ קליינינקער, אין זיך איינגעליבטער נפש בין איך, וואָס איך האָב אַלץ געטראַכט וועגן זיך אַליין!

און נאָך איינער, ווי אַ הייסער שטאָך:

— וואָס טוט זי? איך דאַרף גיין צו איר! איז שוין אפשר צו שפּעט?

און ווי ס׳האָט אויפגעשוואומען אין זיין געדאַנק דאָס בילד פון דער יונגינקער ריווקען מיט די חנ׳עוודיקע קינדערשע אויגן, מיטן צאַרטן הויך אַף די גערויטלטע באַקן, מיט דעם געטרייעם נויג פונם שיין־געפורעמטן קאָפּ, האָט ער שוין געוואוסט, אַז ער קען

מער ניט וואַרטן. האָט ער זיך כמעט אַליין פאַרוואונדערט, ווען ער האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיטביידע קולאַקעס אין דער טיר פונם קאַרצער.

ער האָט לאַנג געקלאַפּט, ביז מ'איז געקומען פון די אויבער־שטע קאָרידאָרן. ס'איז שוין געווען טונקל, און ווען פון דרויסן האָט דער שליסער אויפגעעפנט דאָס פענצטערל אין טיר, האָט זיך פון דאָרט אַ גאָס געטאָן אַ שוואַרצקייט.

— וואָס הודזשעסטו, כאָלערע!

יואל האָט געענטפערט קורץ און נאָכדריקלאַך, מיט אַ קול, וואָס מ'האָט פון אים ביז אַהער ניט געהערט אין טורמע:

— הער זיך אויף זידלען, סאָלדאַט! עפן די טיר! איך דאַרף זען דעם נאַטשאַלניק!

דער שליסער האָט זיך פאַרוואונדערט.

— נאָר ניט אַזוי חוצפה'דיק, סוואָלאָטש! ס'איז דאָ צייט!

דאָס פענצטערל האָט זיך פאַרהאַקט. יואל האָט אָנגעהויבן באַראַבאַנעווען אין טיר מיט אַ נייער פוריע. ס'האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז ניט איין מענטש, נאָר אַ גאַנצע כאַפּטע מאַכט אַ טומל. ס'האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער טורמע. פונם איינענעם קלאַפּן איז יואל געוואָרן אַלעמאָל ווילדער. ער האָט גענומען די באַנק און מיט איר געפּויקט אין טיר. ס'האָט גע־בומט ווי קאַנאָנען־שאָסן. ס'האָט צעטרייסלט די ווענט. פונם סופיט האָט זיך געשאָטן די שטוקאַטורקע.

דאָס פענצטערל האָט זיך ווידער געעפנט, און אַ בייזע שטים האָט געזאָגט:

— הער אויף, הינטיכע'ס זון, אַ־ניט שיסט מען!

אָף איין אויגנבליק, אפשר ווייניקער ווי אַ סעקונדע, אפשר אַזוי שנעל, ווי דאָס לויפן פון אַ געדאַנק, האָט יואל'ן אָנגעכאַפּט אַ מורא, אָט פליט אַריין אַ קויל. שווידער. טויט. דער געדאַנק האָט ניט אויסגעפייעט אָפּשטעלן די הענט. די הענט האָבן געפּויקט מיט דער זעלביקער וואוט. יואל האָט זיך נאָר אָפּגערוקט אָן אַ זייט, כדי ניט צו שטיין גלייך פאַר דער טיר. זיינע אויערן האָבן קוים געהערט זיין אויסגעשריי:

— שיס, סאַלקאַטסקע מאָרדע, אָבער איך מוז זען דעם נאַטשאַלניק.

דער קאַרצער האָט געהודזשעט. באַלד האָבן געקלונגען די פענצטער: דאָס האָט יואל גענומען דאָס בלעכענע וואַסער־קווערטל און דערמיט אויסגעבראָכן די שויבן. אין די אויבערשטע קאָרידאָרן איז שוין געוואָרן אומרואיק. אַרעסטאַנטן האָבן גע־ברומט. מ'האָט זיך שוין דערוואוסט, אַז עס קלאַפּט אַ פּאָליטי־שער. די עטלאַכע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס זענען געזעסן אין אויבערשטן שטאָק און וואָס האָבן מיט יואל'ן קיין פאַרבינ־דונגען ניט געהאַט, האָבן אָנגעהויבן שומען, רופן די שליסער. ס'האָט געדראָט אויסברעכן אַן אַלגעמיינער „בעזפּאָריאַדאָק".

שוין אין אַ האַלבער שעה אַרום איז יואל געזעסן אין קאַנ־טאָר. ניט ווי אַ אינגל, נאָר ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, וואָס האָט געזען דעם ביטערן פּנים פון לעבן, האָט ער ערנסט געגעבן צו פאַרשטיין דעם טורמע־נאַטשאַלניק, פאַרוואָס ער מוז אים טאַקע באַלד אָפּשיקן אַ לאַנגע טעלעגראַמע צו ריווקען און פאַר־וואָס ער דאַרף אים זיך לאָזן דורכריידן מיט ריווקע'ן אָן עדות, ווען זי וועט אַהער קומען. דעם נאַטשאַלניק איז ניט געפעלן יואל'ס טאָן, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין זיין העפלאַכקייט איז דאָ אַ באַפעל. ער האָט געפרעגט:

— און אויב ניט ?

אָבער יואל האָט אַזוי רואיק געענטפערט, אַז אויב מען זאָגט אים אָפּ, איז ער ניט פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר זיך און פאַר די פּאָלגן, און אַזאַ אייזיקער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן פון די ווער־טער, אַז דער טשינאָווניק האָט זיך מישב געווען: בעסער ניט דערלאָזן צו קיין עקסצעסן; ס'קען נאָך שאַדן זיין קאַריערע, ס'איז שוין אַזוי אויך געווען גענוג טומל. דער נאַטשאַלניק האָט געענטפערט, אַז ער זעט ניט קיין געזעצלאַכע סיבה, פאַרוואָס ער זאָל ניט דערפילן די בקשה, און צו באַווייזן ליבעראַלע נויי־גונג, האָט ער געהייסן אומקערן יואל'ן אין זיין פריערדיקער קאַ־מער, „ווייל ער האָט שוין באַקומען אַ גענוגע שטראָף".

אין קאַמער איז יואל פון ערשטן בליק געוואָר געוואָרן, אַז ס'וועט אים דאָ ניט גיין אַזוי לייכט, ווי מיטן נאַטשאַלניק. די

דריי אַרעסטאַנטן האָבן זיך געמאַכט, ווי זיי באַמערקן ניט יואל'ס קומען: דער בראָדיאַגאַ מיטן דאָרף־שייגעץ האָבן זיך „געשניטן" אין קאָרטן, ביידע זיצנדיק מיט טערקיש־צונויפגעדרייטע פיס אַף דער נאָרע, און סאַנקאַ איז געזעסן אַף דער באַנק און האָט זיך געשפּיגלט אין אַ קליין קיילעכדיק שפּיגעלע, וואָס ער האָט גע־האַלטן אין די הענט אַזוי, אַז דאָס ליכט פונם לאָמפּ זאָל פאַלן אַפן גלאָז. קיינער האָט ניט געענטפערט אַף יואל'ס „גוטן אָוונט". ווען יואל איז צוגעגאַנגען צום אינגל אין ווינקל לעבן הרובע און אים פריינטלאַך אַ זאָג געטאָן: „נו, וואָס מאַכסטו, אַרעסטאַנטל?" האָט יענער ניט געענטפערט, נאָר מיט די אויגן אַ וואונק געטאָן אין סאַנקאַ'ס זייט.

אַלע האָבן אַ שטיק צייט געשוויגן. נאָר איינמאָל האָט דער גנב אָפּגערוקט דאָס שפּיגעלע פונם ווייס־רויטן פּנים, געעפנט דאָס רויטע מויל און אַרויסגערעדט פון צווישן די בלאַנקעדיקע ציין:

— אהאַ, שוין געקומען.

קיין גוטס האָט דער טאָן ניט פאַרשפּראָכן. יואל האָט אַ וואָרף געטאָן אַן אויג אַף סאַנקאַ'ן און געזען אַף זיין פּנים די צייכנס פון דעם אינדערפריענדיקן שלאָגן. דאָ און דאָרט איז געווען אַ בלאָער פלעק. באַם לינקן אויער איז געווען אַ לאַנגער קראַץ, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום האַלז. אָט־די צייכנס האָט דאָס סאַנקאַ באַטראַכט אינם שפּיגעלע מיט טיפן אינטערעס.

יואל האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן טיש — קיין אַנדער פּלאַץ איז ניט געווען — און האָט צום ערשטן מאָל פאַרן גאַנצן טאָג אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין לאַגע,—אַ טראַכט געטאָן אַזוי, ווי דאָס וואָלט געטאָן אַ זייטיקער: קלאָר, קריטיש, קאַלט. ביז אהער האָט ער זיך נאָכאַנאַנד גערעגט; דאָס האַרץ האָט אָן אַן אויפהער געקלאַפּט; עס האָט אָפּט פאַרגאָסן זיינע אויגן מיט עפּעס אַ טונקלס. איצט, ווען דער נאַטשאַלניק האָט אים צוגעזאָגט דערפילן זיין פאַרלאַנג און ווען די אַרעסטאַנטן האָבן אים געוויזן, אַז דער ג ר ו י ס ע ר ק ר י ג איז ערשט פאָראויס, — האָט זיך אין אים עפּעס באַרואיקט. ער האָט גע־

קענט טראכטן. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון זיך אַליין. ער האָט זיך געפרעגט: וואָס איז געשען?

געווען אַ אינגל אַן איידעלער, אַ טאַטנ'ס אַ קינד. פון קינד־ווייז אויף געוואוינט געווען צו רוחניות: חומש־מעשיות, דאַוונען, אגדות. געלעבט צווישן מענטשן, וואָס הויבן ניט אַ האַנט, וואָס רירן ניט אָן אַ פליג אַף דער וואַנט. געלעבאַ אין אַ וועלט פון באַשריבענע העלדן, באַזונגענע קעמפּפער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שאָטנס. געוואַקסן אַ בחור, געטראַכט, געטרוימט, גערעדט, געמיינט אפילו, אַז ער קעמפּט — אָבער אַלץ ניט געוואוסט, אַז איינשטעלן דאָס לעבן איז ניט גענוג; ניט געוואוסט, אַז אַ קרבן זיין איז ניט שיין, אַז אַ קעמפּפער דאַרף מאַכן דעם שונא פאַר אַ קרבן. נו, איז געקומען די גרויסע פּרוּף — און דער אידישער בחור איז געווען מאַכטלאָז, ווייך ווי טייג, ווייך ווי בלאָטע. אַ לאַנגע צייט האָט ער געגלויבט, אַז ער איז אַ טרוס, אַז ער קען טאַקע ניט שטיין אַף דיא ייגענע פיס. איז געקומען איין מאָמענט — און עפּעס האָט אין אים אויפגעריסן, און ער האָט געענטפערט מיט אַ פויסט אַף אַ באַליידיקונג, וואָס איז ערגער ווי שאַנד, הייסער ווי בלוט. ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן — און זיין צאָרן האָט אים געגעבן קראַפט. ער האָט געאַרבעט, ווי אין היץ. ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס ער טוט: ער האָט פריער געטאָן און נאָכדעם דערקענט די טאַט. ס'איז אים געלונגען. אָבער איז דאָס ניט אַ צופעליקער אינצידענט? איז דאָס ניט אַן אויפברויז, וואָס גייט אַוועק, ווי אַ רויך? האָט ער זיך טאַקע באמת געענדערט פון אַ ווייכן אַ שטילן — אין אַ שטייפן אַ רויעם?

מיט דער אויפריכטיקייט פון איינעם, וואָס איז געוואוינט אַריינצוקוקן אין די חדרי חדרים פון זיין נשמה, האָט יואל באַטראַכט זיך אַליין און געפונען, אַז ער האָט מורא. עס באַדריקט אים די שטילקייט. עס רעדט צו אים בייז דער רוקן פונם בראַדיאַגע, וואָס וואַרפט די קאָרטן מיט אַ שמייכל און אַ „האה!“. עס ציט זיך אַ שאַרפע אַל פון סאַנקאָ'ס אויג און שטעכט. סאַנקאָ איז, דאַכט זיך, פאַרטאָן אין שפּיגעלע, נאָר ער קוקט קאַסע

ארוים מיט אַן אויגל, וואו דאָס שוואַרצאַפּל איז שוואַרץ, ווי אַ מאַסלינע, און דאָס ווייסל איז געל. דאָס אינגל איז צו שטיל און צו איינגעהאַלטן אין זיך: קענטיק מ'האָט דאָ עפּעס גע־רעדט און דאָס ריידן איז ניט געווען גוט. ווי וועט ער ביי־שטיין קעגן די אַלע שונאים?

יואל'ן טוט אַ שווידער, אָבער ער האַלט זיך איין ניט צו ווייזן. עפּעס אין אים רעוואָלטירט: איז דאָס מעגלאַך, אַז ער, מיט זיין פאַרפיינערטער נשמה און פילזייטיקן גייסט, זאָל ווערן באַדריקט פון אָט-דעם מענטשלאַכן אָפּפאַל? איז דאָס ווערט, אַז ער זאָל וועגן זיי טראַכטן, מיט זיי זיך גלייכן, איבערוועגן שאַנסן?

אָבער דאָ טוט יואל אַ שמייכל — איצטיקס מאָל שוין ניט באַהאַלטענערהייט. ס'איז אַ ביטערער שמייכל. ס'איז חוזק. „אהא! שוין ווידער געפונען אַ שירמע, וואו זיך צו באַהאַלטן. די נעטלאַכקייט קען זיך ניט מעסטן מיט דער חיה. דער גייסט איז העכער פונם קולאַק. אַ וואוילע טרייסט. פריי זיך, יואל. ציי זיך אַריין אין דיין אומשטערבלאַכער נשמה און הויב זיך מיט איר אין דערהויך, בשעת די סאַנקאָס און די סטיאָפּקעס און די אַנדערע כוליגאַנעס וועלן טאָפּטשן מיט שטיוול דיין אויפגע־טרענטע ברוסט. וואָס קער זיך מיט דיר אָן דיין אויפגעטרענטע ברוסט? אָבער אפשר קער זיך מיט דיר אָן דער אויפגעטרענטער בויך פון דיין יונגינקער זיסער כלה?"

ס'טוט אַ הויב יואל'ן — גלייך ווי מען וואָלט אים אַ גלי גע־טאָן מיט הייסן אייזן. שטייף איז ער און שווער. זיין קערפּער דריקט שוין מיט אַ משא אָפּן טיש. זיינע אַראָפּגעהאַנגענע פיס זענען אָנגעשטריינגט. ער ווייסט, אַז ער דאַרף עפּעס טאָן. עפּעס אַ קלונער אין אים ווייסט, אַז אויב ער וועט ניט טאָן, איז ער באַזיגט. בעסער אַליין זיין דער אָנפאַלער, איידער הערן די לויערונג פונם שונא אומעטום.

ס'איז שטיל אין קאַמער. דער היינגלאָמפּ גיסט אַ געלבלאַך שיין. די טאַראַקאַנעס שאַשקען אויף די ווענט. אינדרויסן שטייט אַ שוואַרצקייט פאַר די פענצטער. ערגעץ אין אַנדערן עק טורמע פייפט עמיצער אויס אַ לידל. דאָס אינגל שטייט באַם אויוון און

וואַרמט דעם רוקן און זעט אויס איינגעשלאָפן. לעבן אינגל, אַפן עק נאַרע, ליגט אַ געלע קאָלדרע מיט בלאָע קווייטן, פיין צונויפ־געלייגט, יעדעס פעלדעלע גלייך און גלאַט. דער מאַמע׳ס קאָלד־רע. סאַנקאַ׳ס קאָלדרע. יואל שפּרינגט אַראָפּ פונם טיש. דער טיש טוט אַ קרעכץ, די באַנק טוט זיך אַ שאָקל — און סאַנקאַ לאָזט אַראָפּ דאָס שפּיגעלע. יואל גייט צו צו דער נאַרע, טוט אַ שלעפּ די קאָלדרע, זי צעוויקלט זיך, בלייבט ליגן אַף דער ערד, נאָר איין ווינקל איז אין יואל׳ס האַנט. יואל טוט אַ רוק אַ צוויי־טע האַנט און נעמט אַרויס פון אונטער דער נאַרע זיינע שיך. ער וואַרפט די שיך אַף דער קאָלדרע. דאָס דויערט איין רגע, סאַנ־קאַ וואַקסט אויס הינטער אים און שיפּעט:

— אַהאַ! דו אַזוי גאָר? חזיר׳שע נבלה! וואַרט שוין אויס!

יואל הערט נאָר איין: „ש־ש־ש...“

ער דרייט זיך האַסטיק אויס, בלייבט שטיין מיטן רוקן צום אויוון. סאַנקאַ איז שוין לעבן זיין ברוסט, טוט אים אַ זעץ אין קין פון אונטן אַרויף. אין יואל׳ס קאָפּ זשוזשעט. דאָס פּנים איז ווי אין צוואַנגען. ער בויגט זיך אָן, טוט אַ שטויס מיטן קאָפּ דעם גנב אין בויך אַריין. יענער טוט אַ טרעט אָפּ, קלאַפּט זיך אָן מיטן רוקן אָן טיש. יואל הויבט אויף אַ שיך, גיט אים אַ וואָרף, טרעפט דעם גנב אין פּנים אַריין, דער גנב שפּרינגט אונ־טער, שיפּעט אַרויס:

— וואַרט, הינטישע פעל! וואַרט, דרעקישע קישקע!

סאַנקאַ לאָזט זיך צו יואל׳ן, ווי אַ ווילדער אָקס. אַ האָגל פון קלעפּ פאַלט אַף יואל׳ס ברוסט. ער בלאָזט אָן די ברוסט, כדי ס׳זאָל אַזוי ניט וויי טאָן. ער כאַפּט אָן דעם גנב פאַר אַ האַנט, יענער רייסט זיך אויס. ער הויבט אויף אַ האַנט איבער יענעמס קאָפּ. דער שייגעץ כאַפּט זי אָן העכער פונם עלנבויגן און טוט זי אַ דריי צוריק. יואל פילט, אַז ער ווערט שוואַך. ס׳איז אים טונקל אין די אויגן. ער מאַכט מיט די הענט אָן אַ טאָלק. פּלוצ־לונג דערזעט ער עפּעס גאָר דייטלאַך דעם לינקן אויער — אַ קליי־נער ראָזעווע שיינער אויער אונטער אַ קוטשמע שוואַרץ־גלאַנצנ־דיקע האָר. יואל כאַפּט אַריין דעם אויער אין דער רעכטער האַנט, פאַרקוועטשט די האַנט, ציט און רייסט דעם אויער. דער שיי־

נעץ דערפילט אַ מוראדיקן ווייטיק: פונם אויער ציט זיך דער טיפער קראַץ, וואָס איז געבליבן פון אינדערפרי. דער קראַץ ריצט מיט צוועקעס איבער זיין האַלז. דער שייגעץ טוט אַ וואָרטשע ווי אַ צערייצטער חזיר, שאָקלט מיטן קאָפּ, דרייט זיך און וויקלט זיך און בייסט זיך אַריין מיט זיינע ציין אין יואלס אָרעם נידע־ריקער פונם עלנבויגן. ווייסע, שאַרפע, בלאַנקענדיקע ציין עסן זיך און בייסט זיך אַריין מיט זיינע ציין אין יואלס אָרעם נידע־טער די ציין רינט שוין בלוט.

אַזוי שטייען זיי ביידע כמעט אומבאַוועגלאַך: יואל ציט דעם אויער, דריקט אים, דרייט אים, אָט־אָט רייסט ער אים אָפּ. סאַנ־קאַ איז אַריינגעביסן אין דעם אָרעם, האַלט פאַרשטשעמעט די ציין. ביידע זענען בלייך. ביידע אָטעמער שווער, אָבער מען הערט פון זיי ניט קיין פּאַרע. די קאָרטן־שפּילער האָבן שוין לאַנג אוועקגעוואָרפן דאָס שפּילן, שטייען בײַ דער נאַרע, אַנגע־צויגענע, הייסע. דער בראָדיאַגע שילט שטיל פאַר זיך: „אין דיין מאַמען, דער הינטישער קורווע, הונדערט טויזנט פוילע כאָליע־רעס". דער בראָדיאַגע האָט קוים אַרויסגעשלעפּט די קאָלדרע פון אונטער ביידנס פיס און זי אַרויפגעוואָרפן אויף דער נאַרע. דאָס אינגל כליפּעט און פאַרהאַלט זיך דאָס מויל מיט אַ דינער האַנט. יואל און סאַנקאַ ווערן בלייכער, ווערן פאַרשטייפטער. ביידנס קני ציטערן. יואל טוט אויף איין רגע אַ טראַכט: „נאָר אויסהאַלטן, נאָר ניט נאָכגעבן דעם ווייטיק". דער ווייטיק ווערט הייסער, בראָטיקער, דער ווייטיק גייט איבערן גאַנצן אָרעם — אין דער פּלייצע, אין קאָפּ, אין מוח. אַלצדינג ברענט. אַלצדינג איז נאָד־לען, נאָדלען. אוי! יואל וויל אַ קרעכץ טאָן. אין דעם מאָ־מענט דערזעט ער, אַז דער בראָדיאַגע רוקט זיך פון דער אַנדערער זייט אויף לייכטע גומענע פיס. דער בראָדיאַגע האָט אַ פאַרקוועטש־טע רעכטע האַנט. עס טוט אַ לייכט אין יואלס אויגן. בליץ־שנעל לאָזט ער אַרויס סאַנקאַ'ס אויער, טוט זיך אַ וואָרף צום בראָדיאַגע, טוט אים אַ שטויס מיטן עלנבויגן אין ברוסט. דערביי דערפילט ער אַ שטאָך אין דער רעכטער זייט, אונטערן אָרעם. דער ווייטיק איז ניט אַזוי שאַרף, ווי דער ביס. אָבער ס'טריפט בלוט פון זיין זייט. יואל זעט דאָס ניט. ער פילט, ווי דער גנב הא־

מערט אים ווידער פון אונטן אַרויף איבערן קין. דער דאָרף־שייגעץ פּאַטשט זיך איבער די קני און הירזשעט „האָ־האָ־האָ!“ דער בראָדיאַגע שילט: „טייוולשער עק“ און טוט עפּעס לעבן אים פון דער זייט, וואָס ער קען ניט זען. דאָס אינגל וויינט אַף אַ קול: „אוי־אוי־אוי!“ יואל דערפילט זיך פּלוצים אָנגעכאַפּט פון הינטן: אַ שטויס, אַ רוק, אַ ציִ, און ער ליגט שוין אַף דער ערד מיטן פּנים צו דער פּאַדלאָגע, אַף זיין רוקן הוליען פיס: אים דאַכט זיך — עטלאַכע צענדליק פיס.

אַף איין אויגנבליק בלייבט יואל ליגן. די פּאַדלאָגע קילט זיין פּנים. פונם פּנים פליסט אַ וואַרימע נאַסקייט. די קלעפּ איבערן רוקן פילן זיך ווי דורך אַ קישן. יואל ווערט ניט. פּונקט ווי אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערן גאָרניט. ווען ער קומט צו זיך, איז ער ווי איינגעשמידט אין שטייפע אייזנס. אָבער דאָס דויערט איין סעקונדע. עס טוט אַ קלאַפּ אין מח. עס ווערט זייער ליכטיק. שטרייטן! ניט נאָכגעבן! טאָן!

פלינק ווי אַ קאַץ, טוט זיך יואל אַ דריי, טוט אַ וויקל דעם קערפּער, וואַרפט אַראָפּ דעם בראָדיאַגע, טוט אַ שטויס סאַנקאַ'ן, שפּרינגט אויף, שטייט אַף די פיס, טוט אַ נייעם שפּרונג, פילט, אַז אויב ער באַוועגט זיך ניט, פאַלט ער אום. מאַכט אומגעלומפּערט מיט די הענט. קוקט זיך אַרום. שטויסט דערוויל אָפּ די מידע אָנפאַלער. פילט, ווי זיי קלאַמערן זיך איין אין אים: דער בראָדיאַגע פאָרנט, סאַנקאַ הינטן. אָט האָט שוין דער גנב אים אַרומגענומען, ווי אין ליבשאַפט, פּרעסט אים צו זיך מיטן רוקן. דער בראָדיאַגע שטופּט אים פון פאָרנט. ס'בלייבט נאָר איין רגע. יואל טוט אַ שטרעק אויס די האַנט אַרויף, טרעפט אָן דעם לאָמפּ, טוט אים אַ שלעפּ, רייסט אָפּ דעם דראָט, דער לאָמפּ טוט אַ פאַל אַראָפּ, צעברעכט זיך, באַגיסט אַלע מיט קעראָסין. אַ לוזשע קעראָסין אָפן פאָל הויבט אָן ברענען. די שטרייטער שפּרינגען אָפּ פונם פּלאַץ, וואו עס ברענט. די קאַמער שרייט. די גאַנצע קאַמער קוויטשעט אַף אַ קול: „העלפט! העלפט! פּאַזשאַר!“ איין יואל שווייגט. ער איז זייער שוואַך. ער רוקט זיך אָפּ אין ווייטסטן ווינקל. ער רייסט פון זיך אַראָפּ דאָס רעקל, וואָס איז באַנעצט מיט קעראָסין.

די קאַמער שרייט, דאָס אינגל קלאַפּט אין פענצטערל פון דער טיר און רופט מיט אַ דין קול'כל: „אוי, אוי, ראַטעוועט!" דאָס פייער ווערט גרעסער, הויבט זיך שיער ניט אָן דער הויך פונם טיש. איבערן קאָרידאָר הערן זיך שוין טריט. מען קלינגט מיט שליסלען. מען עפנט. אַ שליסלער שרייט צום צווייטן: „וואַסער!" צו די אַרעסטאַנטן זאָגט ער בייז: „גייט אַרויס אין קאָרידאָר, קלאָגעדיקע!"

ווען דאָס פייער איז אויסגעלאָשן און אַ ניי לעמפל שטייט אױפן טיש און די אַרעסטאַנטן זענען ווידער אינעווייניק, קומט דער נאַטשאַלניק. ער איז שטרייַנג. ער קלינגט מיט די שפּאָרן. ער האָסט דעם „בעזפּאָריאַדאָק". מען האָט אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג. דער גנב און דער בראָדיאַגע האָבן ניט געקענט רעדן: ניט געוואוינט געווען צו נאַטשאַלסטוואָ. זיי האָבן נאָר געקענט זאָגן: „אָט־דער זשידיוהאַ האָט אָנגעהויבן אַ דראַקע, געמאַכט אַ שׂרפֿה". דער נאַטשאַלניק האָט געפרעגט גאַנץ שטרייַנג: „ווי אַזוי האָט ער איינער געקענט שלאָגן אייך דריי?" יענע האָבן געשוויגן, דער נאַטשאַלניק האָט געהייסן יואל'ן דערציילן.

יואל האָט זיך שוין ניט געהאַלטן אויף די פיס. פון דער רעכטער זייט האָט בײַ אים געקאַפּעט בלוט און אָנגענעצט זיינע קליידער. דער קאָפּ האָט געשמאַרצט. דער פּנים איז געווען צעקרעלט. פאַר די אויגן האָט זיך אַלע ווײַלע געטונקלט. ער האָט געהערט אַלצדינג, ווי אין אַ חלום. ער האָט נאָר געוואָלט איינס: פאַרמאַכן די אויגן. רוען. ווען דער נאַטשאַלניק האָט זיך געווענדט צו אים, האָט ער קודם געוואָלט דערציילן אַלצדינג. אָבער מידקייט און עקל האָבן אים אונטערגעזאָגט: „וועמען דערציילן? פאַר וועמען זיך באַקלאָגן? עס איז דאָך אויך אַ שונא — אפשר ערגער פון אַלע!"

יואל האָט קורץ געענטפערט:

— איך האָב ניט וואָס צו דערציילן.

דער נאַטשאַלניק האָט אים שאַרף אָנגעקוקט און פאַרקרימט די ליפּן.

— מיט די טײַוואָלים קען מען קיין זאַך ניט דערגיין.

און ער איז אַוועק, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן. ער איז גע־
ווען צופרידן, וואָס ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָן. די ארעסטאַנטן
האָט מען ווידער איינגעשפּאַרט אין דער אייגענער קאַמער.

ווען דער דאָרף־שייגעץ און דאָס אינגל האָבן אויסגעוואַשט
די פּאָדלאָגע און דער בראָדיאַגע האָט געבראַכט די קאַמער אין
אָרדענונג, האָט מען זיך אַרומגעזעצן, אַז יואל זיצט אויף דער באַנק
און באַוועגונג. זיינע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. דער בראָ־
דיאַגע האָט אַ צופּ געטאָן פאַרן אָרבל סאַנקאַ'ן, וועלכער איז
געשטאַנען מיטן פּנים צום טונקעלן פענצטערל. יענער האָט זיך
אויסגעדרייט. דער בראָדיאַגע האָט אים עפּעס געזאָגט. סאַנקאַ
האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

שפּעט אין דער נאַכט האָט יואל אויפגעעפנט די אויגן. ער
איז געלעגן אויף דער נאַרע צוגעדעקט מיט זיין אייגענער קאָלדרע.
אויף דער פּאָדלאָגע זענען געשלאָפן דער בראָדיאַגע און דאָס אינגל.
די באַנק איז געווען צוגערוקט צו דער נאַרע. אויף דער באַנק
איז געזעסן סאַנקאַ — אַ וואַכער. איידער יואל האָט געעפנט די
אויגן, האָט ער געפילט, אַז סאַנקאַ נעמט אַראָפּ פון זיין שטערן
אַ נאַסע שמאַטע, טונקט זי איין אין קוואָרט וואַסער און לייגט זי
ווידער צו צו זיין שטערן. די שמאַטע קילט. יואל עפנט די
אויגן. סאַנקאַ טוט אַ שמייכל — ס'קומט בא אים אויס ווי אַ
קרים — און זאָגט:

— וואָס מאַכסטו?

יענער ענטפערט:

— בעסער.

און טוט אַ צי אַריין די לופט מיט אַ סווישטש.

יואל ווערט ווידער איינגעשלאָפן. ער שלאָפט ביז אינדער־
פרי. אין ליכט פון פרימאָרגן בויגט זיך איבער אים דער בראָ־
דיאַגע און זאָגט, ווי ער שפּייט אַרויס די ווערטער:

— אַ מאָלאָדיעץ — איז אַ מאָלאָדיעץ! אַז מען פּלאַפּלט
ניט אַרויס, מען גיט ניט אַרויס קיין חברים... נו, ביזטו אונזער
איינער.

און דער בראָדיאַגע דערלאַנגט אים אַ בלעכענע טאַס מיט שיטערער טיי און אַ שטיק ברויט.

יואל הויבט אויף אַ שווערע האַנט און טוט אַ טאַפּ זיין זייט. די זייט איז איבערגעבונדן מיט אַ האַנדטוך און איז שטייף פאַר־קרעמפּעוועט. אונטערן האַנטוך איז אַ ריין טיכל — אַ שטיק אויסגעשניטן פון אַ העמד. יואל טראַכט, אַז אַרעסטאַנטן ווייסן, ווי זיך צו באַגיין מיט אַ פאַרוואונדעטן חבר. ווידער טראַכט ער, אַז אָט—זיי זענען גאָרניט אַזוינע ווילדע. ער האָט נאָר ניט געוואוסט, ווי זיך מיט זיי צו באַגיין. ער ווייסט שוין.

אַ שמייכל באַלייכט זיין פּנים. אַ רואיקער שמייכל פון אַ רואיק געמיט.

ווען ריווקע ווייסט ניט, אַז זי גייט זען יואל'ן, וואָלט זי אין אָט־דעם הויכן מאַן מיט די בלאָע פלעקן אַפן פּנים ניט דער־קענט איר אַמאָליקן חתן. יואל איז העכער געוואָרן, זיין פּנים האָט זיך אויסגעצויגן און געוואָרן אַסקעטיש־דין; די חנ'עוודיקע אינגלשע ליפּן זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, און אַרום מויל, אַףביידע זייטן, האָבן זיך די קנייטשן שוין איינגעגעסן אַף אייביק.

ריווקע האָט יואל'ן ניט געזען פונם פּאָגראָם־טאָג אָן. ווען ניט די פאַרצווייפלטע טעלעגראַמע פון טורמע, וואָס האָט גע־זאָגט, אַז איר קומען איז פאַר אים אַ זאַך פון לעבן אָדער שטאַרבן, וואָלט זי צו אים איצט ניט געקומען. פרעגט מען זי, וואָלט זי אפשר גאָר ניט געזאָגט, אַז זי איז ברוגז. ריווקע איז נאָך געווען צו יונג און צו פול מיט יוגנטלאַכער פאַרגעביקער גוטסקייט, אַז זי זאָל קענען אַף אימיצן טראָגן אַ האַרץ. ס'האָט איר פּשוט וויי געטאָן, וואָס יואל האָט זי פאַרלאָזט. זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי עס קומט, וואָס ער איז געבליבן אויסער איר לעבן גראָד אין אַזאַ צייט, ווען זי האָט אים אַזוי שטאַרק געדאַרפט האָבן. ריווקע איז נאָך געווען אַזוי איינפאַך אין איר ריינקייט, אַזוי אָפּנמוטיק אין אירע באַגריפן וועגן גוטס און שלעכטס, אַז אויב זי אַליין האָט זיך ניט געפילט שולדיק, האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס אַנדערע קוקן אַף איר מיט נייע אויגן.

א קינד איז געווען ריווקע. א מארגן־ליד האט זיך געהאט געוועבט אין איר בלוט און געוועקט צום לעבן יעדן אטאם פון איר וועזן, אבער דעם באדייט דערפון האט זי ניט געוואוסט. דאס געשלעכט אין איר האט זיך נאך ניט דערוואכט. דער אנפאל פונם בלאנדן שייגעץ יענעם פאגראם-זונטיק איז שטיבל אין עק שטאט איז געווען א גרויל, אן עקל — אבער נאר א פיזישער בראך. די נשמה איז נאך געווען אזוי בויגיק און אומדערפארן, אז אויב מען נעמט דאס קינד אריין אין ליבנדיקע הענט און מען רינגעלט עס ארום מיט ווארימקייט און טרייסט, און מען ניט דעם צו פארשטיין, אז א פיזישער איבערפאל מאכט נאך ניט א מענטשן פאר אוים מענטש, וואלט דער גרויל ביסלאכווייז פאר־שוואונדן און די יוגנט וואלט ווידער אויסגעשפרייט אירע צע־קנייטשטע, אבער ניט געבראכענע פליגל.

ווי האט דאס צארטע ריווקעלע געבייזנקט נאך איר יואל'ן יענע ערשטע טעג! זי האט זיך דאס אליין ניט געזאגט, אבער ס'איז דאך געווען אזוי נאטירלאך, אז יואל זאל קומען צו איר אין איר אומגליק, ארייננקוקן אין אירע דערשראקענע, ניט־פאר־שטייענדיקע אויגן, ארויפלייגן זיין גרויסע ווייסע האנט אף אירע ווייכע האר און זאגן: „ריווקעלע, ס'איז דאך גאר ניט געשען. א מענטש איז דאך ניט שולדיק, ווען א וואלף באפאלט אים אין וואלד". ריווקעלע וואלט אראפגענומען זיין האנט פון איר קאפ און זי צוגעפרעסט צום קלאפנדיקן הערצל; ריווקעלע וואלט אפשר א וויין געטאן, היים און אימפעטדיק, ווי עס וויינען שטארק־באליידיקטע קינדער, אבער שפעטער אביסל וואלט זי שוין גע־שמייכלט דורך טרערן, זי וואלט געקוקט אף איר העלד מיט נאסע אויגן און געטראכט, אז ער איז פארט דער בעסטער מענטש אף דער וועלט. ריווקעלע וואלט אף אים ניט ארויפגעווארפן די שולד פאר יענעם בייזן טאג. ניין. אין פיין און צעבראכנקייט האט זי דעמאלט זיך אויפגעהויבן פון איר בלוט און ארויסגע־זיפצט: „אוי, יואל, פארוואס האסטו מיך בעסער ניט געטויט!" אבער אזוי רעדן דאך קינדער אפילו צו זייערע טאטעס אין א שווערן ווייטיק. ריווקע האט ניט געטראכט פון זיין שולד. ריוו־קע איז אליין אויך געווען א אידישע טאכטער, און בא אידן וויסט

מען, אַז אַ גוי איז שטאַרקער. מען טאָר ניט פאַראיבל האָבן אַף אַ אידישן יונגען מאַן, וואָס ער האָט זיך ניט געשטעלט קעגן גוי. אין לערער זיידנבערג'ס ביכלאַך האָט מען געלייענט פון מענטשן, וואָס לעבן ווי פרייע אָדער שטאַרבן ווי העלדן,—אָבער די ביכע־לאַך זענען געווען אַ שיינע מעשה, און דער פּאָגראָם איז געווען אַף אַן אמת. אין פּאָגראָם זענען גויים שטאַרק און אידן שוואַך און דערשראָקן — און אַז מ'איז אפילו אין זעלבסטשוץ, איז מען נאָך אויך ניט אַזוי געזונט, ווי אַ געזונטער שכורער גוי. וואָס קען מען טאָן.

ריווקעלע האָט נאָך געהאַט אַזאַ אומגעשעדיקטע נשמה, אַז „וואָס קען מען טאָן" וואָלט פאַר איר געווען אַ גענוגער תירוץ. ריווקעלע האָט ניט געוואוסט פון נאַציאָנאַלער ערע, פון מוזן באַצאָלן מיטן לעבן פאַר אַ באַליידיקונג, פון מוזן אָדער ברעכן אַ וואַנט, אָדער ברעכן דעם קאָפּ. ריווקע האָט ניט געוואָלט וויסן פון די אַלע אומגליקלאַכע זאַכן. ריווקע האָט זיך געוואָלט טרייסטן, אָפּזיפצן, אָפּוויינען, אָפּוואַשן די טרערן— און ווידער בלישטשען מיט אַ ליכטיקן אויגל, ווידער טראָגן שפּילעוודיק דעם יונגען קערפּער, ווידער הערן דעם יום־טוב, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן פּערלען אין איר נשמה. דערויף וואָלט זי געדאַרפט איר גאַנצע משפחה מיידלאַך און אינגלאַך. דערויף וואָלט זי געדאַרפט יואל'ן. אָבער פאַרוואָס קומט ער ניט — יואל?

אין טאַטנס שטוב איז געווען אַזוי אומעטיק. די היימישע לופט האָט געשטיקט. טאַטע־מאַמע האָבן ניט גערעדט. אַ היינ־טיקער איד — דער טאַטע, אַ רוסיש־ריידער און אַ גאַנצער מאַ־כער באַם וואָקזאַל. איז פאַרוואָס האָט ער פּלוצלינג גענומען אריינקוקן אין גרויסע העברעאישע ספרים? ווען האָט ער באַ־וויזן אַרויסצושלעפּן פונם דנאָ פון דער אַלטער שאַפע די פאַר־שטויבטע בענד מיט די געלע בלעטער, און וואָס האָט ער אין זיי געפונען, וואָס ער זיצט איבער זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט? דער טאַטע שווייגט, די מאַמע האָט אָנגעהויבן רופן ריווקעלע'ן „קינד": „קינד, ווּעסט עפּעס עסן?"; „קינד, ס'טוט דיר ווייִ דער קאָפּ?" און פון דעם „קינד" האָט ריווקעלע אַף זיך אַזאַ רחמנות.

טאטע־מאמע גייען ארום ווי אונטער א שווערער דעק. דער טאטע האט ערגעץ ארויסגעקראגן א פרום ניגונ׳דל, אזוינס, ווי מען זינגט צו סליחות, און טאג ווי נאכט ברומט ער עס אונטער דער נאז, קוקנדיק אין ספר. ס׳פארכאפט באם הארצן. „מדת הרחמים עלינו התגלגלי—ולפני קונך תפלתינו הפילי" בעט זיך דער ניגון מיט א קינדערשער הינ־געבונג. און דער טאטע שאקלט זיך איבער די בלעטער אף פארנט און רעכטס און אף הינטן און לינקס און פארמאכט גאר אמאל די אויגן. דערפון ווערט זייער טונקל אין שטוב.

די מאמע קאכט און באקט און ראמט און נייט — אבער אין מארק אריין איינקויפן גייט זי ניט. די מאמע הייסט זיך דער ענדלערקע ארייןטראגן אלצדינג אין שטוב אריין. די ענדלער־קע בריינגט אן עוף און פיש און קארטאפל און א הויפט קרויט, און אז זי קומט אריין, ווארפט זי אויגעלאך אף אלע זייטן. די מאמע פארשטעלט איר דעם וועג, לאזט זי ניט ווייטער פונם פאר־דער־צימער, אבער די אידענע שארט זיך אלץ צו דער טיר פון עס־שטוב, שטרעקט אויס דעם קאפ, הערט זיך איין. די מאמע האט שוין איינמאל געבעטן ריווקעלע׳ן אוועקגיין אין שלאף־צימער, ווען זי האט דערזען די אידענע פאר דער שטוב. ריוו־קעלע האט געפאלגט. ריווקעלע פאלגט אלצדינג. אבער ערשט שפעטער, באטאג, האט זיך אין איר אויסגעפורמט א געדאנק: הייסט עס, אז זי דארף זיך אויסבאהאלטן פון מענטשן?

דער טאטע זינגט אונטער דער נאז, די מאמע איז פארטאן, ארום מיידל האט מען ארומגעשטעלט אן אומגעזעענע צאם—און זי איז אפגעטיילט פון טאטע־מאמע און פון דער וועלט. מען רעדט מיט איר ניט, מען פרעגט זי ניט, ווי דאס איז געווען. עס באקומט זיך, אז מ׳האט פאר איר א ביסעלע מורא. אקוראט ווי זי איז אפגעטיילט פון טאטע־מאמע און פון דער וועלט. עס רעדן. אירע טריט זענען געווארן פארזיכטיקער. איר אויער—אנגעשטריינגט. איז זי דא גאר א פרעמדע?

אין געוויינטלאכע צייטן וואלט זי אפשר ניט דערהערט יע־נעם גערויש אין קיך. ס׳איז גאר ניט געווען קיין גערויש. ס׳איז געווען ווי קנוילן שטילקייט וואלטן זיך געשטויסן איינער אן

צווייטן. אָבער ריוועקעלע האָט געוואוסט, אַז עפּעס טוט זיך. ווען זי איז אַריינגעקומען אין קיך, האָט זי געפונען די מאַמע אין ווינקל צווישן אויוון און פּאָליצע, מיטן פּנים צו דער וואַנט. די מאַמע האָט זיך געקלאַפּט מיטביידע קולאַקעס אין קאָפּ, געריסן זיך די האָר און שטיל־שטיל־שטיל געשריגן: „אוי־אוי" און זיך געוואָרגן מיטן געשריי. ריווקעלע האָט דערזען צוויי זשמוטן גראָלאַכע האָר פאַרקוועטשט אין די פינגער פון דער מאַמע'ס הענט. ריווקעלע האָט שוין ניט געזאָגט נאָרניט. זי האָט קוים צייט געהאַט אַריינצוגיין אין זאַל און מאַכן דעם טאַטן אַ צייכן, ער זאָל גיין. רעדן האָט זי ניט געקענט, און געעפנט האָט זי די אויגן באַ זיך אין בעטל, אַ נאַסע פון אָנגעשפּריצטער וואַסער. באַם בעטל איז געזעסן די מאַמע — שוין אַ צוגעקעמטע און אַן איינגעשטילטע, אַקוראַט ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען.

שפּעטער קומט אַ פאַרטאָג. אינדרויסן איז אַ טויטע תשרי־נאַכט און די וועלט איז אַ בית־עולם. אינעווייניק הערן זיך שאָרכן, סקריפּערייען, קראַצערייען — אַקוראַט, ווי טויזנט אומבאַקאַנטע באַשעפעניש וואָלטן אַרומגעוואַנדעלט איבער דער שטוב, געקראָכן דורך דער פּאָדלאָגע, גענישטערט אַפן בוידעם, געלויערט אין קוימען. ריווקעלע ליגט אַף איר בעטל אַן אויסגעצויגענע, אַ שטילע, אַן איינגעהערטע. זי הערט איצט אַלצדינג. זי ווייסט, אַז טאַטע־מאַמע שלאָפן ניט. זייער צימער איז אָפּגעטיילט פון אירן דורך דער ברייט פון קאָרידאָר, אָבער זי הערט, ווי זיי רירן זיך, ווי עס סקריפּעט דעם טאַטנס הילצערן בעטל, ווי די מאַמע קירעוועט זיך פון איין זייט אַף דער צווייטער. ס'איז שטיל אין שטוב. ס'איז שטיל אינדרויסן. עס נאָגט ערגעץ אַ מויז, אָבער אַז ריווקעלע וויל, הערט זי דאָס גאָר ניט. ריווקעלע הערט זיך איין צו טאַטע־מאַמע. ריווקעלע זעט יעדן ריר. דער טאַטע זעצט זיך אויף, לאָזט אַראָפּ די פיס, שטעקט זיי אַריין אין די שטעקשיך, שפּאַרט אָן דעם עלנבויגן אַפן נאַכט־טישל באַם בעט. די מאַמע קירעוועט זיך אויס אַף דער רעכטער זייט, שפּאַרט אָן דעם עלנבויגן אַפן קישן און דעם קאָפּ אַף דער האַנט און קוקט אַפן טאַטן אין דער גראָער טויטער נאַכט. ביידע שווייגן. מען הערט, ווי דאָס גאַנצע הויז פליט אינם שטראָם פון דער נאַכט.

די מאמע טוט א רעד ארויס אין דער נאכט אריין—און איר קול איז זייער ווייך:

— מ'זאָל כאָטש וויסן, אז זי טראָגט ניט...

דער טאטע שווייגט, רוקט מיט די שטעקשיך איבערן פאָל, נאָכדעם זאָגט ער:

— פרעגן א דאָקטאָר.

די מאמע רופט זיך אָפּ:

— וואָס וועט א דאָקטאָר העלפן?

דער טאטע זאָגט זייער באהוטזאם:

— קען שוין העלפן.

די נאכט ווישט אָפּ אלצדינג. די נאכט שווימט האסטיק, האסטיק. די מאמע:

— ווי און ווינד איז מיר, צו וואָס מ'האָט דערלעבט...

פונם טאטנס בעט הערט זיך א זיפץ.

ריווקע ליגט א גלייכע, אן אויסגעשטרעקטע, ביז'ן האלז פאר־דעקט מיט דער קאָלדרע — און ס'איז איר קאלט. איינדערפרי באַ־וועגט זי זיך שוין לאנגזאם. זי איז עלטער. זי איז שווערער. זי איז אליין. וואו זענען די חבר'טעס? וואו איז די פריילאכע יונגע כאָפּטע? וואו איז יואל? פארוואָס קומט ניט יואל?

נאָכדעם איז שבת באטאָג — און צוויי מומעס באווייזן זיך אין שטוב. די מומעס זענען זעלטן געקומען צו גאסט, מ'האָט זיי געזען אפשר איינמאָל אין יאָר. די מומעס האָבן צונויפגעצויגענע ליפּן און אנטשלאָסענע פּנימ'ער, און זיי וויסן אלצדינג. די מומעס טרינקען קוואס, קנאקן נים, בייסן געשמאק די זויערע עפּל, ריידן א סך, דערציילן אלע פּליאָטקעס פון אלע קרובים, אלע חתונות, ברית'ן, לויות, גט'ן, ווער מיט וועמען ס'לעבט א גוט לעבן און ווער ס'נארט דאָס ווייב און האָט א „פּאָליובאָווניצע" אויף דער גויאישער גאס. נאָכדעם ווערן זיי אנטשוויגן, און נאָכדעם זאָגט איינע, די וואָס מיטן ווערצעלע באַם לינקן אויער:

— און וואָס טראכסטו מכוח ריווקע'ן?

די מאמע ווערט פינצטער. בא ריווקע'ן טוט א טיאָך אין הארצן.

די צווייטע מומע זאָגט:

— וואָס וועסטו מיט איר אויסציען דאָ אין שטאָט, וואו אַלע ווייסן?

די מאַמע שווייגט נאָך אַלץ.

די ערשטע מומע זאָגט:

— משפחה שמועסט, אַז ס'וואָלט גלייכער געווען אַרויספאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, וואו מ'קען זי ניט, וועסטו גיכער קריגן אַ שידוך; פאַר אונז דאָ וועט אויך זיין ווייניקער בזיון, ווי זאָגט דער גוי: „יאַק נע באַטשילי אָטשי...“

די מאַמע ווינקט צו די מומעס אַף ריווקען, די מאַמע בעט זיך באַ זיי מיט די אויגן: לאָזט צורו. די מומע מיטן ווערצערע לאָזט זיך ניט שטערן:

— וואָס איז דאָ פאַר סעקרעטן, — זאָגט זי. — אַ מיידל דאַרף וויסן, ווער זי איז.

די מאַמע ווערט אָנגעצונדן, טוט זיך אַ הויב אויף, ציטערט פון קאָפּ ביז די פיס, שטרעקט אויס אַ האַנט צו דער טיר:

— גייט אייך געזונטערהייט. לאָזט מיך צורו. ווער בעט באַ אייך טובות. גייט, גייט ש ו י ן...

די ווייבער זענען ברוגז, בינדן די זיידענע פאַטשיילעס, קוקן מיט באַדויער אַף דער וואַרעניע מיט וואַסער, וואָס מ'האָט נאָך ניט אויספּייעט „געניסן“, גייען אַוועק און זאָגן באַ דער טיר:

— דאָס האַלט זיך נאָך גרויס באַ זיך. מען טאָר גאָר ניט זאָגן אַ וואָרט... אַ שיינער יאַ טעבע דאָס...

אַף ריווקען לאָזט זיך אַראָפּ אַ כמאַרע, ווישט אָפּ די פרייליכ־קייט, פאַרוועלקט די יוגנט, לייגט זיך אין האַרצן מיט שטויב. אַלצ־דינג ווערט גראָ און נעבעכדיק. ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָן. אַן אומבאַוואוסטע קראַפט נעמט זי אַרום, וויקלט זי אין טונקעלע טי־בער, בעט איר געלעגער מיט איינזאַמקייט, פליסטערט איר אין אויער אומבאַקאַנטע שוידער־זאַכן, וואָס האָבן ניט קיין נאָמען. אַ סך זאַכן האָבן איצט ניט קיין נאָמען. ווי אַזוי זאָל מען אָנרופן די אויגן, וואָס מ'האָט געוואָרפן אַפן מיידל, ווען זי האָט איינמאָל ניט אויסגעהאַלטן און אַרויס אין גאַס זיך דורכגיין? וואָס זאָל מען זאָגן אַפן לערער זיידענבערג, וואָס אַז זי האָט אים באַגעגנט אין אָוונט לעבן מייזל'ס פריוואַט-ביבליאָטעק, האָט ער זיך שנעל אַ

דריי־אויס געטאָן און זיך אָפּגעטראָגן אין אַ זייטיקן געסל? און וואָס איז מיט יואָל'ן? פאַרוואָס קומט ניט יואָל?

גייען טעג און וואָכן — און איינגעשרומפּן און אויסגעצערט איז דעם מיידל'ס נשמה. ערגעץ שטייף צונויפגעפּרעסט, ווי אַ גור־טע קליינע ספּרוזשינקע, ליגט די יונגע לעבנס־פרייד, ליגט די יוגנט. אָבער פאַרקוועטשט איז זי פון אַלע זייטן, געסט האַרטע, אומגעבעטענע האָבן זיך אַריינגעקליבן אין דעם קינדערשן וועזן, טעג ווי אַ קללה און נעכט אָן אַן ענטפער. נידעריקער, נידעריי־קער פאַלט די כמאַרע, קאַלטער אָטעמט זי אין ווארימען הערצל, קאַלטער ווערט די וועלט. פון ערגעץ איז געקומען צוגיין דער פּ ח ד. ריווקען האָט שוין מורא פאַר מענטשן, מורא פאַר אַלצ־דינג. אַרום ריווקען שטייען אומבאַוואוסטע געשטאַלטן און שטרעקן צו איר די האַריקע הענט. ריווקע וויל זיך שוין ניט ראַנגלען. ריוור־קע איז אַליין. די אויסגעוועלט איז אָפּגערוקט פון איר. אפילו די נייס וועגן יואָל'ס אַרעסט איז איר שוין ניט אַזוי וויכטיק. עפּעס נרעסערס און שערקלאַכערעס טוט זיך מיט איר.

יענער פּאָגראָם ־ טאָג איז געווען צו אומגעריכט, אַז ער זאָל מיטאַמאָל ברעכן אַ מענטשן. צוויי און דריי טעג און אַ וואָך נאָכן פּאָגראָם איז נאָך ריווקע געווען די זעלביקע, ווי פריער. צווישן ליבשאַפט און פאַרזיכט וואָלט זי אפשר קיינמאָל ניט דערפילט קיין ענדערונג צו שלעכטן. אָבער די כמאַרע איז געקומען, זיך איינגעגעסן אין איר בלוט, זיך אויס־געמישט מיט איר מאַרך — און אויפגעשטאַנען איז פון העסלאַכע בלוטיקע זאָמען יענער זונטיק, און געוואַקסן איז ער, ווי עס וואַקסט אַ פּאַראַזיט־פלאַנץ אויף אַ בוים, ווי עס וואַקסט ווינד־פלייש אויף אַ קראַנקען קערפּער. און פאַר'סמ'ט איז געוואָרן ריווקע.

ס'קומען טעג אָנגעפילט מיט איבערלעבן יענע גאַליק־שמוציקע מאָמענטן. ס'דראָט פון אומעטום די פיגור פון אַ ריז — אַן אָקס מיט צעווילדעוועטע בלוטן, מיט אַ כוח צו צעקוועטשן. ס'קוקן פון אַלע זייטן בלאָע אויגן אונטער אַ קוטשמע ווייסע האָר, און די אויגן לעבערן די קליידער, פאַרברענען די דעקן, קריכן אין קערפּער, קלייבן אויס אַלע באַהאַלטענע ווינקלען — אַנטפּלעקן, פאַר'מיאוס'ן, פאַרסאַרפּען. ניטאָ קיין רעטונג. אין גלות פון שאַנד וויקלט זיך

דאָס יונגע מיידל. די פּיין פון באַליידיקטער ווייבלאַכקייט פּרעסט האַרט צונויף אירע ווייסע ציין, צעעפנט אירע ליפּן אין אַן עקל־גרימאַסע, גייט זיך דורך איבער איר הויט מיט אַן אייז־קאַלטן אייזערנעם פּרעסל. די הויט ווערט פאַרגליווערט און קאַלט, בשעת אינעווייניק גליט אין איין אָרט אַ קויל און בראָט צום שרייען.

ניטאָ שוין די אומשולדיקע ריוועקע. ס'ליגט אַ פּרוי — אַ קרבן. ס'ליגט אַ קערפּער, וואוהין די יונגע נשמה האָט אַריינגעקוקט, דער־זען דעם חורבן, דערפילט דעם שפּיי — און געוואָרן אַלט. מיט אַ פלוך אין אָפּגעשפּרונגען די נשמה. געבליבן איז אַ הפקר'־דיקער קערפּער — צעטראָטן מיט די פיס, צעפּלעטשט ווי אַן אַראָפּ־געפאַלענער עפּל אונטער אַ פערדישער קאָפּיטע, צעלייגט פאַר דער גאַנצער וועלט, דאָס באַהאַלטנסטע אָפּג דאָס שענסטע פאַר־מיאוסט — הפקר, הפקר.

אין אַ געלבלאַך־פוילער לוזשע פּלושקעט זיך די חנ'עוודיקע ריוועקע. פוילע וואַסערן פאַראומרייניקן די מאַרמאַר-ווייסע הענט, די ציכטיקע גלאַטע הויט. פוילע שטינקענדיקע גוסן דערגייען ביזן האַלז, קריכן צו די ליפּן, שפּאַרן זיך אין מויל אַריין,—טרינק, זופּ, ווערג זיך, אומריינע, שלינג און ווער דערוואָרגן! צען טויזנט שפּאָט־אויגן קוקן פון אויבן און פון אַרום און אַרום, הונדערט טויזנט ברודנע הענט שטרעקן זיך, באַטאַפּן יעדן גליד, קריכן אי־בער די פיס, איבערן בויך, שפּאַסן אַ שפּאַס צום ברעכן, צום אויס־ברעכן די גאַנצע אינגעווייד. פון דער כמאַרע קריכט אַרויס אַ גע־לעכטער: „הע־הע־הע“ און „כאַ־כאַ־כאַ!“ „ווילסט אפשר נאָך?“

ווען עס גייט אַוועק דער קרייז פון היץ, בלייבט דער טויט. ווייס, קריידווייס איז דאָס פּנים פון אַ מיידל, וואָס האָט איר גורל דערזען. דין, ווי פּאַפּיר, איז די הויט אויף די באַקן. רויט-געשוואָלן זענען די ליפּן, וואָס ווערן ביסלאַכווייז בלאָ. דער קערפּער ליגט אַן אויסגעצויגענער אויפן בעטל, אַן אַריינגעגראָבענער אין געלעגער, מיט אַ טויט-מידקייט אין יעדן מינדסטן אבר. די מידקייט וואַקסט, טיפט זיך, פּרעסט, מורשט, ווייטיקט, טוט אַן גסיסה־פּיין, און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, איצט שוין פון אויפגעשמיסענעם באַוואוסטזיין, פרעגט ריוו־קע אין דער איינזאַמקייט אַריין:

— אוי, יואל, פאַרוואָס האָסטו מיך בעסער ניט געטויט?

צו דער זשאונג אין טורמע איז געקומען אַן אומבאַקאַנטע דאַ־מע. אירע האָר זענען געווען צוריקגעקעמט פונם שטערן, און דער שטערן איז שוין ניט געווען גלאַט און העל, נאָר באַהויכט מיט אַן אָנזאָג אַף עלטער. איר האַלז האָט זיך דין געהויבן פונם טונקעלן קלייד, אירע הענט זענען געווען בלאַס, די פינגער — ווי מיט אַ כיון אויסגעצויגן, ווי די פינגער פון אַ טשאַכאָטאָטשנעם פידלער. איר פיגור איז געווען צו שמאָל פאַרן קלייד.

דער נאַטשאַלניק האָט צוגעפירט יואל'ן צו דער דאַמע, זיך העפלאַך פאַרנויגט מיט אַ וואויל־יונגערישן שמייכל, אַ זאָג געטאָן: „אָט איז אייער קאַוואַליער" און אַרויס פון דער קאַנטאָר, לאָזנדיק צוויי וועכטער בא דער טיר.

ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער יואל'ן מיט ריווקען, האָבן זיי ניט געקוקט איינער אַפן אַנדערן, נאָר זיך געזען אָן אויגן. ריווקע האָט געוואוסט, אַז איר אינגלשער יואל איז פאַרשוואונדן, אַז דער מענטש, וואָס שטייט פאַר איר, האָט אַ סך איבערגעטראָגן און געפינט זיך ערגעץ אין דער מאַכט פון זיינע געדאַנקען. יואל האָט געפילט די גאַנצע פיין פון אַ פאַרוואָגלטער מיידעלשער נשמה, וואָס זוכט און קען ניט געפינען קיין וועג און קיין ענטפער. ביידע זענען זיך געווען אַביסל פאַרפרעמדט. דער אַמאָליקער צובונד איז געבליבן אין קאָפּ, אָבער די אינטימע אָפנהערציקע נאָענטקייט איז פאַרשוואונדן. מ'האָט געדאַרפט אָפּ'ס ניי קניפּן פעדים. די הער־צער האָבן זיך באַוועגט אין אַן אָנריר פון שרעק. וואָס וועט זיין?

יואל האָט זיך געזאָגט, אַז מ'טאָר זיך ניט שרעקן. מ'דאַרף טאָן דאָס, וואָס ס'איז נויטיק. יואל איז צוגעגאַנגען און אַריינגע־קוקט דעם מיידל אין פנים און דערזען אירע ברייט־געעפנטע דער־שראָקענע אויגן און דערזען די אויסגעבערענטע טונקלקייט אונטער די אויגן, און געזען די פרעמדקייט, וואָס דער טיפער ווייטיק האָט אויסגעשפּרייט אַף זיין געליבטער, און געזאָגט מיט אַן ערנסטן קול:

— זיי מיר מוחל. איך בין זיך שלעכט באַגאַנגען מיט דיר. איך בין געווען אַ טרום און אַ עגאָאיסט.

די פּראָסטע ווערטער, געזאָגט מיט אַ נייער מענלאַכער אי־בערצייגונג און דער אַלטער אינגלשער געטריישאַפט, זענען געווען

ווי אַ שליסל צו דעם קוואַל פון ריווקע'ס ווייטיק. דער קוואַל האָט זיך געעפנט און אַרויסגעשטראָמט אין טרערן און שלוכצן. דאָס מיידל האָט פאַרדעקט די אויגן מיט די הענט, געוויינט אַזוי, ווי זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געוויינט. זי האָט אַליין ניט געוואוסט, וויפיל ווייטיק עס האָט זיך איינגעפרעסט אין איר פאַרמוטשעטע געמיט. צום ערשטן מאָל נאָך יענעם טאָג האָט ריווקע געוויינט אַזוי פריי, אַזוי אימפּעטדיק און אַזוי הייס. אין איר אויסברוך האָט זי אַרויסגערעדט די ווערטער, וואָס האָבן די גאַנצע צייט נעגעסן איר האַרץ:

— אוי, יואל, פאַרוואָס האָסטו מיך בעסער ניט געטויט!...

און ניט אַזוי דער זין פון די ווערטער, ווי זייער טאָן, זייער זיך צוגעריירט צו יואל'ס נשמה. עס האָט אים דורכגענומען. ער איז ווי אויפגעהויבן געוואָרן אין דער לופטן. ער איז צוגעגאַנגען איין טריט נעענטער צו ריווקען, זי אָנגעכאַפּט פאַר דעם אָרעם און אַרויסגעפלאַקערט:

— איך וועל אים טויטן! איך שווער דיר בײַ מײַן לעבן, אַז איך וועל אים טויטן. ס'איז נאָך ניט שפּעט.

און ניט אַזוי דער זין פון די ווערטער, ווי זייער טאָן, זייער אימפּעט האָט אַ וואַרים געטאָן ריווקען, זי אַרומגענומען מיט אַ האַרציקער געטריישאַפט, און בשעת זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויף יואל'ס ברוסט, זיך געטוליעט און געגורעט אין אים, ווי עס טוליעט זיך אַ קראַנק קינד צו דער מאַמען, און בשעת זיינע הענט האָבן פאַרזיכטיק און מיט גרויסער צערטלאַכקייט זיך געהאַלטן אַרום איר האַלז און פּלייצע, וואָס האָבן זיך געשאָקלט פון כליפּען, האָט יואל געוואוסט, אַז דער איבערברוך אין זיין לעבן איז געקומען, אַז אָט־די ווערטער: „איך וועל אים טויטן" זענען ניט אומגעריכט, נאָר זיי דריקן אויס דאָס, וואָס ס'האָט שוין לאַנג זיך געזאַמלט אין זיין באַוואוסטזיין. מיט דער קלאָר־זעענדיקער ערלאַכקייט, וואָס האָט זיך בײַ אים פאַרשטאַרקט די לעצטע חדשים, האָט יואל געוואוסט, אַז דער צוזאָג צו טויטן דעם שונא איז ניט אַ פאַרגילטיקונג פאַר ריווקען, אַז ער אַליין דאַרף דאָס האָבן, ער אַליין קען אָן דעם ווייטער ניט לעבן. טויטן דעם שונא ווערט דער צוועק און די פאַרענטפערונג פון זיין לעבן. אָפּווישן דעם פלעק פון זיין

שאנד, האָט ער געוואוסט, איז ניט מעגלאך, פונקט ווי ס'איז ניט מעגלאך אָפּצומעקן דאָס, וואָס ס'איז איינמאָל געשען. אַ קוק טאָן מיט אַ ריין געמיט אַף יענעם פּאַגראָם-טאָג און יענער סצענע אין שטיבל, האָט ער געוואוסט, וועט ער קיינמאָל ניט קענען. אָבער כדי ווייטער צו לעבן, דאַרף ער האָבן אַן אָנהאַלט. כדי צו קענען זיין ריווקען אַ חבר, דאַרף ער זיך אויפהויבן פון זיין שפלות. ער וועט געפינען און טויטן יענעם אָקס מיט דעם טויט אַף די ליפּן. עס וועט זיך פאַר אים שוין ניט דערשרעקן. ער וועט אים באַ־גענענען אַן אַנדער מענטש. דער איבערברוך פון די צייטן איז געקומען.

ריווקע איז געשטאַנען איינגענורעט אין יואל'ס ברוסט און געהאַלטן אַ האַנט אַף זיין אַקסל מיט אַן אומבאַוואוסטער מיידל'שער גראַציע, און יואל האָט געהערט, ווי עס גייט אַ פרישע בשורה דורך די קאַנאַלן פון זיין בלוט, ווי עס קנוילט זיך נייע קראַפט אין דעם צוקיילטן קערפּער, ווי ס'ווערט ל י כ ט י ק. יואל האָט גע־וואוסט, אַז די גאַנצע צייט האָט ער זיך געגרייט צו יענעם אַקט: צוליב דעם האָט ער זיך געשטעלט קעגן די אַרעסטאַנטן אין טורמע, צוליב דעם האָט ער געוואָלט פאַרהאַרטעווען זיינע הענט און זיין האַרץ און זיי מאַכן שטיין־שווער. צוליב דעם וועט ער ווייטער גיין איבער אַנגעגליטע שפּיציקע שטיינער. און זאָל ער צעריסן און צעבלוטיקט ווערן אַפן וועג, זאָל דאָס האַרץ באַ אים פּלאַצן פאַר מורא צי פאַר ליידנשאַפט — ער וועט טאָן זיין פליכט.

מאָדנע! דאָס וואָרט „פליכט" איז פאַר אים איצט געווען אַ טרייסט, אַ צוזאָג אַף דערלייזונג, ווי אַ שטיקל ערד אינמיטן צע־בושעוועטע וואַסערן. ער וועט טאָן זיין פליכט. ער ווייסט, וואָס ער האָט צו טאָן. ער האָט דאָס געוואוסט די גאַנצע צייט.

ריווקע האָט שוין געכליפּעט שטילער, שוין געהאַט אויסגע־וויינט די אויבערשטע, איבערפליסנדיקע, ווייטיקדיקע טרערן, שוין עפּעס געשעפּטשעט אין די קנייטשען פון זיין צעריסענעם רעקל: „כ'האָב אַזוי געביינקט... דו ביסט ניט געווען" — און יואל האָט זי פעסטער אַרומגענומען מיט אַ האַנט, געגלעט אירע האָר מיט אַ צווייטער, און געטראַכט, אַז אַלצדינג איז איצט אַזוי ק ל אָ ר, אַזוי אַ י נ פ אַ ך. געווען איז אַלצדינג צעפאָרן, צעמישט,

צוזאמענגעשטויסן; ריווקע איז געווען אזוי ווייט, דערווייטערט, פארנעבלט. זיין אייגענער גייסט איז אים געווען פרעמד; זיין געדאנק האט ארומגעוואנדערט אין פארוואָרלאָזטע פלעצער. איצט איז ער מיט זיך. ריווקע איז מיט אים. ס'איז גרינג. ס'איז דירעקט.

ער וועט אים טויטן.

ער האט דעם כח.

ווען דער נאטשאלניק איז שפעטער מיט א האלבער שעה געקומען ענדיקן די „זעאונג"—דעם נאטשאלניק האט הנאה געטאָן פון זיין גוטסקייט און ס'האט אים געשמעקט די ראמאנטישקייט פון די צוויי יונגע געליבטע, וואס זעען זיך אין טורמע—האט ער געפונען א מיידל, וואס איז פון אלט צוריק געוואָרן יונג און וואס צוויי חן-גריבעלאך האבן זיך באוויזן אף אירע געדויטלטע באקן אונטער נאך ניט אויסגעטריקנטע טרערן; און ער האט געפונען א יונג, וואס זיין פנים איז נאך בלאסער געוואָרן אונטערן שווארצן, ניט לאנג אויסגעשפראָצטן בערדל, און זיינע אויגן זענען געוואָרן קעלטער, ווי דעמאלט, ווען ער איז געזעסן אין קאנטאר און געזאָגט, אז ער איז ניט פאראנטוואָרטלאך פאר דעם, וואס וועט געשען. דער נאטשאלניק האט ליב געהאט לייענען ראמאנען, און קוקנדיק אף יואל'ן, האט ער ניט ווילנדיק א טראכט געטאָן, אז ער זעט אויס, „ווי א אידישער מארטירער". יואל האט א דריק געטאָן ריווקע'ס האנט און ניט געזאָגט מער קיין וואָרט. אבער אז ער איז צוריקגעקומען אין קאמער און סאנקא, איצט זיין פריינט און באוואונדערער, האט אים אף שפאס א רוק געטאָן מיט א קולאק אין זייט און א זאָג געטאָן:

— אָט א גליקלאכער בחור, האט זיך געזען מיט זיין מיידל...

האט יואל צוגענומען זיין האנט און ניט געענטפערט גאָרניט. יואל איז געזעסן אף זיין באליבטן פלאץ אין ווינקל אף דער באנק און געטראכט. ווען די איבעריקע ארעסטאנטן האבן זיך נאכדעם צערעדט און איבער עפעס זיך געאמפערט אף דער נארע, האט יואל זיך איינגעבויגן צו סאנקא'ן און אים געזאָגט שטיל:

— ווייסט, סאנקא, איך דארף דאך נאך טויטן א מענטשן...

סאנקא האָט ניט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס ער רעדט, אָבער ער האָט געענטפערט וואוילינגעריש:

— אַף אזא קאַטאָרזשניק, ווי דו, מעג מען זיך ריכטן. אַ שטילינקער — און אזא באַנדיט...

און ער האָט אליין ניט געוואוסט, אַז ער האָט גוט געטאָן יואל'ן מיט אָט־די אומבאוואוסטע ווערטער.

נ י י נ צ נ ט ע ר ק אַ פּ י ט ל

יואל זיצט אין טורמע, און עס בלייבט אים נאָך אפשר דריי אָדער פיר חדשים. יואל האָט שלום געמאַכט מיט ריוועקען — און וויבאַלד ער גייט אַרויס פריי, ווערט זי זיין ווייב. יואל האָט געוואונען די אַכטונג פון זיינע קאַמער-חברים, אין טורמע איז ער געוואָרן עלטער, צייטיקער, פעסטער אין אומגאַנג מיט מענטשן. פאַרוואָס־זשע ליגט אים אַלץ נאָך אַ משא אָפן ברוסט-קאַסטן? פאַרוואָס שטאַרט ער באַנאַכט אין דער פינצטערניש ניט־זעענדיקערהייט? און די בלאָע לעכער אונטער זיינע אויגן — פאַרוואָס ווערן זיי טונקעלער און טיפער?

נאָך ניט אַריבער איז אין יואל'ן די אינעוויייניקסטע מלחמה. אַ זון פון דורות, וואָס דער ק אָ פּ האָט באַ זיי געאַרבעט מער ווי דער אָ ר ע ם, שטייט ער אָן אַ זייט פון זיך אַליין — און באַטראַכט און צווייפלט און פרעגט. אַ ציל האָט זיך דער בחור יואל געשטעלט אין זיין לעבן; אַ וואָרט האָט ער געגעבן זיך מער ווי דעם קרבן ריווקען: ע ר ו ו ע ט ט ו י ט ן ד ע ם פּ אָ ג ר אָ מ ש ט ש י ק. אַ הייסער גלויבן אין זיך האָט אים אויפגעווירבלט אַף אַ ווייל און געמאַכט אַלצדינג פּראָסט און ליכטיק און גרינג: ער וועט טויטן דעם באַפאַלער. אָבער וועט ער קענען אויספירן אָט־דעם שטאָלצן צוזאָג? וועט אים קלעקן שטאָל צו שמידן דאָס מעסער?

די טורמע שלאָפט. אַ בלעך קלאַפּט זיך ערגעץ אינם ווינט— און ס'קלינגט ווי אַ זיפץ פון אַ קראַנקער חיה. דער דאָרף־שייגעץ האָט אָנגעפּליט די קאַמער מיט אַ ריח פון מיסט,—און יואל קאַטשעט זיך אונטער דער קאָלדרע מיט פאַרמאַכטע אויגן, זעט ווי אַ שורה ווייסע און געלבלאַכע פונקען שניידט איבער אַן אַנדער שורה.

פילט דאָס שנעלע קלאַפּן פון אַ העמערל באַ זיך אונטער די לינקע ריפּן — און מיטאַמאָל טוט אַ קאַלטע לופט זיך אַ גאָס איבער זיין גאַנצן קערפּער. פון דער קאַלטקייט ווערט אַלצדינג אויסגעשניצט־קלאָר. יואל נעמט אַראָפּ פונם קאָפּ די קאָלדרע, קוקט אַריין אין דער ווייסלאַכער טורמע־נאַכט, וואָס גיסט זיך פון הינטער די גראַטעס — און אַ שמייכל פאַרדרייט זיינע ליפּן.

„אַ טראַגישע פיגור", זאָגט ער זיך. „אַ שלאָפלאָזער העלד. ליגט און וואַרפט זיך אין אַנגסטן און גיסט זיך אָפּ מיט שוויים. אַ קעמפער פאַר מענטשלאַכער ווערדע".

און אַ פאַרדרוס שפרייט זיך אויס אין זיין געמיט, כמעט אַ חוזק איבער אָט־דעם בחור, וואָס האָט ערשט נעכטן זיך געלאָזט פאַטשן אין פּנים און היינט וויל ער גיין טויטן אַ מענטשן.

„פראַזן. פראַזן. אויסגעוואַקסן אין ווערטער. אַרומגעשפּור־נען מיט פּסוקים. „אַ שטאָלצער צוזאָג". „שטאָל אָף אַ מעסער". נאַרישקייטן. ווען אַ מענטש איז אַ מ ע נ ט ש, דאַרף ער ניט קיין מליצות. ווען ער ווייסט, וואָס צו טאָן מיט אַ מעסער, ניצט ער ניט אַזוינע הויכע מעטאַפאָרן. יענער שייגעץ יענעם זונטיק פאַרנאַכט האָט ניט געוואוסט דערפון. ער האָט געוואָלט און געטאָן און אָפּגעטאָן און גע'פּטר'ט — און ווער ס'האָט זיך אים געשטעלט אין וועג, איז געווען אַז־וויי איז אים!"

אין אַ ביטערער כוואַליע פון זעלבסט־געשפּעט באָדט זיך יואל אין זיין איינזאַמער אַנגסט, באָדט זיך און טרינקט זיך און ווערט שיר ניט פאַרכלינעט.—און באַלד שטייט ער ווידער אָן אַ זייט, טייטלט מיט די פינגער אָף דעם זיך־אַליין־פאַראַכטנדיקן בחור, וואָס קנוילט זיך ווי אַ וואָרעם אין דער שטיל פון דער נאַכט, ווייזט אָף זיין צערינקייט און קנייטשט מיט די פּלייצעס.

„אַ אידישער בחור האָט זיך ליב צו גריבלען אין זיך. דער זיידע האָט זיך געגריבלט אין מהרש"א, דער טאַטע האָט זיך פאַר־טיפט אין „הצפירה", דער בחור איז פאַרטאָן אין נשמה־פּראָבלע־מען. פּאַפּירענע מענטשן; ליבהאָבער פון קשיות און תירוצים — אין אַ וועלט פול מיט ליבהאָבער פון בלוט און פלייש".

און אַ בילד טוט אַ זעץ יואלן אין מוח און מאַכט אים שיר ניט בלינד. ער זעט די סצענע יענעם זונטיק. ער לעבט איבער די מאָ־

מענטן פונם אָנפאַל און חיה'שן באַגער און חיה'שער באַפרידיקונג. ערשט איצט דערלויבט ער זיך פאַרצופירן פרטים. אין דער צייט פון זיין פרישער אַנגסט איז יענע גאַנצע סצענע אים געווען אַרומגע־וויקלט מיט אַ רויטלאַכן רויך, פון וואַנען ס'האָט אַרויסגעקרעכצט דער גסיסה־רוף: „אוי, יואל, פאַרוואָס האָסטו מיך בעסער ניט געטויט?" אין דעם רויך האָט זיך געוואָרפן אַ ריזיקע פאָרמע פון עפּעס אַ געשטאַלט מיט ווייסע האָר און אַקסענער גבורה. אָבער מער האָט דער געדאַנק ניט געוואָלט פאַרנעמען. דער געדאַנק האָט געהאַט צו טאָן מיט יואל'ן און מיט זיין מיאוס'ער אָנמאַכט. איצט ערשט, ווען ס'איז געווען דער באַשלוס אָפּצוראַמען יענע געשטאַלט פון דער וועלט, האָט יואל'ס געדאַנק זיך דערלויבט צו־צוגיין נענטער, פאַנאַנדערבלאָזן דעם רויך, דערזען דעם אַקט גופא, דערזען מאַמענטן — און יעדער איינער איז געווען אַ שניט אין פרישן פלייש, און האָט געצויגן די אָדערן מיט אָפּצווייגעס. ריווו־קע איפ די הענט פונם בלאָנדן שכור'ן גוי מיט דער פינע אַף די ליפּן, מיט מאַן־קראַפּט אין אַ העסלאַכן אָנשטריינג.

געווען בילדער, וואָס האָבן פאַרפאָלגט, ווי אַ מאַניע. געווען די לאַנגע שוואַרצע זאָקן, וואָס האָבן דערגרייכט איבער די היפּטן. אין די שוואַרצע דינע זאָקן איז געלעגן דאָס פיינלאַך־זיסע געריי פון מיידלשן לייב. דורך די אויסגעהעפּטע לעכעלאַך, וואָס האָבן ווי טרויבן־הייגלאַך זיך פאַנאַנדערגעלייגט איבערן דינעם געוועב, האָט אַרויסגעקוקט אַן איידעלע הויט, גלאַט בא די קנעכל, פאַר־הויכט מיט צאַרטע גאָלדענע הערלאַך אַף די ליטקעס. יואל, דער שעמעוודיקער בחור מיט די געלייענטע ליבע־סצענעס אָנגעפּיקע־וועט אין מוח, האָט מורא געהאַט טראַכטן וועגן דעם לייב הינטער די זאָקן, האָט זיך באַנוגנט מיט גלעטן די שוואַרצע זאָקן מיט זיינע פאַרפלאָמטע שוואַרצע אויגן. נאָר איינמאָל, ווען ער האָט געפירט ריווקען אַף אַ שיפל און ס'האָט זיך פלוצלינג אָנגעגאָסן אַ סך וואַסער אַפן דנאָ, און זי האָט, זיצנדיק, אומבאַוואוסט, אַ רוק געטאָן אַרויף דאָס קלייד, האָט ער געזען די צוויי זאָקן אַריינגע־טוליעט אין אירע ווייַסע פיס העכער פון די קני. יואל איז בלינד געוואָרן פון יענער זעאונג. ער האָט דעם רעשט פונם טאָג ניט גע־קענט קוקן אין ריווקע'ס אויגן, און באַנאַכט, אַז ער איז געלעגן

אליין אַף זיין געלעגער, איז אַ פייער געגאַנגען פון די ווייסע פּיס, באַדעקט מיט שוואַרצע זאָקן — און אַ קעלט האָט זיך אַלעמאָל געאָסן פון יואל'ס האַרץ אַראָפּ צו די פינגער פון זיינע פיס און צוריק איבערן רוקנביין צום האַרצן. יואלס האַרץ האָט אַ גאַנצע נאַכט געסטוקעט אין זיין ברוסט־קאַסטן, און פיס מיט זאָקן האָבן אַף אים פון אַלע זייטן געקוקט אין דער פינצטער.

איז געקומען דער גרויסער גוי און האָט מיט איין שווערער לאַפּע אַ ריס געטאָן דאָס קלייד אָן אַ זייט, און אַ נעם געטאָן דעם פוס העכער פון דעם אָרט, וואו דער זאָק האָט זיך געענדיקט, און אַ בויג געטאָן דעם פוס אָן אַ זייט — האָט דער זאָק זיך אַראָפּגע־גליטשט צום קני, און דער פוס איז געלעגן אַף דער פאַרנעצטער פּאָדלאָגע און געציטערט אונטער אַ שווערער משא,—געהויבן זיך, געפאַלן און געציטערט....

זענען אַזוינע בילדער געגאַנגען מיט יואל'ן, וואו ער איז גע־ווען; האָבן זיי געהאַט אַ דערעסענע קלאָרקייט באַטאָג און באַנאַכט, אין שלאָף און אַף דער וואַך. האָבן זיי אָנגעצונדן יואל'ס מוח און אַרומגענומען זיינע אויגן מיט טשאַד. אַ רויטער רויך האָט זיך אָנגעצויגן און אָפּגעטרעטן און ווידער געקומען, און אַז מ'האָט אים צעטיילט אַף צווייען און אָפּגערוקט, איז געבליבן אַ נייע סצע־נע פול מיט עקלדיקער פרישקייט.

פון צווישן רויטלאַכן רויך האָט זיך געהערט דאָס ברומען פון אַ חיה — און פיזיש האָט יואל געפילט די נאָענטקייט פון יענער שווערער פיגור, און ס'איז געווען אַ דערלייכטערונג צו טראַכטן, ווי אַזוי ער שטעקט אַריין אַ שאַרף דין מעסער אין יענעמ'ס האַלז אונטער דער גאָמבע, ווי אַזוי עס גיסט זיך וואַרים בלוט איבער דעם מעסער, און די שווערע געשטאַלט בויגט זיך און טוט אַ פאַל. אַ שטורך מיטן פוס טוט דער אידישער בחור יואל יענעם געפאַ־לענעם גוי און וויל זיך מער ניט אומקוקן אַפן פגר. „פגר“.

און פון ערגעץ אינעווייניק קייקלט זיך אַרויף און צעלייגט זיך קרייזנווייז אַ געלעכטער. „אַך, ס'אַרא העלדישע פּאָזע! פאַר־טיקערהייט אַריבערגענומען פונם קינאָ. אַך, ווי די באַנק־קווע־טשערס האָבן דאָס ליב צו טראַכטן מיט שאַבלאָנען! אַ שטורך

מיטן פוס! ניט געקוקט אפן פגר! פלעסטערלאך צו פארפאפן די אייגענע מיאוס׳קייט...

און אלצדינג ווערט איבערגעמישט אין יואל׳ס וועזן. אן אומבאגרייפלאכער ווייטיק מישט זיך איבער מיט אן עסנדיקער שעמונג און ווערט דערטרונקען אין נודנע ספאזמעס. אין קאפ איז א תהו־ובהו פון צעווירענע אייטערדיקע אונטערגעווארימטע קנוילן. דאס הארץ איז פארקאוועט אין טונקעלן אומבאוועג. ס׳ווערט אזוי שווער, אז מ׳וואלט געדארפט שרייען, קלאפן זיך מיט די קולאקעס איבער די שלייפן און קווי̇טשען און האילען, ווי א הונט אין בויך־ווייטיק. אבער די הענט און די פיס זענען געליימט. דער רויטלאכער רויך איז געדיכט און לייגט זיך פלאסטנווייז אפן הארצן, פארשטאפט די לונג. מען קען ניט אטעמען. ס׳וואלט גוט געווען ניט פילן....

אז יואל קומט צו זיך פון דעם אפגרונט און דער רויך גייט אוועק, זעט ער ריווקע׳ן אן אנטפלעקטע, א הפקר׳ע — און ער גלוסט זי, און ער קען זיך ניט אפהאלטן פון טראכטן וועגן זיך אליין, יואלן, אין קערפערלאכער נאנטקייט מיט דעם צע׳הפקר׳טן לייב, און ער איז זיך מיאוס, שפּין־מיאוס, און ער וואלט זיך געזאגט די שענדלאכסטע ווערטער, ווען ס׳וואלט ניט געווען אזא פאסקודנער בזיון. ער ווייסט אף געוויס און ער פילט מיט יעדן אבר, אז ביז וואנען יענער גוי וועט לעבן אף דער וועלט, וועט ער ניט ארויס פון דעם עקלדיקן בזיון. סיי־ווי ווייסט ער ניט, ווי ער וועט לעבן.

און וואו איז דער גוי? וואס איז דאס פאר א באשלוס צו טויטן א מענטשן, וואס מען ווייסט אפילו ניט, וואו אים צו געפינען? אפשר האט ער, יואל, טאקע אזוי גרינג אנגענומען דעם באשלוס, ווייל ער האט געוואוסט, אז ס׳איז שווען צו געפינען דעם שייגעץ? דערקענען וועט ער אים, דאס איז באשטימט; זיין פנים וועט ער שוין ניט פארגעסן. אבער וואו איז ער? און וואס וועט זיין מיט אים אליין, אויב ער וועט אים שוין טויטן?

מיט אומדערבארעמדיקן אמת זאגט זיך יואל, אז ער וואלט ניט געוואלט איינשטעלן זיין לעבן. וואס פאר א זין האט צו טויטן יענעם, ווען ער אליין וואלט געדארפט שטארבן מיטן קרבן? ווי

וועט ער קענען הנאה האָבן פון דער רו און דעם זעלבסט־אכט, וואָס יענער טוט דאַרף אים ברענגען? ער וועט זיך פאַר׳גנב׳ענען צו יענעם אָנפאַלער, ער וועט אים אויסשפּיאָנירן אַ לאַנגע צייט; ער וועט נאָך אים נאָכגיין, ווי אַ שאָטן, באַטאָג און באַנאַכט, ביז ער וועט קענען זיינע געוואוינהייטן, זיין לעבן־שטייגער, זיינע באַקאַנטע. ער וועט אים טרעפן איינעם אַליין אינמיטן פעלד, ניין—אין וואַלד, ווייט פון מענטשן. ער וועט זיך צו אים פאַר׳גנב׳ענען פון הינטן און אים אַריינזעצן אַ מעסער אין האַלז־און־נאַקן. ער וועט אים זאָגן: „אָט־דאָס איז דיר פאַרן אידישן מיידל“. און טאָמער וועט יענער זיך אויסקירעווען און אים באַפאַלן מיט זיינע שטאַלענע הענט? און טאָמער וועט יענער זיין שטאַרקער?

יואל הויבט זיך אויף, ווי גרויס ער איז, טאַפּט זיינע מוסקולן, פילט זיין יונגטלאַכע שטאַרקייט, פילט די פאַרגרעסערטע גע־וויכטיקייט פון זיין קערפּער,—און אַף איין מינוט ווערט אים אינגעלש־לייכט. ער קען! ער האָט כח! ער איז ניט ערגער פון אַ גוי. ער איז נאָך קליגער פון אים — און דאָס וועט העלפן.

און יואל לאָזט זיך אַוועק שמועסן מיט זיינע קאַמער־פריינט וועגן פּאָגראָם און וועגן די דערפער, וואָס האָבן זיך אין אים באַטייליקט. ער קען זיי ניט געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אַ פּאָגראָם איז שלעכט, און ער וויל זיי ניט אויפברייינגען קעגן זיך. לאָזט ער זיי ריידן פריי לויט זייערע באַגריפן. זענען זייערע מעשיות אַ פּאָר צו יענעם זונטיקדיקן אָנפאַל און טראָגן דעם זעלביקן העם־לאַכן ריח. יואל ווערט געוואָר, אַז ס׳האָבן זיך באַטייליקט גויים פון אפשר פופציק וויאָרסט אַרום און אַרום, אַז ס׳זענען געווען צו עטלאַכע גויים אפילו פון נאָך ווייטערע דערפער און אַז אין שטאָט איז יענעם זונטיק געווען ניט ווייניקער, ווי טויזנט. אים שרעקט ניט די צאָל. ער ווייסט, אַז ווען ער גייט פון דאָרף צו דאָרף, וועט ער סוף־כל־סוף אָנטרעפן אָפן רעכטן. ער וועט גיין, **וויל ער קען אַנדערש ניט לעבן.**

און בשעת ער טראַכט אַזוי, הערט ער, ווי דער דאָרפישער שייגעץ דערציילט אַ מעשה וועגן אַ פאַרגוואַלטיקטער זעכציק־יאָ־ריקער אַלטער. ס׳עפּוש׳ט פון דער מעשה, יואל׳ן פאַרקוועטשט עס דאָס האַרץ, ס׳פאַרכאַפּט אים דער אָטעם, ער שפּרינגט אויף, ער

שרייט מיט אַ באַנומען קול: „ווער שטום, פּאַסקודניאַק!" יענער קוקט אים אָן פאַרוואונדערט און רופט זיך אָפּ חכמ'עוואַטע: „וואָס גוואַלדעוועסטו, מ'האָט דאָך ניט געטשעפּעט דיין כאַיקען". יואל וויל אים פאַרפאָרן אין דער נארישער צורה, אָבער ס'איז אַ שאָד זיך פאַר'מיאוס'ן די הענט. יואל'ן ווערט די קאַמער און די גנבים-קאָמפּאַניע מורא'דיק נמאס. ער דערפילט, אַז ער האָט שוין לאַנג געוואָלט אָנהויבן אַ קאַמף פאַר אַ בעסערן פּלאַץ, נאָר דער וואונטש האָט זיך נאָך ניט געצייטיקט. איצט ווייסט ער, אַז די צייט איז געקומען. ער הויבט אָן קלאַפּן אין טיר און הויבט אויף אַף די פיס די גאַנצע טורמע. ער וויל זיצן מיט די פּאָליטישע. ער איז אַליין אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט, און מ'דאַרף אים ניט האַלטן מיט אונגלאָוונע. די קאַמער-חברים זענען ברוגז, נאַטשאַלסטוואָ סטראַשעט און דינגט זיך און מאַכט זיך ניט ווּיסנדיק, און יואל ווייסט מיטן ווייסן, וואָס קומט פון אינעווייניק, אַז ער מוז נאָכאַנאַנד ע פּ ע ס ט אָ ן, אַז ער מוז זיך שטעלן קעגן אַ־וועלכן שונא עס יאָל זיך ניט טרעפן, אַז אין באַוועגונג, צוזאַמענשטויס, צוזאַמענקלאַמער מיט אַלע מעגלאַכע שטרויכלער איז פאַר אים די ישועה. אַזוי איז גרינגער. מען דאַרף ניט טראַכטן.

די פּאָליטישע זענען געזעסן אַפן אויבערשטן שטאָק אין דריי קאַמערן, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג ביז זיבן אַזייגער געווען אָפן אין קאָרידאָר. די פּאָליטישע האָבן געקענט גיין איינער צום אַנדערן און צוזאַמען לייענען און דיסקוטירן. ס'איז געווען ניט מער ווי אַ פּאָר צענדליק, אָבער נאָך דער אָפּגעשלאָסענער אונגלאָוונער קאַמער האָט זיך יואל'ן אויסגעוויזן, אַז דאָ איז אַ מאַסע. מ'האָט באַגעגנט יואל'ן מיט אַ פרייליכן ברוך־הבא און מיט אַ באָמבאַרדיראָווקע פון פראַגן. אייניקע האָבן גערעכנט, אַז דאָס איז אַ נייער, אָקאָרשט געקומען פון דרויסן, און אַז מ'איז געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז דער זעלביקער אַרעסטירטער, וואָס האָט עטלאַכע מאָל געמאַכט דעם גרויסן אומרו, האָט מען אים ערשט ברייטערלאַך געדריקט די האַנט, געגעבן טיי, פאַרגעשלאָגן וואורשט מיט קאָרענעם ברויט, אָנגעבאָטן פאַרבאָטענע פּאַפּיראָסן, און זעליק דער קירזשנער, אַ יונגער בחור מיט ווייסע האָר און ווייסע ברעמען,

אַ פּלאַפּלער און אַ ווינט־אין־פּעלד, האָט אַ זאָג געטאָן מיט התלהבות:

— נו, האָט איר דאָס אָפּגעשפּילט אַ חתונה באַ אונז אין טור־מע. מאַלאַדיעץ, אַף מיינע נאמנות.

יואל האָט זיך געפילט ווי אַ שטיקל העלד און געשעמט פאַר דעם, וואָס מען לויבט אים.

אָבער אַז מ'האָט אָפּגעגעסן די געמיינזאַמע „קאָמונאַלע" וועט־שערע פאַר פאָווערקע, און מ'איז זיך נאָכדעם פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די קאַמערן און פאַרשלאָסן געוואָרן אָפּן שלאָס, און די דריי אַרעסטאַנטן פון יואל'ס קאַמער האָבן אָפּגעזונגען דעם „וויכרי וראזשדעבניע" און „הוליעט, הוליעט", און זיך אויסגעצויגן יע־דערער אַף זיין בעטל — לייענען אָדער לאַטן אַ בגד, האָט איינער פון די דריי, דער מענטש מיטן לאַנגלאַכן שוואַרצן בערדל און לאַנ־גע, זייער לאַנגע ווייסע פינגער, זיך אַוועקגעזעצט לעבן יואל'ן אַף זיין בעטל באַם פענצטער און אים אָנגעהויבן אויספרעגן, צו וועל־כער אָרגאַניזאַציער ער האָט געהערט, וואו ער האָט געאַרבעט און פאַרוואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין טורמע,—און יואל האָט זיך דערפילט קליין און קינדיש, אַ חדר־אינגל צווישן גרויסע. יואל האָט אייגנטלאַך ניט געהאַט וואָס צו דערציילן. וואו האָט ער גע־אַרבעט? וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט געלייענט ביכלאַך באַ זיידנבערג דעם לערער, ער האָט געטרוימט וועגן קעמפער־מאַרטי־רער; דריי וואָכן האָט ער זיך געלערנט שיסן, און אַז ס'איז געקומען צום נויטיקן מאָמענט, האָט ער זיך פאַרלוירן. פאַרוואָס האָט מען אים אַריינגעזעצט? ער ווייסט אַליין ניט.

אַזוי שמערצלאַך איז יואל'ן געווען צו ענטפערן אַף די פראַגן, אַז דער עלטערער געפאַנגענער, חבר זינגער האָט מען אים גערופן, האָט דערפילט אַ פּלוצלימדיקע סימפּאַטיע צום יונגען מענטשן און געענדיקט דעם שמועס מיט די ווערטער:

— נו, מילא, רעוואָלוציאָנערן ווערן ניט געבוירן; איר האָט נאָך צייט צו טאָן אַרבעט.

און האָט אַליין דערפילט די באַנאַלקייט פון זיינע ווערטער.

ווען יואל האָט זיך ביסלאַכווייז אַרומגעקוקט אין טורמע, האָט ער געפונען, אַז דער גרעסטער טייל זענען, ווי ער, צופעליקע

מענטשן: א לערער, וואָס מ'האָט באַ אים געפונען ביכלאַך; א פּאָר אַרבעטער, וואָס מ'האָט זיי פאַרנומען אין אַן איבערפאַל אַף אַ פאַר־זאַמלונג, צווישן זיי זעליק דער קירזשנער, פיר פויערים, באשול־דיקטע אין אַגראַר־אומרוען, עטלאַכע אידן אַרעסטירט אין פאָגראָם־צייט. די דאָזיקע מענטשן זענען אַלע געווען פאַרשטענדלאַך, גערעדט קלאָר און פריי וועגן דער סיבה פון זייער געפאַנגענשאַפט, און ס'האָט אויסגעזען, אַז זייער לעבן איז אַן אָפענער בוך. ס'זענען אָבער געווען צוויי צווישן זיי, דער חבר זינגער און אַן אַנדערער חבר, סאַמסאָנאָוו, אַ ברייט־ביינערדיקער רוס מיט אַ צעוואַקסענער רויטער באָרד און קלייען אַפן אָפן־פרייַנטלאַכן פּנים, וואָס מ'האָט געקענט זען, אַז זיי געהערן צו אַן אַנדער סאָרט מענטשן. די דאָזי־קע אַרעסטירטע האָבן, קענטיק, אַ סך געזען אין זייער לעבן, געווען אין גרויסע שטעט, אַן אַ שיעור געוואוסט און געלערנט. זיי האָבן שטענדיק גערעדט צווישן זיך — און דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע" האָט זיך אָפט אַריינגעוועבט אין זייערע געשפּרעכן. איינמאָל האָט יואל געכאַפּט אַ פראַזע, וואָס זינגער האָט געזאָגט סאַמסאָ־נאָוו'ן: „ווי אַזוי די פאַרטיי וועט הייסן", און יואל, שוין ניט קיין קינד, האָט זיך געמוזט פרעגן, ווי אַזוי די „פאַרטיי" וועט דערגייען צו אָט־די צוויי מענטשן און ווי אַזוי קענען זיי מיט איר ריידן. דער עיקר: הייסן אַ מענטש אין טורמע האָט יואל'ן אויסגעזען אומפאַרשטענדלאַך און פול מיט צוויבער־באַדייטונג.

ס'האָט אָבער געדוירעט אַ לענגערע צייט, ביז ער האָט גע־סמייעט צוגיין צו סאַמסאָנאָוו'ן און ריידע מיט אים וועגן אָרגאַני־זאַציע און פאַרטיי.

דערווייל האָט ער זיך ביסלאַכווייז באַקאַנט מיט די איבערי־קע אַרעסטאַנטן און האָט זיך געוואונדערט, וואָס זיי אַלע ווייסן מער פון אים און ריידן צו אים אַזוי, ווי עס וואָלט זיך גאָר ניט מעג־לאַך געווען פאַרצושטעלן, אַז ער זאָל ניט ווייסן די אַלע זאַכן. יואל האָט זיך געשעמט אויסזאָגן, אַז ער ווייסט ניט, אָבער צוויי־דריי מאָל שפּאַצירן אין קאָרידאָר מיט זעליק דעם קירזשנער האָבן אים באַקאַנט געמאַכט מיט דער סטרייק־אָרגאַניזאַציע און מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די אַרבעטער אין דער גאַנצער

געגנט. די אַרבעטער האָבן אַליין ניט פיל געוואוסט, מערסנטס גע־
ווען מאַסאָוויקעס, אָבער זיי האָבן געהאַט די דערפאַרונג פון פּראַק־
טישער אַרבעט — און דער אַבסטראַקטער בוך־מענטש יואל האָט
זיך דאָ צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט די פאַקטן פון אָרגאַניזאַציע־
לעבן. דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע" האָט ביסלאַכווייז אָנגעוואָרן
זיין מיסטישע באַדייטונג און אָנגעפילט געוואָרן מיט קאָנקרעטן
אינהאַלט. אַ סך אַנדערע פּאָליטיש־סאָציאַלע באַגריפן האָבן אויפ־
געהערט צו זיין ווערטער און אויפגעלעבט ווי רעאַלע זאַכן.

און דאַן האָט ער זיך אָנגענומען מיט האַרץ און געבעטן סאַמ־
סאָנאָוו'ן אים דערלויבן איבערקוקן זיינע ביכער. אַי זינגער, אַי
סאַמסאָנאָוו זענען מיט אים געזעסן אין איין קאַמער, און דאָס
קעסטל מיט די בענד האָט שוין לאַנג צוגעצויגן יואל'ס אויגן.
סאַמסאָנאָוו האָט זיך געוואונדערט, ווען יואל האָט אים געבעטן
לייענען יענעם דיקן און שווערן בוך; ער האָט זיך ניט געקענט
פאָרשטעלן, אַז אַט־דער שטילער בחור, וואָס ווערט רויט, ווען מען
רעדט צו אים, און וואָס קען, דאַכט זיך, קיין צוויי ווערטער ניט
רעדן, זאָל פאַרשטיין אַזאַ גרונטלאַכע סאָציאָלאָגישע אַרבעט. אָבער
אַז ס'איז אַוועק עטלאַכע טעג און ער האָט געפרעגט יואל'ן, וואו ער
האַלט, און האָט דערהערט די ענטפערן און געוואָר געוואָרן די
צווייפלען, וואָס האָבן זיך דערוועקט באַם יונגען לעזער, האָט ער
שוין מיט אים אָנגעהויבן דיסקוטירן, ווי מיט אַ גלייכן, און שעה'ן
נאָך שעה'ן פלעגן זיי איצט אַרומשפּאַצירן אין קאָרידאָר און אין
הויף און רעדן וועגן ערנסטע פראַגן. סאַמסאָנאָוו, אַ געבוירענער
פון צענטראַל־רוסלאַנד, האָט זיך אָפּט געזאָגט, אַז נאָר צווישן די
געטאָ־אידן געפינט מען אַזוינע פלינקע קעפּ, וואָס פאַרלויפן דעם
פאָרשער אַפריער און פאַרדייען אַ געדאַנק, ווען זיי האָבן נאָר
געהערט די ערשטע פּאָר ווערטער. סאַמסאָנאָוו האָט ניט געוואוסט
פונם אידישן וואָרט „עלוי" און האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז
אַט־דער אָפּגעריסענער הויכער בחור מיט דעם שוואַרצן בערדל,
וואָס האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן שפּראָצן אויף זיינע באַקן און געמאַכט
דאָס פּנים אויסזען קוויטיק, איז אַ קינד פון אַן א י י ד ע ל ע ר
אידישער משפּחה, וואו איין דור לומדים האָט געשטאַמט פון אַ
צווייטן.

און יואל איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געשטאַנען באַם קוואַל פֿון ערנסטן וויסן און געשעפּט מיט אַ פֿולער האַנט און זיך געפֿילט אַלע מאָל רייכער. אַף אַ צייט האָט די נייע ברייטע אידייען־וועלט אַרויסגעשטויסן באַ אים דעם פֿריערדיקן טונקל, און אַ פֿרייד איז געבוירן געוואָרן אין אים — די ריינע פֿרייד פֿון אָנריר מיט די גרויסע שאַפֿנדיקע גייסטער. ערגעץ האָט יואל געוואוסט, אַז דאָס אַלטע איז ניט פֿאַרשוואונדן, אַז ווען די צייט וועט קומען, וועט ער דאַרפֿן דאָס פֿריערדיקע אַריינפּאַסן אין דעם סיסטעם פֿון זיין נייעם וועלט־קוק, אָבער דערווייל איז געווען אַזוי פֿיל צו לערנען און נאָך מער צו טרעפֿן פּ ו נ ם לערנען און נאָך מער אָנצוּווענדן דאָס דערפֿאַרענע צו די דערשיינונגען פֿום לעבן. יואל האָט ניט באַמערקט, אַז ער איז געוואָרן מיט סאַמסאָנאָוו'ן אַ גוטער פֿריינט און אַז צווישן זיי קניפּט זיך עפּעס, וואָס וועט איבערלעבן די טורמע.

און דאַן איז געקומען דער אינצידענט מיט חבר באַרסקי. איינגנטלאַך האָט מען דאָך ניט געוואוסט, ווי אים אָפֿיציעל צו באַצייכענען, באַרסקי צי אַבראַמאָוו, ווייל מ'האָט באַ אים געפֿונען צוויי פּאַספּאָרטן, און ביידע פֿאַלשע, איינעם אַפֿן נאָמען פֿון אַבראַמאָוו'ן, און איינעם אַפֿן נאָמען פֿון באַרסקי'ן. אַרעסטירט האָט מען אים אַפֿן וואָקזאַל, וואו דער זשאַנדאַרם, אַ געוועזענער שפּיאָן אין אַ גרעסער שטאָט, האָט אים דערקענט אַף דער פּלאַטפֿאָרמע, כאָטש ער האָט ניט געוואוסט זיין אמת'ן נאָמען. מ'האָט אים אַריינגעפֿירט אין זשאַנדאַרמסקע צימער און צו אים צוגעשטעלט צוויי פּאָליצייסקע, ביז ס'וועט באַשלאָסן ווערן, וואָס מיט אים צו מאַכן. אין צימער האָט דער געפֿאַנגענער זיך אַ וואָרף געטאָן מיט דעם רוקן אַף דער ערד, געמאַכט מיט די הענט און פֿיס אין דער לופֿטן — און געקייט. דאָס האָט ער פֿאַרניכטעט געפֿערלאַכע פּאַפּירן. ער האָט געשטאָפּט די פּאַפּירלאַך אין מויל אַריין, געקייט און געשלונגען; די פּאָליצייסקע האָבן אים געוואָלט אָפּשטעלן, זיך געוואָרפֿן צו אים, אָבער ער האָט געבויטשעט מיט די הענט און פֿיס און זיך ניט געלאָזט נעמען, „ווי אַ זשוק זיך געוואָרפֿן" אינמיטן קאַמער. ערשט ווען אַלע דאָקומענטן זענען געווען צוקייט און איינגעשלונגען, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און לאַכנדיק געגעבן

די פּאָליצייסקע די הענט. מ'האָט אים אָנגעטאָן קייטן—און אַזוי, אַ געקייטלטן, האָט מען אים געבראַכט צו פירן אין טורמע. ער האָט געלאַכט, פריילאַך און קונדעסוואַטע, ווען ער האָט דערציילט די אַרעסטאַנטן די געשיכטע. ער האָט פּשוט געקוואָלן פון זיין אייגענעם איינפאַל. ניין, טוט נאָר אַ טראַכט: קיין איינציק פּאַפּירל ניט אַריינגעפאַלן; ס'וואָלט דאָך געווען אַן אומגליק פאַר דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון עטלאַכע צענטרען!

נאָך אַ גרעסערער שפּאַס איז פאַר אים געווען דער געשפּרעך מיטן נאַטשאַלניק. „ווי זאָל מען אייך פאַרשרייבן?“, האָט דער נאַטשאַלניק געפרעגט. „ווי אַזוי איר ווילט“, האָט דער אַרעסטאַנט געענטפערט. „ווי הייסט ער?“, האָט דער טשינאָווניק ביין געפּרעגט דעם זשאַנדאַרם מיט די פּאָליציייסקע. יענע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט צוויי פּעסער: באַרסקי און אַבראַמאָוו. דער נאַטשאַלניק איז געווען צעמישט. זיין טורמע-געזעץ האָט ניט געוואוסט פון אַזוינע פאַלן. „טאַ ווער־זשע פאָרט איז ער?“, האָט ער אַלץ געפּאָרשט דעם זשאַנדאַרם, און יענער האָט אָפּגעגעבן „טשיעסט“ און סאָלדאַטיש רעפּאָרטירט: „ניע מאָגו זנאַט, וואַשע בלאַגאָראָדיע!“ (איך קען ניט וויסן, אייער וואוילגעבוירן) — און דער צעטראָגענער און אומבאַהאָלפּענער נאַטשאַלניק האָט זיך געבעטן באַם אַרעסטירטן, ער זאָל אים אַן עצה געבן, ווי אַזוי צו פאַרשרייבן. ערשט ווען יענער האָט אים פאָרגעשלאָגן דעם נאָמען „ניעפּאָמניאַשטשי“ — אַזוינער, וואָס געדיינקט ניט קיין משפּחה — אַ גוט־באַקאַנטער אויסדרוק אין טורמע־פּראַקטיק, האָט דער נאַטשאַלניק זיך געפונען באַפרידיקט און אים געהייסן אָפּפירן אין קאַמער.

דאָס אַלץ האָט דער גאַסט דערציילט מיט אַ פריילאַכקייט און מיט אַ לייכטן געמיט, אַקוראַט ווי צו אים אַליין וואָלט דאָס גאָר ניט געהאַט קיין שייכות. יואל האָט געהערט און מיטגעלעבט די סצענע און געפילט דעם גרויסן ערנסט הינטער דעם אומגעלומפּערטן קאָמעדיע־שפּיל, און געוואוסט, אַז ניט אַזוי גלאַט איז דעם מענטשן אָפּגעגאַנגען זיין דריגען מיט די פּיס, ווי אַ זשוק, אַפּן רוקן — וועגן דעם האָבן דערציילט צעדראַפּעטע הענט און אַ קראַץ אַפן שלייף פאַרבונדן מיט אַ טיכל. אָבער דאָס האָט דער גאַסט ווי גאָר ניט באַמערקט. דאָס האָט ניט געהאַט קיין באַדייט. זיין

אייגענע פּערזאָן, זיין געזונט, זיין געפּאַנגענשאַפט, זיין קומענדי־קער גורל האָבן ניט געהאַט קיין באַדייט. ד י פּ אַ ר ט ײ האָט ניט געליטן! די אָרגאַניזאַציע — געראַטעוועט!

יואל האָט געהערט און זיך געוואונדערט, וואָס העלדן אין לעבן זעען אויס אַנדערש, ווי העלדן אין די ביכער. יענע טראָגן ליכט־מאַנטלען און וואַנדערן אַף גאָלד־געפּלאַסטערטע וועגן. די טוען זיך אַ וואָרף מיטן רוקן אַף אַ שמוציקער פאַרשפּיגענער פּאָדלאָגע, טוי־טשען מיט די פיס די פּאָליציייסקע אין די בייכער אַריין, כאַפּן זיך מיט די פינגער פאַר דעם שיידל פון דעם פּאָליציייסקע׳ס שווערד— און קייען און שלינגען און וואַרגן זיך און קייען ווייטער.

יואל הערט און קוקט און עפנט די אויגן.

און אַז די קאַמערן האָבן זיך שפּעטער פאַרשלאָסן, און די דריי —דער גאַסט, סאַמסאָנאָוו און זינגער—האָבן זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקל רעדן, און יואל, אַ ניט־ווילנדיקער עדות, האָט פון זיין בעטל מער געזען, ווי געהערט, מיט וואָס פאַר אַ זשעדנעקייט די צוויי לעצטע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן ערשטן מיט פראַגן, און דער אָנגעקומענער האָט געענטפערט בפרטות וועגן מענטשן און שטעט, פּראָגראַמען און פּלאַטפאָרמען, צואַמענפאָרן און קאָנפע־רענצן, דומע־דעפּוטאַטן און סעקרעטאַריאַטן, קאָמיטעטן און אָפּאָ־זיציעס, זשורנאַלן, צייטונגען און פראַקציע־שטרייטן, — ווי האָגל זענען געפאַלן אַלערליי פראַגן, און גיך און מיט קענטעניש זענען געקומען די ענטפערן, און אַמאָל האָט אַ וויץ אַ בליץ געטאָן און מענטשן האָבן זיך פריילאַך צעלאַכט, און אַמאָל איז די נייס געווען טרויעריק, און שווער־ערנסט האָבן זיך די פּנים׳ער פאַרפינצ־טערט, — איז אַז יואל האָט דאָס אַלעס געזען און געהערט און פאַרשטאַנען די פלאַמענדיקע דאָרשט, מיט וועלכער די צוויי היגע האָבן זיך צוגעכאַפּט צום ברייגגער פון אַזוינע נייעס, וואָס אַף אַנ־דערע וועגן האָט מען זיי ניט געקענט באַקומען, און אָפּגעשאַצט די טיפקייט פון דער איצטיקער איבערלעבונג אָט־אָ־דאָ, אין ווינקל פון דער קאַמער, באַם ליכט פונם פאַררויכערטן קעראָסין־לאָמפּ אינמיטן אַ קאַלטער פראָסטיקער פאַרוואָגלטער נאַכט,—האָט יואל געוואוסט, אַז ס׳איז דאָ זאַכן, וואָס רעוואָלוציאָנערן האַלטן זיי טויזנט מאָל העכער פון זייער אייגענער פּערזאָן, אַז דער איך טרעט דאָ אָפּ און

באהאלט זיך פאר דער ווינטיקייט פון די געמיינזאמע פארכאפנ-דיקע פארטיי־אינטערעסן, און אז דערין איז דא א וואונדערבאר גליק. יואל האט מקנא געווען די מענטשן פאר זייער גליק.

אף מארגן האט סאמסאנאוו מיט אים קיין צייט ניט גע-האט צו שפאצירן. די דריי האבן געהאלטן איין לאנג־אויסגעצויגענע קאנפערענץ, מ'האט געשריבן רעזאלוציעס, מ'האט זיך גע־דונגען פאר יעדןווארט, מ'האט ציטירט עקאנאמישע און פאליטי־שע ביכער, מ'האט קוים צייט געהאט אראפצושלינגען א ביסן. ווען יאל האט באגעגנט סאמסאנאוו'ן אין קארידאר און אים געזאגט: „איר זענט נאך היינט גארניט געגאנגען שפאצירן", האט יענער, אן אינגערער, ווי שטענדיק, א בלישטשע געטאן אף אים מיט די פריינטלאכע קליינע איבער א רויטער בארד און ארויסגעזאגט:

„עך, ברודער, וואס ווייסטו, ווי אינטערעסאנט עס איז איצט אין דער פארטיי!"

און יואל האט געזען, אז כאטש אט־די מענטשן זענען גע־פאנגען, לעבן זיי מיט דער גרויסער וועלט און זענען א טייל פון א גרויסן. נאך פריער האט אים סאמסאנאוו קלאר געמאכט, אז א רעוואלוציאנער שטעלט ניט אפ זיין ארבעט אין טורמע, אז די טורמע איז אן עטאפ אפן וועג פון א קעמפער,—און יואל האט מקנא געווען די מענטשן און געטראכט, אפשר וועט ער אמאל אויך ווערן א פארטיי-מענטש,—און יואל האט זיך געטראכט, אז אויב אזא פאגראם־איבערפאל מאכט זיך מיט סאמסאנאוו'ן, וואלט ער אן טענות דערשאסן דעם שייגעץ און אים באלד פארגעסן און גלייך אוועק אין פארטיי־קאמיטעט צו טאן די נויטיקע ארבעט.

די דריי ארעסטירטע רעוואלוציאנערן האבן אין יואל'ס אויגן באקומען א ניי אויסזען. עס האט זיך אים געדאכט, אז זיי געהערן צו אן אנדער מענטשהייט. ערגעץ, האט ער געוואוסט, איז דא א וועלט מיט אייגענע אינטערעסן, מיט אן אייגענעם אינעווייניקסטן פייער, מיט אן אייגענער לופט, וואס מאכט מענטשן שטארק ווי אייזן. ערגעץ איז דאס דא, גאר נאענט, אבער ער, יואל, קען דאס נאך ניט דערגרייכן. ער קען דאס נאר טרעפן. אויסדערוויילטע, אנגעשטאלטע אין קאמף, ווייסן, ווי אריינצוגיין אין אט-דער וואונ־דערבארער וועלט. אזוינע מענטשן, ווי דער צוויי־נעמענדיקער

אבראַמאָוו־באַרסקי, האָבן דעם שליסל. אַזוינע מענטשן, ווי סאַמ־סאָנאָוו און זינגער, פילן זיך דאָרט אין דערהיים. דער פאַקט איז, אַז דאָס איז זייער היים. אומעטום זענען זיי נאָר אַף אַ ווייל. דאָרט, אין יענער שטרייכנגער היים, זענען זיי שטענדיק מיט האַרץ און נשמה, מיט האַרץ און נשמה.

יואל, וואָס האָט נאָך אַלץ ניט אָפּגעווישט פון זיך דעם וואָלקן פון שטעטלשע טרוימעריַיען, לאָזט זיך אַוועק מאָלן אַ וואונדער־קיניגרייך. אין יענעם לאַנד ווייסן מענטשן ניט פון מורא, אין יענעם לאַנד זענען אַלע ברידער, איינגעקרעמפּעוועט אין אַ באַנד פון היים־בלוטיקן פאַרלאַנג. אין יענעם לאַנד גייט אַרום אבראַ־מאָוו־באַרסקי, דער מענטש מיט די לאַכנדיקע אויגן, און הערשט ווי אַ מלך, און סאַמסאָנאָוו און זינגער זענען זיינע מיניסטאָרן. אין יענעם לאַנד הויבט אבראַמאָוו־באַרסקי אויף די האַנט און פון אַלע זייטן פליען קוילן אַפן פּאַגראָממטשיק מיט די בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, און טויט און מאַכטלאָז ליגט דער גרויסער אָקט אַף דער ערד און וועט שוין קיינמאָל קיין שלעכטס ניט טאָן.

און ווייטער טוט עס אַ ברי אין יואל'ס מוח, און מיט אַ פּעס־טער האַנט רייסט ער אַראָפּ פון זיך אָט־די אַלע מאַנטלען פון קינ־דערשע פאַנטאַזיעס, און מיט אַ פאַרצווייפלונג זאָגט ער זיך אַליין: „וועל איך זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען קוקן דעם לעבן גלייך אין די אויגן? ביז וואַנען פאָרט וועל איך זיין אַ גרעזעלע, געבויגן פונם ווינט אַהין און אַהער?" און ווידער הויבט זיך אויף דאָס בילד פון יענעם זונטיק, און אַן אייזן, אַ גליענדיק אייזן האָט זיך ווידער אַנגעריִרט צו אַן אָנגעווייטיקטער וואונד, און עס שמאַרצט שוין ווידער, עס שמאַרצט טיף, ביז אין די ווייטסטע און פאַרבאָרגענ־סטע שפּאַלטן פון דער נשמה. און בלייך און בלייכער ווערט דאָס פאַרקרימטע פּנים, און קוטיקער זעט עס אוים אונטער די שוואַרצע הערלאָך, וואָס שפּראָצן איבער די באַקן און אַז מ'טוט אַ קוק פון דער זייט אַף יואל'ן, דערמאָנט מען זיך אָן אַ לערנער, אַ פּאַסטער, וואָס איז עטלאַכע נעכט אויף־געווען איבערן ספר און וואָס פּיי־ניקט זיין גוף מיט ספוגים, כדי צו דערגרייכן עפּעס אַ טיפן סוד, וואָס דער אָפּשיין פון אים גלאַנצט אין זיינע שוואַרצע אויפגע־פלאַמטע אויגן.

און אַזוי רוקט זיך יואל אַוועק אין אַ ווינקל פון דער טורמע און באַהאַלט זיך אין זיין אייגענעם טונקל און זעט שוין גאָרניט, און עס וואונדערט אים שטאַרק, און ער דאַרף זיך ווי אַרויסרייסן פון טיפן שלאָף, ווען דער ניי־אָנגעקומענער גאַסט מיט די צוויי פּאַספּאָרטן באַווייזט זיך לעבן אים און הויבט מיט אים אָן רעדן, ווי גאָר אַן אַלטער פריינט. דער גאַסט הייסט שוין ניט אַבראַמאָוו און ניט באַרסקי. די גאַנצע טורמע האָט אים שוין אָנגעהויבן רופן „חבר סאַשאַ“, און מיטאַמאָל איז דער מענטש היימיש געוואָרן מיט אַלעמען, און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז יעדער איינער האָט אים געקענט שוין אַ סך יאָרן. קיין זאַך האָט חבר סאַשאַ ניט געפרעגט, אַף קיינעם ניט אַרויפגעצוואונגען זיין אויפמערק־זאַמקייט, און דאָך האָט זיך עפּעס גאָר אין אַ קור־צער צייט באַשאַפן אַזוי, אַז ער האָט געקענט יעדן איינעם פון די אַרעסטאַנטן, געוואוסט פאַרוואָס ער זיצט, פאַרשטאַ־נען, וואָס עס טוט אים וויי, און מיט יעדן אַזוי גערעדט, אַז ס'זאָל אים גרינגער ווערן אַפן האַרצן. ניט געווען קיין באַוואוסטזיניקער טרייסט-ברייגגער—חבר סאַשאַ. אָבער אַזוי איבערגעפילט איז ער געווען מיט לעבן, אַזוי געשפּראָצט האָט דאָס לעבן פון אים און געשפּריצט אין אַלע זייטן, אַזוי פול מיט יוגנטלאַכער מענטשן־פריינטשאַפט איז ער געווען, ניט קוקנדיק אַף זיינע 32 יאָר און אַף די פופצן יאָר אין דער באַוועגונג, אין טורמע און אין סיביר, אַז ער האָט פּשוט אַריבערגעגאָסן פון זיין איבערפלוס אין אַנדערע מענטשן, און האָט מען גערעדט מיט אים, איז אַלצדינג געוואָרן גרינגער און שענער.

עפּעס גאָר אין אַ קורצער צייט האָט די טורמע זיך אַרומגע־רינגלט אַרום חבר סאַשאַ'ן, ווי ער וואָלט געווען אַלעמענ'ס אַ גוטער ברודער. זעליק דער קירזשנער, מיט די ווייסע האָר, האָט זיך גאָר ניט געקענט פון אים אָפּלויבן: „אַט אַ יאַט, זאָג איך דיר, שוין איינמאָל אַ יאַט!“ — האָט ער זיך פאַרכלינעט אפשר זיבן מאָל אין טאָג, און איז נאָכגעגאַנגען חבר סאַשאַ'ן, ווי אַ קאַלב נאָך אַ קו. אָבער אפילו די עלטערע און ערנסטערע אַרעסטאַנטן, און אפילו די, וואָס האָבן זיך ווייניק אָנגעקערט מיט פּאָליטיק און מיט פּאַרטייען,

האָבן עפּעס ווי פּריילאַכער אָפּגעאָטעמט, ווען חבר סאַשאַ האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט זיי רעדן.

חבר סאַשאַ האָט געקוקט אַף יואל'ן און געלייענט אַף זיין פּנים יענעם געשריי, וואָס רופט צו הילף אין אַ גייסטיקער נויט. חבר סאַשאַ איז ניט געווען קיין פילאָנטראָפּ. מענטשן, האָט ער גערעכנט, זענען פאַר אים נאָר אַף אַזוי פיל וויכ־טיק, אַף וויפיל זיי זענען מאַטעריאַל פאַר דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. אָבער חבר סאַשאַ האָט אַליין ניט געוואוסט, אַז, זוכנדיק מאַטעריאַל פאַר זיין פּאַרטיי, האָט ער אויסגעפילט אַן אינעווייי־ניקסטן דראַנג פון זיין אייגענער נשמה,—אַ צוריר צו די באַהאַלטע־נע סטרונעס פון מענטשן. אפשר האָט חבר סאַשאַ ניט געוואוסט, אַז אין אים לעבט אַ דיכטער.

און אַזוי איז געשען, אַז יואל האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געפונען אַ מענטשן, וואָס ער זאָל אים קענען דערציילן. חבר סאַשאַ האָט ניט געפרעגט, און יואל האָט ניט געפילט, אַז ער גיט זיך אַרויס. אָבער שוין האָט חבר סאַשאַ דערציילט, לאַנג און מיט פייער, ווי שווער עס איז צו ווערן אַ רעוואָלוציאָנער. „מיינט ניט, אַז דאָס טוט זיך פון היינט אַף מאָרגן. אַ מענטש אין רעוואָלוציע האָט זיך אינגאַנצן באַפרייט פון זיין סביבה. אַ מענטש אין רע־וואָלוציע ווערט ווי נייַ־געבוירן. און ווער ווייסט ניט, ווי שווער עס זענען די ווייען פון געבורט?"

די ביידע גייען אַרום איבערן הויף, די אַנדערע אַרעסטאַנטן שפּילן אין יאַגעניש און אין אַנדערע באַוועגלאַכע שפּילן, יואל און סאַשאַ שפּאַנען אינם שאָטן פונם הויכן מויער, דאָרט, וואו עס שפּאַרן פּאַרטריקנטע גראָזן פון אונטער דעם האַלב־צעמאָלצענעם שניי. סאַשאַ האַלט זיין האַנט אַרום יואל'ס פּלייצעס, און עס רעדט זיך אַזוי, אַקוראַ ווי יואל וואָלט אים געפרעגט אַ ברודערלאַכע עצה.

„רעוואָלוציאָנערער מוט איז דאָך אויך אַ זאַך, וואָס מען דאַרף דאָס דערוואָרבן דורך פּראַקטיק. יעדער מענטש האָט בטבע מורא פאַר געפאַר. מער נאָך ווי פאַרן טויט, האָט מען מורא פ אַ ר ן אומבאַוואוסטן. אַף אַ רעוואָלוציאָנער אין די ער־שטע יאָרן פון זיין אַרבעט לויערט דאָס אומבאַוואוסטע. אים דאַכט זיך, אַז אַ גאַנצע וועלט מיט שרעקן שטייט אַרום יעדן ווינקל־

נאַס און שטרעקט צו אים אויס אירע הענט. איך געדיינק, אַז איך בין געווען אַ סטודענט, און האָב דאָס ערשטע מאָל געטראָגן איבערן נאַס אַ פּעקל פּראָקלאַמאַציעס,—געווען אַ שיין, עלעגאַנט פּעקעלע, איינגעבונדן אין אַ גוטן פּאַפּיר מיט אַ שנירעלע, ווי אַקאָרשט אַרויס פון אַ ערשט־קלאַסיקן געשעפט, אַזאַ פּעקעלע, וואָס מען קען זען אין די הענט פון טויזנטער מענטשן אין גאַס,—האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַלע קוקן אַף מיר, און איך האָב געסוקט אַף יעדן גאָראָדאָוואָי, וואָס איך האָב נאָר באַגעגנט אין גאַס. אויב מ׳האָט מיך דעמאָלט ניט אַרעסטירט צוליב מיינע פאַרדעכטיקע בליקן, איז עס דערפאַר, וואָס קיינער האָט זיך באמת ניט אומגעקוקט אַף אַ יונגען סטודענט מיט אַ פּעקעלע אין די הענט. וואָס איז דאָס געווען? מוטלאָזיקייט? ניין. פּשוט, כ׳האָב ניט געהאַט קיין פּראַקטיק. ווען איך האָב זיך צוגעוואוינט, האָב איך שוין געטראָגן אַ סך געפערלאַכערע זאַכן. אין 1905 איז מיר שוין אויסגעקומען טראָגן אַ טשעמאָדאַן מיט אַ פּאָר אַנגעלאָדענע באָמבעס, און איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב ניט געפילט גאָרניט. זיך צוגעוואוינט. אַ מענטש ווערט געוואוינט צו אַלצדינג. מען דערציילט, אַז די ערשטע עטלאַכע טעג אַפן שלאַכט־פעלד פילט זיך אַ סאָלדאַט שרעקלאַך, אָבער נאָך דער ערשטער שלאַכט, מיט די אויפרייסונגען, מיט טויטע און פאַרוואונדעטע, ווערט ער רואיק. ער קען שוין אפילו שלאָפן אינמטין שלאַכט־פעלד. ער קען רואיק רויכערן אַ פּאַפּיראָס, ווען ניט ווייט פון אים שטאַרבן מענטשן. מיר זענען אַלע סאָלדאַטן".

יואל גייט אַרום מיט חבר סאַשאַ׳ן, פילט זיין פריינטלאַכע האַנט אַרום זיינע פּלייצעס, פילט די וואַרימקייט און די אויפריכטיקייט, וואָס גיסן זיך פון יענעם, ווי ליכט פון אַ ברענענדיקן שייטער־הויפן, און ס׳ווערט אים גרינגער. אַן אָפּשיין פון רויטקייט באַווייזט זיך אַף די בלייכע, אויסגעצערטע באַקן. דער קנייטש אַרום די ליפּן ווערט אַביסל אויסגעגלייכט. איבער די קעפּ ליגט אַ ווינטערדיקער הימל מיט אַ בלאַס־גאָלדענער זון. די לופט איז קלאָר און בייסנדיק, און יואל דערפילט, אַז ער איז יונג.

אין אָוונט זענען די קאַמערן פאַרמאַכט, ס׳ברענט דער קערא-

סין־לאָמפּ אַפן טיש, אין עק. די איבעריקע חברים שלאָפן שוין, און סאַשאַ און יואל האַלטן אין איין רעדן:

„איכ'ל אייך דערציילן פון מיינע אַרעסטן“, זאָגט חבר סאַשאַ. „איך זאָג אייך, אַלצדינג ווענדט זיך אָן פּראַקטיק. און וואָס הייסט פּראַקטיק? דאָס הייסט, אַז קיין זאַך איז אייך ניט ניי. איר ווערט ניט פאַרלוירן. איר ווייסט שוין, ווי זיך צו האַלטן. איך געדיינק, מ'איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו מיר מיט אַן אָביסק. איך בין געווען „ריין“. אין הויז איז ניט געווען קיין זאַך. אַ חוץ אַן אָנגע־שריבענע פּראָקלאַמאַציע, וואָס איך האָב געהאַט צוגעגרייט פאַרן שלאָף און האָב געוואָלט אָפּטראָגן אין דרוקעריי אויף מאָרגן. איך האָב די פּראָקלאַמאַציע געהאַט אוועקגעלייגט אויף מיין נאַכט־טישל לעבן בעט. אויפן נאַכט־טישל איז געשטאַנען אַ ליכט אין אַ לייכטער, און ס'זענען געווען צוגעגרייט שוועבעלאַך. ס'איז באַ מיר געווען אָפּגעמאַכט, אַז טאָמער קומט מען באַנאַכט, צינד איך אָן אַ שוועבעלע, און אין אַ האַלבער מינוט איז דאָס שטיקל פּאַפּיר פאַרברענט. דאַכט זיך פּשוט, האַ? נו, איז אַז מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר אַזוי אַרום צוויי באַנאַכט — איך האָב גוט געוואוסט, אַז אין יענער צייט קומט קיין אַנדערער ניט, נאָר די זשאַנדאַרמעריע,—איז שטעלט זיך פאָר, וואָס ס'איז געשען. איך האָב זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז איך האָב אָן דער פּראָקלאַמאַציע פּשוט פאַרגעסן. ס'האָט מיר פּלוצ־לינג אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח, אַז אפשר האָב איך ניט באַהאַלטן אַן אומלעגאַלן בוך, וואָס איז געשטאַנען אויף מיין עטאַזשערקע די לעצ־טע פאָר וואָכן. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער עטאַזשערקע און גענומען זוכן צווישן די ביכער. ס'האָבן מיר געציטערט די הענט און פיס, און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז טאָמער געפין איך ניט דעם אומלעגאַלן בוך, בין איך פאַרלוירן. איך האָב אַראָפּגע־נומען פון די פּאָליצעס איין בוך נאָכן צווייטן, געמאַכט אַ גרויסע אומאָרדענונג. דערווייל האָט מען שוין געקלאַפּט אין טיר, וואָס ווייטער אַלץ העכער. איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. אין מיין נאַכט־העמד, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, אינמיטן אַ באַרג צעשוי־בערטע ביכער, האָב איך מסתמא אויסגעזען קאָמיש. איך זאָג אייך, איך וואָלט אַליין איצט געלאַכט פון אַ יונגען רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט אַזאַ פּנים. נו, וואָס מיינט איר? מ'האָט אויסגעבראָכן

די טיר. ס'האָבן זיך אַריינגעוואָרפן צו מיר אין צימער פינף זשאַנדאַרמען מיט אַן אָפיצער, און אַזוי ווי איך האָב געזוכט אין די ביכער, איז בײַ יענע געבליבן, אַז דאָ איז טאַקע באַהאַלטן דער גאַנצער סוד. מ'האָט יענע נאַכט איבערגעמישט דאָס לעצטע אין די ביכער. אַף דער פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז געלעגן זייער פיין צונויפגעלייגט אין פּירן אַפן טיש־קעסטל, צוגעפּרעסט פון אויבן מיטן לייכטער, האָט זיך קיינער ניט אומגעקוקט. מ'איז אַוועקגע־גאַנגען מיט גאָרניט. ס'איז ניט געווען קיין שום סיבה, פאַרוואָס מיך אַרעסטירן. מײַן זוכן צווישן די ביכער האָב איך דערקלערט מיט עפּעס אַ בבא־מעשה. אַז די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער די זשאַנדאַרמען און איך בין געבליבן אַליין, און די אויפרעגונג האָט זיך ביסלאַכווייז באַרואיקט, און איך האָב שוין געקענט טראַכטן וועגן אַריינקריכן צוריק אין בעט אַריין און זיך לייגן שלאָפן, האָב איך ערשט דערזען די פּראָקלאַמאַציע אונטערן לייכטער. דאָס פּאַ־פּירל איז געווען אַ סך גרעסער פונם לייכטער און האָט אַרויסגע־שטעקט פון אַלע זײַטן. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך צע־לאַכט אַף אַ קול, און נאָך עד־היום, ווען איך דערמאָן זיך אָן יע־נעם עפּיזאָד, קען איך זיך ניט אײַנהאַלטן פון לאַכן. אָט־דאָס הייסט אײַך אומדערפאַרענע רעוואָלוציאָנערן".

און חבר סאַשאַ צעלאַכט זיך הילכיק און קינדעריש, און הגם יואל'ן דאַכט זיך, אַז ס'איז גאָר אַזאַ מעשה קיינמאָל ניט געשען— ערגעץ טיף בײַ יואל'ן איז דאָ אַזאַ קאָנטראָל־אַפּאַראַט, וואָס ווייסט שטענדיק דעם אונטערשייד צווישן עכט און אומעכט—פונדעסט־וועגן איז ער דאַנקבאַר סאַשאַ'ן פאַר זײַנע רייד, ווײַל ער ווייסט: אין זיי איז דאָ אַ קערן פון אַן אמת, וואָס איז פאַר אים וויכטיק.

און ס'גייט אַוועק אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און כאָטש יואל האָט ניט דערציילט חבר סאַשאַ'ן, פאַרוואָס מ'האָט אים אַרעס־טירט, און חבר סאַשאַ ווייסט באמת ניט די פּרטים, איז מען שוין טיף אין אַ שמועס וועגן פּאָגראָם. עס רעדט זיך לײַכט. ס'באַקומט זיך אַזוי, ווי אימיצער וואָלט מיט אַ געניטער האַנט פאַנאַנדער־געוויקלט פאַרפּלאָנטערטע קנוילן. ווען מען באַלויכט עפּעס פון דער זײַט, פון אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט, ווערט דאָס איינציקע און גרויסע אײַנגעשרומפּן צו דער מדרגה פון אַ פּאַקט צווישן

פאקטן. דאס טרייסט נאר אף א ווייל. מ׳קען ניט אפמעקן דאס איינציק־ארטיקע, וואס האט פאר א מענטשן אן אייגנטימלאכע באַדייטונג. א מיליאן סאלדאטן פארוואונדעט אין קריג,—א מיליאן, א ציפער, אבער די פערזענלאכע וואונד פון דעם איינצעלנעם סאלדאט איז פאר אים אליין ניט איין מיליאן־חלק פון אנדערע וואונדן, נאר זיין אייגענע, נאענטע, וואס האט פארקריפּלט זיין לעבן. פונדעסטוועגן ווערט גרינגער צו פילן, אז דער אייגענער אומגליק איז נאר א טייל פון אלגעמיינעם אומגליק, אז דאס גרויסע, וואס איז געשען מיט דיר אליין, ווערט קלאסיפיצירט און אריינגעשטעלט אין געוויסע אלגעמיינע ראמען. און אזוי גייט שוין חבר סאשא ארום מיט יואל׳ן איבערן קארידאר אין א ווינטערדיקן נאכמיטאג, ווען אין דרויסן הודזשעט די זאווערוכע און אינעווייניק האבן זיך אלע ארעסטאנטן פארנורעט אין ביכער.

„א פּאגראם“, זאגט חבר סאשא, „דאס איז ערגער, ווי קריג. אין א פּאגראם זענען מענטשלאכע נשמות אזוי פארקריפּלט און פארדרייט, אז ס׳איז מעגלאך דאס ווילדסטע. וואס קענט איר פארלאנגען פון מענטשן, וואס מ׳האט זיי איינגעשאפּרט אין אן איינגען ארט און מ׳קומט זיי שעכטן? וואס פאר א זין קען דא האבן דער ווידערשטאנד פון א פאר מענטשן קעגן א צעיושעטער, ליידנשאפטלאכער מאסע? גיט מיר דעם גרעסטן קריג־העלד, דעם גרעסטן קריג־סטראטעגיקער, שטעלט אים אוועק אינמיטן א שטעטלשן פּאגראם, און ער וועט זיך פארלירן. זיין נשמה וועט ווערן אזוי אויסגעקרימט, אז אפשר וועט ער זיך נאך שטעלן דאווענען אינמיטן דער שחיטה; אפשר וועט ער אנטקעגנגיין די שונאים מיט אויסגעשטרעקטע הענט און מיט א ווארט פון געבעט אף די ליפּן. ווער קען וויסן? טויזנטער אומגעדאכטע מעגלאכקייטן ליגן באהאלטן אין אונזערע נשמות. אין נארמאלע צייטן ווייזן זיי זיך ניט. אין א משוגענער לאגע קריכן זיי ארויס פון זייערע באהעלטענישן און מאכן פון א מענטשן א תל. איך זאג אייך, עס איז גרינגער צו זיין א רעוואלוציאנער אין פּארטיי־ארבעט, איידער צו זיין א פראסטער איד אין פּאגראם. דארט איז דא א באשטימטער שונא און אן אויסגעארבעטע טאקטיק און באשטימטע קאמפחברים. דא איז אלץ ווילד און פארדרייט און פאנטאסטיש...“

יואל הויבט אָן שטיל און איינגעהאַלטן ציטערן פון קאָפּ ביז די פיס, און פון די צעקרימטע פאַרטריקנטע ליפּן קוועטשט זיך אַרויס די פראַגע:

„און אַז מ'האָט באַליידיקט אַ מענטשנ'ס אייגענעם כבוד? און אַז מ'האָט פאַרשוועכט דאָס ליבסטע?"

חבר סאַשאַ דערפילט דעם ווײ-געשריי, וואָס צעררייסט דאָס האַרץ. חבר סאַשאַ ווערט ערנסטער. ער האַלט אין זיינע הענט אַ צאַפּלדיקע מענטשלאַכע נשמה. ער האַלט זי אין זיינע פינף פינגער און זי וואַרפט זיך און פלאַטערט אין אנגסט. פּאַרזיכטיק, חבר סאַשאַ, דאָס זענען ניט קיין אַלגעמיינע אַקסיאָמען. דאָס איז אַ מענטש, אַן איינציק-אייגענער. ער רופט נאָך הילף.

חבר סאַשאַ טראַכט אַ וויַיל און ענטפערט לאַנגזאַם:

„איך גלויב ניט אין נקמה: דאָס איז ניט קיין פּרינציפּ פון דער פּאַרטײ. כ'וויים אָבער, אַז פאַרן איינציקן מענטשן איז אַמאָל ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג. טויטן דעם אָנפאַלער ניט צוליב נקמה, נאָר צוליב זיך אַליין. איך קען ניט דערקלערן אָט־די גערעכטיקייט, אָבער איך ווייס, אַז דאָס איז גערעכט. איך אַליין וואָלט אַנדערש ניט געטאָן".

יואל פילט, ווי אַ פעסטע, פריינטלאַכע האַנט גליטשט זיך פון זיין אַקסל אין דער לייַנג פונם אָרעם, דערגרייכט זיין האַנט, טאַפּט אָן די פינגער, נעמט זיי אַריין אין דער לייַנג און גיט זיי אַ גוטן, פעסטן דריק. יואל ענטפערט דעם דריק, און מער ווערט גאָרניט גערעדט. יואל'ן איז ווידער אַלץ גרינג, אַזוי גרינג און אַזוי פּראָסט. דער וועג איז אָפן. די פראַגן געלייזט. אין אַ שעה אַרום זיצט ער טיף פאַרטיפט אין אַן ערנסטן בוך, און עס דאַכט זיך — דאָס איז אַ יונגער תלמיד, וועלכער שלינגט גיריק דאָס נייע וויסן. אַזוי פאַרזונקען איז ער אין דער געדאַנקען־וועלט, אַז ער זעט אוים באַרואיקט, שטיל, גליקלאַך. אַ מאָדנע יונג פייערל טאַנצט אין זיינע אויגן אונטער די לאַנגע, שוואַרצע וויהעס, ווען ער הויבט זיי אויף פונם בוך אַ קוק צו טאָן אויף דעם פאַרגראַטעטן פענצטער. ער לעבט, ברייט און פולברוסטיק, אין דער נייער וועלט, וואָס עפנט זיך פאַר זיין נשמה.

ס'איז געקומען אַ צייט, ווען יואל האָט אַף דער פּראַקטיק דערזען, אַז אויך די טורמע איז אַ פעלד פון רעוואָלוציאָנערער אַר־בעט.

די דריי וויכטיקסטע אַרעסטאַנטן—סאַמסאָנאָוו, זינגער און סאַשאַ מיט די צוויי פעסער—האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן. מ'האָט זיך גענומען גרייטן — און יואל איז געווען פון די ווייניקע, וואָס מ'האָט זיי אַריינגעצויגן אין דער געוואַגטער אונטערנעמונג.

ס'זענען אַוועק טעג פול מיט אויפרעגונג, נעכט פול מיט פי־בעריקע שמועסן, לאַנגע שעה'ן פון טשאַטעווען, לויערן, היטן. מ'האָט פריער פון אַלץ געדאַרפט באַקומען פון דער שטאָט די אינסטרומענטן — דריי קליינע שאַרפע זעגלאַך, וואָס שניידן מעטאַל. די זעגלאַך האָט מען אַריבערגעשיקט אין די איינ־בונדן פון דריי דיקע ביכער, וואָס האָבן זיך באַקומען אַף סאַמסאָ־נאָוו'ס נאָמען. אָבער די זעגלאַך האָט מען ערשט געדאַרפט אַריינ־שטעלן אין רעמלאַך, כדי צו קענען זיי ניצן. דאָס האָלץ פאַר די רעמלאַך האָט מען אָפּגעשפּאָלטן פון די שייטלאַך, וואָס מ'האָט מיט זיי געהייצט דעם אויוון. געשניצט האָט מען דאָס האָלץ מיט קליי־נע מעסערלאַך, און אַזוי ווי קיין באַלמעלאָכעס איז מען ניט געווען, האָט געדויערט אפשר דריי טעג, ביז מ'האָט באַקומען איין רעכט זעגל. די איבעריקע צוויי האָבן זיך איבערגעבראָכן, ווייל מ'האָט זיי שלעכט אַריינגעפּאַסט אין די רעמלאַך.

מיטן זעגעלע האָט מען געדאַרפט איבערשניידן די גראַטעס אינם פענצטער פון דער קאַמער, וואו די דריי אַרעסטאַנטן זענען געזעסן. געטאָן האָט מען דאָס אַזוי. נאָך פאַווערקע, אַזוי אַרום 8—9 אין אָוונט, ווען אַלצדינג פלעגט זיך באַרואיקן אין טורמע און די וועכטער פלעגן אַלע אַוועקגיין אין עק קאָרידאָר—געווען צוויי אַפן אויבערשטן שטאָק און צוויי אונטן, אַ חוץ אַן „עלטערן", וואָס פלעגט אַליין ניט שטיין אַפן וואַך, נאָר קומען אַ קוק געבן אַף דער אָרדענונג און באַלד אַוועקגיין — פלעגט איינער פון די אַרעסטאַנטן זיך שטעלן בא דער טיר הערן, צי גייט ניט עמיצער, און די אַנדערע פלעגן זעגן. מיטן זעגן האָט מען געדאַרפט וואַרטן, ביז דער הויף־וועכטער, וואָס גייט אַרום מיט אַ ביקס אַרום און אַרום דער גאַנצער געביידע, זאָל פאַרשווינדן פון דער זייט הויף.

ס'איז געווען פיינלאך־פּאוואָליעדיקע ארבעט. מ'האָט ניט געטאָרט מאַכן קיין גערויש. ווידער און אָבער האָט מען געמוזט שמירן דאָס איינציקע זעגעלע מיט חזיר־שמאַלץ—איבערגעלאָזט פון א זונטיקדיקן מיטאָג—כּדי ס'זאָל ניט סקריפּן. „מ'דאַרף גלעטן די גראטע, ניט קראַצן", האָט סאַמסאָנאָוו געזאָגט מיט א שמייכל אין זיין בלאָנדער באָרד אריין,—און יואל האָט געמוזט צוגעבן, אז ער האָט קיינמאָל ניט געהערט אזא שטיל זעגן פון מע־טאַל. אמת, מ'האָט לאַנגע אָוונטן „געגלעט" א פּרענט, וואָס אזוי וואָלט מען אים געקענט איבערזעגן אין פינף מינוט. מ'האָט זיך גענדאַרפט היטן ניט נאָר פאַר די וועכטער, נאָר אויך פאַר די אַרעס־טאַנטן פון די איבעריקע קאַמערס, ווייל זיי זענען געווען אַן ערב־רב און מ'האָט זיך אף אייניקע פון זיי ניט געקענט פאַרלאָזן.

געטאָן האָט מען אזוי. איינער א חבר איז געשטאַנען און ארויסגעקוקט אין פענצטער. כּדי דער הויף־וועכטער זאָל ניט ווערן פאַרדעכטיק, האָט דער ארויסקוקער זיך שטענדיק געביטן. דער ארויסקוקער איז אויך געווען דער זעגער. ער האָט געוואַרט, ביז דער וועכטער וועט פאַרשווינדן הינטער דער זייטיקער וואַנט פון דער טורמע, כּדי אָנצוהויבן זעגן. אמאָל פלעגט דער וועכטער גאָר ניט וועלן אוועקגיין פון דעם זייט הויף — האָט מען ניט געקענט זעגן. דעמאָלט פלעגט זיך א חבר אוועקזעצן אפן טיש און נאָכפּאָלגן דעם וועכטער פון אינמיטן קאַמער. גוט איז נאָך, וואָס יענער האָט געהאַט א טבע צו קלאַפּן מיט די אונטערגעקאָוועטע שטיוול און מיטן פריקלאַד פון דער ביקס איבער די גרויסע פלאַסטער-שטיינער פונם הויף, אזוי אז מ'האָט אים געקענט ניט נאָר זען, נאָר אויך הערן. אין עטלאַכע אָוונטן האָט זיך בא די אַרעסטאַנטן אזוי אַנטוויקלט דאָס געהער, אז זיי האָבן נאָך די טריט אַלעמאָל גע־וואוסט, וואו דער וועכטער געפינט זיך.

בשעת'ן זעגן איז א צווייטער חבר געשטאַנען בא דער טיר און זיך איינגעהערט, וואָס ס'טוט זיך אין קאָרידאָר. די וועכטער, צוויי פון אויבן, איינער פון אונטן, האָבן געוויינטלאך געשפּילט אין קאָרטן און אמאָל געמאַכט א כּוס'ע אין עק פון קאָרידאָר, וואו עס איז געשטאַנען א באַנק לעבן ברייטן פענצטער. פון יענעם פענצטער האָבן זיי געקענט זען, ווען דער הויף־טויער עפנט זיך

און עמיצער פון נאַטשאַלסטוואָ קומט אומגעריכט. פון עק קאָרידאָר ביז דער טיר פון יואל'ס קאַמער איז געווען אַ דרייסיק טריט. פון דאָרט האָט מען כמעט ניט געקענט הערן, וואָס עס טוט זיך אין קאַמער. דער חבר בײַ דער טיר האָט נאָר געדאַרפט היטן, טאָמער נעמט זיך אַ וועכטער גיין איבערן קאָרידאָר,—האָט מען אָפּגע־שטעלט דאָס זאָגן.

ס'איז געווען אַ געמוטשעטע אַרבעט. אַלעמאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, אַלעמאָל האָט עפּעס געשטערט. אָט האָט דאָס זאָגל זיך פאַרטעמפּט,—מ'האָט געדאַרפט אַ פייל, מ'האָט זי באַקומען פון שטאָט, מ'האָט גענומען פיילן, עס האָט אַזוי געסקריפּעט, אַז מ'האָט געקענט הערן איבער דער טורמע,—האָט מען זיך ווידער געמור־טשעט. אָט האָט דער הויף־וועכטער זיך אָפּגעשטעלט און לאַנג אַריינגעקוקט גראַד אין דעם פענצטער. איז דאָס מעגלאַך, אַז בײַ אים האָט זיך דערוועקט אַ חשד? בעסער שוין ניט זאָגן ניט הײַנט אין אָוונט, ניט מאָרגן. אָט האָט דער קרימינאַל־אַרעסטאַנט, דער פאָדלאָגע־וואַשער, געלאָזט וויסן, אַז מען גרייט זיך מאַכן אַן „אָביסק" אין די קאַמערס. וואָס טוט מען, אויב דאָס איז אמת? וואו באַהאַלט מען דאָס זעגל?

מיט מי און מאַטערניש און הארץ־קלאַפּ האָט מען געזוינגן די גראַטע. כדי ס'זאָל זיך ניט אַזוי הערן איבער דער טורמע, ווארום מ'האָט דאָך פאָרט געשניטן אײַזן מיט שטאָל, איז געבליבן, אַז איי־נער פון די אַרעסטירטע זאָל „שומען". דער גורל איז געפאַלן אויף יואל'ן, וואָס איז אין טורמע געווען באַקאַנט פאַר אַ לערנער. יואל האָט גענומען שטודירן אַ לער־בוך אויף אַ קול. ס'איז צוניץ געקו־מען דער גמרא־נגון און די געוואוינטשאַפט צו לערנען אין דער הויך. יואל האָט אָנגעהויבן „קנאַקן" איבער זײַן פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע, ווי אַ קאַנאַריק. צוויי מאָל איז אפילו דער וועכטער גע־קומען פרעגן, וואָס ער מאַכט דאָ פאַר אַ טומל, אָבער יואל האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער „לייענט". „אַזוי לייענען האָב איך נאָר געהערט אַ דיאַק אין קלויסטער, אי דאָס אויך נאָר, ווען ער איז הונגעריק", — האָט דער וועכטער זיך געבייזערט. אָבער פון דע־מאָלט אָן האָט יואל געקלונגען איבער דער טורמע, ווי אַ גלאָק, און פאַרהילכט דאָס זעגן.

ווען מ'האָט איבערגעשניטן דעם ערשטן פּרענט און דעם שניט פאַרקלעפּט מיטן צעקנאָטענעם שוואַרצן ברויט, כדי ס'זאָל זיך ניט זען פון דער ווייטן, איז אין קאַמער געווען אַ יום־טוב. ווען דער צווייטער פּרענט איז שוין אויך געווען איבערגעשניטן, האָט מען ערשט גענומען ערנסט רעדן וועגן דעם וועג צו אַנטלויפן. ביז דער־מאָלט האָט די זאַך אויסגעזען צו ווייט, אומרעאַל. איצט האָט מען שוין געדאַרפט אויסאַרבעטן פּרטים.

מיט איין זאַך איז מען געווען באַוואָרנט. הינטער דער טור־מע, אויפן שאָסיי, וועט וואַרטן אַ בריטשקע מיט צוויי גוטע פערד אָפּצופירן די אַנטלאָפענע. אין אַזוינע פּופּצן מינוט קען מען גרייכן דעם צענטער פון דער שטאָט און פון דאָרטן אָפּפירן די חברים אין אַ זיכערער קוואַרטיר. / דאָס איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט פון פריער. ס'האָט זיך נאָר געפרעגט, ווי קומט מען פון די איבער־געשניטענע גראַטעס צו דער בריטשקע. דורך די גראַטעס קען מען אַרויס אין הויף, דער הויף איז אָבער אַרומגערינגלט מיט אַ מויער. מען דאַרף אַריבערקריכן דעם מויער. דאָס וואָלט אפשר אויך ניט געווען אוממעגלאַך, ווייל מען קען זיך שטעלן איינער אויפן אַנדערנ'ס אַקסלען און העלפן דעם לעצטן מיט אַ שטריק אָדער אַ גאַרטל. גייט אָבער אין הויף אַרום אַ וועכטער מיט אַ ביקס און אַ פייפל. אין די קאָרידאָרן זענען אויך דאָ וועכטער. אַנטלויפן ניט־באַמערקטער־הייט איז ניט מעגלאַך.

מ'האָט געפּלאַנעוועט און גערעכנט און געמאָסטן — און מ'איז געקומען צו דער איינשטימונג, אַז אויב מען נעמט ניט צו דעם הויף־וועכטער, איז ניטאָ קיין אויסוועג. אמת, מען קען אים באַפאַלן און בינדן, דאָס איז גאָר ניט אַזוי אוממעגלאַך. טאָמער געלינגט זיך אַראָפּלאָזן אין הויף אַריין, בשעת יענער איז אויף דער אַנדערער זייט טורמע, קען מען זיך צו אים פאַר'גנב'ענען פון הינטן, אים קודם־כל פאַרבינדן דאָס מויל און אים לאָזן ליגן. מ'האָט געטאָן אַזוינע זאַכן אין אַנדערע טורמעס. איז דאָס אָבער אַ זייער ניט־זיכערע אונטערנעמונג. איין געשריי—און אַלץ איז פאַרלוירן. און ווי קען מען אַרויס פון קאַמער אין הויף—גאַנצע דריי אַרעסטאַנטן—און די אינעווייניקסטע וועכטער זאָלן דאָס ניט באַמערקן?

טראַכט מען און מ'וועגט יעדן שאַנס און מ'ווייסט די נאַנ־

צע צייט, אַז מען ט אָ ר נ י ט דורכפאַלן, וואָרים אַזאַ גע־לעגנהייט טרעפט זיך זעלטן, און טאָמער גערעט דאָס איצט ניט אָפּ, וועט מען די דריי, מסתמא, איבערפירן אין אַ גרעסערער טור־מע, וואו די שמירה איז שטרייננגער. קלערט מען און מ'איז שטאַרק באַאומרואיקט — און עס שווימען אַרויף פּלענער, איינער פאַנ־טאַסטישער פונם אַנדערן, און מען לאָזט זיך אַריין אין דיסקוטירן אַזוינע מאַניפּולאַציעס, וואָס ס'איז קלאָר פון אָנפאַנג אָן, אַז זיי זענען ווי אַרויסנעמען איין געווינס־נומער פון צווישן אַ מיליאָן ליידיקע נומערן. אַז מ'איז שוין אינגאַנצן אויסגעמאַטערט און פאַרצווייפלט, ווערט מען אַלע אַנטשווויגן.

דעמאָלט דערמאָנט זיך יואל, וואָס מיט אים אַליין איז געשען. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם טומל אין דער אונגלאָזונע קאַמער, זענען זיך צונויפגעלאָפן אַלע וועכטער, אפילו דער, וואָס שטייט אינדרויסן. אין קאַרצער אַריין האָבן אים געשלעפט ניט ווייניקער ווי דריי וועכטער. דער קאַרצער געפינט זיך אויף יענער זייט טור־מע, און אויב מען נעמט אַהינצו אַן אַרעסטאַנט, וועט דער הויף־וועכטער מסתמא מיטגיין. דאַכט זיך, אַז ער האָט אפילו דעם שליסל פונם קאַרצער. איז אויב מען מאַכט איצט אַ גרעסערן טומל...

די חברים כאַפּן באַלד אויף די מעגלאַכקייטן פון אַזאַ פּלאַן. מ'אַנטוויקלט אים. מען שטעלט זיך פאָר אַלע נייע פּרטים. עס ווערט קלאָר, אַז אַן אומאָרדנונג דאַרף מען מאַכן ניט אין דער קאַמער, וואו מ'האָט איבערגעזעגנט די גראַטעס, נאָר אין אַן אַנדער טייל טורמע, כדי אָפּצוציען אַהינצו די וועכטער. די אומאָרדע־נונג דאַרף פּאַרקומען אין אַזאַ נאַכט, ווען דער נאַטשאַלניק איז ניטאָ אין טורמע—ער פאָרט אין שטאָט אַריין, אין קלוב—וועלן אים די וועכטער דאַרפן טעלעפאָנירן, וועט דערווייל אַוועקגיין מער צייט. עס ווערט אויך קלאָר, אַז אויב דער הויפט־וועכטער וועט פאָרט פאַרבלייבן אינדרויסן, וועט מען אים מוזן באַפאַלן און בינדן.

עס שטייט אויף די פראַגע, וויפיל אַרעסטירטע זאָלן אויפהויבן דעם טומל, און זינגער איז דערפאַר, אָז ניט ווייניקער ווי צוויי זאָלן אָף זיך נעמען דאָס שטיקל אַרבעט, ווייל אין צווייען וועט די אומאָרדענונג אויסזען גרעסער. אָבער סאַמסאָנאָוו נעמט דאָס וואָרט

און דערקלערט מיט זיין רואיקער, ווייכער שטימע, אַז מען טאָר ניט איינשטעלן צוויי חברים, ווייל אויב דאָס אַנטלויפן וועט אָפּגעראָטן, וועט מען דאָך דעם טומל־מאַכער באַשטראָפן מיט אַ שווערער שטראָף, איז אַן עבירה צוויי אַרעסטאַנטן. און וואָס איז שייך דעם טומל, ווענדט זיך דאָס אָן דעם חבר: אויב ער וועט קענען אַנט־וויקלען אַ גענוג־גרויסן טומלדיקן פּראָטעסט — דער טומל מוז אָנ־נעמען די פאָרמע פון פּראָטעסט קעגן דער טורמע — וועלן זיך די אַרעסטאַנטן פון די איבעריקע קאַמערן במילא אָפּרופן, וועט זיך אויפהויבן אַ ספּאָנטאַנע מאַסן־אומרואיקייט, וועלן די וועכטער פאַרלירן די קעפּ — און דאָס וויל מען דאָך דערגרייכן.

די פינף אַרעסטאַנטן פון יואל'ס קאַמער — סאַשאַ, זינגער, סאַמסאָנאָוו, יואל, און דער פינפטער, אַ ווייניק־אויפגעקלערטער, אָבער געטרייער אַרבעטער, — זעען איין די ריכטיקייט פון אָט־דער טענה. עס בלייבט מאַכן אַ טומל און עס בלייבט, אַז דעם טומל זאָל מאַכן איין חבר.

און עס טוט זיך ניט ווילנדיק אַ פרעג: ווער זאָל אַף זיך נע־מען די אַרבעט? און די פינף זיצן און שווייגן אַ ווייל. דער קליי־נער קעראָסין־לאָמפּ ברענט מיט אַ רויטן פלעמל און רויכערט. די טורמע שלאָפט שוין. אינדרויסן איז קאַלט און ווינטיק, פון דעם דאַך פאַלן שטיקער אונטערגעשמאָלצענעם שניי. דורך דעם ווינט הערן זיך דאָך די פוסטריט פונם וועכטער אין הויף. ער גייט און קלאַפּט מיט דער ביקס איבער די שטיינער. אָדער אפשר נאָרט דאָס דער אויער? אַזוי פיל אָוונטן זיך איינגעהערט אין יענע רו־איקע שווערע טריט. וואָס וועט זיין אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום?

יואל דערפילט פלוצלינג אַ כוואַליע, וואָס נעמט דורך זיין גאַנץ וועזן. ס'איז ווי מ'וואָלט אַריינגעגאָסן אין זיין ברוסטקאַסטן עפּעס אַ וואַרימע שטייפע קראַפט. ס'איז ווי אַ פעסטע האַנט האָט אים אָנגענומען אינעווייניק און הויבט אים.

יואל זאָגט זייער רואיק:

— איך וועל מאַכן דעם טומל.

סאַמסאָנאָוו טוט אַ שמייכל אין די בלאָנדע וואָנצן — און מען ווייסט ניט, צי איז ער צופרידן, צי איז באַ אים דאָ אַ ווייכער ברי־דערלאַכער חוזק. דער אַרבעטער עפנט זיינע אויגן מיט פאַרוואונ־

דערונג און ס'דאַכט זיך, אַז ער צווייפלט אין דער גאַנצער אונטערנעמונג. זינגער פּרופט קלאָר מאַכן, אַז ניט דווקא אַ חבר פון זייער קאַמער דאַרף מאַכן דעם טומל: מ'קען אָפּריידן מיט איינעם, וואָס זיצט אין אַן אַנדער קאַמער; מ'קען געפינען אַ חבר.

יואל הערט און אים דאַכט זיך, אַז מ'גלויבט אים ניט, אַז מען קוקט אַף אים, ווי אַף אַ זייטיקן אומזיכערן מענטשן. אין יואל'ס באַקן טוט אַ זעץ אַן אומדערטערעגלאַכע היץ, יואל'ן איז שווער צו אָטעמען. ער האַלט מיט דער ווייסער האַנט פעסט איינגעקלאַמערט דעם ראַנד פונם טיש, כדי זי זאָל ניט ציטערן. חבר סאַשאַ לייגט אַרויף זיין האַנט אַף יואל'ס—און ס'ווערט גרינגער. חבר סאַשאַ רעדט אַרויס מיט אַ קול פון איינעם, וואָס גיט אָפּ באַפעלן:

— יואל דאַרף מאַכן דעם טומל. ס'איז זיין רעכט — און מיר פאַרלאָזן זיך אַף אים.

מער ווערט דעם אָוונט ניט גערעדט. מ'דאַרף נאָך דער'זעגן דעם לעצטן פון די פיר פּרענטן. מען דאַרף צוגרייטן די קליידער, צונויפבינדן די גאַרטלען, וואָס מ'וועט זיך אַף זיי אַראָפּלאָזן פונם אויבערשטן שטאָק. מען דאַרף באַוואָרענען הונדערט אַנדערע זאַכן. מען דאַרף אַרויסנעמען פונם באַהעלטעניש די פּאָר הונדערט רובל, וואָס די דריי אַרעסטאַנטן האָבן געהאַט צוגעגרייט פאַר אַזאַ פאַל: מיט אַ הונדערטער קען מען אַמאָל אָפּקויפן אַ שפּיאָן. חבר סאַמסאָנאָוו לייגט צונויף אַלע זיינע ביכער אין איין קעסטל און זאָגט יואל'ן, אַז אַזוי ווי ער קען זיי סיי־ווי ניט מיטנעמען פון דער טורמע, שיינקט ער זיי אים — און זאָל ער האָבן הנאה. יואל דערפילט זיך גוואַלטיק רייך און הויבט אָן גלויבן, אַז סאַמסאָנאָוו'ס ניט־לאַנגיקער שמייכל האָט ניט געהאַט אין זיך קיין חוזק. מ'לייגט זיך באַלד אין די בעטן, כדי די טורמע זאָל ניט באַמערקן, אַז אין דער קאַמער איז עפּעס ניט גלאַטיק, אָבער קיינער שלאָפט ניט. מען שווייגט און מען דרייט זיך פון איין זייט אַף דער אַנדערער און צום טויזנטסטן מאָל גייען פאַרביי אינם מוח די איינצלהייטן פון דעם קומענדיקן אַקט.

און ס'קומט אָן אָוונט — איינדרויסן גיסט אַ קאַלטער רעגן און אין טורמע בלאָנדזשען שאָטנס—און יואל בעט זיך אין גרויסן קלאָזעט. אַ געזעץ אַזאַ פאַראַן אין טורמע, אַז נאָר אין אויסנאַם-פאַלן

און נאָר נאָך אַ סך בעטן פירט מען באַנאַכט אַרויס דעם אַרעסטאַנט אין וואָטערקלאָזעט: „ניט קראַנק", זאָגן די וועכטער, „צו באַגיין זיך מיט דער פּאַראַשע". יואל קלינגט לאַנג און דינגט זיך לאַנג, ביז מען לאָזט אים אַרויס פון זיין קאַמער צו גיין אין קלאָזעט. מיט אים גייט דער אַלטער וועכטער זאַכאַראָוו מיט דער רויטער קליינער נאָז צווישן אַ וועלדל פון גראָע שטעכיקע האָר. זאַכאַראָוו פאַרשליסט די קאַמער הינטער זיך מיט יואל'ן און הויבט אים אָן פירן. מען דאַרף זיך נעמען רעכטס, נאָכדעם ווידער רעכטס, נאָכדעם אַרויפגיין דריי טרעפּלאַך און נאָכדעם עטלאַכע טריט לינקס. יואל גייט אַריין אינם קליינעם פאַר'עפּוש'טן צימער, וואו די אויסגעגאָסענע סמאָלע פאַרטויבט ניט דעם שלעכטן ריח. זאַכאַראָוו בלייבט פאַר דער טיר און יואל באַטראַכט דאָס פאַרגראַטעטע פענצטער, די אויסגעשמירטע ווענט, וואָס זענען אַמאָל געווען ווייס, דעם שטיינערנעם צעריבענעם פאָל. דאָס האַרץ קלאַפּט באַ אים אַזש נאָנט צום האַלז—און ער זאָגט זיך, אַז מ'דאַרף זיך נעמען אין די הענט אַריין, מ'טאָר ניט זיין אַזוי צעטראָגן. ס'גייט אַוועק נאָך אַ מינוט — און זאַכאַראָוו קלאַפּט שוין אין טיר. יואל ענטפערט מיט אַ בייזער: „וואָס האָסטו ניט קיין צייט? מאַך ניט אַזאַ טומל!" זאַכאַראָוו ענטפערט: „זיי ניט עזות'דיק, קום אַרויס". יואל שווייגט אַ מינוט. זאַכאַראָוו טוט אַן עפן די טיר פון דרויסן, יואל טוט זיך אַ וואָרף צו אים מיט אַ געשריי: „מען לאָזט זיך אפילו ניט אָנטאָן! באַנדיטן! בלוט-זויגער! הענקער!"

יואל שרייט אויף אַ קול — און פילט שוין, אַז ער איז טאַקע בייז, אַז ער קען ניט איבערטראָגן די וועכטער מיט דער טורמע מיטן היטן. יואל ווייסט אַליין ניט, אַז ער איז מקנא די חברים, וואָס וועלן היינטיקע נאַכט אַנטלויפן. יואל האָט פיינט דעם אַלטן זאַכאַראָוו'ן, וואָס זיין נעזל איז נאָך רויטער געוואָרן און אַליין איז ער אפילו ניט פאַרוואונדערט פון אַזאַ אומגעריכטן דיסציפּלין־ברוך: קענטיק, געוואוינט צו אַלצדינג. זאַכאַראָוו נעמט אים אָן פאַר דער האַנט — יואל טוט אַ ריס אויס די האַנט און שרייט זייער הויך: „דו סמייעסט מיך ניט אָנרירן מיט אַ האַנט! סמייעסט ניט אָנרירן!" זאַכאַראָוו איז שוין אָנגעצונדן און שרייט פון צווישן אויפגעשטעלטע גראָע חזיר-האָר: „הינטישער זון, ווער רירט דיך

און!" יואל'ן איז מיאוס אַט-דער פּנים, מיט די חזיר־האָר און ער הילכט אַרויס: „האָסט קיין פראוו ניט צו שילטן, האָסט קיין פראוו ניט צו שילטן, הענקער־קנעכט!"

זאַכאַראָוו טוט אים אַ נעם אָן באַם אָרעם און טוט אים אַ שטופּ פאָראויס. יואל שפּאַרט זיך איין מיט די פיס אין דער פּאָדלאָגע און רירט זיך ניט פון אָרט. זאַכאַראָוו זאָגט: „ביסט אַראָפּ פונם זינען, הינטישע נשמה?" און גיט אים אַ זעץ מיט דער פויסט אין ברוסט. יואל'ן טוט דאָס ניט שטאַרק וויי, אָבער ער כאַפּט אָן זאַכאַראָוו'ן באַם עלנבויגן און ציט אים אַרונטער דעם אָרעם, שיפּנדיק: „אהא, וועסט זיך גאָר שלאָגן, דו אַלטע ראָץ?!" זאַכאַראָוו ווערט געל פאַר כעס און זאָגט: „טאָמער פאַלגסטו ניט, איז דאָ אַ רעוואָלווער". יואל הויבט אויף אַ קול און שרייט איבער דער גאַנצער טורמע: „חברים, מען וויל מיך שיסן!"

אין די קאַמערן הויבט זיך אָן אַ טרעוואָגע. ס'הערן זיך קולות דאָ און דאָרטן. זאַכאַראָוו פייפט מיט אַ פייפעלע און באַלד קומען צו גיין נאָך צוויי וועכטער. זאַכאַראָוו זאָגט זיי: „דער זשידאָק איז אַראָפּ פונם זינען. ער שלאָגט זיך און שילט זיך". יואל רייסט זיך אַריין אין די רייד און שרייט: „ליגנער! דו האָסט דער ערשטער זיך אָנגעהויבן טשעפּן! וואָס האָסטו צו מיר? וואָס האָט איר אַלע צו מיר?"

פון די קאַמערן הערן זיך שוין אויסגעשרייען: „מען שלאָגט!" „ווער?" „אַן אָנפאַל!" „חברים!" די וועכטער שרייען: „רואיק דאָרטן, האָלאָדריגעס!" — און דאָס פאַרגרעסערט דעם רעש. איינער פון די וועכטער, פּאַלעי, גייט צו צו יואל'ן און שטעלט אים צו אַ קולאַק צום פּנים. פּאַלעי איז אַן אָקאָרשט אויסגעדינטער סאָלדאַט, אַ שייגעץ פון אַ יאָר דריי-און־צוואַנציק, מיט בלאָנדע האָר און קאַלטע גראָע אויגן. פּאַלעי שיפּעט אַרויס פון צווישן ווייסע פאַרשטשעמעטע ציין: „הער דו, זשידיוהאַ, אויב דו הערסט ניט אויף, מאַך איך פון דיר אַ קאַשע". יואל'ן דאַכט זיך, אַז דאָס איז ניט פּאַלעי, נאָר יענער שייגעץ מיט די ווייסע האָר, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צו ריווקע'ן אין איינעם אַ פאַרשלאָטענעם זונטיק. יואל זעט די אייגענע ווילדע חיה, דעם אייגענעם צעפלאַמטן קוק, וואָס זעט שוין גאָרניט. יואלן נעמט דורך אַ שאַרפער שטאָך, וואָס

פאַרהאַמעוועט דאָס בלוט אין יעדן אָדער. ווידער די אייגענע בלוטיקע חיה. יואל וואַרט ניט און טוט אַ שטויס פון זיך דעם שיינעץ, אַזש יענער, ניט געריכט זיך אַף אַן אָנפאַל, טאַנצט צו־ריק עטלאַכע טריט און שטויסט זיך אָן מיטן רוקן אָן אַ טיר פון אַ קאַמער. פון דאָרטן דערהערט זיך אַ ריטשען פון אַ צענדליק קולות. אין דער זעלביקער מינוט קנאַלט אַ שאָס: דאָס האָט אַ פערטער וועכטער, לויפנדיק פון אונטערשטן שטאָק, דערוויייל אויסגעשאָסן אין דער לופטן. עס לויפן שוין נאָך וועכטער. עס קומט דער הויף־וועכטער מיט דער ביקס. זאַכאַראָוו זאָגט אים: „גיי, פּטאַכין, טעלעפאָניר דעם נאַטשאַלניק אין קלוב אַריין, זאָג אים, אַז ס'איז אַ בונט". יענער גייט אַוועק אין קאַנטאָר, קלינ־גענדיק מיט דער ביקס איבער די טרעפּ.

די טורמע הודזשעט שוין, פון אַלע עקן קלאַפּט מען אין די טירן. וועכטער לויפן פון טיר צו טיר, שרייען: „שטיל! שטיל!" און באַגעגענען אומעטום צערייצטע דערשראָקענע פּנים'ער, פול מיט טויטלאַכער אומרו. נאָר אין דער קאַמער, וואו יואל איז גע־זעסן, איז אַלצדינג רואיק. אַף די בעטלאַך פון סאַמסאָנאָוו'ן, זינ־גער'ן און חבר סאשאַ'ן ליגן פיגורן איבערגעדעקט מיט קאָלדרעס: דאָס האָט מען אומיסנע אַזוי אויסגעלייגט די קליידער און די שטרוי־זעק, אַז ס'זאָל אויסזען ווי שלאָפנדיקע געשטאַלטן. נאָר דער פינפטער אַרעסטאַנט, דער אַרבעטער, איז געווען וואַך און רואיק אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל אין טיר — אָבער ער האָט קיין טומל ניט געמאַכט. דאָס האָט ער צוריק אַריינגעשטעלט די פרענטעס, וואָס די דריי האָבן אַרויסגענומען פאַרן אַנטלויפן.

אַרום יואל'ן האָבן זיך פאַרזאַמלט פיר וועכטער. יואל איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט און געקוקט, ווי אַ וואָלף אַרומגערינגלט פון יעגערס. אין זיין אויסזען איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט באַאומרואיקט די וועכטער. פּאַלעי איז נאָך אַמאָל צוגעגאַנגען און אַרויסגערעדט: „אויב דו הערסט ניט אויף די אומאָרדענונג, וועסטו פאַרזוכן אייזן". יואל האָט געענטפערט מיט אַ הויך קול: „האָסט קיין רעכט ניט מיר צו סטראַשען. וואָס האָב איך געטאָן?" אַ דריטער וועכטער האָט זיך אַריינגעמישט מיט אַ רואיקן קול: „אָבער וואָס ווילסטו?" יואל האָט נאָכאַנאַנד גע־

שריען: „איך וויל איר זאָלט מיך לאָזן צורו! איך וויל איר זאָלט מיך לאָזן צורו! איך קען שוין מער ניט! וואָס האָט איר צו מיר!"

דער דריטער וועכטער האָט אַ וואונק געטאָן צו די איבעריקע: „נעמט אים". מ'האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו יואל'ן, מען האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיינע הענט און פיס, אָבער ער האָט זיך געווערט. ער האָט זיך געוואָרפן און געפּאַרפּלט און געדריגעט און מ'האָט אים ניט געקענט אָוועקשלעפּן פונעם אָרט. דער טומל פונעם שטרייט האָט דערוויייל פאַרשטאַרקט דעם טומל אין די קאַמערס. מיט נייער רציחה האָבן די וועכטער זיך געוואָרפן אויף יואל'ן, גע־שלעפּט אים איבערן קאָרידאָר, אָבער יענער האָט זיך איינגעקלאַ־מערט אין אַ רער לעבן די טרעפּ און זיך ניט געלאָזט אָפּרייסן. מ'האָט אים געקלאַפּט מיט די שווערדן־שיידלאַך איבער די פינגער; מ'האָט אים געצויגן פאַר די פיס; ער איז ווי צוגעפרוירן געוואָרן צו דער רער. „אַט אַ פאַרפלוכעניש! אַזאַ פּאַסקודנע צרעת!" האָבן די רוּאיקערע געררעט. אָבער פאַלעי איז שוין אַריין אין אַ משוגע־נער בלוט־דאָרשט. פאַלעי האָט געהאַמערט מיט ביידע קולאַקעס איבער יואלס פלייצע. די קלעפּ זענען געפאַלן שווער און גערדיכט. יואל האָט אַזוי פאַרקוועטשט די ציין, אַז דער פּנים האָט זיך גע־פילט ווי געפרוירן אייזן. יואל האָט שוין ניט געשריגן, די אַרעס־טאַנטן האָבן גערעוועט און די וועכטער זענען געלאָפן איבער די קאָרידאָרן. יואל האָט זיך געהאַלטן אָן דער רער מיט פאַרגלי־ווערטע ווייסע פינגער וואָס זענען שוין געוואָרן בלאָ.

ער האָט געפילט, אַז ער וועט שוין לאַנג ניט אויסהאַלטן, ווען ס'איז געקומען דער הויף־וועכטער מיט דער ביקס און געזאָגט: „דער נאַטשאַלניק הייסט אַריינזעצן דעם בונטאַוושטשיק אין קאַר־צער, די איבעריקע זאָל מען באַרואיקן אין די קאַמערס". אַ שטראַל פון פרייד האָט דורכגענומען יואלן: מען וועט זיך ניט אומקערן צו זיין קאַמער. מען וועט אים שלעפּן אין קאַרצער. ער האָט גע־וואוסט, אַז איידער מ'וועט אים דערשלעפּן, וועט אַוועק אפשר ניט ווייניקער ווי פופצן מינוט. ער וועט זיך ווערן אויף יעדער טרעפּ און בא יעדן קער. דער הויף־וועכטער וועט גיין מיט זיי.

ס'האָבן געשמאַרצט די הענט און ס'האָט געשטאָכן אין זייט,

אָבער אַ פרייד האָט געוואָרימט און געגלעט. ס'וועט זיין כח. ס'איז דאָ דער ווילן. ער וועט ראַטעווען די דריי חברים.

—— —— —— —— —— —— —— —— ——

ערשט אינדערפרי האָט מען אַנטדעקט דאָס אַנטלויפן פון די דריי אַרעסטאַנטן. אַנטדעקט האָט מען דאָס צוליב דעם, וואָס קיינער, אַחוץ דעם אַרבעטער, האָט ניט גענומען קיין קיפּיאַטאָק און וואָס די דריי פיגורן האָבן זיך ניט אויפגעהויבן פון די בעטן צו דער אינדערפריענדיקער פּאָווערקע. מען איז אַריין און מ'האָט געפונען די אויסגעצויגענע שטרוי־זעק און מ'האָט באַטאַפּט און דערזען די איבערגעזעגטע גראַטעס. אין צען מינוט אַרום איז פּאַ־לעי אַריין צו יואל'ן אין קאַרצער און אים געשלאָגן מיטן הענטל פון דעם רעוואָלווער, ביז ער האָט געשטילט זיין רציחה. ווען ער איז אַוועק, איז יואל געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ בלוטיקער נאַסקייט.

צום צווייטן מאָל האָט זיך יואל באַגעגנט מיט האַוויריל'ען אין דער גרויסער שטאָט, וואוהין ס'זענען אָנגעקומען די עט־לאַכע הונדערט סאָלקאָטן פון האַווירילע'ס פּאָלק, נאָכדעם ווי זיי זענען אַוועק פונם לאַגער, פאַרכאַפּט אַ צוג און געצוואונגען דעם מאַשיניסט צו פאָרן אין דער ריכטונג אויף כאַרקאָוו. יואל איז שוין געווען אַ מיטגליד פונם באָלשעוויסטישן שטאָט־קאָמי־טעט און אַן אָנגעזעענער טוער.

זיין וועג צו באָלשעוויסטישער פּאַרטיי־אַרבעט איז נאָך יענעם געשלעג אין טורמע בײַ סאַמסאָנאָוו'ס, זינגער'ס און סאַ־שאַ'ס אַנטלויפן שוין ניט געווען ניט קיין לאַנגער און ניט קיין שווערער. פון דען קאַרצער האָט מען יואלן אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל, וואו מ'האָט אים איבערגעבונדן די וואונדן און דערלויבט ריווקע'ן זיצן בײַ זיין בעטל אַלע נאָכמיטאָג. די אינווייניקסטע אברים זענען בײַ אים ניט געווען געשעדיקט, נאָר איין ריפּ איז געווען איבערגעבראָכן און די הויט צעקאַרבט אָפּן שאַרבן און איבערן גאַנצן קערפּער. דריי טעג נאָכן אַנט־לויפן, ווען ריווקע איז צום ערשטן מאָל אַריין אין קראַנקן־צימער, האָט זי נאָר געזען צוויי טונקעלע אויגן צווישן אַ באַרג פון וואַטע און באַנדאַזשן. יואלס קאָפּ איז געווען אויפגעלאָפן

און די ליפּן אַזוי געשוואָלן, אַז ער האָט מיט זיי ניט געקענט רירן. גערעדט האָט ער כמעט גאָר ניט — אָבער די אויגן האָבן גליקלאַך געשמייכלט. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט זיך יואל ניט געפילט אַזוי רואיק, באַרואיקט, באַפרידיקט און איינ־קלאַנג מיט זיך, ווי אין יענע רעגנדיקע און קאַלטע טעג פון סוף ווינטער אין דעם גראָען אומפריינטלאַכן טורמע־לאַזאַרעט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מאַרג. ווען ריווקע איז געקומען — מ'האָט איר געלאָזט וויסן פון דער טורמע דורך גוטע פריינט — האָט ער זיך אפילו געוואָלט אויפזעצן, אָבער די נאָך־ניט פאַר־היילטע וואונדן האָבן צופיל געשמאַרצט. דערפאַר האָט ער אַריינגענומען ריווקעס האַנט אין זיינע פאַרגרעבט־געוואָרענע האַרטע דלאָניעס, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אַ סך קראַצן, געגלעט די מיידלשע פינגער און אַרויסגעהעשעט פון צווישן די אומגעלומפּערטע גרויסע ליפּן.

— האָסט עפּעס געהערט?

יענע האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אָרעם, אַריינ־געדרוקט די אַנדערע האַנט אין קישן אונטער זיין קאָפּ, אַריינגע־קוקט אין זיינע גרויסע אויגן, וואָס זי האָט זיי קיינמאָל אַזוי גרויס ניט געזען, און געענטפערט, פאַרשטייענדיק פונם ערשטן וואָרט וואָס ער מיינט:

— אודאי. די גאַנצע סביבה רעדט דאָך דערפון. אַלע דריי פאַרשוואונדן, ווי אין וואַסער. באַ אונז אין שטאָט דער־ציילט מען זיך אָן נסים, זיידנבערג דער לערער...

אָבער יואל האָט ניט געוואָלט הערן די מיינונג פון זייי־דנבערג דעם לערער. דורך יואלן איז דורכגעגאַנגען דער בליץ פון אַ גרויסער בשורה. סאַמסאָנאָוו, זינגער און סאַשאַ זענען טאַקע אַפּן רעכטן אמת אַנטלאָפן. אויב מען האָט זיי ניט גע־כאַפּט די ערשטע נאַכט, וועט מען זיי שוין ניט כאַפּן. העי, ווי עס הויבט זיך דאָס האַרץ, ווי עס צאַפּלט אונטער דעם גיפּס־באַנד!

יואל טוט אַ ציי ריווקען צו זיך, נעמט אַריין איר ליבן קאָפּ אין זיינע הענט און זאָגט:

— אוי ריווקע, ווי גוט!

און מער רעדט ער שוין ניט דעם טאָג. ס'איז ניטאָ וואָס צו רעדן. אַלצדינג איז איצט אַזוי פאַרשטענדלאַך.

ריווקע רעדט אויך ניט. ריווקע איז ניט קיין מענטש פון חקירות, אָבער מיטן הארצן פילט זי, אַז אָן אַ שיער האָט זיך געענדערט אין יואל'ן, אַז דאָס איז אַן אַנדער מענטש, אַן על-טערער און אַ גרעסערער, וואָס ניט נאָר זי האָט אים ליב, נאָר זי האָט פאַר אים אַביסל מורא און צוליב דער מורא ווערט ער איר נאָך ליבער. ריווקע איז צופרידן, וואָס זי קען זיצן עטלאַכע שעה און קוקן אַף יואלס צעביילטע פינגער און פון צייט צו צייט אים אַריינרוקן אַ שטיקל שאָקאָלאַד אין מויל אַריין. ווען אירע פינגער רירן אָן זיינע ליפּן, דאַכט זיך איר, אַז ער קושט זיי — און זי ווייסט שוין מיט איר גאַנצן וועזן, אַז זינט ער איז געוואָרן אַ נ ד ע ר ש, איז ער צערטלאַכער צו איר, איז ער פול מיט לאַסקע, — און טאַקע צוליב דעם ווערט ער איר ליבער.

מ'דאַרף ניט רעדן — און אַ שעה נאָך אַ שעה גייט אַוועק אינם גראָען לאַזאַרעט-צימער, וואו ס'ליגן און הוסטן נאָך זיבן האַריקע וואַקס-געלע אַרעסטאַנטן, — און דאָס, וואָס עס וועבט זיך צווישן די צוויי יונגע מענטשן, איז שטאַרק און לויטער און פיינלאַך-זיס.

מען דערציילט זיך וועלטן — אָן ווערטער, ווארום ווער-טער זענען אַ שאָלעכץ, וואָס פאַרדאַרבט דעם קערן. אָבער אַז דער שליסער קומט און קלינגט מיטן בונט שליסלען און זאָגט מיט געמאַכטער שטרענקייט — מען קען ניט זיין אַף דער אמת'ן שטרענג מיט ריווקען — „אנו, באַרישנאַ, גענוג געהאַסטיעט זיך, צייט אַהיים", בויגט יואל אָן ריווקעס קאָפּ צו זיך און שעפּטשעט איר אַריין אין אויער:

— איך וועל האַלטן מיין צוזאָג, זעסט: איך קען.

און באַטש ריווקע'ן ווערט קאַלט פון די ווערטער, ווייל זיי דערמאָנען איר, אַז וואָס ס'איז געוועזן קען מען קיינמאָל ניט אויסמעקן און ניט פאַרגעסן, פילט זי דאָך, אַז וואָס יואל וועט טאָן, איז רעכט. און נאָך פילט זי, אַז ער איז אַ י-

ר ע ר, א מאַן, — אַ באַשיצער, אַף אַזאַ אופן, ווי ער איז דאָס קיינמאָל ניט געווען.

און ס'גייט אַוועק נאָך עטלאַכע טעג — און יואל ווערט געוואָר, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט אים צו'ממית'ט און מ'האָט מורא פאַר אַ סקאַנדאַל אין דער עפנטלאַכקייט, און אַ דאַנק דעם, וואָס נאַטשאַלסטווע וויל ניט ווייזן דער וועלט, ווי אַזוי די אַרעסטאַנטן האָבן זי געלאָזט מיט אַ נאָז, וועט מען אַף אים ניט מאַכן קיין משפט פאַר העלפן די אַרעסטאַנטן אַנט־לויפן. מען האָט זיך נאָר באַנוגנט מיט צוויי וואָכן קאַרצער, וואָס ער איז אָפּגעזעסן נאָכן אַרויסגיין פון לאַזאַראַעט. אָבער אויך דער קאַרצער איז שוין געווען גרינגער, וואָרום מען האָט צוגעלאָזט עסן, וואָס ריווקע האָט געשיקט פון דער פריי, און צעטעלאַך פון אויבערשטן שטאָק זענען אָנגעקומען צו עטלאַכע אַ טאָג.

אַז יואל האָט זיך ענדלאַך אומגעקערט אין טורמע, אין זיין געוועזענעם קאַמער, האָבן אים אַלע אַרעסטאַנטן באַגעגנט מיט אַ נייעם דרך־ארץ. אים אַליין האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַ רעכט אַף דער טורמע, ער האָט זיך שוין מער ניט געפילט, ווי אַ געיאָגטער, נאָר ווי איינער, וואָס שטייט העכער פון נאַטשאַל־ניקעם מיט זשאַנדאַרמען. און געוואוסט האָט ער, אַז וויפיל מ'וועט אים שוין ניט פּלאָגן, דאָ און אַנדערשוואו, און וויפיל ווייטיק זיין קערפּער זאָל ניט ליידן, וועט אָט דאָס ה ע כ ע ר־ז י י ן שוין בלייבן זיין אייגנס. און טאַקע צוליב דעם האָבן אי די וועכטער, אי דער נאַטשאַלניק אַף אים געקוקט מיט אַנ־דערע אויגן. דער אַלטער זאַכאַראָוו האָט צו אים איינמאָל אין אָוונט אַריינגעשמייכלט אין קאַמער אַריין און געזאָגט אַזוי אַז אַנדערע זאָלן ניט הערן:

— נו, אַ שטיקל אַרבעט האָט איר אָפּגעטאָן — איר אין נומער 9. ריין געראַבאָטעוועט — אַ פאַרגעניגן.

דאָס אַלטע פּאָליציייסקע האַרץ האָט דערפילט אַכטונג צו די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די קלוגשאַפט און דעם מוט אָפּצונאַרן און באַקעמפן אים און זיין גלייכן — און אַנטלויפן.

אַליין האָט זיך יואל גענומען צו די ביכער מיט נייער

התמדה. אַ גאַנצע קאַסטן מיט ביכער און אַ סך בענד, וואָס זענען אין קאַסטן ניט אַריין, האָט אים איבערגעלאָזט סאַמסאָנאָוו. ס'איז געווען אַ סך וואָס צו לייענען און צו טראַכטן — און די איבעריקע צייט, וואָס ס'איז אים נאָך פאַרבליבן צו זיצן אין טורמע, איז ער טאָג און נאַכט געזעסן איבער די ביכער. אָבער אויך די ביכער האָבן צו אים איצט גערעדט אַנדערע ווערטער. זיי זענען שוין מער ניט געווען אַבסטראַקט. זיי זענען ניט געשטאַנען אויסערן לעבן. אױף שריט און טריט האָט איצט יואל געזען אָנדייטונגען, ווי אַזוי צו האַנדלען, ווי צו אָרגאַניזירן מענטשן אין קאַמף.

און אַז דער ווינטער האָט זיך געענדיקט און מיט אים יואל'ס צייט אין טורמע, און ווי באַלד די טירן פון דער טורמע האָבן זיך פאַרהאַקט הינטער אים מיט אַ קנאַק, און ריווקע האָט, אַ שמייכלענדיקע און אַ ליכטיקע, אים געפירט איבער די גאַסן פון דער גרויסער אויעזדנער שטאָט, וואָס זענען פאַר דער צייט פון זיין זיצן איר געוואָרן אַזוי גוט באַקאַנט — האָט דאָס לעבן אים אַרומגענומען מיט אַ סך הענט און געפאָדערט און געמאָנט. דער טאַטע איז שוין לאַנג געווען קראַנק — געהוסט און אויסגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג, און איצט, מיט דער וועסנע, איז געוואָרן קלאָר, אַז ער איז פאַרביי. די מאַמע, וואָס האָט צוליבן טאַטנס קראַנקהייט אפילו קיין איינציק מאָל ניט געקענט קומען אים זען אין געפאַנגענשאַפט, האָט זיך אױף אים אַרויפגעוואָרפן מיט אַ געוויין און אַ געיאָמער, ווי נאָר ער איז אַראָפּגעקראָכן פונם וואָגן, נאָך איידער אפילו ער איז אַריין אין שטוב, און דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט אין דער שיינער אידענע, וואָס האָט געטראָגן אין איר באַנעמען די איידלקייט פון אַ חשוב'ער משפּחה. דער טאַטע איז געלעגן אַן אויסגעלאָשענער, מיט אַ סך גראָע האָר אין דער שוואַרצער צעוואָקסענער באָרד און מיט גריבער אין די באַקן. דער טאַטע האָט שוין קיין כח ניט געהאַט פאַר פרייד און טרויער. ער האָט נאָר געזאָגט: „ברוך הבא, זון“ — און שפּעטער האָט ער צוגעגעבן מיט דעם דראַמאַטישן טאָן פון זייער קראַנקע מענטשן, וואָס ווילן דורך דעם ווייזן די ערנסטקייט פון זייער קריינק: „איצט מעג איך שוין

רואיק שטאַרבן. איך האָב אַף וועמען איבערצולאָזן די מאַמע“.

דער טאַטע האָט ניט לאַנג געלעבט. ווען מ׳האָט אים יענעם העלן וועסנע־טאָג באַגראָבן אַפן בית־עולם, וואָס איז גע־ווען באַשאָטנט פון גרויסע בוימער מיט פרישע אָקאָרשט צע־וואַקסענע שמעקעדיקע בלעטער, האָט יואל זיך געוואונדערט, וואָס וועט מיט אים ווערן. דאָס לעבעדיקע לעבן איז געווען אַנדערש פון דעם, וואָס מ׳האָט זיך געמאָלן אין טורמע. דאָרט, איבער סאַמסאָנאָווס ביכער, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען דאַרף נאָר וועלן — און דער וועג פון קאַמף ליגט אָן אָפּענער און אַ גלייכער. דאָ איז געווען אַ פאַרוויינטע אַלט־געוואָרענע מאַמע און אַ יונגע ליכטיקע ריווקע, וואָס ער איז פאַר זיי אַ קוואַל פון לעבן. דאָרט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען מ׳האָט נאָר כח, איז אַלץ מעגלאַך, דאָ האָבן זיך געשטעלט גאַנץ וואָ־כעדיקע, אָבער זייער בייסיקע פראַגן פון פרנסה, דירה־געלט, חובות. מען דאַרף ווערן אַ פאַרדינער.

אין דער קליינער היימישער שטאָט איז ניט געווען וואו צו פאַרדינען. דער לערער זיידנבערג האָט פאָרגעשלאָגן: או־ראָקן, — אָבער די מלמדות איז יואל׳ן געווען ניט צום הארצן. אפשר האָט אים אָפּגעשטויסן דער ביישפּיל טאַקע פון דעם זעלביקן זיידנבערגן, וואָס האָט פאַרבראַכט זיינע יאָרן אָן אַ זייט פון דער גרויסער וועלט און וואָס איז פאַרבליבן אַ סענטי־מענטאַלער טרוימער. יואלן איז איצט פריקרע געווען צו הערן סיי זיידנבערגס התפעלות, סיי זיינע קינדערשע פראַגן. אַף זיידנבערגן האָט יואל ערשט געקענט אָפּשאַצן, ווי אומבאַהאָלפן ער מיט זיינע חברים — די אַנדערע שטעטלדיקע יונגעלייט — זענען געווען צוריק מיט אַ יאָר, מיט זייערע צימער־שמועסן און לעבערלאַכער זעלבסטשויץ. ער האָט געזען, אַז מיט די אַלע יונגען איז אים איצט שווער צו רעדן. ער האָט זיי געפרופט דער־קלערן דעם זין פון פאַרטייאישקייט און פון אויסגעהאַלטענער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, אָבער יענע האָבן געזאָגט: „דאָס איז צו שמאָל; ווי קאָן אַ מענטש זיך איינשפּאַנען, ווי אַ סאָל־דאַט?“ — און בכלל האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז עפּעס זייער ווייט און עס האָט ניט קיין האַפט. זייער

שטאַרק האָבן זיי געוואָלט וויסן, וואָס ער האָט געטאָן אין טורמע — ס'האָבן זיך געהערט וועגן דעם אומקלאָרע קלאַנגען — אָבער יואל האָט זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין די זאַכן.

איז געבליבן אַרויספאָרן אין דער גובערנסקע שטאָט מיט דער מאַמען און מיט ריווקע'ן. אָבער דערווייל, איידער מען האָט אויספאַרקויפט דאָס באַלעבאַטישקייט און זיך צוגעגרייט צו דער נסיעה, איז זיך יואל געגאַנגען אָף זיינע אייגענע פאַר־באָרגענע וועגן. יעדן זונטיק, ווען פויערים פון די אַרומיקע דער־פער זענען געקומען אין שטאָט אַריין, איז ער אַרומגעגאַנגען אי־בערן מאַרק, אַריינגעשמעקט אין די אומלעגאַלע, אָבער גאַנץ אָפענע קרעטשמעס, געשטאַנען לעבן דער מאָנאָפּאָלקע — און גע־קוקט. יעדן אינגערן פויער האָט ער באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. טויזנטער גויים זענען אַזוי פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיינע ערנסט־פאַרטראַכטע אויגן. אַמאָל פלעגט ער אַרויסגיין אויסערן שטאָט מיט אַ בראַונינג, וואָס איז אים געבליבן פון דער פּאָג־ראָם־צייט, און זיך געלערנט שיסן. איינער אַליין האָט ער גע־איבט זיין האַנט און מיט פרייד געפונען, אַז זי ווערט אַלעמאָל פעסטער. שפּעטער האָט ער גענומען אַרויסגיין איבער די דערפער. דער מאַמען און ריווקען האָט ער געזאָגט, אַז ער דאַרף זיין אין אויעזד־שטאָט צוליב די פּאַפּירן. אַליין האָט ער טאָג־איין, טאָג־אויס געשפּאַנט איבער די אַרומיקע דערפער אין אַלץ אַ גרעסערן קרייז. אומעטום האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט, געפרעגט, געשמועסט מיט אידן און גויים. אין קע־שענע האָט ער די גאַנצע צייט געהאַלטן דעם אָנגעלאָדענעם בראַונינג. געגאַנגען איז ער אָן מורא, פאַר קיינעם זיך ניט פאַרשטעלט, ניט געזוכט קיין תירוצים. גייט זיך אַ מענטש איבער דערפער — אַ אידישער בחור מיט אַ שוואַרצן יונגן בערדל און מיט איינגעפאַלענע באַקן, אַ אידישער הויכער בחור מיט אָפּגעריבענע קליידער און אַביסל אַן איינגעבויגענעם רוקן, — גייט ער זיך פון דאָרף צו דאָרף, שטעלט זיך אָפּ אָף נאַכט־לעגער אין אַ קרעטשמע אָדער אין אַ גויאישער שטוב, טוט אויס אָף באַנאַכט די קליידער מיטן רעוואָלווער, וואָס ער טראָגט

אים אין קעשענע — און לאָזט קיין גוי נישט דורך אָן אַ קוק און אַ פרעג אין די אויגן.

וואָלט עמיצער אין יענער צייט געקומען און געפרעגט:
„וואָס טוסטו, יואל? האָסט אַ מאַמען און אַ מיידל, וואָס דו האָסט זיי צוגעזאָגט פאַרזאָרגן דאָס לעבן — וואוהין־זשע גייסטו און וואָס זוכסטו איצט אין די דערפער?" — ווען עמיצער פרעגט יואל'ן אַזאַ פּשוטע דירעקטע פראַגע, וואָלט ער מסתמא אַליין קלאָר ניט געענטפערט, ניט קוקנדיק אַף זיין פייאיקייט זיך אָפּצוגעבן דין וחשבון פאַר זיין אייגענער נשמה. יואל האָט נאָר געוואוסט, אַז ער געפינט זיך אין די הענט פון אַ גרעסע־רער מאַכט, וואָס ער האָט איבער איר נישט קיין שליטה... יואל האָט גענומזט טאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן. צוליב דעם האָט ער געליטן די לאַנגע וואָכן פאַר זיין אַרעסט; צוליב דעם האָט ער איבערגעטראָגן די טורמע; צוליב דעם האָט ער מיט זיך אויסגעקעמפט די גרויסע קאַמפן.

ווען עמיצער וואָלט געקאָנט לייענען די ניט־אויס־געפורעמטע געדאַנקען פון דעם יונגן וואַנדערער, — דאָס, וואָס האָט בלינד, אָבער מעכטיק געפּאַכט אין די ברייט־קייטן פון זיין נשמה — וואָלט ער געפונען, אַז דער חוב, וואָס ער איז שולדיק זיך און ריוועקען, איז בא אים גרעסער ווי די פליכט צו זאָרגן פאַר איר ווייטערדיקן לעבן, אַז דער פלעק, וואָס ברענט נאָך אַלץ אין דעם בנין פון זיין וועלט, מאַכט פאַר אים אוממעגלאַך צו פילן זיין רעכט אַף לעבן. דאָ, אין דער באַקאַנטער היימישער סביבה, וואו יעדע גאַס און יעדע קלייט האָבן דערציילט פון יענעם אומגליקלאַכן זונטיק, האָט דאָס גע־ברענט נאָך שמערצלאַכער און הייסער.

אָבער יואל האָט אין דער צייט ניט געטראַכט קיין גע־פורעמטע געדאַנקען. ער האָט געוואוסט, אַז ערגעץ, דאָ ניט וייט, לעבט אַ שייגעץ מיט ווייסע האָר און בלאָע אויגן, אַן אָקס מיט אַ ווילדער גבורה און מיט אַ בלינדער, אומבאַצווינגלאַכער רציחה. ער, יואל, האָט געדאַרפט געפינען דעם שייגעץ. ער האָט אַף אים קודם כל געדאַרפט אַ קוק טאָן. אפשר וועט ער גאָר צו אים ריידן. אפשר וועט ער אויספּרופן, ווער עס איז שטאַר־

קער. אָבער אויך דאָס האָט זיך יואל ניט געזאָגט אַף קלאָר. ער האָט געדאַרפט זען דעם בלאָנדן שייגעץ, ער האָט אים געזוכט און ניט געקענט געפינען.

אַז ער האָט אַזוי געבלאָנקעט איבער דערפער און וועגן, האָט מיט אים איינמאָל אָט־וואָס געטראָפן. ער איז געגאַנגען אַף אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן צוויי ווענט הויך־אויפגע־שפּראָצטן קאָרן. עס האָט געשיינט די זון און עס האָבן גע־צווירקעט היישעריקן אין דער תבואה. דאָ און דאָרט האָט אַ בלאָ קאָרן־בלימל זיך איינגעפּאַסט, ווי אַ בלאָער שטערן, אין דעם גראָלאַך־גרינעם קאָרן־געוועב. די סטעזשקע איז געווען שמאָל און די ערד וואַרים אונטער די פיס. אַף יואלן איז אָנגעפאַלן יענע זיסע מידקייט, וואָס האָט אַף אַ צייט אָפּגעשטעלט דאָס האַסטיקע לויפן פון זיין מאַרך־אַפּאַראַט און מיט אַ ווייכן שלייער צוגעדעקט זיין אויסגעמאַטערטן קערפּער. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט באַם וועג, מיט דעם רוקן צו אַ קוסט, און זיך געלאָזט פאַרווּיגן פון דעם גרינעם גראָז־געדודער. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך פון אַ שטורך. אַ שייגעץ איז געשטאַנען איבער אים אַפן וועג און געקאָפּעט אין די פיס מיט זיינע שווערע שטיוול. יואלס לייכטער דרעמל איז אַראָפּ אין איין רגע. יואל האָט זיך אויפגעהויבן, אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע און אָנגע־שטעלט אַפן שייגעצ'ס פּנים דעם רעוואָלווער. דער שייגעץ איז געוואָרן בלייך. זיין פאַרברענטער פּנים האָט זיך פאַרקרימט. יואל האָט געוואוסט — ס'איז אַ פרעמדער שייגעץ, ניט זיינער, ניט די חיה מיט די ווייסע האָר. אָבער יואלן האָט געעקלט פונקט אַזוי, ווי ער וואָלט באַגעגנט דעם אמתן שונא.

יואל האָט געזאָגט:

— לאָז אַראָפּ די הענט.

דער שייגעץ האָט שלאָבעריק און הכנעה'דיק אַראָפּגע־לאָזט די הענט

יואל האָט אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין קעשענע און געזאָגט:

— קום צו נעענטער.

דער שייגעץ האָט זיך מיט וואַקלדיקע טריט צוגערוקט גאָר

נאָנט. דער שייגעץ האָט דערזען יואלס אויגן און האָט זיך פאַר זיי דערשראָקן מער ווי פאַרן רעוואָלווער.

— ווילסט זיך שלאָגן מיט מיר אַף קולאַטשקעס ? קום! איך וועל זיך מיט דיר שלאָגן.

דער שייגעץ האָט פּלוצלונג א פאַל געטאָן אַף די קני און אַרויסגעשטאַמלט:

— האַרעלע, האָב רחמנות, איך האָב, חלילה, גאָר ניט געמיינט. האַרעלע, איך וועל מער ניט...

אמת'ע טרערן זענען געררונען פונם שייגעצ'ס אויגן, געררונען איבער די זון־פאַרברענטע ברוינע באַקן. דער שייגעץ האָט זיך געצייילעמט און נאָכאַנאַנד געלייגט פּאַקלאָנעס: זיך געבויגן פאָראויס און זיך אויסגעגלייכט און ווידער געבויגן.

יואלן איז געוואָרן פריקרע דער גאַנצער עסק. ער האָט א שפּיי געטאָן און אוועק ווייטער. באַלד איז ער פאַרשוואונדן אין קאָרן, אַף א ווענדונג פונם וועג. דער שייגעץ האָט זיך לאַנג נאָך מורא געהאַט אויפצוהויבן און האָט נאָכדעם געגלויבט, אַז ער האָט אין פעלד באַגעגנט א ניט־גוטן אין דער געשטאַלט פון א שוואַרצן דאַרן אידן מיט אויגן ווי רעדער און א באָרד ווי פעך".

ווען יואל פלעגט קומען אהיים פון זיינע וואַנדערונגען, האָט די מאַמע געפרעגט, וואָס הערט זיך אין אויעזד, און יואל האָט געדאַרפט אויסטראַכטן אַלערליי נייע שווערקייטן מיט די פּאַפּירן, כדי ווייטער צו קענען אוועקגיין. אָבער ריווקע האָט ניט געפרעגט גאָרניט. נאָך דעם טויט פון יואלס פאָטער האָט ריווקע זיך אייננאַנצן באַזעצט מיט יואלס מאַמע. די צוויי פרויען האָבן זיך שנעל צוגעבונדן איינע צו דער אַנדערער און זיך געהאַט א סך צו דערציילן. יואלן האָט ריווקע געפילט אָן ווערטער. עס איז איר שווער געווען צו שיידן זיך מיט אים ; ווען ער איז ניט געווען אין דער היים, איז א קאַלטער שטיין געלעגן אין איר נשמה, אָבער זי האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלערנט שווייגן. זי האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף יואלן לאָזן גיין זיין וועג. זי האָט אויך געוואוסט, אַז אין אים פאַרנעמט זי אַלץ א גרעסערן פּלאַץ.

אין יענע זוכענישן האט יואל דעם בלאָנדן שייגעץ ניט גע־פונען

ס'איז געקומען די צייט פון אָפּפאָרן אין דער גרויסער שטאָט — א צייט פון זאָרג וועגן מיטגענומענע שטיקלאך מעבל און קלומקעס, און געזעגענישן, און גיין אפן פאָטער'ס קבר, און געוויין און זיפצן און ווינטשעוואַניעס פון פריינט און באַקאַנטע. יואל האָט דאָס אַלץ דורכגעמאַכט ווי א זייטיקער. יואל האָט אַלץ געפילט, אַז ע פּ ע ס האָט ער ניט אויסגעפירט, אַז עס בלייבט א לאָך, א חסור אין זיין לעבן. ווען מ'האָט זיך אריינגעזעצט אין פור און די ווערבעס אףביידע זייטן וועג האָבן גענומען שווימען אף צוריק און די מאַמע איז געזעסן מיט נאַסע, אַלט־געוואָרענע קינדערשע אויגן, האָט יואל מיט א פארשטייפטן קוק אַלץ נאָכגעפאָלגט יעדן גוי אין פעלד, יעדן גויאישן וואָגן — געזוכט און ניט געקענט געפינען דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט. און אַזוי מיט א ליידיקייט איז ער אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ביז ער האָט געפונען א שטעלע אין א בוך־געשעפט. ווען די ברויט־פראַגע האָט אויפגעהערט מאַטערן און אין געדונגענעם קליינעם שטיבל אף א זייטיקער גאַס האָט ריווקע גענומען אַרויסרופן נייע שמייכלען אף דער מאַמעס פּנים און בויען א נעסט פול מיט וואַרימקייט און צאַרטקייט — דאָס יונגע פּאָרל האָט שטיל חתונה געהאַט, נאָך איידער מ'האָט פאַרלאָזן די היימישע שטאָט — האָט זיך יואל מיט נייעם אימפּעט אריינגעוואָרפן אין די ביכער. ער האָט איצט געהאַט אָן א שיעור ביכער. עס האָבן זיך פאַר אים געעפנט גאַנצע וועלטן מיט ביכער. ער האָט געשפּרייט אָרעמס און געשוואו־מען אין א ים פון נייע קענטענישן, געעפנט נייע, אַלעמאָל ברייטערע האָריזאָנטן, און וואָס מער ער האָט געטרונקען, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זיין דורשט.

יואל האָט זיך אויסגעגלייכט אין זיין נייער סביבה, גע־שיילט פון זיך די פּראָווינציעלע שאַלאַכץ, געוואָרפן זיך אף אַלצדינג, וואָס דער קולטור־צענטער האָט געגעבן: טעאַטער, שמועסן פון אָנגעקומענע באַקאַנטע לעקטאָרן, קורסן פאַר דער־

וואַקסענע. אָבער באַלד האָט ער געפונען, אַז זיין פאַנטאַזיע האָט זיך געמאָלן מער און בעסערס, אַז געפאָדערט האָט ער גייסטיקע שפּייז פאַר דערוואַקסענע ערנסטע מענטשן, בשעת דאָ האָט מען מער אינזינען געהאַט אומאַנטוויקלטע האַלב־קינ־דערשע אינטעלעקטן. פון אָט־דעם באַוואוסטזיין איז יואל גע־וואַקסן אין די אייגענע אויגן, און וואָס מער ער איז געוואַקסן, אַלץ מער האָט ער פון זיך געפאָדערט און אַלץ ווייניקער איז ער געווען צופרידן.

איינמאָל, אַרום סוכות־צייט, שטייט ער אין בוך־געשעפט איבערגעבויגן איבער אַן אָקאָרשט־אָנגעקומענער איבערזעצונג פון אַן ענגלישן פילאָזאָף — ס'איז גראָד ניט געווען קיין קונים, און די איבעריקע אָנגעשטעלטע האָבן זיך געווײַלט מיט בלעטערן די נייע אילוסטרירטע זשורנאַלן — ווען ער האָט דערפילט עמיצנס האַנט אויף זיין פּלייצע. ער טוט אַ קוק און דערזעט סאַשאַ'ן. ער מאַכט ניט קיין ווּנדער — נאָר די אויגן טוען אַ לייכט. ער פרעגט, וואָס דער גאַסט וויל, און בשעת יענער רעדט מיט אים און דינגט זיך, כלומרשט, וועגן אַ בוך, זאָגט ער אים אַן אַד־רעס, וואו זיך צו טרעפן.

יענעם אָוונט איז מען שוין געזעסן אין הויז בײַ אַ חבר, געטרונקען טיי, געוועדלט זיך וועגן דער טורמע. עס זענען געווען דער באַלעבאָס פון קוואַרטיר, זיין ווייב און אי־רער אַ ברודער, יואל, ריווקע און „סאַשאַ", וואָס האָט איצט שוין געהייסן יעפּים. דער באַלעבאָס פון קוואַרטיר און זיין ווייבס ברודער זענען געווען פּאַרטיי־חברים. ריווקען האָט יואל געבראַכט, ווייל ס'איז לאַנג געווען אָפּגערעדט צווישן זיי, אַז זיי טיילן אַלצדינג אין זייער לעבן. סאַשאַ־יעפּים האָט דער־ציילט, וואָס ס'האָט מיט אים און סאַמסאָנאָוון און זינגערן געטראָפן, נאָכדעם ווי זיי זענען אַרום דורכן טורמע־פענצטער, ווי אַזוי זיי האָבן געפונען אַ ליידיקן הויף אָן אַ שומר, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געדראַפּעט איבערן טויער, וואו מען האָט געקענט שטעלן אַ פוס אויף דער קליאַמקע מיטן שלאָס און אַזוי אַרום אַרויפקריכן אויף דעם הויכן מויער. זינגער האָט זיך צעקאַליע־טשעט די הענט און סאַמסאָנאָוו האָט צעריסן אַ פּלודער, אָבער

אין צען מינוט ארום איז מען געווען אף יענער זייט — און היידא! די בריטשקע איז געשטאנען פארטיק.

חבר סאשא־יעפים האט געלאכט מיט א גוטמוטיקן פרייד־לאכן געלעכטער און געזאגט:

— ווערליג מיר זענען נאכדעם געוואר געווארן, האט מען גאר קיין בריטשקע ניט געדארפט. מיר וואלטן געקענט זעקס מאל גיין פאוואלינקע הין און צוריק אין שטאט אריין צופוס, איידער די טייערע קעפ האבן זיך דארטן געכאפט. איר האט פארקאכט א גוטע קאשע, חבר יואל, נישקשה, איר מעגט זיך מיט איר בארימען.

און כאטש יואל האט געברענט פון שעמעוודיקייט, האט חבר סאשא דערציילט פון אנהויב אן די מעשה מיט יואל'ס „טומל" און „אומארדענונג" און ווי אזוי ער האט פארהאלטן א גאנצע כאפטע שליסער. חבר סאשא האט געלאכט, זיך געקאטשעט פאר געלעכטער, ווי דאס וואלט געווען א מאדנע שפיצל, א העכסט־וויציקער שפאס פון א גרויסן קונדס. צום סוף, ווען סאשא האט אויסגעמאלט די לאנגע נעזער, וואס די וועכטער האבן געדארפט באקומען, דערזעענדיק שטרוי־זעק אנשטאט ארעסטאנטן, האט שוין די גאנצע קאמפאניע געלאכט הארציק און פריילאך.

אבער אז דער אוונט האט זיך געהאלטן אין ענדיקן, האט סאשא אפגערופן יואל'ן אן א זייט און אים געפרעגט, וואס טראכט ער צו טאן. יואל האט געענטפערט מיט יענער קינדערשער אויפריכטיקייט, וואס נאר סאשא האט ארויסגערופן בא מענטשן, אז ער האט שוין לאנג געטראכט וועגן אריינטרעטן אין דער פאר־טיי, אז ער האט זיך פאקטיש געגרייט דערצו די גאנצע צייט, אז טיילווייז צוליב דעם איז ער אריבערגעפארן אין דער גרוי־סער שטאט, אבער ס'איז דא מניעות...

—איר מיינט: פסיכאלאגישע? — האט סאשא געפרעגט.

— ערגער, — האט יואל געענטפערט, און א ווייטיק האט זיך געלייגט אף זיין בלאסן פנים אונטער די שווארצע הערלאך.

סאשא האט קורץ און שארף ארויסגערעדט:

— נאך אלץ די פאגראם־געשיכטע?

יואל האָט אַ הויב-געטאָן דעם קאָפּ און אַ ברען געטאָן סאשאַ'ן מיט די אויגן.

— וואָס ווייסט איר פונם פּאָגראָם?

סאשא האָט געענטפערט זאַכט און לאַנגזאַם:

— טייערער יואל, איך האָב אַ סך ארויסגעלייענט פון אייערע רייד. איך וויל אייך נאָר זאָגן, אַז די פּאַרטיי האָט נאָכגעפאָלגט אייער האַלטונג סיי אין טורמע, סיי שפּעטער. איך אַליין בין דאָ נאָר צייטווייליק, אָבער דער היגער קאָמיטעט ווייסט וועגן אייך.

בא יואלן האָט איין קלאַנג אויפגעפלאַמט אַף די ליפּן:

— נו?

סאשא האָט געענטפערט:

— אַט זעט איר דאָך; איך בין געקומען צו אייך. עס איז צייט.

— און דאָס געוועזענע?

— לאָזט עס. גלויבט מיר, עס וועט פון אייך ניט אוועקגיין. אָבער מ'טאָר דאָך ניט זיצן און וואַרטן...

ביידע האָבן געשוויגן — און די שטילקייט האָט געהילכט מיט אומצייליקע רופן.

יואל האָט געזאָגט:

— און מיין אייגענער כאַראַקטער ?

סאשא האָט זיך שוין אַף אַן אמת געערגערט.

— הערט, זייט ניט קיין קינד און וואַרפט אַוועק די אינ־טעליגענטישע גריבלערייען. דאָס הייסט — זיך צופיל געצאַצ־קעט מיטן אייגענעם איך. אדרבא, זאָגט איר אַליין, האָט איר דען ניט באַוויזן, אַז איר טויגט פאַר דער פּאַרטיי? זייט ערלאָך מיט זיך...

ווען די צוויי האָבן זיך אַביסל שפּעטער פּאַראייניקט מיט דער איבעריקער קאָמפּאַניע, האָבן זיי געהאַט עפּעס בשותפות, וואָס ס'האָט ביידע געמאַכט אויסזען ווי היטער פון אַ גרויסן געמיינזאַמען סוד. יואל'ן איז געווען פריילאך, ווי פון ווייַן, און דאָס האַרץ האָט געקילט און געטיאָכקעט, ווי איידער מען שפּרינגט אַריין מיט אַ הייסן קערפּער אין אַ קאַלטן טייך.

אין זיין פּאַרטיי־אַרבעט האָט יואל אויסגענוצט דאָס בוך־געשעפט פאַר אַדרעסן און פאַר באַגעגענישן פון רעוואָלוציאָנערן. אין סאָלדאַטן האָט מען אים ניט גענומען, ווייל ער איז געווען אַ שפּייזער פון אַן אַלטער מוטער. אין קריגס־צייט האָט מען אים גערופן אַף זעקס וואָכן זיך לערנען מיליטער־דינסט, אָבער צום „פראָנט" האָט מען אים ניט „אַוועקגעטריבן". מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ פיגור אין דער אָרטיקער באַוועגונג — אַ באַליבטער רעדנער אַף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און אַ קונצי־קער לערער אין פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזן. אין דער צייט פון אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט ער גלאַט און פרידלאַך דורכגע־פירט די נאַציאָנאַליזאַציע פון זיין בוך־געשעפט און פון די אַנ־דערע ביכער־זאַמלונגען אין שטאָט.

ס'איז געווען שפּעט אין הערבסט, און דער פּאַרטקאָם האָט גראַד געהאַט אַ זיצונג אין דעם געוועזענעם גובערנאַטאָרסקע הויז — מ'האָט אויסגעאַרבעט פּלענער צוזאַמען מיט דער פּראָקציע פון אָרטיקן איספּאָלקאָם וועגן איינשטעלן אָרדנונג אין די פּאָר קאָנפיסקירטע פאַבריקן — ווען מען האָט אָנגעקלונגען פון דער באַן־סטאַנציע און געלאָזט וויסן, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ צוג מיט אַ פיר־פינף הונדערט פרייוויליק־דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן אַחוץ ציווילע פּאַסאַזשירן; אַז דער צוג איז געבליבן שטיין, ווייל עס האָט זיך צעבראָכן אַ ראָד; אַז די סאָלדאַטן האָבן זיך אַרויסגע־שאָטן פון די וואַגאָנעס און באַפאַלן די סטאַנציע ווי הייעשריקן; אַז זיי זענען אויס ווילד, אומאָרגאַניזירט און דעמאָראַליזירט און אַז, לויט אַלע סמנים, שמעקט דאָס מיט אַ פּאָגראָם. דער קאָ־מענדאַנט פון דער סטאַנציע האָט געמעלדעט, אַז שנעלע שטאַרקע מיטלען זענען אומבאַדינגט נויטיק, ווייל די סאָלדאַטן האָבן אַ סך ביקסן און אַ פּאָר פּולעמיאָטן.

קיין רויטע אַרמיי איז אין שטאָט נאָך ניט געווען. די אָרד־נונג האָט זיך געהאַלטן אַף קליינע גרופּן רויטע גוואַרדייצעס, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אָנהויב אָקטאָבער. דאָס זע־נען געווען ס'רוב רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, וואָס האָבן גע־וואוסט, ווי זיך צו באַגיין מיט אַ ביקס. זיי, צוזאַמען מיט דעם אָרטיקן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן דורכ־

געפירט די איבערקערעניש צוריק מיט עטלאכע וואָכן. געווען אין שטאָט אַ פּאָלק סאָלדאַטן, האָט ער זיך דעמאָביליזירט נאָך אין די ערשטע טעג פון דער נייער אָרדנונג.

אַ כאָפּטע פון פיר־פינף הונדערט אויסגעהונגערטע, פאַרבי־טערטע און אומדיסציפּלינירטע סאָלדאַטן מיט געווער אין די הענט איז געווען אַ סכנה פאַר דער שטאָט. אחוץ דעם שאָדן, וואָס זיי האָבן אַליין געקענט אָנטאָן, האָבן זיי געקענט אויפ־מונטערן די בורזשואַזע עלעמענטן. געווען אַ גאַנצע מאַסע אומ־צופרידענע — סוחרים, קרעמער, גלחים, און ערב־רב — וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ געלעגנהייט צו פאַרטרייבן די נייע הערשער.

ווי נאָר ס'איז געקומען די נייעס פונם וואָקזאַל וועגן דער כאַליאַסטרע סאָלדאַטן, האָט עפּעס ווי אַ ספּרוזשינע זיך אויס־געגלייכט אין יואלן. ער האָט דערפילט, אַז זיין טאָג איז גע־קומען. „אַ פּאָגראָם — דאָס געהערט צו אים" — איז געווען זיין ניט אַרויסגעזאָגטער געדאַנק. אַ פּאָגראָם האָט ער שוין געוואוסט, ווי מען באַקעמפט, האָט ער דען וועגן דעם ניט גע־טראַכט חדשים און יאָרן? זיין פּנים איז געווען בלאַס, אָבער זיין קול געשטעלט און פעסט, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט דעם פאַרטיי־קאָמיטעט:

— דערפאָלג ווענדט זיך אָן שנעלקייט. מיר דאַרפן ניט לאָזן די אָנגעקומענע דערפילן זייער מאַכט. ס'איז אַ געפער־לאַכער עלעמענט. אַלע אונזערע קרעפטן דאַרפן קאָנצענטרירט ווערן אין דעם פונקט פון זייער שאַרפסטן אָנפאַל. אונזער אַר־בעט דאַרף אָנגעפירט ווערן פון איין האַנט. איך שלאָג פאָר: אָן דעבאַטן אויסקלייבן אַ פאַראַנטוואָרטלאַכן פירער. טוט דאָס שנעל: ס'איז טייער אַ מינוט.

מ'האָט זיך איבערגעקוקט. איינער אַן עלטערער חבר האָט אַ פרעג געטאָן:

— וועסטו איבערנעמען די קאָמאַנדע?

אַ בליץ איז דורכגעגאַנגען איבער יואלס קערפּער. ער האָט שטרייננג געענטפערט:

— יאָ, איך וועל דאָס טאָן.

אין אַ מינוט אַרום איז שוין די זיצונג געשלאָסן געוואָרן, כדי צו לאָזן יואלן אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ.

ס'האָבן געקלונגען טעלעפאָנען. עס האָט געאַרבעט דער טעלעגראַף. שלוחים זענען געלאָפן אין אַלע ריכטונגען. דאָס האָט יואל געשיקט רופן די קאָמוניסטן פון דער שטאָט. איילנדיק, אויפן וועג פאַרשפּיליענדיק די ספּראַנדזשקעס פון זייערע אַמוניציע־גאַרטלען, קלאַפּנדיק מיט צוויי־דריי ביקסן אויף איין פּלייצע, זענען געלאָפן די פּאַרטיי־מיטגלידער צום הויז פון פּאַרטיי־קאָמיטעט. מ'האָט זיך אויסגעשטעלט אין רייען. מ'האָט באַקומען אָנווייזונגען, ווער ס'איז דער קאָמאַנדיר פון יעדער גרופּע.

ס'זענען אָנגעקומען רייטערס פון דער פייערלעשער־סטאַנציע. מ'האָט אַוועקגעשיקט עטלאַכע רויטע גוואַרדייצעס ברענגען צו פירן מיט גוואַלד די פערד פון אַלע איזוואָזשטשיקעס, וואָס מען קען נאָר קריגן אין אַ קורצער צייט. באַלד האָבן שוין פופציק רייטער געבילדעט די קאַוואַלעריע פון דער זעלבסטשוץ. געווען אַ מאָדנע פאַרשיידנאַרטיקע קאַוואַלעריע, מיט פאַרשיידנאַרטיקע פערד און אָן מיליטערישער איבונג. אָבער רייטער האָבן דאָך בעסער געטויגט, ווי פוסגייער, אויף נאָכצופאָלגן די באַוועגונגען פונם שונא.

דער וואָקזאַל איז געלעגן אין עק שטאָט ניט ווייט פונם „ניז". דער ניז איז געווען אַ שטאָט־טייל, וואָס איז געלעגן אונטערן באַרג. פונם ניז צום הויפּט־טייל פון שטאָט האָט געפירט אַ ברייטער געשלייגלטער וועג, וואו ס'זענען אויך געגאַנגען טראַמווייען. דעם הויפּט־טייל פון שטאָט, האָט יואל געוואוסט, קען איין גרופּע פון פופציק מענטשן פאַרטיידיקן אַנטקעגן פינף הונדערט: מען שטעלט נאָר אויף אַ באַריקאַדע אויפן אויבערשטן ראַנד און מען שיסט פון הינטער איר אויף די, וואָס געפינען זיך אונטן. דעם הויפּט־טייל איז שווער געווען צו נעמען און ניט וועגן אים האָט זיך יואל געקימערט. פון אָנהויב אָן האָט יואל באַשלאָסן, אַז אין ניז דאַרף די הויפּט־שוץ זיך קאָנצענטרירן. אין ניז האָבן ס'רוב געלעבט אידן. דאָרט זענען אויך געווען אידישע געשעפטן, וואָס מען פלעגט צוליב זיי קומען אפילו פון דעם הויפּט־טייל: שפּייז־קראָמען, פיש־סקלאַדן,

צעלניק, פּאַרטיקע קליידער. דער הויפּט־טייל איז געווען רייכער פונם ניז, אָבער יואל האָט געוואוסט, אַז די אומגעבעטענע געסט וועלן ניט האָבן קיין געדולד צו זוכן די רייכערע גאַסן: וועלן נע־מען, וואָס ס׳טרעפט זיך, דערהויפּט נאָך ווען זיי דערזעען אידישע גאַסן.

צום ניז האָט זיך יואל אַ לאָז געטאָן מיט דעם ביסל אָנגע־זאַמלטע קרעפטן. אין דער זעלביקער צייט האָט ער אָפּגעשיקט עטלאַכע פּאַרטיי־חברים אין די אידישע אַרבעטער־קלובן פונם ניז צו רופן, וועמען ס׳לאָזט זיך, כאָטש ס׳איז געווען אַ קליינע האָפע־נונג עמיצן צו געפינען, וואָרים באַטאָג האָט מען אין די קלובן גע־טראָפן גאָר ווייניק מענטשן.

פונם וואָקזאַל האָט זיך גערוקט אַן אויסגעהונגערטע סאָלדאַט־סקע מאַסע. ווי נאָר מ׳איז אַרויס פון די וואַגאָנעס (עטלאַכע זע־נען געבליבן ליגן אַף דער פּאָדלאָגע אונטער די ביינק—טויטע אָדער אַזוינע קראַנקע, אַז זיי האָבן זיך שוין ניט געקענט רירן), האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן אין בופעט. דער בופעט פון 1טן און 2טן קלאַס איז געווען פאַרמאַכט. אין בופעט פון דעם 3טן קלאַס איז געווען צו פאַרקויפן קאָלבאַסע, טאַראַנקעס און שוואַרץ ברויט. און איין רגע האָט די מאַסע אָפּגעשטופּט דעם בופעטשיק מיט זיין קעלנער אַן אַ זייט — און עפּעס גאָר שנעל זענען ניט געבליבן ניט די וואורשטן, ניט די פיש, ניט דאָס ברויט. די סאָלדאַטן האָבן דאָס אַלעס צעריסן אַף פּיץ־פּיצלאַך און אַראָפּגעשלונגען און נאָר צע־רייצט דעם הונגער. אייניקע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום שנאַפּס, אויסגעטרונקען און נאָך מער געוואָרן דאָרשטיק. עפּעס האָט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין. עפּעס האָט אונטערגעהויבן די מאַסע, אַקוראַט ווי אַלע זענען געוואָרן שכור, כאָטש געטרונקען האָט נאָר אַ קליינע צאָל. דער קאָמענדאַנט מיט זעקס רויטע גוואַרדיי־צעס האָט זיך אַריינגעריסן אין בופעט, געפּרואווט עפּעס רעדן צו די בויאַנעס. יענע האָבן אַרומגערינגלט די אָנגעקומענע און עפּעס גאָר אַן מי באַ זיי אָפּגענומען די ביקסן און זיי אַליין אַביסל „צע־קנייטשט“. געטאָן האָט מען אַלצדינג שטיל, אַקוראַט ווי מ׳האָט קיין צייט און קיין כח ניט געהאַט צו שרייען.

איידער די וואָקזאַל־נאַטשאַלסטווע האָט זיך אַרומגעקוקט, זע־

נען שוין די סאָלדאַטן דורכגעגאַנגען דורך אַלע צימערן פונם וואָק־זאַל, אַריינגעקוקט אין דער בילעטן־קאַסע, אויפגעעפנט און אַרויס־געשאַרט דאָס ביסל געלט, אַ טייל צעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע, אַ טייל פאַרשטופּט אין די קעשענעס, אַריין אין די צוויי הילצערנע הייזער, וואו עס האָבן געוואוינט די באַן־באַאַמטע, אַרויסגעשלעפּט עטלאַכע ברויטן, אַ פּאָר טעפּ חזיר־שמאַלץ, עטלאַכע פּאָר שיך: גע־קייעט, געשפּיגן, געענטפערט מיט אַ „שווייג, מכשפה" אויף די גע־שרייען און זידלערייען פון די באַלעבאָסטעס, — און אַלץ געוואָרן בייזער. סאיז געווען ווי אַ סטאַדע ווילדע חיות האָבן זיך אויסגעע־ריסן פון זייערע שטייגן, לויפן אַרום, שמעקן מיט די שאַרפע נעזער, נישטערן און קענען אַלץ ניט געפינען, וואָס זיי דאַרפן. אַ טייל סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די פראַכט־וואַגאָנעס, וואָס זענען געשטאַנען אויף די זייטיקע רעלסן: געעפנט די טירן, גע־קראַכן אַרויף און אַראָפּ — און אַלץ גאָר ניט געפונען.

אַ שטיקל לעבן איז אַריין אין דער מאַסע, ווען דער געלער יאַקים איז פּלוצלונג געקומען צו לויפן פון אַ זייט און אַ געשריי געטאָן: „אהער, כלאָפּצעס!" דער געלער יאַקים האָט זיך געהאַט אָפּגעטיילט פון די איבעריקע און גענומען אויספאָרשן די געגנט. עט הינטער דער סטאַנציע, אַפן וועג צום ניז, האָט ער געפונען צוויי אָפענע אידישע שפּייז־געשעפטן — איינע אויף איין זייט, די אַנ־דערע אויף דער אַנדערער זייט שאָסיי. „אהער, כלאָפּצעס!" האָט ער געשריגן מיט אַ הויך הייזעריקלאַך קול — און חברה האָט פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט עפּעס רעכטס. די גאַנצע קאָמאַנדע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך יאַקימ'ען. מ'איז דערגאַנגען צו די קראָמען. אויף די אויפגעמאַכטע לאָדנס זענען געשטאַנען סלאָיעס מיט קוטיקע צוקערקעס און פּלעשער קוואַס. אַרום די טירן האָבן זיך געפּאָרעט אַן עלטערער איד פון איין זייט, אַ יונג בחור'ל פון דער צווייטער: זיי האָבן זיך שוין געהאַט גענומען פאַרשליסן די געשעפטן אויס מורא פאַר די געסט. די סאָלדאַטסקע מאַסע האָט זיך אַריבערגע־גאָסן איבער ביידע קראָמען, ווי אַ גרויסע כוואַליע איבער אַ קאָרטן־שטיבל באַם ים. אין איין מינוט איז שוין ניט געבליבן גאָר ניט פון די ביידע קלייטן, מ'האָט אפילו צענומען די ברעטער, פון וועלכע זיי זענען געווען צונויפגעשלאָגן. אונטער די חורבות, האַלב

צעטרעטענע, זענען געלעגן די אידן און קוים געזשיפעט. ס'איז געווען א גליק, וואס זיי האבן זיך פארקוועטשט צווישן די ברע־טער, אניט וואלט מען זיי אף טויט צעטרעטן מיט די פיס. פונם גאנצן ביסל פארמעגן איז גארניט געבליבן אחוץ א קרענצל ציבע־לעס, וואס דער געזונטער סאכאטש האט פאר שפאס אויפגעהאנ־גען בא זיך איבערן האלז. די סאלדאן האבן געלאכט, אבער ס'איז געווען א קאלטער אומצופרידענער געלעכטער. די מאסע האט נאך אלץ ניט געשטילט איר הונגער נאך שפייז און פרויען־לייב. די מאסע האט זיך ערשט אנגעהויבן צעווייגן.

נאכן פאגראם פון די קלייטן איז דער געלער יאקים געווארן דער פירער. זיין געלער קאפ מיטן קאשקעטל פאררוקט אן א זייט האט ווי געפלאמט אין דער אומפריינטלאכער אסיען־לופט. זיינע גרויסע לאנגע הענט האבן עפעס געשארט אין דער לופטן. ער האט זיך שארף ארומגעקוקט און דערזען פון דערווייטנס די ערשטע גרוי־סע הייזער פונם ניז. ער האט א מאך געטאן מיט די הענט, ווי עפעס א ווילדער פויגל וואלט געפאכט מיט זיינע פליגל, ער האט א קאמאנדעווע געטאן „האידא, כלאפצעס, אהינצו!" און די כלאפ־צעס זענען געגאנגען.

מ'איז געווען טויט־מיד, הונגעריק, בייז; מ'האט געהאט צע־קיילטע פיס, צעביסענע קערפערס, א פינסטערע משא אף דער נשמה. ס'האט זיך געוואלט א הוליע, א פרייד, א דערקוויקעניש, עפעס אזוינס, וואס ס'זאל זיין אי שארף, אי הייס—און וואס מער מ'האט זיך „געבאלעוועט", אלץ שווערער איז געווארן די משא אף דער נשמה. ס'האט אויסגעזען, אז פון אלע האט נאר איין יא־קים באמת הנאה.

האורילע מיט זיינע עטלאכע חברים פונם פאלקאוואי קאמי־טעט זענען געגאנגען צווישן דער מאסע. דער גאנצער אפשטעל מיט דעם איבערפאל אף דער סטאנציע האט זיי געטראפן אומגע־ריכט. ערשט איצט, אפן וועג צום ניז, האבן זיי זיך צונויפגעקליבן אין איין בינטל און, גייענדיק, געהאלטן א מיליטערישע בעראטונג. זיי זענען געווען אפשר זיבן־אכט צווישן א מאסע פון עטלאכע הונ־דערט. זיי האבן געקענט רעכענען אף דריי־פיר צענדליק 'מער בא־וואוסטזיניקע, וואס וועלן זיך צוהערן צו זייער שטים. אבער דאס

אַלץ איז געווען אַזוי ווייניק אין פאַרגלייך מיט דעם המון. יענער האָט געגליט אין אַ טונקעלן ווּיסטן חלום. מ'האָט שוין אפשר גאָר ניט געטראַכט וועגן זיך: מ'האָט זיך געפילט אין די יענט פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מאַכט, וואָס שטויסט און פירט און באַפעלט. וואָס קענען עטלאַכע צענדליק ניכטערע מענטשן אויפטאָן קעגן אַזא שכרות, וואָס איז שטאַרקער פון וויין? אַ פּאָר פון די חברים האָבן גערעדט פאַרזיכט: זיי האָבן מורא געהאַט, אַז טאָמער מישן זיך די קאָמיטעט־מיטגלידער אַריין און פּרוואַוון אָפּשטעלן די מאַסע, וועלן זיי פאַלן די ערשטע קרבנות. „די סאָלדאַטניא זוכט נאָר אַן אויס־רייד אויסצוגיסן איר ווילדן צאָרן", האָט איינער געזאָגט. „זעט איר דען ניט, ווי זי דאָרשט נאָך בלוט?" אַן אַנדערער האָט פאָר־געשלאָגן זיך אומבאַמערקט אָפּטיילן פון די איבעריקע און אַוועק אין שטאָט אַריין צום פּאַרטיי־קאָמיטעט, העלפן די פּאַרטיי־חברים זיך שטעלן קעגן די סאָלדאַטן. אָבער האָורילע האָט דאָס אַלץ אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. „זעסט דען ניט", האָט ער געזאָגט מיט זיין לאַנגזאַמער פויערשער שפּראַך, און אַן אויסדרוק פון אומ־געוויינטלאַכן ערנסט איז געלעגן אויף זיין פאַרברוינטן פּנים, וואָס דאָס האָט נאָך העלער אויסגעצייכנט זיינע בלאָנד־ווייסע האָר. „זעסט דען ניט, אַז ס'איז טייער אַ מינוט. מיר קענען ניט אַוועק־גיין און מיר טאָרן ניט בלייבן מיט צונויפגעלייגטע הענט. ניט צו־ליב דעם זענען מיר דאָך געגאַנגען מיט דער סאָלדאַטסקער מאַסע. מיר דאַרפן טאָן אונזער פליכט". און אַזוי פיל זיכערקייט און רו־איקער אַנטשלוס איז געווען אין האָורילע'ס האַלטונג, אַז די איבע־ריקע האָבן צוגעשטימט — און ס'איז געבליבן: באַם ערשטן שטאָ־טישן הויז וועט האָורילע זיך שטעלן קעגן דער מאַסע און רופן צו אָרדענונג — און די קאָמיטעט־חברים וועלן אים אונטערשטיצן פון צווישן דער מאַסע.

האַרט באַם שאָסיי, וואָס האָט געפירט פונם וואָקזאַל, איז גע־שטאַנען אַ גרויס פירשטאָקיג הויז. פונם שאָסיי צום הויז האָט מען געדאַרפט אַרויפגיין אויף עטלאַכע שטיינערנע טרעפּ. דאָס הויז איז געווען באַוואוינט פון עטלאַכע צענדליק אידישע משפחות. ס'איז געווען ניט איין הויז, נאָר דריי: איינס מיטן פּנים צום שאָסיי, איינס הינטן, מיטן פּנים צום ערשטן הויף, און איינס נאָך וויטער,

מיטן פּנים צום צווייטן. די פענסטער פון ערשטן שטאָק אין דעם הויפּט־בנין זענען געווען פאַרגראַטעט פון דרויסן: אַ שמירה פאַר גנבים. אין הויז אַריין האָט געפירט איין גרויסער אַריינגאַנג אינ־מיטן, וואָס האָט זיך פאַרשפּאַרט אַף אַן אייזערנעם טויער. אין די הויפן פון דעם הויז האָט יואל פאַרזאַמלט זיין זעלבסט־שוץ, כּדי פון דאַנען צו מאַכן דעם ערשטן אַנטשיידנדיקן אָנפאַל. מ'האָט גע־קענט פאָראויסזען, אַז די סאָלדאַטן וועלן באַפאַלן דאָס הויז. ס'איז געבליבן, אַז אַ טייל פון דער זעלבסט־שוץ וועט פאַרטיידיקן פון אינעווייניק דעם טויער, אַ טייל וועט אַרויס דורך אַ טירל אינם הינטערשטן הויף, זיך פאַר'גנב'ענען באַם זייט פון דעם הויז און אָנפאַלן אַף די פאָגראָמטשיקעס פון הינטן. אַרומגערינגלט פון צוויי זייטן, האָט מען גערעכנט, וועלן זיי זיך גיכער פאַרלירן.

אַ פינצטערע ברומענדיקע מאַסע האָט זיך געצויגן איבערן שאָסיי, פאָראויס איז געגאַנגען יאַקים און געבערענט מיט די געלע האָר און געמאַכט מיט די אומגעלומפּערטע לאַנגע הענט. לעבן אים איז געגאַנגען דער נידעריקער ריז סאָכאַטש מיטן קראַנץ רויטע ציי־בעלעס אַפן האַלז. די מאַסע איז געווען שוואַרץ, חושך, פאַרבלאָ־טיקט, פאַרלייזיקט — און האָט נאָר געקענט שילטן מיט טויטע קללות. פון דעם שילטן איז ווי גרינגער געוואָרן אַפן האַרצן.

יאַקים האָט ניט באַמערקט, ווי האָווריִלע האָט זיך אַרויסגע־רוקט אין דער פעדערשטער ריי. יאַקים האָט געפילט, אַז ער איז היינט דער גאַנצער מאַכער. ער האָט אַפילו געפּרוּווט זינגען אַ כוואַטסקע סאָלדאַטיש לידל, אָבער די סאָלדאַטן האָבן אים ניט אונטערגעהאַלטן — און ער איז באַלד איבערגעגאַנגען צו אַ קונדע־סעוואַטן געשפּרעך מיט זיין פריינט סאָכאַטש'ן. לעבן גרויסן פיר־שטאָקיגן הויז האָט ער זיך אומגעקוקט אַף זיין „באָסע קאָמאַנדע" און אַ זאָג געטאָן עפּעס וועגן „אַ טאַפּ טאָן די אידישע בעבעכעס", אָבער איידער ער האָט באַוויזן צו ענדיקן, איז שוין האָווריִלע אַרויפגעשפּרונגען אַף די טרעפּ און זיך אָנגעשטעלט פאַר דער מאַסע. היים און גערדיכט האָט געהודזשעט זיין פויערש קול:

— העי, בחורים, אַט־דאָס הייסט בא אייך פרייהייט? וואָס זענט איר: ראַזבאָינקעס, וואָס?

אַזוי אומגעריכט איז געווען דער אויסרוף, אַז אַ טייל סאָל־דאַטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אַ טייל האָבן זיך געטופּקעט מיט די פּיס אַף דעם שאָסיי און ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. פון צווישן דער מאַסע האָבן זיך אָפּגערופן די קאָמיטעטשיקעס:

— פּראָסים, פּראָסים, מיר בעטן: רעד!

אָבער שוין האָט יאַקים אַ מאַך געטאָן מיט די לאַנגע אומגע־לומפּערטע הענט און אַ געשריי געטאָן:

— וואָס ביסטו דאָ פּאַר אַ נאַטשאַלניק? וואָן! ניטה קיין נאַטשאַלניק! דאָלאָי!

די מאַסע האָט אונטערגעכאַפּט מיט אַ הודזשעריי:

— דאָלאָי' נאַטשאַלניקעס! דאָלאָי!

סאָלדאַטסקי מי־שברך׳ס האָבן אָנגעפילט די לופט. האוורילע האָט נאָך אַמאָל אויסגעשריגן:

— העי, רעביאַטאַ, ס׳איז דאָך אונזערס, אַלצדינג אונזערס, ווערמען ווערט איר רויבן? אָבער דאָ האָט אַ הילך געטאָן פון יאַ־קימ׳ס זייט:

— בעי! בעי זשידאָ!

די מאַסע איז שוין געקראָכן איבער די טרעפּ. די מאַסע האָט זיך געררוקט צום טויער. האוורילע האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָל־ווער און אויסגעשריגן: שטיי! און אויסגעשאָסן אין דער לופטן. אָבער שוין זענען אַף אים, געקראָכן סאָלדאַטן מיט פּריקלאַדן. די קאָמיטעט־חברים האָבן זיך גענומען רוקן פון הינטן, כדי צו דערגיין צו האוורילען אים העלפן אין דער נויט. ס׳האָבן זיך דערהערט שיסערייען אין המון. האוורילע האָט מיט דעם רעוואָלווער גע־קלאַפּט איבער די קעפּ פון צוויי סאָלדאַטן, וואָס האָבן אים געהאַקט מיט די פּריקלאַדן אין די ריפּן. האוורילע האָט געקאָפּעט מיט די פּיס און געשטויסן מיט דעם לינקן קולאַק און מיטן רעוואָלווער און האָט זיך געזאָגט, אַז נאָך אַביסל — און ער ווערט פאַלן. טאָמער פאַלט ער, איז אויס: מ׳ווערט אים צעטרעטן אַף טויט. האוורילע האָט שוין איצט געקעמפּט פּאַר זיין אייגן לעבן.

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט פון דער זייט אַ ניי גע־רויש. פון הינטערן הויז, האַלטנדיק זיך באַ די ווענט, איז אָנגע־קומען יואַל מיט צוויי צענדליק פון זיין זעלבסט־שוץ. ווי אַ וויבער

האָבן זיי זיך דורכגעטראָגן פאַרביי דעם הויז. מיט אַ מעכטיקן אימפּעט האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן צום געזעמל באַם טויער. וואָס שנעלער און אימפּעטיקער דער אָנפאַל, האָבן זיי געוואוסט, אַלץ גיכער וועט דער שונא זיך פאַרלירן.

אָן דעם שפּיץ פון אַלעמען איז געלאָפן יואל. זיין בלאַסער פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער, ווי שטענדיק, זיינע נאָז־לעכער האָבן געציטערט; זיינע אויגן האָבן זיך געעפנט אין אַ מין מאָדנע פאַרוואונדערונג: ס'האָט אויסגעזען, אַז ער קוקט אַריבער־אַלצדינג, אין אַ ניט־היגער וועלט. אָבער די אויגן האָבן אַריינגענומען יעדן פּרט פונם קאַמף. ווי אַן אייזערנער קלין, האָט זיך יואל אַריינגע־שטופּט אין דער מאַסע, געשטופּט, געוואָרפן מענטשן אויף רעכטס און אויף לינקס, געטרעטן אויף פיס, אַריבערגעוואָרפן זיך איבער צו־נויפגעקייטלטע הענט, געהאַקט מיט אַ פויסט אהער און אהער, ניט קוקנדיק. געפילט, אַז זיין האַנט ווערט נאַס, אַ וויש געטאָן די האַנט אינם בלויזן קאָפּ — דאָס היטל שוין לאַנג פאַרלוירן — גערוקט זיך ווייטער. געפילט דעם ריח פון שוויים, ערד, מאַכאָרקע, שווערן אומריינעם אָטעם, געכאַפּט אַ האַק מיט אַ פויסט אין פּאַ־טילניצע, דערפילט אַ שאַרפן ווייטאָק — און גערוקט זיך ווייטער, צום טויער, נענטער צום טויער.

באַם טויער האָט ער דערזען דעם שייגעץ, וואָס האָט פאַר־גוואַלטיקט ריווקען אינם טאָג פונם פּאָגראָם. דער זעלביקער שיי־געץ מיט דעם זעלביקן ליידענשאַפטלאָך־פאַרפלאַמטן פּנים, מיט די זעלביקע האָר. ער איז דאָ. ער איז ווידער אין פּאָגראָם. יואל נעמט אַרויס זיין רעוואָלווער פון דער קעשענע — ס'איז אומבאַ־קוועם צו שלעפּן דעם רעוואָלווער אין דער געדיכטער מאַסע. יואל שיסט אויס צוויי מאָל אין דעם שייגעצ'ס ברוסט. ער זעט, ווי דער שייגעץ טוט זיך אַ שאָקל. יואל ווייסט: ער האָט געטראָפן.

אין דער מינוט עפנט זיך דער טויער און אַ גרופּע זעלבסט־שוץ־יונגען מיט אַ רויטן פענדל אין האַנט און מיט אַ פּלאַקאַט: „מיר וועלן אייך אויפנעמען ווי געסט. מיר זענען אַלע ברידער"— רייסט זיך אַרויס פונם הויף און טוט אַ שטופּ די מאַסע אויף צוריק. די סאָלדאַטן ווערן אַרונטערגעוואָרפן פון די טרעפּ און שטייען שוין ווידער אַפן שאָסיי. יאַקים דער געלער שרייט אויס: „וואָס האָט

איך דאַ צו הערן? דאָס זענען אַלץ זשידאָווסקי נאַימיטי (אידישע משרתים)". אָבער איינער פון קאָמיטעט טוט אים אַ האַק איבער דער מאָרדע און זאָגט מיט כעס: „איך וועל דיר ווייזן אידישע משרתים, דו הונט". יאַקים באַוואַשט זיך מיט דער יושקע און פאַלט. דאָס ווירקט אַף די סאָלדאַטן.

פון שטאָט איז דערווייל אונטערגעפאָרן אַ גרופּע באַוואָפנטע רייטער, וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט. דראָענדיק האָבן אַ קלאַפּ געטאָן די שלעסער פון די ביקסן.

אַף איין מינוט זענען אַלע געבליבן אָן באַוועגונג. אין דער מינוט קריכט אַרויף פונם שאָסיי אַף די טרעפּ אַ סאָלדאַט מיט בלאָע אויגן און בלאָנד-ווייסע האָר, איינער פון די, וואָס מ'האָט זיי אַקאָרשט אָראָפּגעשטויסן פון פאָרן טויער. דער שייגעץ קריכט אַף אַלע פיר. ער איז, קענטיק, פאַרוואונדעט, ווייל ער לאָזט נאָך זיך צייכנס פון בלוט. ער הויבט זיך אויף אַף די וואַקלדיקע פיס— און מען זעט, אַז זיין פּנים איז טויט-בלייך. ער אָטעמט שווער. ער כאַפּט זיך אָן מיט די הענט אָן אַ דערבייאיקער פאַרענטשע, כדי ניט צו פאַלן. ווען ער קען שוין ווי ניט איז שטיין, טוט ער אַ הויב אויף די רעכטע האַנט און ס'ווערט שטיל, טויט שטיל. ער זאָגט לאַנגזאַם:

— חברים, אָט-די מענטשן זענען אונזערע ברידער. זיי זענען פּונקט אַזוינע אַרבעטער און פּויערים, ווי מיר. זיי האָבן דאַ אומ-געוואָרפן די מאַכט פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן אין פאָלק. זיי מיינען ניט קיין בייז. זיי וועלן אייך באַהאַנדלען ווי ברידער. איר זענט עלנט, נאַקעט און הונגעריק— זיי וועלן אייך געבן שפּייז און קליידונג און אַ וואוינונג און אַ מעג-לאַכקייט צו פאָרן ווייטער.

דער עולם שווייגט. האַווריליע טוט זיך אַ קירעווע צו די שטאָט-מענטשן — און דעם ערשטן דערזעט ער יואל'ן. ער פרעגט אים:

— זאָג, וועט איר אונז אַלעמען אויפנעמען, ווי געסט?

יואל ענטפערט:

— מיר גיבן אייך אונזער אַרבעטער-וואָרט.

האַווריליע טוט אַ זופּ לופט און אַ שפּיי מיט בלוט און זאָגט

מיט די לעצטע כוחות:

— גענוג דאָס בלוט פון איין מענטשן. גענוג.

די סאָלדאַטן מורמלען זייער הסכמה. דער בייזער גייסט איז פאַרשוואונדן. ס'הערן זיך אָפּגעריסענע ווערטער: „וואָס־זשע", „אַז מיט גוטן", „מיר מיינען דען עפּעס", „אויסגעהונגערט זענען מיר", „קענן אייגענע — ניט"...

האורילע טוט אַ פאַל אויף די הענט פון יואל'ן מיט צוויי אַנדערע אונטערגעלאָפענע חברים.

יואל'ס הענט ציטערן, אויף זיין פּנים איז אַ טיפער ווייטיק; זיינע אויגן זענען פאַרברענט אין גלוט פון אַ ליידנשאַפטלאַכער פראַגע. אָבער ער באַהערשט זיך, ער גייט צו צום ראַנד פון די טרעפּ און זאָגט מיט אַ שטריינג דייטלאַך קול:

— איך בין דאָ קאָמיסאַר. וועגן יעדער אומצופרידנהייט זיך ווענדן צו מיר. יעדער איינער פון מיינע מענטשן זאָל נעמען מיט זיך אַ צענדליק סאָלדאַטן-געסט און זיי באַזאָרגן מיט קוואַרטיר און עסן. יעדער איינער פון אייך איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר מיר. וועגן פאַרוואונדעטן חבר וועל איך אַליין זאָרגן. גייט.

יואל און נאָך צוויי טראָגן אַריין דעם גע'חלש'טן האורילען אין הויז אַריין, מען לייגט אים אַוועק אין בעט אין איינער פון די קוואַרטירן. אין הויז וואוינט אַ דאָקטאָר. באַלד איז ער דאָ באַם קראַנקנ'ס בעט. ער באַטראַכט דעם פאַרוואונדעטן און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— צוויי קוילן אויף דורך און דורך. דאָס איז בעסער, איידער זיי וואָלטן געבליבן שטעקן אין די לונגען.

באַ האורילע'ס בעט זיצט יואל און קוקט — און אַ פּיין־גרימאַסע פאַרקנייטשט זיין בלאַסן פּנים.

האורילע איז געלעגן אין בעט, האַלב־שלאָפנדיק, האַלב זעענדיק חלומות אָפן וואָר. ס'האָט געשעלעשטשעט די אָסאָקע, און דער טאַטע האָט אַרויסגעטראָגן פונם וואַסער די דערטרונקענע מאַמע. די מאַמע איז געלעגן אויף דער לעזשאַנקע אין הויז, אַן אָפּגעוואַשענע און אָנגעטאָנענע אין יום־טוב'דיקע קליידער. דער טאַטע איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אָפן טיש און געקוקט מיט פאַרסאַרפּעטע אויגן.

ניין, ס'איז ניט דער טאַטע. ס'איז עמיצער אַ פרעמדער מיט צוויי שוואַרצע גרויסע פאַרסאַרפּעטע אויגן, וואָס פאַרנעמען דאָס גאַנצע פּנים. די אויגן טאַפּן, וועקן, לאָזן ניט שלאָפן. האָוורילע טוט זיך אַ קירעווע, כּדי בעסער צו זען די אויגן. אין זייט טוט אים אַ שטאָך. ער בלייבט ליגן מיט צוגעפּאַלענע אויגן־לעפּלאַך און טראַכט שוין פון גאָר נישט.

עס גייט אַוועק אַ צייט — און האָוורילע שוועבט ווידער צווישן וואָר און שלאָף, צווישן וואָר און חלום. ס'קוקן אַרום טיש עטלאַכע פּאָר אויגן. עס זעען זיך עפּעס באַקאַנטע מענטשן. זאָל עס זיין סאָכאַטש מיטן צעשויבערטן קאָפּ? וואו איז יאַקים? פאַרוואָס פּאָרט ניט דער צוג? פאַרוואָס שטייט דער וואַגאָן אַזוי רואיק? אין וואַגאָן זענען דאָ קליינע פענצטערלאַך. דורך זיי שיינט אַריין די זון און פאַלט אויף האָוורילע'ס פּנים. האָוורילע זעט באַם פענצטער יענע פּאָר גרויסע פרעגנדיקע צעסאַרפּעטע אויגן. וואָס ווילן זיי?

עס קומט דער דאָקטאָר און זאָגט, אַז מען דאַרף דעם קראַנקן אַריבערפירן אין שפּיטאָל. ווער איז קראַנק? האָוורילע איז אַ קאָמיטעט־מענטש. ער דאַרף וויסן, ווער עס איז קראַנק. האָוורילע וויל זיך אויפהויבן אויף זיין עלנבויגן — און אַ הייסע ראָד עסט זיך איין אין זיין ברוסט מיט לאַנגע דינע פייערדיקע צוועקעס. האָוורילע טוט אַ קרעכץ און ווייסט שוין גאָר ניט.

האָוורילע עפנט אַן אויג, ווען מען טראָגט אים אויף אַ באַנק־בעטל איבערן טרעפּ. עמיצער זאָגט: „פּאָרזיכט". האָוורילען איז אומבאַקוועם צו ליגן מיט די פיס העכער פונעם קאָפּ. ער וויל רעדן, אָבער די צונג איז שווער אין זיין מויל. אַלצדינג דרייט זיך, ווי אַ ראָד אין אַ ראָד. אַז מען שטעלט זיך אָפּ, הערט ער: „קיינעם ניט צולאָזן צום קראַנקן, אַפילו די נאָנטסטע פריינט, ביז ער וועט זיין אינגאַנצן אויסער געפאַר".

עפּעס אַ ווייכע האַנט אין אַ ווייסן אַרבל טוט זיך אַליינ אויף האָוורילע'ס בעטל, טוט אַ גלעט די פייכטע ווייס־בלאָנדע האָר. האָוורילע פאַרזינקט אין אַ ווייכער בלאָלאַכער כוואַליע פון גאָר־נישט.

ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קען ער זיך שטעלן אויף די פיס.

און ערשט ווען ער גייט צום ערשטן מאָל אַרויס אין שפּיטאָל־קאָ־רידאָר, באַגעגנט ער יענע צוויי גרויסע צעסמאַליעטע אויגן. די אויגן געהערן דעם בחור, וואָס האָט אויסגעשאָסן אין האוורילען אין טאָג פונעם סאָלדאַטן־אָנפאַל. צוויי מאָל אויסגעשאָסן ראַפּטאָם, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, ווער עס וויל פאָגראָמעווען און ווער עס שטעלט זיך אַנטקעגן.

אַ שמייכל, אַ בלאַסער שאָטן פון אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף האוורילע'ס באַק, וואָס זענען איצט טייגיק־מאַט און באַוואַקסן מיט רויטלאַכע האָר. ער הינקט צו אויף זיינע שוואַכע פיס און שטעלט זיך אַוועק פאַר יענעם בחור.

— האָסט מיר גוט איינגעטיילט, חבר, — זאָגט ער מיט אַ פריי געמיט. — נו, מילא...

דער אידישער בחור מיט די שוואַרצע אויגן און שוואַרצע גע־קרייזלטע הערלאַך אויפן פנים ענטפערט ניט. נאָר זיינע אויגן לייגן זיך אַריין, ווי קאַלטע שטיינער, אין דער נשמה. האוורילע וויל דאָס אַלץ דערקלערן מיטן שיסן. האוורילע זאָגט:

— ניש-קשה, איך וועל זיין געזונט. דער דאָקטאָר זאָגט. געווען נאָ וויליאָט (דורך און דורך)... צוריק רעדנדיק, האָסט דאָך געטאָן, וואָס דיין פליכט האָט געפאָדערט..

דער בחור גייט צו איין טריט נעענטער, קוקט אַריין זייער אָנגעשטריינגט אין האוורילע'ס אויגן, רעדט אַרויס פון צווישן האַרט־צונויפגעפּרעסטע ליפּן:

— האָסט מיך ניט דערקענט?

האוורילע שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און וואונדערט זיך, וואָס יענעמס פנים איז אַזוי פול מיט עסנדיקן צער.

יענער טוט אַ שטופּ אַריין זיין קאָפּ אין האוורילע'ס פנים און כריפּעט אַרויס:

— דערקענסט ניט? דערקען!

האוורילען איז אומהיימלאַך. עס טוט אים פּלוצלונג אַ קלאַפּ אין מח, אַז ער האָט ערגעץ, אַמאָל, געזען דעם דאָזיקן אידישן בחור. אַמאָל, שוין לאַנג. האוורילע ווייסט אויך, אַז ער האָט פיינט געהאַט ווען אים צו טראַכטן. אָבער ווער איז דאָס? ווער קען דאָס זיין? וואָס וויל ער?

האָווריִלע ענטפערט מיט זיין קײלעכדיקער פּויערשער רואי־קייט:

— איר זענט מיר קענטיק, חבר, אָבער איך ווייס ניט, וואו איך האָב אייך געזען.

יענער האַלט אַ קולאַק פּאַרקוועטשט אונטער זיין אייגענער נאַמבע, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט געבן אַ שטויס, פון אונטן אַרויף. ער וואַרט אַזוי אַ שטיקל צייט. ער זאָגט:

— געדיינקסטו ניט?

— ניין!

— ביסט אפשר אַמאָל געווען אום זונטיק אין אַ אידיש שטיבל?

האָווריִלען טוט עס אַ טרייסל פון קאָפּ ביז די פיס. ער שפּרינגט כמעט אונטער אַף זיינע אומזיכערע פיס. ער זאָגט אַרויס מיט אַ הייסער הייזעריקייט, כמעט ווי ער זאָגט אַ סוד:

— דאָס ביסטו דער בחור פון יענעם מיידל?

און ער הערט אַ קאַלטן אָפּגעשניטענעם ענטפער:

— יאָ, דאָס בין איך.

אַ ווײַלע שווייגן ביידע. מעסערס שניידן די לופט צווישן זיי אַף שטיקער. בליצן קרייצן זיך דורך אין אַלע זייטן. עס ווירבלען זיך אָנפאַלן, אָפּשטויסן, ראַנגלעניש, קערפּערס געבויגענע אין קאַנ־וואולסיעס, אַן אייזיקע שווערקייט בינדט די גלידער, פּרירט די גלידער. טויט, לעבן, אָפּגרונט, שווינדער — וואָס איז דאָס?

האָווריִלע טוט זיך פּלוצלונג אַ שפּאַר־צו צו יואל'ן, כאַפּט אים אַן באַ דער האַנט העכער פונם קנעכל. האָווריִלע זאָגט שנעל, שנעל, ווי אַ זאַך, וואָס מ'האָט איבערגע'חזר'ט טויזנט מאָל:

— הער, ברודער, איך בין שולדיק, איך בין שווער שולדיק. איך האָב קיין זאַך ניט געוואוסט. איך בין געווען אַ חיה מיט חיות גלייך. איך האָב געמיינט, אַז מען מעג...

האָווריִלע'ס קול רייסט זיך איבער פון צופיל אָנשטרייִנגונג. ער לייגט אַריין זיינע אַלע אָפּגעשוואַכטע כחות אין יעדן וואָרט. ער רעדט ווייטער:

— וואָס ס'איז געווען איז געווען, אָבער איך בין שוין אַן אַנ־דערער. איך פאַרשטיי שוין בעסער. איך קוק מיט נייע אויגן.

איך ווייס, אַז ס'איז געשען אַ פאַרברעכן. איך האָב וועגן דעם געמעלדעט דער פּאַרטיי. איך האָב ניט באַהאַלטן. איך האָב...

האָורילע איז שוין שטום, דערוואָרגן פון זיינע ווערטער. ער סאָפּעט שווער. אין די פאַרוואָונדעטע לונגען כריפּעט עפּעס מיט אַ סווישטש. האָורילע שטייט און קוקט אין יואל'ס פּנים מיט בלאָע קינדערשע פאַרטרויערטע אויגן.

יואל ענטפערט — און די קעלט פון דער וועלט פאַרשטייפט זיינע ווערטער. יואל זאָגט:

— איך ווייס. איך האָב געזען דיין פּאַרטיי־בילעט. געפונען אין דיינע קליידער. אָבער וואָס פאַר אַ רפואה איז דאָס קעגן יע־נער מכה? וואָס העלפט מיר דיין פּאַרטייאישקייט אַ י צ ט, אַז דו האָסט ד ע מ אָ ל ט פאַרשוועכט אַ לעבן?

האָורילע איז צעמישט. ווי פאַרטשמעליעט. זיין פויערשער מח האָט זיך נאָך מיט אַזאַ פראַגע ניט באַשעפטיקט. זיין מח אַרבעט פּאַוואָליע. מען קען, הייסט עס, בלייבן שולדיק פאַר אַן אַ מ אָ ל י ק ע ר שלעכטיקייט, כאָטש מ'האָט זיך נאָכדעם גע־ביטן. פּלוצלונג ווערט האָורילען קלאָר. ער בויגט זיך אַריבער צו יואל'ן און ברענט אים מיט אימפּעטדיקע ווערטער:

— נו, וואָס־זשע, נאַ, טויט מיך. נעם דיין נאַגאַן און שיס. קום אַרויס אין דרויסן, אויב דו ווילסט ניט דאָ. איך וועל ניט זאָגן אַ וואָרט. קום, שיס. כ'האָב פאַרדינט.

יואל רוקט זיך אָפּ אַ טריט פאַר אָט־דעם צעיושעטן אימפּעט. יואל שטייט שוין מיטן רוקן צום פענצטער פון קאָרידאָר. ער רעדט מיט אַ ביטער געלעכטער:

— קאָמעדיעס. דו ווייסט גוט, אַז איך וועל ניט שיסן. איך האָב שוין געפּרואווט—זעסטו דאָך, וואָס ס'איז געוואָרן. און ווי־דער, וואָס טויג מיר דיין טויט? געדאַרפט טויטן יענעם...

אויך אָט־דער געדאַנק איז האָורילען ניי. האָורילע דאַרף אים איבערקייען אין זיין לאַנגזאַמען מוח. זיין פּנים איז אָנגע־כמורעט, ווי בא איינעם, וואָס מאַכט אין קאָפּ אַ שווערן חשבון. אים דאַכט זיך, אַז דער חבר מיט די שוואַרצע אויגן רעדט צו אים רעטענישן. פּלוצלונג טוט ער זיך אַ גלייך אויס, הויבט אויף אַ

האַנט, ווי ער וואָלט אין איר געהאַלטן אַ בלאַנקע שווערד, טוט אַ זאָג מיט אַ הויך גלייך קול:

— הער נאָר דו! ווייסטו, אַז איך קען גאָר צו ד י ר האָבן אַ טענה? אדרבה, וואָס האָסטו מיך געלאָזט? פאַרוואָס ביסטו גע־ווען אַזאַ ליימענער גולם? ע־עך! ווען עמיצער פּרוּוט צוגיין צו מ י י ן מיידל—די ערד וואָלט ער באַ מיר געקייעט! הענט און פיס וואָלט איך דעם הונט צעבראָכן! און דו...

די ווערטער פאַלן אויף יואל'ס קאָפּ, ווי שאַרפע פיילן. יואל בויגט דעם קאָפּ נידעריקער. יואל לאָזט זיך אוממעכטיק אַראָפּ אויף אַ באַנק פונם קאָרידאָר, פאַרשטעלט דאָס אַראָפּגעבויגענע פּנים מיט די הענט. ער שווייגט. האָווריליע שווייגט.

עס גייט אַוועק אַ צייט — אפשר אַ מינוט, אפשר אַ יאָר. ביידע שווייגן. וואָס זאָל מען רעדן?

יואל פילט, ווי אַ וואַרימע האַנט לייגט זיך אויף זיין אַקסל און אַ קיילעכדיקע פּויערשע שטימע בעט זיך:

— נו, חבר, נו, ליבינקער. פאַרפאַלן. וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן. צוריקקערן דאָס געטאָגענע קען מען ניט. און מיר ביידע זענען דאָך שוין אַנדערע מענטשן. טאַ זיי־זשע מיר מוחל. אינם נאָמען פון אונזער נייַ לעבן, האָב אויף מיר רחמנות, זיי מיר מוחל, חבר...

יואל נעמט אַראָפּ די האַנט פון זיין אַקסל, שטייט אויף, טוט אַ פאָר מיט די פינגער איבער די באַקן פון אויבן אַראָפּ—דערפון ווערן זיי שטייפער, טויטער.

יואל זאָגט:

— ניטאָ וועמען צו פאַרגעבן. ניטאָ ווער ס'זאָל בעטן מחילה. איך מיט דיר קער זיך ניט אָן. גיי דיר דיין וועג. לאָז מיך צורו. איינס וויל איך דיר זאָגן: האָסט מיר צוויי מאָל געבראַכט אַ ווינסטע מפּלה: יענעם מאָל דורך דיין אָנפאַל, היינטיקס מאָל דורכדעם, וואָס איך האָב ניט באַ וועמען צו מאָנען... גיי — לאָמיר זיך מער ניט זען אין אונזער לעבן.

יואל זאָגט דאָס אַרויס זייער רויִק, זייער באַשטימט. אָבער ער גייט ניט אַוועק. ער פילט: עפּעס איז נאָך אַלץ ניט דערזאָגט, ניט דערטאָן. וואָס?

האווריל‍ע שפּאַרט זיך אָן מיט די הענט אָן דער באַנק, כּדי צו קענען שטיין. האווריל‍ע טראַכט אַ ווייל‍ע, נאָכדעם פרעגט ער מיט אַ קינדעריש־תּמימות׳דיקן טאָן:

— ברודער, טו מיר אַ טובה: זאָג מיר נאָר איינס, האָסט מיט איר חתונה געהאַט?

יואל פאַרשטייפט זיך און טוט אָן ענטפער, ווי אָפּגעהאַקט:

— ניט דיין געשעפט.

האווריל‍ע באַטראַכט אים מיט אומשולדיקע בליקן. האווריל‍ע איז פול מיט צאַרטלאַכער ווייכקייט:

— וואָס הייסט: ניט מיין געשעפט? אפשר דאַרף איך איר העלפן טראָגן דעם אומגליק, וואָס איך בין אין אים שולדיק?

יואל האַקט אָפּ בייז:

— דאַרפסט ניט.

האווריל‍ע מאַכט אַן אומאַנטשלאָסענעם זשעסט מיט דער האַנט.

— ליבינקער, זאָג מיר: איז געווען אַ קינד?

יואל טוט זיך אַ ריס אין דער הויך, אַ פּאַך מיט די קולאַקעס אין דער לופט. יואל קווטשעט:

— טייוול! הער אויף מוטשען! הער אויף שיטן זאַלץ אויף די וואונדן! אוי!

האווריל‍ע האַלט אים שוין ווידער באַם אָרעם, רעדט פאַר־לוירענערהייט:

—נו, נו, טייערער כ׳האָב דאָך גאָרניט געמיינט. מ׳איז דאָך אַ מענטש, בלוט און פלייש. איך וועל מער ניט. אָבער איינס, נאָר איינס בעט איך דיך: אפשר קען איך זי זען? אפשר קען איך בא איר אויסבעטן מחילה? הא, כ׳האָב דאָך אַ רעכט דערצו! זאָג דו אַליין!

יואל איז שוין רואיק. זיין פיגור איז גלייך. זיינע הענט ציטערן ניט. יואל זאָגט געשעפטלאַך:

— בעסער זי זאָל דיך ניט זען. איך וועל איר ניט דערציילן פון אונזער באַגעגעניש. זי ווייסט ניט, ווען איך האָב געשאָסן. עס איז פאַר איר געזינטער זי זאָל ניט ווייסן. און דו, וויבאַלד דו קענסט נאָר — פאָר אַוועק.

יואל לאָזט זיך גיי צו דער טיר אין עק פון קאָרידאָר. ס'איז באַטאָג. דער קאָרידאָר איז ליידיק און מאָדנע ליכטיק: אינדרויסן פאַלט אַ שניי. הילכיק קלינגען יואל'ס טריט אָפּן געפּאָלירטן אַספּאַלטענעם פּאָל. אָט פאַרשווינדט ער שוין באַלד דורך דער טיר.

— שטיי! שטיי! — הערט זיך האָורילע'ס קול.

ער בלייבט שטיין. האָורילע לויפט צו אים מיט אַן אויס־געשטרעקטער האַנט. האָורילע זאָגט:

— ליבער חבר, אַזוי קען מען זיך דאָך ניט שיידן. איך האָב דאָך נאָך וואָס מיט דיר צו ריידן.

יואל קוקט מיט שטייף־געוואָרענע אויגן. יואלס ליפּן באַוועגן זיך, קנייטשן זיך אין פּיין. ער וויל עפּעס זאָגן, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט — און גייט צו דער טיר.

אינמיטן קאָרידאָר שטייט האָורילע אין געלן שפּיטאָל־כאַ־לאַט — און טראַכט. זיין פּנים איז פאַרצאָגט. די האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט אין דער לופטן. האָורילע איז איינער אַליין.

אינדרויסן פאַלט אַ שניי — און דערפון איז אין קאָרידאָר מאָדנע ליכטיק.